STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05970

SANIN

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַרציבאַשעוו

...סאַנין...

ראָמאַן

איבערזעצט פון

שלמה ערעלהיים

אַרויסגעגעבען פון מאַקס יאַנקאָוויץ
139 דיוויזשאָן סט., נויאָרק.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEWARK N.J. 49

סאנין

ערשטעס קאפיטעל.

אין יענער וויכטיגסטער צייט פון'ם מענשליכען לעבען, ווען דער מענש מיט די נאטור קומען אין צוזאמענשטוים, און צוזאמען בילדען זיי אוים דעם כאראקטער פון'ם יונגען מענשען — איז וולאדימיר סאנין געוועזן ווייט פון זיין פאמיליע. קיינער האט אויף איהם קיין אויפזיכט געהאט, קיין מענש האט ניט געהאלפען צו זיין ענטוויקלונג. זיין נשמה איז געוואקסען פריי און זעלבסשטענדיג אזוי ווי א בוים אין פעלד.

נאך פיעלע יאהרען פון זיין אבוועזענהייט פון דער היים, ווען ער איז צוריקגעקומען, האבען איהם זיין מוטער און זיין שוועסטער לידא קוים דערקענט, זיין פנים, זיין שטימע און מאנירען האט ער זיך טאקע וועניג פערענדערט, אבער דאך איז ער געוועזן עפעס אן אנדערער, עטוואס אן אונבעקאנטער אויסדרוק איז געלעגען אויף זיין פנים, אזעלכעס וואס איז זיי געוועזן אונבעקאנט און פרעמד.

ער איז אנגעקומען אין א פארנאכט, רוהיג און שטיל איז ער אין הויז אריינגעקומען, אזוי ווי ער וואלט ערשט פינף מינוט געהאט דאס הויז פערלאזען. אין זיין הויך שטארקען קערפער מיט די בלאנדע האר, און זיין רוהיגען און קוים בעמערקבארען שפאטישען אויסדרוק איז קיין אויפרעגונג און מידקייט ניט געוועזן צו בעמערקען, דורך זיין האלטונג וואס איז געוועזן אזוי רוהיג און שטיל, איז די שמחה פון זיין מוטער און שוועסטער, וואס זיי האבען געהאט ביי זיין אנקומען, אליין פון זיך פערשוואונדען.

די גאנצע צייט פון זיין עסען, איז זיין שוועסטער געזעסען געגענאיבער איהם און האט קיין אויג ניט אראבגענומען פון איהם, זי איז כמעט פערליעבט געוועזן אין איהר ברודער, אזוי ווי אזא יונגע הייס־הארציגע מיידעל קען נאר זיין צו א ברודער, וועלכער איז אזוי לאנג אין דערהיים ניט געוועזן.

לידא האט זיך איהר ברודער שטענדיג פארגעשטעלט, עפעס פאר א גאנץ אנדערען מענש ווי אלע אנדערע, איהר פאנטאזיע האט איהר געמאהלען אז ער דארף זיין אזוי ווי זי האט אין די ביכער געלעזען: א ליידענדער דורך קאמפף, איינזאמקייט און א זעלבסטשטענדיגען שטעלונג אינ'ם לעבען, א מעכטיג ענטוויקעלטער גייסט און אן אמת'ער אינדיווידואליסט...

— פאר וואס קוקסטו אויף מיר אזוי שטארק? — פרעגט ער זי פלוצים מיט א שמייכעל, דער דאזיגער שמייכעל וואס איז תמיד געווען בעגלייט מיט א טיעפען בליק פון זיינע ערענסטע אויגען איז שטענדיג געווען דער אויס־דרוק פון סאנין'ס פנים.

און מערקווירדיג, כאטש דער שמייכעל איז געווען שעהן און אינטערע־סאנט ־ סימפאטיש, האט עס עפעס אויף לידא געמאכט א שלעכטען איינ־דרוק, ווייל זי האט ניט געפונען דאס, וואס זי האט זיך פארגעשטעלט, דער שמייכעל זיינער האט גאר ניט דערצעהלט פון קאמפף, עלענדקייט און ליידען...

לידא האט ניט געענטפערט, זי האט די אויגען אוועקגענומען פון איהם און געבלעטערט אין דעם בוך וואס איז געלעגען פאר איהר.

נאכ'ן מיטאג עסען, געהט די מוטער צו איהם צו, לאסטשעט איהם, גלעט זיינע האר פון שטערן און פרעגט:

— נו, מיין זוהן, דערצעהל וואו ביזטו געווען? וואס פאר א לעבען האסטו דארט ערגעץ געפיהרט, און וואס האסטו דארט אין דער פרעמד געטהאן?

— וואס איך האב געטהאן? — פרעגט ער מיט'ן זעלבען שמייכעל ווי פריהער, — אט אזוי, כ'האב געגעסען, געטרונקען, אמאל האב איך געארבייט און אפט מאל האב איך גאר נישט געטהאן... אזוי א...

אין אנפאנגס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ס'איז איהם פיינליך אלץ צו דערצעהלען און פון זיין אייגענע פערזאן צו ריידען, אבער ווען זיין מוטער האט אזוי בעזארגט פון יעדער זאך זיך אויסגעפרעגט, האט ער שוין גערן אלץ דערצעהלט, ס'פיהלט זיך אבער דאך זיין גלייכגילטיגקייט: ווי אזוי מען הערט זיך צו צו זיין רעדען. כאטש ער איז צערטליך און אויפמערקזאם פונדעסטוועגען פיהלט זיך עטוואס פרעמדעס אין זיין האלטונג — ניט אזוי ווי אן אייגענער, ניט ווי א זוהן אדער ברודער, עס זעהט אויס, אז זיין צערט־ליכקייט גיט ער צו יעדען גלייך, אז ס'קומט פון זיך אליין, אזוי ווי דער פלאם פון א ליכט.

זיי געהען ארויס אויף די וואראנדע וואס פיהרט צום גארטען און זעצען זיך אויף די טרעפ. לידא זעצט זיך אוועק אין א ווינקעל און הערט זיך שטיל צו צום דערצעהלען פון איהר ברודער.

עפעס אן אונבעקאנטער קאלטער שטראם געהט דורך איהר הארץ און מיט דעם שטארקען אינסטינקט פון א יונגע פרוי, פיהלט זי, אז איהר ברו־דער איז ניט אזעלכער ווי איהר פאנטאזיע האט פאר איהר געמאהלען. ער

ווערט פאַר איהר אַזוי ווי אַ פרעמדער און אַ גלייכגילטיגקייט בעהערשט איהר צו זיין גאַנצען פערזאָן.

ס'איז געוואָרען אַבענד, אַ ווייכער טונקעלער שאָטען לעגט זיך אויף אַלעם. סאַנין פעררויכערט זיך אַ ציגאַרעט און דער ריח פון טאַבאַק מישט זיך צוזאַמען מיט'ן געשמאַק פון'ם זומערדיגען גאָרטען.

ער פאַנגט אָן צו דערצעהלען ווי דאָס לעבען האָט איהם אַרומגעטריבען איבער אַלע זייטען, ווי ער האָט פיעל מאָל געמוזט הונגערען; ער האָט זיך אויך בעטייליגט אין פּאָליטישען קאַמפּף, אָם ענדע איז עס איהם געוואָרען גלייכגילטיג און ער האָט עס אַוועקגעוואָרפען.

לידאַ זיצט אונבעוועגליך און הערט אויפמערקזאַם צו זיין דערצעהלען אין די זומערדיגע פאַרנאַכט־דעמערונג זעהט זי אויס אייגענאַרטיג שעהן. אַזוי ווי אַלע יונגע מיידלעך אין אַזאַ שעה, וואָס ווייטער ער דערצעהלט ווערט איהר קלאָהרער, אַז ער איז נ י ש ט אַזוי ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר ער איז אַ פּשוט געוועהנליכער מענש ווי אַלע אַנדערע.

כאָטש עטוואָס אַנדערש איז אין איהם י אַ פאַרהאַנען, אָבער לידאַ קען עס ניט פערשטעהן, עס זעהט פאַר איהר אויס, אַזוי ניט וויכטיג, זאָגאַר קינדיש און באַנאַל; ער האָט געוואוינט וואו ס'האָט זיך געמאַכט, געטהאָן וואָס ס'איז איהם אין די הענט אַריינגעפאַלען, אַמאָל האָט ער געאַרבייט, אַמאָל אַרומגעוואַנדערט, אָהן אַ צוועק, אָהן אַ ציעל, געטרונקען פיעל, זיך אָנגעגעבען מיט אַ סך פרויען. ביי אַזאַ לעבען פון איהר ברודער, איז נישטאָ דאָס וואָס זי אַלס פער'חלום'טע יונגע מיידעל האָט זיך פאָרגעשטעלט, ער האָט קיין שום אידעע; ער האָט קיינעם ניט פיינד, אָבער ס'קימערט איהם גאַנץ וועניג די ליידען און פריידען פון אַנדערע...

ביים דערצעהלען בענוצט זיך סאַנין מיט אַזעלכע ווערטער, און לידאַ'ן קומען זיי פאַר אַזוי פּראָסט און אָרדינער.

— קענסטו נעהען אויך?.. — אונטערברעכט זי איהם מיט ערשטוינען; ווייל אַזאַ אַרבייט פאַר אַ מאַן זעהט איהר אויס העסליך און נאַריש.

— פריהער האָב איך פון דעם נישט געוואוסט, אָבער ווען ס'האָט געמוזט זיין האָב איך עס אויסגעלערענט, — ענטפערט סאַנין שמייכלענדיג, ווייל ער ווייסט פאַר וואָס לידאַ פרעגט איהם אַזוי.

לידאַ בלייבט שטיל זיצען, פערקוקט זיך אויף דעם גאָרטען און עס קומט איהר פאַר, אַזוי ווי מען כאַפּט זיך אויף פון אַ שלאָף מיט זיסע חלומות און מען דערזעהט די טרויריגע ווירקליכקייט.

אויף זיין מוטער ווערט שווער אויפ'ן האַרצען ווען זי הערט זיך צו צו

זיין דערצעהלען, זי טראכט: אז נישט אזוי דארף איהר זוהן זיין, ער דארף א שעהנע שטעלע פערנעמען אין דער געזעלשאפט, ווי עס פאסט פאר איהר זוהן, זי פאנגט איהם אן שטיל און געלאסען צו פרעגען: וואס וועט זיין דער תכלות? אזא לעבען איז ניט גוט, זי בעמערקט אבער באלד אז סאני׳ן הערט איהר גאר נישט צו, ווערט זי אין כעס אזוי ווי אלע אלטע פרויען. רעדט צו איהם האסטיג און בייז, אבער סאנין קימערט זיך גאר ניט וועגען איהר כעס. ער קוקט אויף איהר ליעבליך אבער גלייכגילטיג און שוויינט.

— אבער ווי אזוי דענקסטו פארט צו לעבען? — פרעגט זי איהם אויפגערעגט.

— אט אזוי. ס׳וועט זיך שוין געפינען.. — ענטפערט ער רוהיג און גלייכגילטיג. עס דערקענט זיך פון זיין זיכערען טאן, אז אין זיין ענטפער איז א פעסטער בעשלוס און אזוי וועט עס בלייבען.

זיין מוטער זיפצט, פערטראכט זיך א ווייל און ווענדעט זיך צו איהם מיט א טרויריגע שטימע:

— נא ווי אזוי דו ווילסט, וואס איז פאר דיר בעסער. דאס איז דיין זאך, דו ביזט דאך שוין קיין קינד נישט.. געהט בעסער ביידע אין׳ם גארטען.

— קום, לידא, קום, — זאגט סאנין צו זיין שוועסטער, — קום וועסטו מיר צייגען דעם גארטען, איך האב שוין פערגעסען ווי ער זעהט אויס. זעהט נאר ווי שעהן ס׳איז איצט.

דאס הויז זייערס שטעהט אין די הויפט גאס פון׳ם קליינעם שטעדטעל און דער גארטען ציהט זיך ביז ארונטער צום טייך, איבער דעם טייך זעהט זיך פעלדער. דאס הויז איז אן אלטער שלאס מיט פער׳חלום׳טע שוין צו־בראכענע זיילען און טורמעס, און א ברייטע ווארענדע פיהרט צום גארטען. דער גארטען איז גרויס, פערוואקסען און אונהיימליך, עס זעהט אויס ווי עפעס א שרעקענדיגער גייסט זאל דארט ארומגעהן.

די פאמיליע סאנין׳ס בעוואהנען נאר איין ווינקעל פון׳ם שלאס, די איד בעריגע צימערען זיינען לער און פערלאזען. אויך דער גארטען איז פערלאזען, וויל קיינער קימערט זיך נישט וועגען איהם. און די איינציגע פרייע אלטע וואס איז קענען איבער דער ווערענדע, איז אויך בעדעקט מיט אראבגעפאלע־נע אלטע בלעטער און צוטרעטענע דזשאבעס.

סאנין מיט לידא געהען שווייגענדיג טיעף אינ׳ם גארטען צווישען די געדיכטע בוימער, פלוצים נעהמט סאנין ארום זיין שוועסטער ביי די טאליע, און זאגט מיט א מאדנע שטימע. אין וועלכער ס׳קלינגט צערטליכקייט און

רויהקייט צוזאַמען:

— דו ביסט דאָך געוואָרען אַ גרויסע שעהנע מיידעל. גליקליך וועט זיין דער וואָס וועט דיך צום ערשטען האָבען...

אַ הייסער שטראָם געהט דורך זיין קרעפטיגע אייזען־שטאַרקע אָרעמס און דרינגט אַריין אין לידאַס ווייכען יונגען קערפּער. זי ווערט אַזוי ווי צו־מישט, ציטערט און ציהט זיך פון איהם צוריק מיט אַ שרעק אַזוי ווי פאַר אַ ווילדע חיה...

זיי זיינען שוין צום טייך צוגעקומען. עס פיהלט זיך אַ נאַסער ריח פון׳ם וואַסער, און פון יענער זייט טייך זעהט זיך דער פריהלינג־הימעל מיט די ערשט אויפגעגאַנגענע שטערען.

סאַנין געהט אַ ביסעל אין אַ זייט, כאַפּט ערגעץ אַ דיקען טרוקענעם שטאַם פון אַ בוים ברעכט איהם אָב מיט אַ גערויש און וואַרפט איהם אַוועק אין וואַסער. אויף׳ן וואַסער בעווייזען זיך רעדער און רעדעלעך וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער ביז זיי ווערען צוקלאַפּט ביי די ברעגעס, די גראָזען וואָס וואַקסען ביי די זייטען שאָקלען זיך שטיל, און עס ווייזט אויס אַזוי זיי זאָלען האָבען אַ געהיימע פערבינדונג מיט סאַנין׳ען.

צווייטעס קאַפּיטעל

ס׳איז געווען איינס אַ זייגער מיטאָג. די זון האָט העל געשיינט, פון׳ם גאָרטען אָבער איז געפאַלען אַ ווייכער קיהלער שאָטען, און זיך אויסגעמישט מיט די שטילקייט און ליכטיגקייט פון׳ם טאָג.

סאַנין׳ס מוטער מאַריא איוואַנאָווגע האָט געפּרעגעלט וואַריעניע, און דער גרוך פון צוגעבּרענטען צוקער האָט אָנגעפילט די לופט אין גאָרטען.

סאַנין שטעהט שוין זייט אין דער פריה און בעשעפטיגט זיך ביי די בלומען, און ער בעמיהט זיך די בלומען וואָס זיינען פון דער זון פערוועלקט און איינגעטרוקענט געוואָרען צוריק אויפצולעבען.

— דו דאַרפסט פריהער דאָס שלעכטע גראָז אויסרייסען — זאָגט צו איהם זיין מוטער קוקענדיג אויף איהם דורך די בלויע פּאַרע פון דער קיך, — זאָג גרושקאַ וועט זי עס טהאָן פאַר דיר.

סאַנין קוקט צו איהר מיט זיין פרעהליך פערשוויצטען פּנים און ענט־פערט — צו וואָס? דאָס גראָז מעג וואַקסען, איך האָב ליעב אַלעס וואָס איז גרין.

— דו ביסט אַ קאָמישער מענש — זאָגט די מוטער מיט די אַקסעל ציט־ענדיג, קענטיג אַז איהר געפעלט נישט זיינע ווערטער.

— איהר זייט אַליין אַלע קאָמישע מענשען, — ענטפערט סאַנין מיט אַן איבערצייגטען טאָן. ער געהט אין הויז אריין, וואַשט זיך אָב די הענד, קומט צוריק ארויס און זעצט זיך געמיטהליך אויף אַ געפלאַכטענעם שטוהל ביים טיש.

איהם איז אויפ'ן הארצען פרעהליך. דאָס גרינקייט פון'ם גאָרטען, דער בלויער הימעל דרינגען אריין אין זיין נשמה און מאַכען איהם גליקליך. דאָס גרויס שטעדטיגע לעבען מיט'ן שטענדיגען יאָגען, איז איהם שוין דערעסען געוואָרען. ארום איהם הערשט זוניגע ליכט און פרייהייט. פאַר די צוקונפט קימערט ער זיך ניט, ווייל ער בעטראַכט דאָס לעבען פון די געגענוואַרט, און אַלץ וואָס דאָס לעבען שאַפט א י צ ט דאָס נעהמט ער.

סאַנין שליסט די אויגען, לענגערט זיינע שטאַרקע גלידער, שטרעקט זיי אויס אזוי ווי ער זאָל וועלען זיך אין דער גאַנצער זומער־לופט זיין קראַפט פערשפרייטען.

אַ ווייך, קיהל ווינטעל, טראָגט זיך ארום אין די לופט פון אַלע זייטען טשוויטשערען די פויגעלעך. קעגען איבער איהם אין טיעפען גראָז ליגט דער הונט מיט זיין צונג ארויסגעשטעקט, און האָט הנאה פון'ם געזאַנג פון די פויגעל. אין דער הויך רוישען די בלעטלעך פון די בוימער און וואַרפען אַ שטילען שאָטען אויף דעם זאַמד וועג פון'ם גאָרטען.

די רוהיגקייט פון סאַנין מאַכט פערדרוס צו זיין מוטער, כאָטש זי האָט איהם ליעב אזוי ווי אַלע איהרע קינדער. אָבער זי קען זיין קאַלטקייט ניט פער־נעהמען און זי וואָלט איהם וועלען מיט עפּעס רייצען. זי ווענדעט זיך צו איהם:

— הערסט סאַנין, איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס ס'וועט ווייטער זיין מיט דיר?...

— וואָס... וואָס מיינסטו?... וואָס ווייטער וועט זיין? — פרעגט סאַנין און ניסט אַ פּאָר מאָל.

מאַריאַ איוואַנאָווגע דאכט זיך אוים אַז זיין ניסען איז געווען אבזיכט־ליך כדי עס זאָל איהר פערדריסען, זי שווייגט.

— איהר לעבט זיך דאָ גאַנץ גוט, — זאָגט סאַנין אביסעל פער־חלום'ט.

—נישט שלעכט, — ענטפערט די מוטער אביסעל אונטער די נאָז, זי וויל אַז סאַנין זאָל זעהן אַז זי איז אין כעס.

סאַנין ווענדעט זיך צו איהר און זאָגט אביסעל פערטראַכט — ווען איהר זאָלט מיך נאָר ניט בעלעסטיגען אַט מיט אייערע נארישע פראַגען.

— ווען איך קוק דיך איצט אָן — ענטפערט די מוטער אביסעל מיט האַרץ־ווערה, ווען דו ביזט אַ קינד געווען ביזטו גאַנץ אַנדערש געווען, אָבער היינט...

—וואָס היינט? וואָס בין איך היינט? — פרעגט סאַנין אביסעל פרעה־ליכער, ערוואַרטענדיג עפּעס אַן אינטערעסאַנטען ענטפער פון זיין מוטער.

— היינט ביזטו מיר אַ גאַנצער מענש געוואָרען, — ענטפערט מאַריא איוואַנאָוונא, און מישט אויס מיט'ן לעפעל די וואַריענע.

— נאַ, איז דאָך גוט אַזוי, — ענטפערט סאַנין. אַט קומט נאָוויקאָוו! — צייגענדיג אויף דעם צוקומענדען.

נאָוויקאָוו איז אַ הויכער שעהנער מאַן, בלויע אויגען און שעהנע בלאָנ־דע האָר, זיין זיידען העמד וואָס ליגט אויף זיין שטאַרקען קערפּער אַזוי ווי אויסגעגאָסען, גלאַנצט אַקעגען דער זון אַזוי ווי זילבער, און ער קוקט אויף אַלץ פרעהליך.

— איהר קריגט זיך נאָך אַלץ? — פרעגט נאָוויקאָוו, מיט זיין גע־וועהנליכע ווייכע שטימע — פאַר וואָס? אום גאָטעס ווילען, איבער וואָס קריגט איהר זיך?

— זעהסטו, — ענטפערט סאַנין — מיין מוטער זאָגט: אַז אַ גריכישע נאָז וואָלט בעסער געפּאַסט צו מיין פּנים, און איך זאָג: אַז די נאָז וואָס איך האָב איז אויך געגונג פאַר מיר. סאַנין קוקט אויף זיין נאָז מיט אַ שמייכעל און דערלאַנגט נאָוויקאָוו'ן די האַנד.

— וואָס נאָך ווערסטו זאָגען אויף מיר? — פרעגט מאַריא איוואַנאָוונאַ מיט פערדרוס.

נאָוויקאָוו לאַכט מיט זיין ווייכען פרעהליכען קול, און פון צווישען די בוימער קלינגט אָב דאָס ווידער־קול און ס'דאַכט זיך אַזוי ס'זאָל ווער דאָרט מיטלאַכען.

— איך וויים, אַז דאָ זאָרגט מען זיך פיעל פאַר דיר, — זאָגט ער צו סאַני'ן.

— איך וויים נישט, וואָס מען דאַרף זיך אַזוי זאָרגען פאַר מיר. — פרעגט סאַנין פערלעגען.

— מסתמא האָסטו דיר עם פערדיענט.

— אָה, אַז איהר וועט זיך אָנפאַנגען ביידע פאַר מיר צו זאָרגען, וועט מיר אַנדערש נישט אויסקומען נאָר צו אַנטלויפען פון דאַנען, — זאָגט סאַ־

נין שוין אין אַן ערגסטען טאָג.

— אנטלויף נישט, אנטלויף נישט, — ענטפערט זיין מוטער, — דו קענסט דאָ בלייבען איך וועל בעסער אוועקגעהן. זי נעהמט די שיסעל פון קיך אַראָפּ און ניט אַ קוק טהוענדיג אויף זיי געהט זי אין הויז אריין.

דער הונד שפּרינגט אַרויס פון צווישען גראָז, קוקט פרעגענדיג צום הויז וואו מאַריא איוואַנאָוונא איז פערשוואונדען. קראַצט זיך מיט'ן פאָדערשטען פוס ביי זיין נאָז, און אנטלויפט צווישען די בוימער פון'ם גאָרטען.

— דו האָסט אַ ציגאַרעטעל? — פרעגט סאַנין ביי נאָוואַקאָוו'ן, און איז צופרידען וואָס די מוטער איז אוועק.

נאָוואַקאָוו גיט איהם אַ ציגאַרעט און זאָגט — פאַר וואָס רייצט דו זיך מיט דיין מוטער? זי איז דאָך שוין אַן אַלטע פרוי.

— מיט וואָס רייץ איך זיך מיט איהר?

— אָט מיט דעם אַלעמען.

— אָך וואָס, זי טשעפּעט זיך צו מיר, איך פערלאַנג פון קיינעם גאָר נישט און איך וויל מען זאָל מיך צופריעדען לאָזען.

זיי שווייגעןביידע אַ ווייל, דאַן פרעגט סאַנין:

— ווי געהט עס דיר דאָקטאָר?

נאָוואַקאָוו ענטפערט נישט באַלד, פערטראַכט זיך אַ ווייל, דערנאָך זאָגט ער — נישט גוט!

— פאַר וואָס?

— אָט אַזוי, אין אַלגעמיין! ס'איז לאַנגווייליג! דאָס קליינע שטעדטעל איז מיר שוין צוגעגעסען, ס'איז נישטאָ וואָס צו טהאָן...

— דו? פאַר דיר איז נישטאָ וואָס צו טאָהן, דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז דו האָסט צופיעל צו טהאָן.

— איך מיין נישט אָט די אַרבייט. דאָס לעבען בעשטעהט דאָך ניט בלויז פון היילען קראַנקע און פערשרייבען פערשידענע רעצעפּטען צו מכות, ס'איז דאָך דאָ אַן אַנדער לעבען.. אַ שעהנער לעבען...

— און ווער שטערט דיר דען אַזוי צו לעבען ווי דו פערשטעהסט?

— זעהסטו, די פראַגע איז שוין שווער צו ענטפערען.

— פאַר וואָס שווער? — פרעגט סאַנין, — וואָס פעהלט דיר דען דאָ? דו ביזט יונג, געזונד און שעהן.

— איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס איז נישט גענוג צום היינטיגען לע־בען — ענטפערט נאָוואַקאָוו מיט איראָניע.

— איך וועל דיר זאָגען וואָס דיר פעהלט — זאָגט צו איהם סאַנין, נאָך

אַ ווײַלע שווייגען.

— וואָס? וואָס? — פרעגט נאַוויקאָוו נייגעריג.

— דיר פעהלט דער אמת׳ער קוק אויפ׳ן לעבען. אַט זאָגסטו, אַז ס׳איז דיר לאַנגווײַליג דאָ, און ווען ס׳זאָל דיר ווער זאָגען: נאַוואָקאָוו, וואַרף דאָס אַלעס אַוועק, פערלאָז דאָס קליינע שטעדטעל, און געה אַרוים אויף די וועלט וואַנדערען, אויף דער גרויסער וועלט... דו וועסט אויף יענעם קוקען ווי אויף אַ משוגענעם...

— וואָס הייסט וואַנדערען, וואו? אפשר ווערען אַ שלעפּער?

— און אַז אַ שלעפּער איז וואָס? פאַר וואָס נישט, זעהסטו מײַן פריינד, איך קוק אויף דיר און טראַכט: אַט איז אַ מאַן. געזונד, שעהן און צו אַלעם פעהיג, ס׳וואָלט זיך איהם אפשר ווילען קעמפּפען פאַר די בע־פרייאונג פון רוסלאַנד, און אַליין ווייסט ער נישט וואָס פרייהייט איז, ער וואָלט ווילען שאַפען אַן אַנדערע קאָנסטיטוציע אין׳ם רוסישען רייך, און ווייסט נישט וואָס קאָנסטיטוציע איז. ער וואָלט אפשר צופריעדען געווען צו קעמפּפען און צו געהען אין שליסעלבורגער פעסטונג... און ווען עס האַנ־דעלט זיך אום זײַן לאַנגווײַליג לעבען צו ענדערען, שטעלט זיך איהם באַלד די פראַגע: פון וואַנען וועל איך נעהמען אין דער פריה די יונגע סמעטענקע צו דער קאַפע? דאָס זיידענע העמד מיט׳ן ווייסען הויכען קראַגען?... זייט איהר דען נישט קאָמישע מענשען?... מאָדנע נאַרישע ברואים?...

— וואָס איז קאָמיש? — פרעגט נאַוואָקאָוו פערוואונדערט, צו קעמפּפען פאַר פרייהייט איז עפּעס אַנדערש, דו קעמפּפסט פאַר אַן אידעע... אָבער אַזוי, דאָ...

— וואָס דאָ? וואָס איז דאָ אַנדערש? — שרייט סאַנין.

— יאָ, איך ווייס עס נישט ווי אַזוי אויסצודריקען — ענטפערט נאַוואָ־קאָוו נישט געפינענדיג די ריכטיגע ווערטער.

— זעהסטו שוין ווי דו אורטיילסט! גלייך איז ביי דיר דאָ אַן אונטער־שיעד. איך וועל עס דיר גאָר נישט גלויבען, אַז דו בענקסט גיכער נאָך אַנדערע פרייהייטען פאַר דעם רוסישען פאָלק, ווי צו געפינען מעהר אינטערעסע און זין אין דײַן אייגענעם לעבען.

— דאָס קענסטו נישט זאָגען, מעגליך אַז יאָ.

— מאַך דיך נישט נאַריש, — זאָגט סאַנין אַ מאַך טהוענדיג מיט די האַנד, — ווען מען וועט ד י ר אָבשניידען אַ פינגער, וועט דיר זיכער מעהר וועה טהאָן ווען מען זאָל אַן אַנדערען פון דײַנע רוסישע ברידער שנײַ־דען. דאָס איז פאַקטיש!

— דאס איז שוין ציניש! — ענטפערט נאוואקאוו געריצט כדי סאנין זאל זיך בעליידיגען.

— רוף עס ווי דו ווילסט, — ענטפערט סאנין גלייכגילטיג. — אבער אמת איז עס! דיך קימערט גאר נישט די וועלט, ווען אפילו די גאנצע וועלט זאל זיין אזוי ווי רוסלאנד, וואלט עס דיך אויך ווייניג געערגערט, דו ביזט נאר בלויז אזוי שלעכט געשטימט ווייל דיין אייגען לעבען איז דיר נישט אינטערעסאנט, נאך מעהר, איך וועל דיר זאגען דעם ריכטיגען אמת, עס פערדריסט דיך גאר נישט ווייל דיין לעבען עקעלט און לאנגוויילט דיך, נור בלויז איצט, ווייל מיין שוועסטער לידא וויל דיך ניט ליעב האבען... נישט אזוי פריינד?...

— איצט רעדסטו שוין אמת'דיגע נארישקייטען — ענטפערט נאוואקאוו רויט ווערענדיג אזוי ווי זיין העמד און טרעהרען שטעלען זיך איהם אין די אויגען.

— פאר וואס נארישקייטען? זעהט מען דען נישט אין דיינע אויגען, אז פאר לידא וואלסטו די גאנצע וועלט פערגעסען, און דער גאנצער וואונש פון דיין נשמה: איז נאר לידא צו בעקומען.

נאוויקאוו ווערט אביסעל אויפגערעגט, און געהט אויף דער אלעע אויף און אפ. עס פערדריסט איהם פאר וואס גראדע סאנין, איהר ברודער זאגט עס איהם, ס'קומט אוים אזוי ווי א בעליידיגונג פאר לידא וועלכע ער האט אזוי ליעב און פערגעטערט איהר, ער וואלט איהם געוואלט מיט עטוואס בעליידיגען, ער שווייגט אבער. ענדליך שטעלט ער זיך אב נעבען סאנין און זאגט:

— דו ווילסט מיט מיר א קאמעדי שפילען, אדער...

— וואס אדער? פרעגט סאנין לאכענדיג.

נאוויקאוו שווייגט און ציהט מיט די אקסעל, ער פיהלט ווי עס זאל איהם ווער זיין הארץ צודריקען.

סאנין שווייגט, קוקט צערטליך און אויפמערקזאם אויף נאוויקאוו'ן. דערנאך זאגט ער צו איהם:

— נא, נא פריינד, דענק דיר עפעס דאס ריכטיגע אוים, איך האב צייט איך קען וואַרטען.

נאוויקאוו געהט ווידער אין דער אלעע אויף און אב און עס דערקענט זיך, אז ער ליידעט.

דער הונד קומט ארוים צו לויפען, רייבט זיך אין סאנין'ס קניה, אזוי ווי ער זאל וועלען עפעס פרעהליכעס דערצעהלען.

— דו ביסט זעהר אַ שעהנער גוטער הונד, — זאָגט סאַנין גלעטענדיג דעם הונד אויף די האָריגע פעל.

נאָוויקאָוו האַלט זיך צוריק פון זיך צו שטרייטען מיט סאַנין'ען, ער שרעקט זיך, אפשר וועט סאַנין נאָכאַמאָל רעדען אַזוי ציניש איבער לידא וואָס איז איהם טייער און הייליג, און כדי דאָס שווייגען אונטערצוברע־כען פרעגט ער מעכאַניש:

— וואו איז לידא פעטראָוונא?

— לידא? וואו זאָל זי זיין?.. שפּאַציערט אודאי אַרום אויפ'ן בולוואַרד מיט אָפיצירען אַזוי ווי אַלע מיידלעך טהאָן עס דאָ אין דעם קליינעם שטעדטעל.

נאָוויקאָוו פיהלט אַ שטאָך אין האַרצען, און מיט אַן איפּערזיכטיגען טאָן זאָגט ער:

— איך פערשטעה נישט, לידא, איז דאָך אַזאַ קלוגע, אַזוי ענטוויקעלט... וואָס פאַר אַן אינטערעסע געפינט זי צו פערברענגען מיט די גע־מאַהלטע נאַראָנים...

— דו פערשטעהסט ניט, פריינד מיינער, לידא איז יונג, שעהן און געזונד, אַט אַזוי ווי דו... און אפשר נאָך מעהר; ווייל זי האָט ד אָ ס וואָס עס פעהלט דיר, זי האָט חשק צו אַלעם, וויל אַלץ וויסען, אַלעם מיטמאַכען... פערשטעהסט? אַט קומט זי אַליין, זעה נאָר ווי וואונדערבאַר שעהן זי איז!

לידא איז געוועזן קלענער פון סאַנין, אָבער שעהנער, אין איהר איז געוועזן פערבונדען די צויבערהאַפט, שעהנקייט און די פיזישע קראַפט, אין איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען האָט זיך געשפּיגעלט אַ ים מיט ליידענשאַפט, איהר שטימע האָט געקלונגען ווייך און זיס, איהר האַלטונג איז שטאָלץ און אַריסטאָקראַטיש, געהענדיג בעוועגט זי איהר יונגען קערפּער קאָקעטיש און פול מיט לעבען. זי געהט שטאָלץ אַרונטער פון די שטיגען, האַלטענדיג איהר גרוי קלייד אַזוי ס'זאָל זיך אַרויסזעהן איהרע זיידענע זאָקען. הינטער איהר געהען נאָך צוויי יונגע, שעהנע אָפיציערען, מיט לאַקירטע רייט־שטי־וועל און געפּאַסטע הויזען; זיי קלינגען מיט די שפּאָרען, אַזוי זיי זאָלען וועלען צו וויסען געבען, אַז זיי קומען.

— ווער איז דאָס אַ שעהנהייט? — פרעגט לידא, אָנפילענדיג דעם גאַנצען גאָרטען מיט איהר ווייבליכע פרישקייט און קלינגענדיגע שטימע.

זי דערלאַנגט נאָוויקאָוו'ן די האַנד, און זי קוקט אויף איהר ברודער

פון דער זייט, ווייל זי האט זיך נאך אלץ נישט צוגעוואוינט מיט איהם, זי ווייסט נישט ווען ער לאכט און ווען ער איז ערנסט. און ווען נאוויקאוו דריקט איהר האנד, בעמערקט זי גאר נישט, ווי עהרפורכט און ליידענשאפטליך ער קוקט אויף איהר. זי ווערט שוין ניט אויפגערעגט אזוי ווי די ערשטע צייט...

— גוטען אווענד וולאדימיר פעטראוויטש, — בעגריסט דער עלטערער און שעהנערער אפיציער, שטעלענדיג זיך מיליטעריש און קלינגענדיג מיט די שפארען.

סאנין האט שוין געוואוסט, אז זיי נאמען איז סארודין, ער איז א ריטמייסטער, און איז פערליעבט אין לידא. דער צווייטער אפיציער איז געווען: טאנאראוו, נישט אזוי שעהן ווי סארודין אבער א שטילער ארטיגער יונגער מענש. ער קלינגט אויך מיט די שפארען אבער ער זאגט גאר נישט.

— דו ביזט א שעהנהייט — ענטפערט סאנין אויף לידא'ס פריהעריגע פראגע.

— אודאי בין איך א שעהנהייט, און פערגעס נאר נישט צו זאגען, אז איך בין אן אונבעשרייבליכע שעהנהייט!.. זי צולאכט זיך קלינגענדיג און ווארפט זיך מיט איהר גאנצען קערפער אין דער געפלאכטענער שטוהל, קוקט מיט א שמייכעל צו איהר ברודער, זי הויבט לאנגזאם איהרע הענד צום קאפ, איהרע יונגע ברוסטען זעהען זיך שטארקער ארויס פון איהר בלוזקע. זי נעמט ארויס די שפילקע פון איהר הוט, א י י ן שפילקע פאלט ארונטער אין זאמד און איהר געזיכט־שלייער פערפלאנטערט זיך צוזאמען מיט די אנדערע שפילקעס אין איהרע האר. זי ווענדעט זיך צו טאנאראוו'ן:

— איך בעט אייך איוואן פאוולאוויטש, העלפט מיר ארויס, זאגט זי האלב קאקעטיש און האלב בעטענדיג. טאנאראוו פאלגט איהר.

— יא, דו ביזט אן אמת'ע שעהנהייט, — זאגט נאך אמאל סאנין, ניט אראבנעהמענדיג קיין אויג פון זיין שוועסטער.

לידא קוקט ווידער שארף אויף סאנין'ן און זאגט:

— מיר זיינען אלע דא שעהנהייטען.

— שעהנהייטען זיינען מיר?.. הא — הא — הא — לאכט סארודין. ווי קענען מיר זיך פערגלייכען צו אייך פריילין לידא? מיר זיינען קעגען אייך אזוי ווי א געשטעל צו א וואונדערבאר שעהן בילד.

— ווי שעהן איהר קענט פערגלייכען, — זאגט סאנין שמייכלענדיג, און אין זיין טאן קלינגט שפאט.

— אין דער אנוועזענהייט פון לידא מוז יעדער רעדען שעהן, — רופט

זיך אַז דער שווייגענדיגער טאַנאַראָוו.

— איך האָט זיך שוין אויף פער'כשופ'ט ? — זאָגט ווידער סאַנין שפּאַיטש.

— לאָז זיי אָב, רעד נישט צו זיי, — זאָגט נאָוויקאָוו שטיל צו סאַנין.

לידא קוקט שטאַרק אין סאַנין'ס אויגען און דרעהט מיט איהר שוואַרצע אָפּעל־אויגען אַזוי, אַז סאַנין פערשטעהט וואָס זי וויל זאָגען :

— דענק נישט, אַז איך ווייס נישט גוט וואָס דאָס אַלץ בעדייטעט, איך האָב אָבער ליעב דעם שפּאַס, איך בין נישט נאַרישער פון דיר און איך ווייס גאַנץ גוט וואָס דאָס בעדייטעט.

סאַנין געפעלט דער שוועסטערס בליק, און ער ענטפערט איהר מיט א שמייבעל.

— איהר האָט דאָך מיר מיין גאַנצען פריזור קאַליע געמאַכט, — ווענ־דעט זיך לידא צו טאַנאַראָוו'ן, איך מוז אַריינגעהן אין הויז מיך פערקעמען.

— איך וועל עס מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, — זאָגט טאַנאַראָוו שטיל.

לידא הויבט זיך שנעל אויף פון שטוהל און לויפט אין הויז אריין.

נאָך איהר אוועקגעהן פיהלען זיי זיך אַלע פרייער. זיי מוזען שוין נישט שטעהן אַזוי שטייף און איינגעהאַלטען ווי פריהער. סאַרודין פערדוויכערט א ציגאַרעט און ווענדעט זיך צו סאַנין :

— איך האָב היינט געזאָגט צו אייער שוועסטער, אַז זי זאָל אַלץ אוועק־וואַרפען און זי זאָל זיך נעהמען שטודירען אין זינגען, זי האָט א וואונדערבאַרע שטימע און קען אמאָל אַרויסוואַקסען א גרויסע קינסטלערין.

— זעהר שעהן, זעהר שעהן, — זאָגט נאָוויקאָוו פערדריסליך און שפּע־טיש.

— ס'איז נישט שעהן ? פאַר וואָס עפּעס ? — פרעגט סאַנין ערשטוינט.

— וואָס איז א שוישפּיעלערין ? נישט אַנדערש ווי א גאַסענפרוי...

— זאָגט נאָוויקאָוו שוין אין כעס ווערענדיג. דער געדאַנק נאָר : אַז זי קען אַמאָל אַלס שוישפּיעלערין אויף די בעהנע ערשיינען מיט אַזעלכע קאָסטיומס, וואָס אַלע מענער וועלען מיט נידערטרעכטיגע בליקען אויף איהר קוקען, מאַכט איהם אויסערגעוועהנליך אייפערזיכטיג, און ער קוקט אויס זאַרודין'ען מיט א פיינדליכען בליק.

— דאָס איז שוין צו שטאַרק געזאָגט, העדר נאָוויקאָוו, — מאַכט זאַ־רודין קוקענדיג אויף איהם פערוואונדערט.

נאָוויקאָוו קוקט אויף איהם מיט האָס, ער זעהט אין איהם א קאָנקורענט

און ער איז אין כעס פאר וואס זארודין איז אזוי שעהן.

— דאס איז נישט צו שטארק, — ענטפערט נאוויקאוו — ארויסצוגעהן האלב נאקעט אויף די ביהנע, זיך צו בעוועגען מיט נאקעטע גליעדער אזוי, אז ס'זאל ביי אלע מענער ארויסרופען דעם זעלבען טיהרישען אינסטינקט אזוי ווי ער זאל זעהן א גאסען־פרוי... וואס קלעהרט איהר, ס'איז זעהר שעהן...

— וויסטו פריינד, — ווענדעט זיך סאנין צו איהם, יעדער פרוי וויל מען זאל איהר קערפער בעוואונדערען.

נאוויקאוו ציהט מיט די אקסעל און ענטפערט:

— דו רעדסט שוין אויסגעדראשענע פראזען.

— זאל עס דער רוח נעהמען! — שרייט סאנין, — אויסגעדראשען אבער אמת! לידא וואלט זעהר שעהן געווען אויף די ביהנע, איך אליין וואלט איהר דארט געוואלט זעהן.

כאטש אין הארצען וואלט יעדער פון זיי געוואלט זעהן לידא אין טהע־אטער־קאסטיומען אויף די ביהנע, פונדעסטוועגען איז זיי געווען נישט אנ־גענעהם צו הערען ווי סאנין רעדט.

— וואס דארף נאך אייער מיינונג א פרוי טהאן, — ווענדעט זיך זארודין צו נאוויקאוו'ן — חתונה האבען, מיט קינדער זיך נאנטשען, און איהר טא־לאנט וואס די נאטור האט איהר געשענקט, זאל זי פערלאזען.

לידא און איהר מוטער קומען ארוים פון הויז, און זיי בלייבען אלע שטיל.

— איהר זייט עפעס מיט אמאל אלע שטיל געווארען, — ווענדעט זיך לי־דא צו זיי, געהט דורך אלע מענער מיט אזא מינע, אזוי ווי זי זאל עפעס פער־שפרעכען, אבער זאגט נישט וואס... לאמיר אלע געהען צום טייך, דארט איז צום שעהנסטען.

— יא, יא, איהר קענט געהען שפאציערען ביז צום אבענד מאהל־צייט, — זאגט מאריא איוואנאוונא.

— יא, טאקע גוט, לאמיר געהן, — זאגט זארודין דערלאנגענדיג לידא זיין ארעם.

— איך האף, אז איהר וועט מיר ערלויבען מיט אייך מיטצוגעהן, זאגט נאוויקאוו מיט אן אויפגערעגטער אייפערזיכטיגער שטימע.

— קיינער שטערט אייך נישט. — לאכט לידא — איהר קענט געהען.

— געה מיט, געה פריינד! — זאגט סאנין. — איך וואלט אויך געגאנ־גען ווען לידא זאל נישט אזוי פיעל דענקען אז איך בין איהר ברודער...

לידא ציטערט דערהערענדיג דאס. זי קוקט אויף איהר ברודער, און צו־לאכט זיך שפאטיש פון איהם.

די מוטער פערדריסט אויך וואָס סאַנין רעדט אַזוי און זי ווענדעט זיך צו איהם: — פאַר וואָס רעדסטו אַזאַלכע אָרדינערע נאַרישקייטען, ס'הייסט דו ווילסט דיך דוקא מאַכען אָריגינעל.

— ס'הויבט זיך גאָר נישט אָן, איך זאָג בלויז וואָס איז אמת.

זיין מוטער קוקט אויף איהם ערשטוינט. זי קען איהם נישט פערשטעהן. זי ווייסט ניט ווען ער שפּאַסט און ווען ער רעדט ערענסט. עפּעס איז ער גאָר אַן אַנדערער מענש, נאָך איהר דענקען און פערשטעהן מוז יעדער מענש טהאָן ד אָ ס וואָס אַלע מענשען טהאָן, אָבער ער איז עפּעס אַן אַנדערער... זי פערשטעהט איהם נישט. זי ווייסט נישט אַז כאָטש מענשען זיינען אַלע בעשאַפען אין איין פאָרם, געניסען כמעט דיזעלבע ערציהונג, קענען זיי דאָך זיין פערשידענע כאַראַקטערע און פערשיעדענע אַנשויאונגען אין לעבען האָבען. זי בעגרייפט נאָר, אַז איהר זוהן איז עפּעס אַנדערש ווי אַלע, גאָר אינגאַנצען אַנדערש... און דאָס פערדריסט איהר. נאָך זיין אַבשטאַמונג דאַרף איהר זוהן זיין אַן אַריסטאָקראַט, שטאָלצע מאַנירען האָבען און דאָ איז ער אַזוי פּראָסט רעדט אַזוי אָרדינער, אַז ס'איז פּשוט אַ שאַנדע... זי פיהלט אינסטיטנקטיוו, אַז ער מאַכט אויף יעדען אַ שלעכטען איינדרוק... און דאָס טהוט איהר וועה.

סאַנין פיהלט וואָס עס קומט איצט פאַר ביי זיין מוטער אין די געדאַנקען ער וואָלט וועלען איהר מיט עפּעס טרויסטען, בערוהיגען, ער ווייסט אָבער ניט ווי אַזוי אפשר זאָל ער זיך פאַר איהר פערשטעלען? פעלט איהם איין אַ געדאַנק, נישט אַרויסצייגען זיין אינדיווידואַליטעט? זיין אייגענעם איך?... ער וועט רעדען צו איהר אַזעלכע שעהנע ווערטער ווי אַלע אַנדערע היפּאָקריטען.. עס געהט אָבער נישט, ער איז שוין צופיעל זעלבסטשטענדיג.... צופיעל אייגענאַרטיג... ער צולאַכט זיך הויך און געהט אַריין אין הויז.

ער לעגט זיך אויפ'ן בעט און פערטראַכט זיך; פערשיעדענע געדאַנקען קומען איהם אין קאָפּ: אָט די אַלע מענשען אַרום איהם וואָלטען וועלען די גאַנצע וועלט אין אַ קלויסטער פערוואַנדלען, מיט פערשיעדענע געזעצען און נאַרישע מנהגים; וואו די פּערזענליכקייט זאָל פערניכטעט ווערען, דער אייגענער „איך" זאָל קיין ראָלע ניט שפּיעלען, אַלץ זאָל געטהאָן ווערען פאַר יענעם... נאָך'ן געזעץ פון דער עטיקעטע... נאָכ'ן ווילען פון אַנדערע... נאָכ'ן וואונש פון'ם אַלטען נאַרישען קריסטענטהום, דאָס קלעהרען אָבער ווערט איהם לאַנגוויילינג, ער שלאָפט איין און שלאָפט אַזוי ביז פאַר נאַכט.

מאַריא איוואַנאָוונא איז אַ צייט לאַנג נאָך זיין אוועקגעהן געזעסען אין גאָרטען און געטראַכט, זי טראַכט, ווי זאַרודין שאַרט זיך צו צו איהר לידאַ און וואָלט געווען צופריעדען ווען ס'וואָלט געווען אַ שודך ביי זיי...

— לידא איז שוין נישט קיין יונג מיידעלע, זי איז שוין אלט צוואנציג יאהר, זארודין זעהט אוים צו זיין א גוטער מענש, מען זאגט, אז דעם יאהר וועט ער ווערען הויפטמאן... נאר חובות האט ער זעהר א סך...

זי דערמאנט זיך אין דעם שרעקליכען חלום וואס זי האט געהאט אין דעם טאג ווען זארודין איז דעם ערשטען מאל געקומען צו איהר אין הויז; ס'האט זיך איהר גע'חלום'ט, אז לידא איז געגאנגען ערגעץ אין א גרוים פעלד אנ־געטהאן אין א ווייס קלייד און זי האט ווי א גייסט אויסגעזעהען... אט דאס ווייסע קלייד, דאכט זיך איהר איז א שלעכטער צייכען, ווער ווייסט וואס עס וועט מיט איהר טאכטער געשעהן...

מאריא איוואנאוונא זיצט אזוי און טראכט לאנג לאנג.. דער חלום מאכט שרעקען איהר הארץ, דער הימעל ווערט וואס אמאל טונקעלער און טונקע־לער. שאטענס פון די פארנאכטיגע דעמערונג פערשפרייטען זיך איבער'ן גאנצען גארטען, און אלץ לעגט זיך שווער און טרויעריג אויף מאריא איוואַ־נאוונא'ס הארץ.

דריטעס קאפיטעל.

ווען די שפאציער־געהער האבען זיך צוריקגעקעהרט איז שוין נאכט גע־ווען. פון'ם טיפעניש פון גארטען וואס איז שוין געוועז אין דער טונקעלהייט פערשוואונדען, האט זיך פערנומען די פרעהליכע שטימען פון די צוריקגעקו־מענע.

די לאבענדיגע לידא לויפט צו צו איהר מוטער, נעהמט איהר ארום און קושט איהר. פון איהר שמעקט די פרישקייט פון'ם וואסער. די פארנאכטיגע לופט, דאס פרישע וואסער און דער ריח פון די גרינע בוימער און בלומען האַ־בען זיך צוזאמענגעמישט מיט איהר יוגענד און פרישקייט, אזש די יונגע מענער וואס זיינען מיט איהר געגאנגען זיינען אין שטילער ליידענשאפט אויפגערייצט געווארען.

— אוונד־עסען! מאמא, אוונד־עסען! — שרייט לידא לוסטיג, גער מאמעלע, מאך עסען, מיר זיינען אלע טויט הונגעריג, דערוויילע וועט וויקטאר סערגיעוויטש פאר אונז עפעס שפיעלען.

מאריא איוואנאוונא געהט אריין אין קיך פארברייט דאס אוונד־עסען.

און געהענדיג טראכט זי: אז אזא מיידעל ווי איהר לידא קען נישט זיין אונגליקליך...

זארודין און טאנאראָוו געהען אריין אין זאַל זעצען זיך ביי דער פאַר־טאַ־פיאַן, לידא זעצט זיך אויף׳ן שאַקעל־שטוהל וואָס שטעהט אויפ׳ן באַל־קאָן און לענגערט זיך מיט איהר יונגען פרישען קערפּער אזוי ווי א שעהנער טיגער...

נאָוויקאָוו געהט ארום אויף דעם באַלקאָן. די ברעטער הינטער איהם סקריפּען פון זיינע טריט, פון דער זייט קוקט ער אויף לידא׳ס שעהן פּנים, אויף איהר הויכען יונגען בוזעם, און די שעהנע פיס וואָס שטעקען אין שוואר־צע זיידען־זאָקען און געלע שיך...

לידא קוקט גאר נישט אויף איהם, איינגאנצען פערנומען פון די ערשטע געפיהלען פון פערלאנג און ליידענשאפט, זיצט זי פערמאכט איהרע אויגען און שמייכעלט אין זיך אריין.

ביי נאָוויקאָוו׳ן אין דער נשמה געהט אַן דער אלטער קאמפּף.

זיין ליעבע צו לידא איז אונגעהייער גרויס, אָבער ער ווייסט נישט צו לי־דא האָט א י ה ם ליעב, אָפּטמאַל דאכט זיך איהם, אז זי ליעבט איהם יא, און ער איז דאמאָלס דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, און עס שטעלט זיך איהם פאר וואָס פאר א מין גן־עדן געגוס ער וועט האָבען ווען אָט די שעהנע די הויכע, וועט זיך מיט איהר גאנצער פרישקייט, מיט איהר יונ־גען קערפּער, ריין און אונשולדיג, צו איהם איבערגעבען.. און ווען ער טראכט אַז זי ליעבט איהם נישט, בעטראכט ער אָט דיעזע געדאנקען פאר געמיין און שמוציג... און עס דאכט זיך איהם, אז אזא נידעריגען מענשען ווי ער, קען אזא מיידעל ווי לידא נישט ליעב האָבען.

ער וועט מאַכען א פּראָבע, טראכט ער — וועל איך אַרויסטרעטען מיט׳ן רעכטען פוס אויפ׳ן לעצטען ברעט, וועל איך וויסען, אז יא, דאן מוז איך איהר זאָגען אַז איך ליעב איהר... און ווען מיט׳ן לינקען פוס, דאָס וויל ער גאָר נישט דענקען... אויפ׳ן לעצטען ברעט טרעט ער ארויף מיט׳ן לינקען פוס... א קאַל־טער שווייס בעדעקט איהם... ער טראכט אבער באלד, וואָס פאר א דומהיי־טען, ווי אַן אַלטע פרוי.. ער פאנגט אָן צעהלען: איינס, צוויי, דריי... איינס, צוויי, דריי... — ווידער אמאַל מיט׳ן לינקען.. שרייט ער שוין הויך, דער טייוועל זאָל עס נעהמען! זיין הארץ פאנגט אָן האסטיג צו קלאַפּען, זיינע פיס ציטערען...

— אפשר וועט איהר שוין אמאַל אויפהערען ארום צו לויפען! — זאָגט צו איהם לידא. איהר לאָזט דאָך גאר נישט צוהערען ווי מען שפּיעלט.

נאַוויקאָוו בלייבט שטעהן, און בעמערקט ערשט ווי זאַרודין זינגט. ער זינגט אַן אַלטע ליעד.

„איך ליעב דיך! אפשר איז אין מיין הארץ דאָס פייער
נאָך נישט פערלאָשען.
נאָר איך וויל וויסען, ליעבסטו אויך מיך? אַז נישט
וואָלט עס מיך פערדראָסען".

ער זינגט נישט שלעכט, אָבער אַזוי ווי אַלע מוזיקאַלישע קענער און נישט קיין אויסגעבילדעטע. נאַוויקאָוו'ן דאכט זיך, אַז ער זינגט זעהר שלעכט.

— וואָס איז דען דאָס? אַן אייגענע פערפאסונג? — פרעגט נאַוויקאָוו מיט אַ פערדרוסליכען טאָן.

— ניין, — ענטפערט לידא, — זעצט אייך, שטערט נישט, ווען איהר האָט נישט ליעב קיין מוזיק, זיצט שטיל און קוקט צו די לבנה.

די גרויסע זילבער־רייכע לבנה שווימט ארוים פון צווישען די טונקעלע בוימער, און ווארפט אַ פערקלערט ליכט אויף אַלץ ארום, עס קריכט ארום אויף די שפיצען פון די בוימער, און זיי זעהען אוים אַזוי ווי מיט גאָלדבעקרוינטע קעפּ, פאַלט אַרויף אויף די טרעפּ פון באַלקאָן, שפּיעלט זיך מיט לידא'ס קלייד, קוקט אריין אין איהר ריינעם רייצענדען פּנים און פער'כשופ'ט איהר אויסזעהן.

— כ'וועל בעסער אויף אייך קוקען... — ענטפערט נאַוויקאָוו, אָבער באַלד טראַכט ער: וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען ער רעדט.

לידא צולאַכט זיך. — וואָס פאַר אַ הילצערנע קאָמפּלימענטען איהר קענט עס געבען, הערר דאָקטאָר!

— וואָס זאָל איך טהאָן, אַז איך פערשטעה נישט קיין קאָמפּלימענטען צו מאַכען? — ענטפערט נאַוויקאָוו פערשטיקט.

— איהר מעגט דאָך אָבער זיין שטיל, און זיך צוהערען צום זינגען, — זאָגט לידא שוין אין כעס.

נאַוויקאָוו בלייבט שטיל. עס הערט זיך ווידער דאָס זינגען:

„איך האָב דיך געליעבט שטיל, אָהן האָפנונג און שמערצליך,
„מיט אַלע קוואַלען וואָס נאָר אין אָזעלכע ליעבע גיבט,
„איך האָב דיך געליעבט אַזוי אמת'דיג און הארצליך,
„זאָל דיר גאָט העלפען, אַז אַן אַנדערער דיך אַזוי ליעבט.

די טענער פון דער פּיאַנאָ צוגיסען זיך אַזוי ווי קלאָהרע זילבערנע גלעקלעך איבער'ן גאַנצען צימער. די לבנה ווערט וואָס אַמאָל העלער און גרעסער און דער שאָטען וואָס אַמאָל טיעפער און שוואַרצער.

סאַנין קומט אונבעמערקט פון הויז ארויס, זעצט זיך שטיל אונטער א גרויסען בוים און חלום'ט פון בעגייסטערטע שטארקע וועלטען.

עפּעס ווי א כשוף ליגט אויף אַלעם ארום, אלץ אזוי ווי אין גאָלדענעם פאַנטאַסטישען חלום איינגעוויעגט, דאָס זילבער־ליכט פון דער לבנה, די טונ־קעלע געהיימניספאָלע טיעפקייט פון'ם גארטען, דער בענקענדער געזאנג פון זארודין און די פיאַנאָ־טענער, גיעסט אוים ווי א כשוף שפּראך אויף אלץ ארום.

פּלוצים הויבט זיך נאָוויקאָוו אויף פון שטוהל, אזוי ווי ער זאָל האָבען בעשלאָסען איצט איהר צו זאָגען.. איצט, אָדער קיינמאָל נישט, טראכט ער, און מיט א שטילע שטימע רופט ער: „לידא פּאוולאָוונא".

— וואָס? — פרעגט לידא מעכאַניש און פערקוקט זיך אויפ'ן גאָרטען.

— איך וואַרט שוין לאַנג אויף אַזאַ צייט. איך וויל איצט מיט אייך רייד־דען... — ענטפערט נאָוויקאָוו האלב שטאַמלענדיג.

סאַנין ווערט נייגעריג און הערט זיך צו.

— איבער וואָס ווילט איהר ריידען מיט מיר? — פרעגט לידא פּער־טראכט. זארודין האָט דערווייל געענדיגט זינגען דאָס ליעד און האָט אָנגע־פאַנגען אַן אַנדערס. נאָוויקאָוו פּיהלט ווי די פאַרבען בייטען זיך ביי איהם אין פּנים, און עס שווינדעלט איהם אין קאָפּ.

— איך.. זעהט איהר, לידא פּעטראָוונא... ווען איהר... זאָלט... צושטי־מען... צו ווערען מיין... עטע... מיין פרוי! — ער שטאַמעלט דאָס ארויס און ווייסט נישט וואָס ווייטער צו ריידען.

עפּעס אזוי ווי נישט ווילענדיג פרעגט לידא: — ווערמענס פרוי? אָבער פּלוצים ווערט זי גליהענדיג רויט, שטעהט אויף פון שטוהל, וויל עפּעס ענט־פערען און טהוט עס אבער נישט, נישט וויסענדיג וואָס צו טהאָן קעהרט זי אָוועק איהר פּנים פון נאָוויקאָוו'ן, די לבנה לייכט ענטקעגען...

— איך האָב אייך ליעב, לידא — זאָגט נאָוויקאָוו מיט א ציטעריגע שטי־מע, און עס דאכט זיך איהם, אז די לבנה האָט אויפגעהערט לייכטען און אין גאָרטען איז נאָך טונקעלער געוואָרען — איך פערשטעהע נישט ווי אזוי צו רייד־דען צו אייך... אבער דאָס איז אלץ איינס... איך האָב אייך ליעב! איך... לידא... זעהר — זעהר ליעב!

לידא קוקט אויף איהם א ווייל, נערוועז רייסט זי אָב א בלעטעל פון ערגעץ, זי האָט איהם אלע מאָל ווי אַן איינענעם בעטראַכט, עפּעס אזוי ווי איינעם פון איהר פאַמיליע און זי וואונדערט זיך איבער זיינע ווערטער

— איך ווייס ווירקליך נישט... — ענטפערט זי פערטראַכט, איך האָב

וועגען דעם קיינמאָל נישט געדענקט.

נאַוויקאָוו פיהלט אז עפּעס אַן אונבעקאַנטער שמערץ דריקט זיין האַרץ, זיין פּנים ווערט בלאַס, ער נעהמט פּלוצים זיין הוט.

— צום ווידערזעהן! — זאָגט ער שטיל און הערט אליין נישט וואָס ער זאָגט און אַ שמערצליכער שמייכעל צוגיסט זיך אויף זיינע ליפּען.

— וואָס איילט איהר זיך?... פרעגט לידא אזוי ווי צומישט, זי רייכט איהם די האַנד, און ענטפערט מיט אַ שמייכעל — צום ווידערזעהן.

נאַוויקאָוו דריקט איהר האַנד, און נישט אנטהוענדיג זיין הוט לויפט ער שנעל אוועק איבער'ן גראָז און ווערט פערשוואונדען אינ'ם גאָרטען. קור־מענדיג צווישען די בוימער פון וואַנען מען קען איהם שוין נישט זעהן, בלייבט ער שטעהן, כאַפּט פערצווייפעלט זיך אַן ביים קאָפּ און מורמעלט נערוועז — אַ! מיין גאָט, פאַר וואָס בין איך אַזוי אונגליקליך? דאָס גאַנצע לעבען איז דאָך נאַריש... בעסער זיך דערשיסען! — טראַכט ער און ער פיהלט, אַז ער איז דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

סאַנין זעהט דאָס, ער וויל איהם רופען אבער ער האַלט זיך צוריק און צולאַכט זיך. עס קומט איהם זעהר קאָמיש פאַר, וואָס נאַוויקאָוו האָט זיך ביי די האָר געריסען און באַלד געוויינט. אַלץ ווייל אַ פרוי וואָס האָט אַ שעהן פּנים, אַ שעהנעם בוזעם, און רונדע פיס האָט זיך אָבגעזאָגט די זייניגע צו ווערען... עס געפעלט אויך סאַנין'ען, וואָס זיין שעהנע שוועסטער האָט נאַווי־קאָוו'ן נישט ליעב.

איינינע מינוטען בלייבט לידא שטעהן אונבעוועגליך, סאַנין קוקט אויף איהר ענטוויקעלט שעהנעם קערפּער וואָס איז בעלויכטען פון דער לבנה און טראַכט וועגען אַן עהנליך שעהנע פרוי וואָס ער האָט אמאָל בעזעסען...

פון די טהיר וואָס איז בעלויכטען פון דער לבנה, גנב'עט זיך זאַרודין אַרוים אין גאָרטען. סאַנין בעמערקט איהם און הערט דאָס קלינגען פון זיינע שפּאָרען...

אין זאַל איז טאַנאַראָוו נאָך געבליבען זיצען ביים פּיאַנא, און ער שפּיעלט עפּעס אַן אַלטען וואַלצער.

שטיל געהט זאַרודין צו צו לידא, נעהמט צערטליך אַרום איהר טאַ־ליע סאַנין זעהט ווי צוויי שאָטענס גיסען זיך צוזאַמען און בעוועגען זיך קאַ־גען איבער דער לבנה־ליכט...

— איבער וואָס טראַכט איהר אַזוי, לידאָטשקא? — פרעגט זאַרודין שטיל מיט זיינע ליפּען נעהמט ער איהר קליין צאַרט אויער און זיינע אויגען קוקען ליידענשאַפטליך אין איהרע.

ווי אַלע מאָל מישט זיך אוים ביי לידא אין קאָפּ אנגסט און געגוס, שטענדיג ווען זארודין נעהמט איהר אַרום פיהלט זי אַזוי.. זי ווייסט, אַז גייס־טיג ענטוויקעלט איז זי פיעל מעהר פון איהם, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט איהם אונטערגעבען. פונדעסטוועגען פיהלט זי דאָך אנגענעהם און זיס, אַז אַזא שעהנער און שטאַרקער מאַן נעהמט איהר אַרום... ס׳דאַכט זיך איהר אַזוי ווי זי זעהט פאַר זיך אַ טיעפען אבגרונד... און מיט אַמאָל שפּרינגט זי דאָרט אריין... זי זאָל עס נאָר וועלען...

— מען וועט אונז זעהן... — מורמעלט לידא שטיל און דריקט זיך צו איהם צו. זארודין ווערט נאָך מעהר ליידענשאַפטליך.

— איין וואָרט! — פליסטערט זארודין ליידענשאַפטליך און דריקט זי שטאַרקער צו זיך.

לידא ציטערט. נישט צום ערשטען מאָל פרעגט ער זי דאָסזעלבע און יעדעס מאָל פיהלט זי, אַז זי ווערט שוואַכער און שוואַכער...

— צו וואָס? — פרעגט זי פערשטיקט, און קוקט מיט איהרע בענקענדי־גע אויגען צו די לבנה.

זארודין ווייסט, אַז לידא פערשטעהט וואָס ער מיינט און ער וויל עס איהר נישט אָפען ארויסזאָגען, ער ווייסט אויך אַז לידא וויל דאָס זעלבע וואָס ער... נאָר זי האָט מורא...

— צו וואָס?... אָט אייך צו קענען גוט אַנקוקען, כדי מיט אייך אָפען און פריי צו ריידען, אָט אַזוי ווי מיר קומען איצט צוזאַמען; דאָס איז אַ פּלאָ־געניש... איהר קוועלט מיך לידא! איהר וועט קומען? יאָ? ער פרעגט דאָס מיט אַ ליידענשאַפטליכען טאָן און דריקט ציטערענדיג זיינע קניה צו איהרע רונדע וואַרמע פיס...

די דאָזיגע בעריהרונג פון זיינע קניה ברענט איהר ווי אַ צוגליהט איי־זען... עפּעס אַ מין פער׳חלום׳טער נעבעל שווימט אַרום איהר, איהר שעהנער בויגיגער קערפּער ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, זי פיהלט אַ זיסען וועהטאָג אַזש צום שטאַרבען... ס׳דאַכט זיך איהר, אַז אַלץ אַרום האָט זיך פערענדערט, די לבנה איז קיין לבנה, נאָר עפּעס אַ מין פער׳כשופ׳ט ליכט וואָס לייכט גאַנץ נאָהענט איבער איהר... דער גאָרטען איז אַן אַנדערער, אַ פיעל מעהר טונקעלער און געהיימניספולער. עס שווינדעלט איהר אין קאָפּ. אָט, אָט, דאַכט זיך איהר ווערט זי פערזונקען אין דעם אבגרונד... צום סוף דערמאַנט זי זיך בעפרייט זיך פון איהם און ענטפערט שווין מיט פערטרוקענטע ליפּען:

— גוט, איך וועל קומען..

מיט וואנקענדיגע שריט געהט זי אריין אין הויז, זי פיהלט אז עפּעס שרעקליכעס, אויסערגעוועהנליכעס איז געשעהן... עפּעס נאָרט עס זי צום אבגרונד...

— ס'איז נאַרישקייטען, פּרואווט זי זיך איינרעדען, ס'וועט גאָר נישט זיין, כ'מאַך נאָר שפּאַס; ס'איז נאָר בלויז אויס נייגעריגקייט... כ'האָב געוואָלט זיך מיט איהם א שפּיעל טהאָן, מעהר נישט, מעהר גאָר נישט... קומענדיג אינ'ם דונקעלען צימער, שטעלט זי זיך קעגען שפּיעגעל, אַזוי ווי א דונקעלער שאָטען גלאַנצט איהר אַקעגען איהר פיגור. לאַנגזאַם הויבט זי די הענד אויף איבער'ן קאָפּ, קנאַקט זיך אויס די פינגער, לענגערט זיך ליידענשאַפטליך, בעטראַכט דאַביי איהר שלאַנקען קערפּער און א שטילער שמייכעל בעוועגט זיך אויף איהרע ליפּען.

בלייבענדיג אליין אויף'ן באַלקאָן, פיהלט זיך זארודין גליקליך, ער שטעלט זיך פאַר דעם אויסגוס פון פערגעניגען, ווען לידא וועט זיך איהם איבערגעבען... און א שווידערליך ליידענשאַפטליכער שמערץ געהט דורך זיינע גליעדער, ער פערקריצט אזש מיט די צעהן...

אין די ערשטע צייט ווען ער האָט אָנגעפאַנגען איהר קאָמפּלימענטען צו מאַכען, און אויך שפּעטער, ווען זי האָט איהם שוין ערלויבט ער זאָל איהר ארומנעהמען, האָט ער זיך געשראָקען פאַר איהר, ווייל אין איהרע שווארצע אויגען איז עטוואס פרעמדעס געלעגען, עפּעס אַזעלכעס וואָס ער האָט נים געקענט בעגרייפען, ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז כאָטש זי ערלויבט איהם אַלץ, קוקט פונדעסטוועגען פון איהרע אויגען ארויס עפּעס פעראַכטונג. זי איז צ וקלוג, טראַכט ער אַלע מאָל, און ווען אפילו ער נעהמט איהר ארום און קושט איהר, דאַכט זיך איהם, אז אָט — אָט וועט זי איהם א פּטש טהאָן.

אויך איצט ווען זי האָט שוין פערשפּראָכען צו איהם צו קומען, האָט ער אויך נאָך מורא, כאָטש ער האָט שוין פיעל פרויען געהאַט, אָבער לידא.. אַזאַ שעהנע, אַזאַ שטאָלצע און געבילדעטע מיידעל... א שווידער געהט דורך זיין גאַנצען קערפּער... ער זעהט אז אַלץ איז געקומען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט.

הארטע ברוטאַלע סצענעס שטעלט ער זיך פאַר, סצענעס פון אויסערגעוועהנליכען גענוס... ער זעהט פאַר זיך לידא'ס נאַקעטען קערפּער... מיט צורפלאַכטענע האָר, איהר קלוגע שוואַרץ־בלישטשענדיגע אויגען; זי ליעגט אַזוי פאַר איהם א נאַקעטע אויף דער ערד, ער שלאָגט זי מיט א בייטש, זי בעט זיך ביי איהם און קושט זיינע הענד... דאָס בלוט ווערט אין איהם צוקאָכט ווי ביי א חיה, ער ציטערט אזש... פאַר די אויגען פליהען איהם פייערדיגע פונקען... מיט ציטעריגע הענד נעהמט ער ארויס א ציגאַרעט, פערדרייכערט איהם

און געהט אין הויז אריין.

סאַנין האָט אַלעס בעמערקט וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישען זארודין און זיין שוועסטער, און אַ מין אייפערזוכט האָט זיך ערוועקט אין זיין ברוסט וואָס פאַר אַ גליק אָט אַזעלכע בעסטיעס האָבען... ווייסט עס דער רוח... מיין שוועסטער און די דאָזיגע חיה... זארודין.

דאָס נאַכט־עסען האָט מען געגעסען אין עס־צימער. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז נישט געווען גוט אויפגעלעבט. טאַנאַראָוו, אַזוי ווי זיין נאַטור, איז געזעסען שטיל און האָט געקלערט: ווי גוט עס איז צו זיין אַזוי שעהן ווי זארודין און ווערען געליעבט פון אַזאַ שעהנע מיידעל ווי לידא. ער שטעלט זיך פאָר, אַז ער וואָלט לידא אַנדערש געליעבט ווי זארודין. זארודין איז אַ פשוט'ע חיה, ער קען אַזאַ גליק נישט אָבשעצען...

לידא איז געווען בלאַס און שווייגענדיג, זי האָט צו קיינעם נישט געקוקט. דאַגעגען אָבער זארודין איז געווען לוסטיג, און ער האָט געקוקט אויף לידא, אַזוי ווי אַ וואָלף אויף אַן אונבעהאָלפען שעפעלע. סאַנין ווי תמיד, זיצט און גענעצט, ער עסט און טרינקט זעהר פיעל וואָדקאַ; כאָטש ער האָט אויסגעזעהן שלעפעריג צו זיין, פונדעסטוועגען האָט ער ערקלעהרט נאָך'ן עסען, אַז ער וועט געהען בעגלייטען זארודין'ען.

סאַנין און זארודין זיינען געגאַנגען צוזאַמען ביז זארודין'ס וואָהנונג, ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָווענד, און פון צווישען די וואָלקענס האָט זיך קוים בעמערקט די לבנה שווימען, קומענדיג צו זארודין'ס הויז, פערקוקט זיך סאַנין אויף דעם שעהנעם אָפיציער, און טראַכט: די בעסטע זאַך וואָלט געווען איהם גוט אָנצו'הרג'ענען.. ער טהוט עס אָבער נישט.

— יאַ, — זאָגט ער פּלוצים, ס'איז דאָ פערשיעדענע זאַכען אויף דער וועלט, ווי למשל אַזעלכע אַלערליי לומפּען...

— וואָס מיינט איהר? — פרעגט זארודין בעוואונדערט, און קוקט אויף סאַנין מיט ברייט אויפגעעפענטע אויגען.

— איך מיין אָט אַזוי, אין אַלגעמיין... און גראַד אָט די דאָזיגע לומפּען זיינען די אינטערעסאַנטע מענשען...

— וואָס ווילט איהר מיט דעם זאָגען?

— נאַטירליך, רעדט ווייטער סאַנין, ס'איז גאָר נישטאָ קיין לאַנגווייליגערעס אויף דער גאַנצער וועלט, ווי צו זיין אַן עהרליכער מענש... דען וואָס מיינט מען עהרליכקייט? דער פּראָגראַם פון עהרליכקייט און טוגענד, דאָס איז דאָך אַן אַלטע בעקאַנטע געשיכטע; וואָס פאַר אַ נייעס איז דאָ אין דעם? ס'איז נישט מעהר ווי אַ נאַרישע פּלוידעריי, וואָס וויל, אַז דער אייגענער

„איך" זאָל פערלוירען געהן. מען זאָל דאָס גאַנצע לעבען איינפאַסען אין אַן ענגע ראַהם, און דאַרט דערשטיקען די איינענע אינדיווידואַליטעט; גנב'ע נישט, זאָג נישט קיין ליגען, פערראַטה נישט קיינעם, זינדיג נישט מיט יע־נעמס פרוי... און דאָך טהוט דאָס יעדער איינער, נאָר פאַרשטעלט, פערגלעט און פערפּוצט.

— אָבער נישט יעדער איינער — בעמערקט זאַרודין.

— יעדער טהוט עס, יעדער, מען דאַרף נאָר בעטראַכטען יעדען מענש בעזונדער, דאַן זעהט מען שוין דאָס אַלץ.

— וואָס מיינט איהר מיט דעם? — פרעגט זאַרודין.

— אָט צום ביישפּיעל, מיר צאָהלען אַלע שטייערען וואָס די רעגיערונג פאָדערט פון אונז, מיר פאָלגען די רעגיערונג, נענען וועלכע מיר אַליין קעמפּ־פען און אינדירעקט העלפען מיר אונז אַליין צו בעקעמפּפען, מיר שלאָפען זיך גאַנץ רוהיג און דענקען גאַרנישט צו ראַטעווען די וועלכע קעמפּפען פאַר אונז, איז דאָס נישט פערראַטה? מיר לעבען אין לוקסוס, פרעסען און זויפען פיעל מעהר וויפיעל מיר דאַרפען, וועהרענד טויזענדער אַנדערע מוזען הונגערען, איז דאָס נישט גנבה?

אָבער דער וואָס איהר רופט לומפּ, טהוט דאָס אַלעס אָפען, מאַכט נישט קיין פרום פּנים דאַביי, נאָר טהוט וואָס ער דענקט און פיהלט, דער איז אַן אמת נאַטירליכער מענש.

— אַ נאַטירליכער?

— יאָ, ער טהוט דאָס וואָס ס'איז פאַר אַ מענשען נאַטירליך, ער זעהט ערגעץ אַ זאַך וואָס געהערט איהם נישט, נאָר ס'געפעלט איהם, נעהמט ער עס, ער זעהט אַ שעהנע פרוי, וואָס וויל זיך נישט תיכף איהם איבערגע־בען, נעהמט ער זי מיט געוואַלד אָדער מיט לוסט און דאָס איז פאָלקאָמען נאַ־טירליך.. ווייל גראַד דער שכל און דער חשק צום גענוס, מאַכען אַן אונטער־שיעד צווישען מענש און בהמה, ווייל יעדער חיה וואָס מעהר חיה זי איז, ווייס וועניגער פון גענוס, און דאָס וואָס זי טהוט, איז בלויז פון איהר אינס־טינקט, דאָס ווייסען מיר דאָך אַלע, אַז דער מענש איז ניט געשאַפען געוואָ־רען צו ליידען, און די ליידען זיינען דאָך דער אידעאַל צו וועלכען דער מענש דאַרף שטרעבען.

— ריכטיג, ריכטיג — שטימט זאַרודין צו.

— הייסט דאָך, רעדט ווייטער סאַנין, אַז דער גאַנצער ציעל פון'ם לע־בען איז פערגעניגען, מען זאָל זיך שאַפען אַ גן־עדן אויף דער וועלט נישט דאָס איינגערעדט פון נאָך'ן טויט.

— איהר זייט גערעכט, — גיט זארודין צו. אין דער אמת'ן לעבען טאקע די מענשען, וועלכע אונטערדריקען נישט זייערע פערלאנגען, וועלכע דערשטיקען נישט זייער ווילען, א נאַטירליך געזונדען לעבען.

— אַט, אַט, אזוי האָב איך א הנאה, איהר גיט דאָס אליין צו, אז די מענשען, וועלכע מען רופט לומפּען אָדער שופטען... אַט למשל אזוי ווי איהר, פריינד זארודין.

זארודין ציטערט און קוקט אויף איהם ווי צומישט.

— אַט די מענשען זיינען נאַטירליך. ביי אייך אין די אויגען און אין אייער הארצען פיהלט איהר, אז איהר זייט דער בעסטער מענש... נישט אזוי? האָט איהר שוין אמאָל געטראָפען א בעסערען מענש פון זיך?

— א סך, — ענטפערט זארודין מעכאניש שוין נישט פערשטעהענדיג וואָס סאַנין רעדט.

— וואו? און ועמען?

זארודין ציהט מיט די אקעסל און ענטפערט נישט.

— אַט אזוי איז עס מיין ווערטהער הערר, די לומפּען זיינען די אינטערעסאנטסטע מענשען, די בעסטע פריינד און די עהרליכסטע שופטען... א לומפּ וועל איך אלע מאל מיט אכטונג און פערגעניגען מיין האנד געבען, ביי דעם דערלאנגט ער זארודין'ען די האנד... מיט א פרעהליך פּנים דריקט ער זיין האנד און קוקט אויף איהם מיט א שפּאָטישען שמייכעל.

— אדיע! א גוטע נאכט! — זאגט סאַנין מיט א פעסטען טאָן און געהט אוועק.

זארודין בלייבט שטעהן אזוי ווי צודולט, אביסעל נאָכקוקענדיג סאַנין'ען, ווייסט ער נישט ווי אזוי ער זאָל אויפנעהמען זיינע ווערטער... באלד דערמאנט ער זיך אין לידא... ער איז דאָך איהר ברודער, א שמייכעל בעוועגט זיינע ליפּען, ער וויל זאגאר איהם האָבען פאר א פריינד, אלץ צוליעב זיין שוועסטער... ער עפענט די הויז-טהיר און פערשווינדט אין הויז אריין.

ווען סאַנין איז א היים געקומען האָט ער זיך באלד אויסגעטהאָן און זיך אין בעט געלעגט, נעהמענדיג זיך ניטשעס בוך „זאראטוסטרא" וואָס ער האָט געפונען ביי די שוועסטער, אָבער באלד נאָכ'ן ערשטען בלעטעל ווערט עס איהם לאנגווייליג, ס'געפעלט איהם נישט אָט די אוננאַטירליכע אויפגעבלאָזענע שפּראך וואָס זאָגט גאר נישט... ער שפּייט דארויף, ווארפט אוועק אין א זייט און ווערט באלד אנשלאָפען.

פיערטעס קאפיטעל.

נישט ווייט פון די סאַניןʼס הויז, האָט געוואָהנט א פענסיאָנירטער פּאָלקאָווניק מיטʼן נאָמען ניקאָלאַי יעגאָראָוויטש סוואַראָזשיטש, זיין זוהן יוריע א סטודענט פוןʼם מאסקאווער טעכנישען אוניווערזיטעט איז א היים געקו־מען, מען האָט איהם פון מאסקווא אויסגעוויזען, ווייל מען האָט פערדעכטיגט אַז ער בעטייליגט זיך אין דער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, כאָטש זיין פאָ־טער, דער אויסגעדיענטער פּאָלקאָווניק, האָט פון דעם אַלעם געוואוסט, פונ־דעסטוועגען האָט ער איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און גוט, ווייל ער האָט דאָס אַלעם בעטראַכט פאַר יונגלישע נאַרישקייטען, און פון די אַלע גע־שעהענישען וואָס יוריע איז געווען אין טורמע זעקס חדשים, האָט ער אַב־זיכטליך נישט געוואָלט ריידען.

מיעד פוןʼם וועג, איז יוריע באַלד ביי זיין אָנקומען אריין אין זיין שוועסטער ליאַלעʼס צימער און האָט זיך געלעגט שלאָפען.

ערשט פאַרנאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. די זון האָט שוין געהאַל־טען ביים אונטערגעהן און זי האָט געוואָרפען רויטע שטראַהלען דורכʼן פענסטער אויף דער וואַנד און פערשיעדען פאַרביג געמאַכט דאָס גאַנצע צי־מער.

פוןʼם צווייטען צימער הערט זיך א קלינגען פון גלעזער און לעפעל, א רוקען פון שטוהלען, צוזאַמען געמישט מיטʼן לוסטיגען לאַכען פון זיין שוועס־טער ליאַלא און אן אנגענעהמע שטימע פון א מאַן וואָס איז צו יוריע אונבע־קאַנט.

אָנפאַנגס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער פאָהרט אויפʼן באַהן, און דאָס הערט ער נאָך דאָס קלינגען פון וואַגאָן־שויבען און די שטימען פון פערשיעדע־נע פרעמדע פּאַסאַזשירען, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאַנט וואו ער גע־פינט זיך; ער הויבט זיך שנעל אויף און זעצט זיך אויפʼן בעט.

א ווײַלע זיצט ער אזוי פערטראַכט, אַזוי ווי ער זאָל זיך וועלען עפּעס דערמאַנען, דאַרנאָך מורמעלט ער צו זיך: — נאַ בין איך אַם ענדע דאָך א היים געקומען...

זיינע געדאַנקען זאַמלען זיך און צום שלוס טראַכט ער, אַז ער האָט גאָר נישט געדאַרפט א היים קומען. ער האָט געהאַט א ברירה צו וועהלען ביי דער פּאָליציי וואו ער נאָר אַליין האָט געוואָלט, און גראַד האָט ער געזאָגט

אַ היים... צו וואָס האָט ער דאָס געטהאָן? ער האָט נאָך קיינמאָל גאָר נישט פערדיענט, שטענדיג לעבט ער פון'ם פאָטערס שטיצע, דאָדורך שעהמט ער זיך איצט ווידער ליגען אויפ'ן טאַטען'ס קארק. וואָסזשע האָט ער אָבער גע־קענט טהאָן? טראַכט ער צוריק, האָט ער געזאָלט אוועק ערגעץ אין אַ פרעמדע שטאָדט, אַזוי אונבעהאָלפען ווי ער איז?... ער ווייס בעשטימט, אַז זיינע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט געפעלט נישט זיין פאַמיליע, און אויך דאָס לאַנגוויילינגקייט פון'ם קליינעם שטעדטעל. אָט די אַלע קליינשטעדטעלדיגע מענשען זעהען ביי איהם אויס אַזוי ווי לאַנגוויילינגע גאָרנישט'ן, פון פילאָ־זאָפיע און פּאָליטישע פראַגען ווייסען זיי גאָר נישט און אינטערעסירען זיך נישט צו וויסען.

פערטראַכט אין די דאָזיגע געדאַנקען האָט זיך יוריע פון בעט אויפגע־הויבען, ער איז צום פענסטער צוגעגאַנגען, עס אויפגעמאַכט און אַרויסגע־בויגען זיך מיט'ן קאָפּ אין גאָרטען.

פערשיעדענאַרטיג פאַרביגע בלומען און בליהמלעך זיינען פערשפּרייט איבער דעם קליינעם גאָרטען און גלאַנצען פאַר די אויגען ווי אַ קאַלאַדסקאָפּ. קענגען איבער זעהט זיך אַ געדיכטער גאָרטען פון בוימער וואָס רייכט ביז צום טייך, דורך די בוימער שימערט דורך דאָס וואַסער פון'ם טייך, אַ דינער בלוי־ער נעבעל שוועבט אין די לופט. דער אוועגד איז אַ שטילער און עטוואָס שווע־רעם ליגט פערשפּרייט אַרום.

יורע ווערט אַביסעל טרויעריג אויף דער נשמה. ער איז צו לאַנג געוועזען צווישען די שטיינערנע ווענט פון דער גרויסער שטאָדט, און עס דאַכט זיך איהם אַז דאָס שטילע לעבען דאָ, איז לאַנגוויילינג, לעער און פוסט.

— אַהאַ! ליעבער, דו ביזט שוין אַרויסגעקראָכען פון די פעדערען? הערט ער פלוצים זיין שוועסטערס קלינגענדיגע שטימע, נאַ גוט, ס'איז שוין טאָקע צייט, יוריען דרעהט זיך אום פון פענסטער, קוקט אויף די שוועסטער מיט אַ טרויעריגען בליק און אין האַרצען פערדריסט עס איהם פאַר וואָס זי איז אַזוי פריש, לוסטיג און גליקליך.

— האָסט פערגעניגען — פרעגט ער זי נישט בעטראַכטענדיג זיין פראַגע.

— נאַ, מיט אַמאָל זיך דערמאַנט, — זאָגט ליאַליע קוקענדיג אויף איהם פערוואונדערט, אָבער פלוצים צולאַכט זי זיך נאָך לוסטיגער ווי פריהער, ווייל דעם ברודערס פראַגע דערמאַנט איהר אין עפּעס לוסטיגעס און אינטע־רעסאַנטעס.

— וואָס איז דיר עפּעס פלוצים איינגעפאַלען צו פרעגען איבער מיין שטימונג? מיר איז קיינמאָל נישט לאַנגוויילינג, צו דעם האָב איך קיין צייט

נישט... — זאגט ליאליע מיט א געלעכטער'ל. איצט איז אן אינטערעסאנ־טע צייט: ס'וואלט געוועז א זינד איצט זיך צו לאנגווייליען, איך האב אויך א גרופע ארבייטער וועלכע איך לערען, און אין אונזער ביבליאטעק בין איך אויך בעשעפטיגט, מיר האבען דא אויך אהן דיר א ביבליאטעק געגרינדעט און זי געהט זעהר גוט.

אז אנדערס מאל וואלט דאס אלעס יוריען אינטערעסירט, און ער וואלט צו דעם זיין אויפמערקזאמקייט געשענקט, אבער איצט נישט, איצט שטערט עס איהם נאר, מיט א קינדישען בליק קוקט ליאליע אויף איהם אוןווארט, אז ער זאל איהר געבען זיין אנערקענונג, ער האט פערשטאנען איהר בליק, און נישט ווילענדיג זאגט ער צו איהר: אזוי? זעהר גוט!

— נא זעהסטו שוין, אז איך קען זיך נישט לאנגווייליען.

— און מיר איז אונערטרעגליך לאנגווייליג, רייסט זיך נישט ווילענדיג ארויס פון יוריעס מויל.

— טאקע זעהר שעהן פון דיר.. ביזט ערשט היינט געקומען, אבגעשלא־פען דעם גאנצען טאג און איצט לאנגווייליסטו דיך.

— איך קען מיר נישט העלפען... דאס איז א גאט זאך — ערווידערט יוריע זעלבסטזיכטיג, ס'דאכט זיך איהם, אז לאנגווייליגקייט פאסט זיך בע־סער פאר איהם, פרעהליך זיין, קען דאך יעדער פראסטער מענש...

— הם... גאט, מיין גאט... נארישקייטען, — זאגט ליאליע אביסעל בייזלעך און בראזשעט צו איהם מיט איהר קליינע האנד. דו — דו — דו... גרויסער קינד!

אליין נישט בעמערקענדיג, ווערט יוריע פרעהליכער, ליאליעס לוסטיג־קייט און פרישקייט האט זיין שטימונג געענדערט, ער קוקט מיט פערגנע־ניגען איהר אין פנים און זאגט: איך פיהל זיך קיינמאל נישט צופריעדען... איך וויים נישט פאר וואס, אבער ס'איז אזוי.

ליאלע לאכט, איהר אינטערעסירט גראד דאס וואס ער זאגט, און לא־כענדיג זאגט זי צו איהם: שוין גוט, מיין העלד אין טרויעריגען געשטאלט.. זאל זיין אזוי ווי דו זאגסט, קיינמאל איז קיינמאל! קום מיט מיר! נעהמט זי איהם ביי דער האנד און פיהרט איהם, גיב אכטונג, איך וועל דיך פאר־שטעלען פאר א פיינעם יונגען מאן.

— אזוי? ווארט, וואס פאר א יונגער מאן איז דאס?

— מיין חתן! — שרייט זי פרעהליך און גיט זיך א דרעה ארום זיך אזש איהר קלייד הויבט זיך אין דער הויך פון אלע זייטען.

יוריע האָט שוין געוואוסט פון די בריעף, אַז עפּעס אַ יונגער דאָקטאָר וועלכער האָט זיך נישט לאַנג בעזעצט אין דער שטאָדט, שדכנ'ט זיך צו איהר, אָבער אַז ער איז שוין מיט איהר פערלאָבט, דאָס האָט ער נישט געוואוסט און ער פרעגט פערוואונדערט: אַזוי? ביזט שוין אַ כלה? ס'וואונדערט איהם עפּעס, אַז אָט די יונגע אונשולדיג ריינע זיסע ליאַליע, זאָל שוין האָבען אַ חתן און באַלד האָבען אַ מאַן... עס ערוועקט זיך אין איהם אַ מאָדנע צערט־ליכער געפיהל צו זיין שוועסטער, עפּעס כמעט ווי רחמנות צו איהר...

מיט זיין האנד נעהמט ער ארום איהר טאַליע און געהט מיט איהר אין עס־צימער אריין.

דער לאָמפּ ברענט שוין דאָרט, אַ גרויסער שעהן געפּוצטער סאַמאָוואַר שטעהט אויפ'ן טיש. ס'איז אנגענעהם און היימליך. ניקאָלאַי יאַגערעוויץ זיצט שוין ביים טיש און אונטערהאַלט זיך מיט אַ גרויס און שטאַרק געבוי־טען יונגען מאַן. יוריע פאַלט תיכף איין, אַז דער יונגער מענש איז נישט קיין רוסישער טיפּ.

מיט דרך־ארץ און רוהיגע האַלטונג הויבט זיך דער יונגער מאַן אויף פון טיש און געהט יוריע'ן אקעגען.

— נאַ, זאָגט ער מיט אַ פריינדליכען טאָן, לאָמיר זיך בעקענען... אַנאַ־טאָל פּאַוולאָוויטש ריאַזאַנצעוו.

זיי דריקען זיך האַרציגביידע די הענד, אַ ווײַלע טראַכטען זיי; אפשר זאָלען זיי זיך צוקושען? אָבער זיי טהוען עס נישט, נאָר קוקען זיך פריינדליך אָן.

— אַזוי זעהט איהר ברודער אויס! — טראַכט ריאַזאַנצעוו, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל זיין ווי ליאַליע, אַזוי קליין, בעוועגליך און בלאָנד; יוריע איז אָבער הויך, מאָגער און האָט שוואַרצע האָר. דאָס פּנים איז אָבער דאָך עהנליך צו איהר...

יוריע טראַכט ווידער אנדערש, אָט דער שטאַרקער הויכער יונגער מאַן וואָס שטעהט איצט פאַר איהם, האָט אין זיין קליינע ליעבע שוועסטער דאָס ווייבליכע געפונען, און וויל איהר בעזיצען... אָט אַזוי ווי ער האָט פיעל מאָל חשק צו קליינע צערטליך שעהנע מיידלעך, — דער דאָזיגער געדאַנק פּייניגט איהם.

יוריע און ריאַזאַנצאָוו פיהלען ביידע, אַז זיי האָבען פיעלע פראַגען צו שטעלען, יוריע וואָלט וועלען פרעגען: ליעבט איהר ליאַלע? ליעבט איהר זי ריין? ערענסט? ס'וואָלט דאָך געווען אַ זינד ווען ס'זאָל נישט אַזוי זיין, קוקט נאָר אויף איהר ווי ריין און אונשולדיג זי איז...

ריאַזאַנצעוו וואָלט געענטפערט: איהר זעהט דאָך ווי ליעב איך האָב זי... ערענסט און איבערגעבען, מיט מיין גאַנצען האַרץ, מען קען דאָך נישט אַנדערש, זי איז דאָך אַזוי שעהן, אַזוי ליעב...

אָבער אַנשטאַט די פראַגען און ענטפערס, פרעגט יוריע איבערהויפּט גאָרנישט, נאָר ריאַזאַנצעוו פרעגט העפליך:

האָט מען אייך פון מאָסקווע אויף אַ לאַנגע צייט אויסגעוויזען?

נאַקאָלאַי יעגאַראַוויטש איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אין צימער, ביי דער פראַגע אָבער האָט ער זיך אָביסעל אָבגעשטעלט און אין זיך שטיל אַריינגעמורמעלט: ווייסט איהם דער טייוועל וואָס דאָס איז.

ליאַליע האָט פערשטאַנען דעם פאָטערס פערטראַכטקייט, און זי האָט זיך דערשראָקען אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען אַ סקאַנדאַל, ס'האָט איהר פערדראָסען פאַר וואָס זי האָט איהר חתן פריהער נישט געזאָגט, אַז ער זאָל וועגען דעם נישט ריידען.

ריאַזאַנצעוו ווענדעט זיך ווידער צו יוריע'ן מיט אַ פראַגע:

— וואָס דענקט איהר צו טהאָן די נעכסטע צייט?

ניקאָלאַי יעגאַראַוויטש'ס פּנים ווערט וואָס אַמאָל ערענסטער און פינס־טער.

— פאַרלייפיג גאַר נישט! — ענטפערט יוריע.

— וואָס מיינט מען „גאָרנישט"? — פרעגט ניקאָלאַי יעגאַראַוויטש שטרעהן בלייבענדיג — ווי אַזוי קענסטו אַזאַ ענטפער געבען? בין איך דען פערפּליכטעט דיך אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען אויף מיינע פּלייצעס צו טראָגען? האָסט פערגעסען אַז דיין פאָטער איז שוין אַלט; ס'איז שוין גענוג צייט אַז דו זאָלסט אַליין פאַר דיר זאָרגען... איך מאָך דיר נישט קיין פאָרשריפטען... גוט, לעב ווי דו ווילסט, אָבער איך בעט דיך, זאָלסט אַליין פערשטעהן וואָס מיינט לעבען...

— איך ווייס, איך ווייס — ענטפערט יוריע פּיהלענדיג אַז דער פאָ־טער איז גערעכט, אָבער וואָס זאָל איך טהאָן?

דער פאָטער האָט איהם ווידער געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער ער שווייגט, און פאַנגט ווידער אָן אַרומצוגעהן אַרויף און אַראָב אין צימער.

יוריע פאָלגט נאָך זיין פאָטער מיט בלישצענדע אויגען, ער פּיהלט אַז קוים וועט זיין פאָטער נאָך עפּעס פרעגען, וועט אַ סקאַנדאַל אַרויסקומען, און ער וועט שולדיג זיין אין דעם, אָבער ער וועט זיך נישט קענען איינ־האַלטען... ליאַליע קוקט אויף זיי ביידע מיט שרעק און איהר אָטהעם געהט שנעל. ראַזאַנצעוו דערקענט שוין אויך וואָס עס קען דאָ אַרויסקומען, און

ער בעמיהט זיך דעם געשפּרעך צו געבען אַן אַנדערע ווענדונג. ס׳געהט אבער נישט. צו אַ ווייטערען געשפּרעך קומט שוין נישט, דער אווענד אבער געהט שוין אַזוי אַנגעצויגען און טרויריג פאַראיבער.

צום אווענד־עסען קומען נאַוויקאָוו, איוואַנאָוו און סעמיענאָוו.

סעמיענאָוו, אַ סטודענט פון דער אוניווערזיטעט איז שווינדזיכטיג, זייט אַ פּאָר מאָנאַט לעבט ער דאָ אין שטאָדט אלס פּריוואַט לעהרער, ער איז קליין, שוואַך און העסליך, אויף זיין פּאָר דער צייט אַלט געוואָרענעם פּנים זעהט זיך שוין דער שאָטען פון טויט.

איוואַנאָוו איז אַ הויכער שטאַרקער מאַן מיט לאַנגע האָר. ער איז אַן איינפאַכער לעהרער פון פאָלקס־שוהלע און ער האָט איינפאַכע פּראָסטע מאַניערען.

זיי זיינען ביידע געגאַנגען אויף׳ן בולוואַרד שפּאַציערען, האָבען זיי געהערט אַז יוריע איז געקומען, זיינען זיי געקומען איהם בעגריסען.

דער דריטער גאַסט אונזער בעקאַנטער נאַוויקאָוו איז אויך געקומען יוריע׳ן בעגריסען.

די געסט האָבען די שטימונג געענדערט און ס׳האָט זיך אַנגעפאַנגען פרעהליך צו פּיהלען.

נאָכדעם ווי לידאַ האָט נאַוויקאָוו׳ן זיין ליעבע ענטזאַגט, האָט ער זעהר שלעכט געפיהלט, אָבער איצט איז ער שוין אביסעל בערוהיגט, און ער האָפט שוין ווידער. כאָטש צו איהר אין הויז קומט ער נישט, ווייל ער שעהמט זיך פּשוט, אבער ער זוכט אַלע געלעגענהייטען זי צו זעהען אויף אַנדערע פּלע־צער.

וואָס מיינט איהר, מיינע פריינד, וואָלט נישט גלייך געווען אַז מיר זאָ־לען מאַכען אַן אויספלוג ביים מאָנאַסטיר?

דער מאָנאַסטיר איז געשטאַנען נישט ווייט פון שטאָדט אויף אַ בארג און דער וועג אַהין איז געווען זעהר בעקוועם, ארום איז געווען זעהר שעהנע בליהענדע פעלדער און בוימער און דאַנעבען האָט א טייך זיך שטיל גע־פלאָסען.

ליאַליע, וועלכע האָט מעהר פון אַלע ליעב געהאַט טומעל, געפילדער, שיפען זיך, באָדען זיך און ארומלויפען איבער׳ן וואַלד, האָט מיט פערגעניגען זיך אָנגעכאַפּט אין נאַוויקאָוו׳ס פאָרשלאָג.

— יאָ, יאָ! — האָט זי אויסגעשריען מיט פרייד — מיר וועלען דאָס טהאָן, אַן אויספלוג צום מאָניסטיר! מיר מאַכען דאָס אונבעדינגט! אָבער ווען?

— פון מיינעטוועגען קען עס שוין זיין מאָרגען, — ענטפערט נאָווי־קאָוו.

— און וועמען וועלען מיר נאָך איינלאַדען? — פרעגט ריאַזאַנצעוו וואָס אין די געדאַנקען איז ער זעהר צופריעדען פון דעם פּלאַן, ווייל אין וואַלד וועט ער קענען ליאַליע'ן אַרומנעהמען און קושען וויפיעל זיין האַרץ וועט גלוסטען.

— יאַ, טאַקע וועמען נאָך? — פרעגט ליאַליע מיט אַ קינדישען פער־גענִיגען.

— מיר זעקס, און מיר וועלען אויך איינלאַדען שאַפּראַנאָוו'ן.

— ווער איז דער? — פרעגט יוריע.

— אַ יונגער סטודענט וואָס לויפט דאָ אַרום.

— און לודמילאַ ניקאַלאַיעוונאַ, קען נאָך איינלאַדען די קאַרסאַווינאַ און אַלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— וועמען? — פרעגט ווידער יוריע נייגעריג.

— וועסט שוין זעהן — זאָגט ליאַליע שמייכלענדיג און קושט פאַר פערגעניגען די שפּיצען פון איהרע פינגער.

— אַזוי? — שמייכעלט יוריע, נו, נו, מיר וועלען שוין זעהן.

נאָוויקאָוו נעהמט אויף זיך אַ גלייכגילטיגע מינע און זאָגט אַזוי ווי מעכאַניש:

— די סאַנין'ס וועלען מיר אויך מיטנעהמען.

— זיכער, זיכער — כאַפּט אונטער ליאַליע, — לידאַ'ן דאַרף מען בעשטימט איינלאַדען. נישט אַזוי ווייל לידאַ געפעלט איהר אַזוי שטאַרק, נאָר צוליעב נאָוויקאָוו'ן, ווייל זי ווייסט אַז ער ליעבט איהר זעהר שטאַרק. פון איהר אייגענער ליעבע איז זי אַזוי גליקליך, וויל זי, אַז אַ צווייטער זאָל אויך גליקליך זיין.

— מיט לידאַ'ן מוז מען אויך די אָפיציערען איינלאַדען... — זאָגט איוואַנאָוו גיפטיג.

— איז וואָס? וועלען מיר זיי אויך איינלאַדען... וואָס מעהר מענשען מעהר פרעהליך וועט זיין.

זיי זיינען אַרויס אויפ'ן באַלקאָן. די לבנה האָט געוואָרפען איהרע זילבער העלע שטראַהלען און אַלעס אַרום איז געווען שטיל און וואַרעם.

— אַך! וואָס פאַר אַ שעהנע נאַכט! — זאָגט ליאַליע זיך צודריקענדיג צו ריאַזאַנצעוו, ער דריקט איהרע רונדע ווייכע האַנד מיט זיין עלענבויגען און ער פיהלט, אַז זי וויל נאָך נישט ער זאָל אַוועקגעהן.

— יאָ, די נאַכט איז וואונדערשעהן — גיט ער צו.

— געבענשט זאָל זיין אַזאַ נאַכט! — זאָגט איוואַנאָוו מיט זיין באַסען־שטימע, נאָר מיך שלעפערט עס, איך וועל אַ היים געהן, אַ גוטע נאַכט מייּנע הערריען! און ער געהט אַוועק מיט זיינע לאַנגע הענד וואַרפענדיג.

נאָוויקאָוו און סעמיענאָוו זיינען באַלד נאָכגעגאַנגען, נאָר ריאַזאַנצעוו איז נאָך פערבליבען מיט אַ תירוץ, אַז ער דאַרף נאָך ריידען מיט ליאַליע וועגען אויספאָהר... אָבער ענדליך האָט זי איהם פון זיך אַוועקגעשטופּט און ער איז אויך אַוועק. ליאַליע איז געבליבען אויף'ן באַלקאָן שטעהן און עפּעס אַ ליידענשפטליכע שווערעניש האָט זיך געלעגט אויף איהר יונגען פריי־שען קערפּער, ס'האָט איהר עפּעס ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ, די זילבערנע שטראַהלען פון דער לבנה האָבען פער'כשוף'ט בענאַסען איהר פּנים. און מיט איהרע קליינע ווייכע הענד האָט זי צוזאַמענגעדריקט איהר יונג ענט־וויקעלטע ברוסטען.

יוריע בלייבט שטעהן און קלערט: אַז דער פאַטער מוז נאָך אודאי וואַך זיין, נו, קען ער איצט נישט אריינגעהן, ס'איז געזונדער אַז זיי זאָלען זיך אין די ערשטע צייט וועניגער צוזאַמען טרעפען; און ווען ליאַליע פרעגט איהם אויב ער וויל אריינגעהן שלאָפען, ענטפערט ער „ניין“, ער וועט נאָך אַביסעל שפּאַצירען געהן.

— ווי דו ווילסט, — זאָגט ליאַליא ווייך און ליעבליך, אַ גוטע נאַכט!

זי לענגערט זיך נאָך אַמאָל, דריקט צוזאַמען איהרע אויגען ווי אַ יונג קעצעלע, פערקוקט זיך אַ ווײַלע אויף דער לבנה און געהט אריין אין שטוב.

יוריע איז געבליבען אליין. אַ ווײַלע שטעהט ער אַזוי אונבעוועגליך און קוקט אויף די שווארצע שאָטענס פון די הייזער, וועלכע זעהען זיך טיעף און קאַלט פון דער נאַכט ארוים. פּלוצים דערשרעקט ער זיך, און געהט אַוועק אין דעם זעלבען וועג וואו דער קראַנקער סעמיאַנאָוו איז פריהער פער־שוואונדען.

ער האָט באַלד סעמיאָוו'ן אָנגעיאָגט און האָט איהם אָבגעשטעלט.

סעמיאַנאָוו גיט קענענדיג געהען שנעל און הוסטענדיג, האָט זיך דער־שראָקען ווען ער איז פּלוצים איינגעהאַלטען געוואָרען, אָבער דערזעהענדיג יוריע האָט ער זיך בערוהיגט און גלייכגילטיג געפרעגט:

— אַ! איהר זייט דאָס? וואָס איז דער מעהר, פאַר וואָס זייט איהר שוין נישט געגאַנגען שלאָפען?

— ס'גליסט זיך מיר גאָר נישט צו שלאָפען, איך וועל אייך אַביסעל בעגלייטען.

— אז איהר ווילט, פאר וואס נישט — זאָגט סעמיענאוו מיט א גלייכ־גילטיגען טאָן.

שווייגענדיג געהען זיי ביידע ווייטער; סעמיאנאוו הוסט און קארטשעט זיך צוזאמען אזוי ווי פון קעלט.

— איז אייך נישט קיהל? פרעגט יוריע אויבערפלעכליך, ווייל אַט דער טרויעריגער הוסט בעלעסטיגט איהם.

— מיר איז אַלע מאל קאלט, — ענטפערט סעמיאנאוו מיט פערדרוס.

יוריע איז מיט אמאל געוואָרען פיינליך, ס'דאכט זיך איהם, אז ער האָט נישט געדארפט איהם די פראגע שטעלען, ער האָט אָנגעריהרט א קראנקען פונקט, און כדי זיך אוועק צודרעהען פון דעם געשפרעך פרעגט ער איהם:

— שוין לאנג ווי איהר זייט ארוים פון דער אוניווערזיטעט?

סעמיאנאוו ענטפערט נישט באלד, ער טראכט א ווײלע און צו ענדע זאָגט ער מיט א גלייכגילטיגקייט: שוין לאנג.

יוריע האָט איהם אָנגעפאנגען דערצעהלען וועגען דער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, וואס ער האָט זיך אַלץ אנגעליטען, אם ענדע ווי די בעוועגונג איז געוואָרען שוואך ביי די מאסען, און דאס האָט ער איהם דערצעהלט מיט אַן אמת'ען הארצוועהטאג, ער האָט אמת'דיג געליטען פון דעם. צו ענדע פרעגט ער איהם: האָט איהר געלעזען די לעצטע רעדע פון בעבעל?

— יא, כ'האָב געלעזען.

— נו, ווי געפעלט עס אייך? א יא שעהן... וואס?

אָבער סעמיאנאוו, אנשטאט צו ענטפערען, הויבט אויף זיין שטעקען מיט דעם ברייטען הענטעל, זיין שאטען טהוט איהם נאָך, און ער זעהט אזוי ווי ערגעץ א שווארצער רויב־פויגעל שאָקעלט מיט די פליגעל, דערנאָך הויבט ער אָן צו ריידען גיך, איין ווארט קומט נישט צום צווייטען, אזוי ווי ער זאָל מורא האָבען אז ער וועט פערשפעטיגען צו זאָגען ד א ס וואס ער וויל זאָגען..

— איהר ווייסט וואס איך וועל אייך... זאגען.. איך וועל... אייך זאָגען אַט אזוי פיעל... אז באלד... וועל איך שטארבען... דאס אלעס; איהר פערשטעהט?

ער האָט ווידער א מאך געטהאָן מיט'ן שטעקען, און דער שטעקען האָט איהם נאָכגעמאכט ווי פריהער.

איהר זעהט? רעדט ער ווייטער מיט ביטערניש, דער טויט שטעהט אונטער מיינע פּלייצעס... וואס זשע געהט מיך אַן בעבעל? איין פּלוידערער זאָגט

דאָס, קומט אַן אַנדערער און זאָגט אַנדערש, וואָס איז מיר דער חילוק... איך וועל שוין סיי ווי סיי באַלד אָבפּאַהרען, איהם פערשטעהט? צום טייוועל געהן.

יוריע שווייגט, ער ווייסט נישט וואָס ער זאָל טהאָן. ס'ווערט איהם שמערצליך און טרויעריג. ער פיהלט, אַז סעמינאָוו איז גערעכט, אָבער ס'פּער־דריסט איהם דאָך פאַר וואָס ער זאָגט אַזוי.

— איהר דענקט אפשר אַז פאַר מיר איז דאָס אַלעס וויכטיג, אַז עס קי־מערט מיך פיעל וואָס עס געשעהט אין דער אוניווערזיטעט אָדער וואָס בעבעל רעדט, זאָגט סעמיאָנאָוו מיט האסט ווייטער. ווען צום ביישפּיעל, אַז איהר וועט האַלטען ביים שטאַרבען, אָט אַזוי ווי איך... איהר פערשטעהט? צום טייפעל, ס'וועט דאָך אייך דאַמאָלס נישט קימערען וואָס אַ בעבעל טאָלסטאָי אָדער אַ ניטשע פלוידערט ערגעץ... צום טייפעל מיט אַלעם... איך.. סעמיאָנאָוו ווערט פּלוצים שטיל.

די לבנה לייכט העל גלייך ווי פריהער, און דער שוואַרצער שאָטען געהט זיי נאָך פון הינטען.

— אָט באַלד וועט פון מיר גאָר נישט ווערען, האָט זיך פּלוצים סעמיאָ־נאָוו מיט אַ ביטער וויינענדיגע שטימע אָנגערופען — מיין אָרגאַניזם וועט צופאַלען... און גאָר נישט... ווען איהר וואָלט וויסען ווי עס ווילט זיך נישט שטאַרבען. איבערהויפּט אין אַזאַ שעהנע וואַרעמע נאַכט, — ער ווענדעט זיין מיאוס מאָגער פּנים צו יוריע און קוקט אויף איהם מיט זיינע בלישטשענדע שוואַרצע אויגען, — אַלץ וועט לעבען בלייבען! אַלץ... נאָר איך וועל שטאַר־בען... נישט אַזוי ווי ס'דערצעהלט זיך ערגעץ אין אַ ראָמאַן, אפילו ווען אַ קינסטלער האָט עס מיט אמת'ע שטריכען געשילדערט, נאָר טאַקע פּשוט שטאַרבען... איהר פערשטעהט? דאָס איז נישט קיין פראַזע, איך שטאַרב... שטאַרב אויף אַן אמת'ן... און ווייטער גאָר נישט.

ער צוהוסט זיך שטאַרק, ס'דווערט אַ ווייל און ער רעדט ווייטער:

— אפּטמאָל פאַנג איך אָן נאָכצודענקען, אַז באַלד וועל איך ליגען אין אַ פינסטערניש... איהר פערשטעהט? ערגעץ טיעף אין דער קאַלטער ערד, אָהן אַ נאָז מיט צופוילטע גלידער, און דאָ וועט זיין ווי געוועזן, אַלעס וועט זיך געהען זיין גאַנג, גלייך אַזוי ווי איצט, ווען איך לעב נאָך... איהר וועט נאָך לעבען, ארומלויפען אַזוי ווי איצט אויף די לבנה קוקען, איהר וועט אין זיך די שמעקענדיגע לופט איינאָטעמען... ר'וועט אפשר אַמאָל פאַר מיין קבר פאַראיבער געהן... און אַז עס וועט אייך געפעלען וועט איהר טהאָן דאָס וואָס אַ מענש... אַ לעבעדיגער מענש דאַרף טהאָן... אָבער איך, איך וועל דאָרט לי־גען און ווייטער פוילען.. עקעלהאַפט פוילען ש! נאַ! צושרייט זיך סעמיאָנאָוו

פּלוצים מיט אַ כעס, וואָס געהט מיך אָן אַ בעבעל! אבער אַנדערע מיליאָנען פּראזען שרייענדיגע עזלען!

יוריע נישט וויסענדיג וואָס איהם צו ענטפערען האָט געשוויגען.

— נו, אַ גוטע נאַכט מיין לעבעדיגער פריינד! — זאָגט סעמיאנאָוו מיט אַ שטילען טאָן און רייכט איהם די האַנד, איך וויל האָפען אז איהר האָט מיך פערשטאַנען... אָט דאָ איז מיין היים.

יוריע דריקט איהם די האַנד, קוקט אויף איהם מיט רחמנות, ער וויל איהם עפּעס אַ גוט ווארט זאָגען, איהם טרייסטען, אביסעל האָפנונג איהם געבען, ער פיהלט אבער, אז ער קען איהם גאר נישט זאָגען, ס'וועט גאר נישט העלפען... ער זיפצט שווער, און ענטפערט: — צום ווידערזעהן!

סעמיאנאָוו פערנייגט זיך, עפּענט אויף דאָס הויז־טויער און ווערט פערשוואונדען אין הויז, פון אינעווייניג הערט זיך זיינע שאַרעדיגע טריט און דאָס שווערע הוסטען, דערנאָך ווערט אַלעס שטיל...

מיט לאַנגזאַמע טריט געהט יוריע צוריק אהיים, אַלעס וואָס ער האָט פריהער געזעהן, אזוי שעהן, העל און רוהיג. די לבנה, דער שטערענדיגער הימעל און די בוימער מיט גאָלדענע לבנה שטראַהלען בעקרוינט: דאָס אַלעס זעהט ביי איהם איצט אויס טויט, קאַלט, שרעקענדיג, אזוי ווי אַן אונגעהייער גרויסער בית־עולם ווי אַלץ איז בעגראבען, פערשאָטען און פערגעסען...

ווען ער איז אהיים געקומען, איז ער שטיל אריין אין זיין צימער, ער האָט געעפענט אַ פענסטער צום גארטען און האָט זיך פערטראַכט: אז אַלץ פאַר דעם וואָס ער האָט געקעמפּפט, און וואָס ער איז געווען אַזוי איבערצייגט, אז דאָס וועט פערבעסערען דאָס לעבען, איז אין דער אמת'ן גאר נישט ווערט.. ווען ער וועט אמאָל שטארבען, אַזוי ווי סעמיאנאָוו, וועט דאָס אַלעס, די שעהנע אידעען, די גרויסע פרייהייטס קעמפּפער און אַם ענדע דער גאַנצער קאַמפּף אליין, גאר קיין שום ווערט נישט האָבען.. מיט אידעאַלען קען מען די מענשען נישט גליקליך מאַכען; ס'איז אַלעס פּוסטע פראזען, נאַרישקייטען.

איז דען נישט בעסער אליין גליקליך צו זיין? פאַלט איהם איין אַ געדאַנק, צו וואָס קעמפּפען פאַר יענעם? פאַר ווען? פאַר וואָס נישט פאַר זיך אליין? אַלעס זאָל מען נעהמען וואָס אין לעבען איז דאָ... אַלעס! דאַכט זיך איהם אַז עמיצער רוימט איין אויער אריין...

אַ ווייַלע דערשרעקט ער זיך פאַר דער דאָזיגער געהיימניספולע שטימע, ער וויל פון זיך פערטרייבען די דאָזיגע מחשבות, ער קען אבער נישט...

זיי קומען צוריק, עפּעס אזוי ווי אַ פער'כשוף'טער קרייז דרעהען זיי זיך

אין זיין מוח, זיי דריקען זיין נשמה און ס'איז אונמעגליך ער זאָל זיי פון זיך פערטרייבען.

פ י נ פ ט ע ס ק א פ י ט ע ל.

ווען לידא האָט דערהאַלטען די איינלאַדונג צום אויספלוג פון ליאליע — סוואראשיטש, האָט זי עס געצייגט איהר ברודער, זי האָט געמיינט, אז ער וועט נישט וועלען מיטפאָהרען, און זי האָט עס אויך געוואָלט אז סאַנין זאָל נישט מיטפאָהרען, ווייל ס'האָט זיך איהר געדאכט, אז סאַנין וועט איהר שטער־רען דעם גענוס וואָס זי קען דאָרט האָבען מיט איהר געליעבטען זארודין'ען, זי האָט זיך שוין איצט פאָרגעשטעלט, ווי הימליש און גליקליך זיי וועט דאָרט זיין... ביים טייך, אין א לבנה נאכט, צוזאמען זיצען מיט איהר געליעבטען, ארומגענומען, אזוי שטארק זיך צודריקען צו זיין ברוסט... זיך צוהערען מיט לײדענשאפט צו זיינע ווערטער און קושען, קושען אָהן אויפהער... אָהן א סוף... אָבער סאַנין וועט איהר שטערען, זי ווייסט, אז איהר ברודער האָט דעם אפי־ציער זארודין פיינט. זי וואָלט וועלען אז ער זאָל נישט מיטפאָהרען...

אָבער צו איהר גרעסטען בעדויערען האָט סאַנין ערקלעהרט, אז ער וועט מיט'ן גרעסטען פערגעניגען צום אויספלוג מיטפאָהרען.

ס'איז געווען א שעהנער זומער־טאָג, אויפ'ן הימעל איז קיין וואָלקענדעל נישט געווען, א ווארעמער און לופטיגער טאָג איז געווען. די זון האָט גע־וואָרפען איהרע גאָלדענע שטראהלען אויף דער ערד און אלעם האָט אויסגעזעהן גאָלדיג און שעהן.

— ס'וועלען אויך דאָרט זיין מיידלעך, זאָגט לידא גלייכגילטיג, — דו וועסט קענען מיט זיין בעקאַנט ווערען.

— דאָס וועט דאָך זיין גאר גוט, זאָגט סאַנין מיט א וואונק.

לידא פערשטעהט סאַנין'ס וואונק, און זי איז צופריעדען, אזוי וועט ער איהר שוין נישט שטערען.

צו דער בעשטימטער צייט איז צוגעפאָהרען צום הויז זארודין און טאנא־ראוו מיט א גרויסען ברייטען וואָגען צוגעשפאַנט צוויי שעהנע מיליטער פערד.

לידא פעטראָוונא, מיר וואַרטען פאר אייך — רופט זארודין מיט א לוס־טיגע שטימע, ער איז געווען ריין און ווייס אָנגעפודערט און ס'האָט פון איהם

געשמעקט פּאַרפּיום.

לידא איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ ווייס זומער קלייד מיט אַ סאַמעט קראַגען און אַ סאַמעט גירטעל. זי לויפט אַרונטער פון דער וועראַנדע, רייכט זארודין'ען די האנד, א ווײַלע האלט ער איהר האנד און קוקט איהר אין פּנים.

לידא, פערשטעהענדיג זיין בליק, און ווערענדיג אינערליך אויפגערעגט רופט צו סאַנין, — לאָמיר פאָהרען! לאָמיר פאָהרען, זיי זעצען זיך ביידע אין וואָגען.

אין א קורצער צייט שפּעטער האָט זיך שוין דער וואָגען געטראָגען אויפ'ן וועג פון סטעפּ, וואו ס'איז נאָך פון ווייניג פאָהרען, גראָז געוואַקסען. די רעדער האָבען פאָהרענדיג דאָס גראָז צו דער ערד געבויגען, דער פרישער סטעפּען־ווינד האָט לייכט געבלאָזען די האָר פון די פאָהרענדע. באַלד האָבען זיי נאָך א וואָגען אָנגעיאָגט, אויף וועלכען ס'זיינען געזעסען: ליאַליע סוואַראָשיטש, יוריע, ריאזאנצעוו, נאַוויקאָוו, איוואַנאָוו און סעמיאָנאָוו, דאָרט איז געווען ענג פאר דעם אבער איז פיעל לוסטיגער צוגעגאַנגען, נאָר יוריע איז געזעסען, פון דעם געשפּרעך מיט סעמיאָנאָוו'ן אביסעל טרויעריג.

סעמיאָנאָוו אַליין איז געווען לוסטיג און האָט געזאָגט וויצען, און יוריע האָט נישט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי נאָך אַזאַ רעדען קען מען אַזוי לוסטיג זיין...

נאַוויקאָוו וואָס האָט מעהר שפּאַסען געטריבען ווי יעדער איז פּלוצים אַראָבגעשפּרונגען פון וואָגען און איז אַ צייט לאַנג געלאָפען נעבען דעם וואָגען אין וועלכען לידא איז געזעסען. ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אז צווישען זיי ביידען איז געווען א שטילער אבמאַך, אז זיי זאָלען איינס צום אנדערען אַרויסצייגען אויסערגעוועהנליכע פריינדשאַפט, און יעדעם וואָרט וואָס זיי האָבען זיך געזאָגט איז געווען אַזוי ווי אונטערגעשטראָכען.

דער בארג אויף וועלכען דער מאָנאַסטיר איז געשטאַנען, האָט זיך וואָס אמאָל מעהר בעוויזען פאר זיי, און די מויערן פון'ם מאָנאַסטיר האָבען זיך שוין דייטליכער געזעהן, די געדיכטע אייכען־בוימער וואָס זיינען געוואַקסען אויפ'ן בארג, האָבען אויסגעזעהן ווי געקרויזטע לאָקען, אויך אונטען אַרום דעם בארג זיינען אייכען־בוימער געוואַקסען און האָבען מיט זייער שטאַרקייט געקוקט רוהיג אין הימעל אריין.

דער ריח פון בוים־בלעטער, וואסער, פעלדגראָז און פעלד־בלומען האָבען זיך פערשפּרייט איבעראַל און האָט נאָך פרעהליכער געמאַכט די קאָמפּאַני.

די פערד האָבען זיך אָוועקגעדרעהט פון'ם פאָהר־וועג און זיינען אַרויף אויף דעם פעלד. מיט זייערע קאָפּיטעס האָבען זיי דאָס ווייכע פעטע גראָז צו־

טרעטען און זיינען געלאָפען צו דער ריכטונג וואו די קאָמפּאַניע האָט בע־שלאָסען זיך אבצושטעלען.

קומענדיג אהין האָבען זיי שוין דאָרט געטראָפען א סטודענט און צוויי קליינרוסישע מיידלעך, אין פערשיעדענפארביגע געשטיקטע בלאָזען.

אויף דער ערד איז שוין געווען דעקען פערשפּרייט, און לאבענדיג האָבען זיך די דריי בעשעפטיגט פארצוברייטען טהע און צוביים.

אַזוי ווי די וועגען זיינען נאָר שטעהן געבליבען, זיינען אַלע ארונטערגע־שפרונגען און האָבען אָנגעפאנגען לאבענדיג ארומצוטאַנצען.

ליאַליע האָט אויפ'ן הויכען קול בעגריסט די צוויי מיידלעך וואָס האָ־בען די טהע צוגעגרייט און האָט זיך מיט זיי צוקושט. לידא האָט זיי אויך פריינדליך בעגריסט, אבער איינגעהאַלטען א ביסעל שטאָלץ, דערנאָך האָט זי זיי פאָרגעשטעלט פאר איהר ברודער און יוריע.

די מיידלעך האָבען זיך אומגעדרעהט און האָבען געקוקט נייגעריג מיט בעהאַלטענער צופריעדענהייט צו די יונגע מענער, וועלכע לידא האָט פאר זיי פאָרגעשטעלט.

— אָבער זיי זיינען נאָך אויך נישט בעקאַנט! רופט פלוצים לידא, קו־קענדיג אויף איהר ברודער און יוריע, זי שטעלט זיי איינם ס'אַנדערע פאָר: דאָס איז מיין ברודער וולאדימער פעטראָוויטש, און דאָס איז יוריע סוואַרא־שיטש.

סאַנין דריקט פריינדליך און שמייכלענדיג יוריעס האנד. יוריע אבער בלייבט גלייכגילטיג צו די פאָרשטעלונג און שענקט סאַנין'ען ווענינ אויפ־מערקזאמקייט.

פאר סאַנין איז יעדער מענש וואָס ער האָט בעגעגענט געווען אינטערע־סאנט און ער האָט זיך אַלע מאָל געפרעהט צו בעגעגענען זיך מיט נייע מענ־שען.

יוריע אבער איז געווען איבערצייגט, אז אמת אינטערעסאנטע מענשען זיינען גאר נישטאָ. דאריבער האָט ער זיך אין אָנפאנג פערהאַלטען קאַלט צו אַלעמען.

איוואַנאָוו איז שוין געווען אביסעל בעקאַנט מיט סאַנין'ען און ער איז איהם געווען זעהר אינטערעסאַנט. ער קוקט אויף איהם נייגעריג, געהט דער ערשטער צו איהם צו און פאנגט מיט איהם אָן צו ריידען. סעמיאַנאָוו רייכט איהם אויך די האנד קוים קוקענדיג אויף איהם.

— נו, איצט זאָל ווערען לעבעדיג! — רופט ליאַליע, מיט דעם לאַנג־ווייליגען פאָרשטעלען זיינען מיר שוין פאַרטיג.

אַלע האָבען זיך אבער אין אנפאנגס נישט אזוי פרעהליך געפיהלט, ווייל פיעלע האָבען זיך ערשט דאס ערשטע מאל געזעהן. דערנאָך ווען זיי האָבען אַנגעפאנגען עסען, די מענער האָבען אביסעל וואָדקא געטרונקען און די מיידלעך אביסעל וויין, האָט אַנגעפאנגען פרעהליך צו זיין, מען האָט געלאכט און געשפאסט, מען טאנצט, מען געוועט זיך צו לויפען און צום סוף לויפען זיי אַלע אויפ׳ן בארג ארויף.

שעהן און גרין ליגט דער וואלד פערשפרייט, שטיל איז ארום. פון ווייט און ברייט הערט זיך נישט קיין גערויש, קיין פרעמדעס קול דרינגט נישט אריין און יעדער פיהלט זיך פריי פון זארגען און הארציג פרעהליך.

— זעהט איהר, מיינע הערשאפטען! — רופט זיך אָן ריאזאנצעוו, — ווען אַלע האָבען זיך שוין אויפ׳ן גראז צוריקגעזעצט, ווען די מענשען זאָלען אַזוי אַלע מאל שפרינגען און לויפען, וועלען נײַנציג פראצענט קראנקהייטען פערשווינדען.

— ס׳וואָלטען אויך פיעל זינד פערגעבען געוואָרן... — שטימט ליאַליע צו.

— נא־נא־נא! דאָס איז שוין צופיעל, — זאָגט איוואנאָוו אביסעל פערדריסליך, זינדיגען וועלען די מענשען אַלע מאָל, פארוואָס זאָלען זיי נישט?

כאָטש קיינער האָט נישט געוואוסט איוואנאָוו׳ס פראגע צו פערענטפערן, האָט מען אבער דאָך געלאכט.

אין דער צייט ווען זיי האָבען די טהע געטרונקען, האָט זיך די זון אריבער געשווימען איבער׳ן טייך און דאָס וואסער האָט גאָלדיג געפינקעלט, אויך זיינען די גאָלדענע שטראהלען געפאלען צווישען די צווייגען פון די בוימער.

— איצט מיינע הערשאפטען! — רופט זיך לידא אָן — לאָמיר געהן צו די שיפלעך. זי שטעלט זיך אויף און לויפט פריהערזוים און שרייט צוריק — לאָמיר זעהן ווער ס׳וועט פריהער קומען אהין!

לויפענדיג און לאכענדיג זיינען זיי אַלע צו די שיפלעך צוגעקומען, און מיט אַ פרעהליך געלעכטער האָבען זיי זיך אַלע אין אַ גרויס שיפעל אריינגעזעצט.

— נו אבגעפאָהרען זאָל ווערען! — קאָמאנדירט ווידער לידא. דאָס שיפעל האָט זיך געזעצט אין בעוועגונג. שווימענדיגע וואסער־פאָסען האָבען זיך פערשפרייט אויפ׳ן טייך און זיינען ביי די ברעגעס צוקלאפט געוואָרען.

— יוריע ניקאָלאיעוויטש, פאר וואָס שווייגט איהר? — פרעגט לידא אנפאנגענדיג אַ געשפרעך מיט איהם.

— ס׳איז נישטאָ איבער וואָס צו ריידען — ענטפערט יוריע.

— אזוי נאַר? — זאָגט לידא און וואַרפט איהר קאָפּ אַרונטער פּיהלענדיג אַז אַלע מענער קוקען אויף איהר מיט אַ שטילען חשק.

— יוריע ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך נישט ליעב אָנצוגעבען מיט קלייניגקייטען, — מישט זיך אריין סעמיענאָוו, ער דאַרף האָבען און...

— ער דאַרף האָבען ערענסטקייט, אַן ערענסטע טהעמאַ איבער וואָס צו ריידען, — כאַפּט אונטער לידא מיט אַ שמייכעל.

— קוקט נאַר! אָט האָט איהר אַן ערענסטע טהעמאַ,— רופט זארודין צו לידא, און צייגט מיט זיין האַנד צום ברעג, וואו עס זעהט צווישען וואָרצלען פון אַן אַלטען שטאַרקען אייכען־בוים אַ לאָך.

— וואָס איז דען דאָס? — פרעגט דער סטודענט שאַפּראָוו, נישט זייענדיג בעקאַנט מיט דער געגענד.

— דאָס אַ מין הייהל — ענטפערט איוואַנאָוו, און וואָס פאַר אַ הייהל זאָל עס דער טייוועל וויסען. מענשען דערצעהלען אַז דאָ זיינען אַמאָל געווען פערבאַרגען פאַלש־מינצע און האָבען פאַלש געלד געמאַכט, און אַזוי ווי דער שטייגער איז פון אַלע מאָל, האָט מען זיי אַלע געכאַפּט, די הייהל איז געבליבען לער, קיינער קומט נישט אַהער, מענליך אַז ס'איז דאָרט אינעווענינג זעהר אינטערעסאַנט, ווער ווייסט.

— עס מוז זיכער זיין אינטערעסאַנט — זאָגט לידא מיט בעגייסטערונג —וויקטאָר סערגייאיטש, איך בעט אייך, קריכט דאָרט אריין, זעהט וואָס דאָרט איז! איהר זייט דאָך עפּעס אַ העלד!

אין איהר טאָן איז געלעגען אַזאַ מין פערשטעלטקייט, אַזוי זי זאָל זיך וועלען מיט זארודין'ען אַברעכענען און אויסלאַכען פאַר וואָס ער איבט אויף איהר אוים אַ צוואַנג אין די אווענדען ווען זיי זיינען אַליין.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס? — פרעגט זארודין שטיל.

— איך וועל עס טהאָן, — רופט זיך אָן יוריע, רויט ווערענדיג מען זאָל איהם נישט האַלטען פאַר אַ פּוסטען בעריהמער.

איוואַנאָוו גיט איהם צו חשק.

— אפשר וועסטו אויך מיטגעהן, דו קאָנסט זיין זיין פיהרער, — רייצט זיך מיט נאָוויקאָוו — דו ווייסט דאָך אַלעס דאָ אין דער הייהל.

— ניין, ברודער, איך געה נישט — ענטפערט איוואַנאָוו — איך וועל בעסער דאָ בלייבען.

אַלע לאַכען.

דאָס שיפעל שטעלט זיך נעבען ברעג קעגענאיבער די הייהל עפענונג. ליאַליע ווערט מיט אַמאָל שרעקענדיג און ווענדעט זיך צו איהר ברודער בע־

טענדיג: יוריע, מאך דיך נישט נאריש, דאס איז אמת'דיג נארישקייט, ביי גאט, ס'איז נאר נארישקייטען.

— געווים איז עס נאר נארישקייטען, — גיט יוריע צו, איך בעט אייך.

— ווענדעט ער זיך צו סעמיאנאוו'ן — גיט מיר א ליכט.

— וואו זאל איך נעהמען א ליכט?

— זוכט נאר דארט אין קארב.

סעמיאנאוו דערלאנגט איהם א ליכט.

— איהר ווילט טאקע אין דער אמת'ן דארט אריינקריכען? — פרעגט איינע פון די מיידלעך. — זי איז גרויס און שעהן. זי האט א פולען שעהן ענטוויקעלטען בוזעם, און א וואונדער יונג פריש פנים, ליאליע רופט איהר זינא, און איהר פאמיליען נאמען איז — קארסאווינא.

— אודאי וויל איך — ענטפערט יוריע געלאסען — פאר וואס נישט. מען מוז דאך אמאל עטוואס אויסערגעוועהנליכעס איך מיטמאכען, ס'וועט מיר גאר נישט געשעהן.

דער איינגאנג צו דער הייהל איז געווען פייכט און טונקעל.

סאנין קוקט אריין: ברררר! — מאכט ער מיט עקעל, ער קען עס גאר נישט פערשטעהן, פאר וואס יוריע וויל זיך אפשר אין א געפעהרליך און אונ־בעקוועמען ארט אריין רוקען, אליז צוליעב א פאר מיידלעך זאלען איהם בע־וואונדערען, מען קען דאך דאס פיעל גרינגער האבען...

יוריע האט אנגעצונדען דאס ליכט און האט זיך בעמיהט אויף קיינעם נישט צו קוקען, איצט האט זיך איהם אליין אויסגעוויזען אז ער איז לעכערליך. אבער גלייכצייטיג ערוועקט זיך ביי איהם דער געדאנק, אז די מיידלעך בע־וואונדערען זיין מוטה, ער ווארט ביז דאס ליכט צוברענט זיך גוט, און אליין לאבענדיג געהט ער אין דער הייהל אריין. ער ווערט פערשוואונדען אין דער טונקעלהייט, פאר די דרויסענדיגע האט עס אויסגעוויזען אזוי דאס ליכט האט זיך פערלאשען און יעדען איז געווארען עפעס אונהיימליך.

— זייט פארזיכטיג, יוריע ניקאלאיעוויטש, — רופט ריאזאנצעוו איהם נאך, — גיט גוט אכטונג, דארט קען זיך אמאל א וואלף בעהאלטען.

— איך האב א רעוואלווער ביי מיר — הערט זיך יוריעס שטימע ענט־פערענדיג. זיין שטימע קלינגט אזוי ווי פון א קבר פונקט ווי א טויטער זאל ריידען.

יוריע האט פארזיכטיג גענומען געהן אין דער הייהל, אליץ ווייטער און ווייטער. די ווענד זיינען געווען קרום און נאס ווי אין א טיעפען קעלער. דער באדען אונטער זיינע פיס איז אויף איין ארט געווען העכער און אויפ'ן

צווייטען נידעריגער. ער האָט זיך א פּאָר מאָל אויסגעגליטשט און איז שיעור געפאַלען. ער האָט זיך שוין געוואָלט אומקעהרען, ער וועט זיך אביסעל אוועקזעצען, אביסעל אבוואַרטען, דערנאָך וועט ער אַרויסגעהן און זאָגען: אַז ער איז געווען גאַנץ ווייט אין דער הייהל.

מיט אמאָל דערהערט ער טריט הינטער זיך. ס'געהט וועמ איבער'ן ווייסען ליים שטיל און אויפמערקזאם, און דאבי הערט זיך א שטיל אטהעמען.

יוריע הויבט דאָס ליכט אין דער הויך און צו זיין איבערראשונג דערזעהט ער די שעהנע קאַרסאַווינא.

— זינאידא פּאַוולאָוונא! — רופט ער מיט ערשטוינונג. איהר?

— יא, איך טאָקע אַליין — ענטפערט זינא לוסטיג צוריק. זי פערקאַטשערט איהר קלייד און שפּרינגט איבער א גרוב.

יוריען איז דורכגעלאָפען אַן אנגענעהמעס געפיהל, דערזעהענדיג נעבען זיך די שעהנע שטאָלצע קאַרסאַווינא און א גליקליכער שמייכעל האָט זיך פערשפּרייט אויף זיינע ליפּען.

דאָס מיידעל האָט זיך געפונען אזוי ווי אין א פערלעגענהייט קוקענדיג אויף איהם.

— נו, לאָמיר געהען ווייטער — זאָגט זי פּלוצים.

יוריע פאָלגט איהר און געהט אכטענדיג אויף יעדען שריט ווייטער, ער האַלט דאָס ליכט פאָרזיכטיג קעגען איבער זינאידא כדי זי זאָל זעהען וואו צו געהען.

די וועגד פון דער הייהל האָבען געקוקט אויף זיי מיט א שטומען בייזען בליק, ערטערווייז האָבען ארויסגעקוקט פון זיי טיפע לעכער, אונטער זיי איז געלעגען קופּעס שטיינער מיט ערד, און דאָס שווערע שטיק ערד וואָס איז געהאנגען איבער זיי, האָט אויסגעזעהן ווי עפּעס א טויטער שווארצער ריעז און א שרעק געוואָרפען אז אָט אָט פאַלט עס ארונטער אויף זיי און ס'וועט זיי פערשיטען. נאָר עפּעס א געהיימע קראַפט האַלט עס צוריק ס'זאָל נישט אראָפּפאַלען.

זיי זיינען צוגעקומען צו זעהר א טונקעלען אָרט, די לופט איז געוואָרען שטיקענד אזש דאָס ליכט האָט זיך שיער פערלאָשען. יוריע האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען אַן ארויסגאַנג; מיט'ן ליכט ארומזוכענדיג, האָבען זיך די טונקעלע שאָטנעס בעוואוינען אויף די נאַסע וועגד אזוי ווי שווארצע פלעקען.

ס'האָט זיך געוויזען א פּאָר אויסגענגע, זיי זיינען אָבער געווען מיט ערד און שטיינער פערשאָטען, ס'האָט זיך געוואָלט מיינען, אז ס'האָבען דאָ אמאָל מענשען געוואָהנט. נאָר א פּאָר פערפוילטע ברעטער וואָס זיינען געלעגען אין

א זייט און האבען אויסגעזעהען ווי פון אן אלטען טויטען־קאסטען, האט זיך דערקענט, אז ס'איז דארט אמאל א בית־עולם געווען.

יוריע און זינא זיינען געבליבען אביסעל דערשראקען שטעהן.

— ס'איז נישטא דא קיין אינטערעסאנטעס צו זעהן, — זאגט יוריע, נישט אליין וויסענדיג וואס צו רעדען.

די ערד איבער זיי און ארום זיי דריקט אזוי שטארק זייער געמיטה, און קארסאווינא האט אנגעפאנגען זיך צו שרעקען, זי טוליעט זיך צו צו יו־ריען אזוי ווי זי זאל זוכען ביי איהם שוץ, יוריע בעמערקט עס און אינערליך פיהלט ער זיך צופריעדען, וואס אט דאס שעהנע שטארקע מיידעל זוכט שוץ ביי איהם. א צערטליכער געפיהל בעוועגט זיך אין זיין ברוסט.

— מיר זיינען ווי לעבעדיג־בעגראבענע — מורמעלט שטיל קארסאווי־נא — איך גלויב, אז ווען מיר זאלען דא שרייען, וואלט קיינער פון דרויסען אונז נישט געהערט.

— זיכער נישט — ענטפערט יוריע שמייכלענדיג, עפעס אן אונבעוואוס־טער ווילען בעהעפט זיך אין זיין הארץ; ער זאל מאכען איהר שרעקענדיג. עס פערדרעהט זיך איהם פלוצים דער קאפ, אזוי ווי פון דער זייט קוקט ער אויף איהר הויכען בוזעם וואס איז קוים מיט א דין העמדעל פערשטעלט. ער זעהט איהרע ווייכע רונדע אקסלען, א ליידענשאפטליכער געדאנק פאלט איהם איין, זי איז אליין מיט איהם... איהר שרייען וועט קיינער נישט הערען... דער דאזיגער געדאנק ברענט אזוי שטארק אין זיין קאפ, אזש פאר א ווייל וועלע ווערט איהם טונקעל פאר די אויגען.

אבער ער בערוהיגט זיך באלד, ער פיהלט ווי נידערטרעכטיג אזא געדאנק בלויז קען זיין; מיט געוואלד א פרוי צו צווינגען... און נאך מעהר פאר איהם, פאר יוריע שוואראשיטש, דעם רעוואלוציאנער... ער זאגט רוהיג: — אט וועל־לען מיר באלד פרואווען!

ליידענשאפטליך האט זיין קול געציטערט, ער איז זיכער געווען, אז זינא מוז דערקענען וואס ס'געהט אין איהם פאר.

— וואס מיינט איהר? — פרעגט זי.

יוריע נעהמט ארויס דעם רעוואלווער.

— איך וועל איינמאל אויסשיסען.

— קען פון דעם שאס עפעס ניט איינפאלען?

— איך ווייס נישט — ענטפערט ער אזוי, כאטש וויסענדיג, אז ס'קען פון דעם גאר נישט געשעהן — שרעקט איהר זיך אפשר?

— ניין, איך האב נישט קיין מורא, שיסט! שיסט! — ענטפערט קאר־

סאווינא אביסעל אברוקענדיג זיך פון איהם.

יוריע הויבט אויף דעם רעוואלווער אין דער הויך און שיסט אויס. א בלויער ליכט־שטריך בליצט אויף נאהענט צו זייערע אויגען, אויף אן אוי־גענבליק פיהלט זיך אן ארום מיט א לייכטען נעבעל, דערנאך הערט זיך אזוי ווי א שווערער פערשטיקטער טומעל ערגעץ פערשוואינדען אין דעם בארג. אבער דאס שטיק איז געבליבען הענגען איבער זיי ווי פריהער.

— זעהט איהר, דאס איז אלץ — זאגט יוריע איינטאניג.

— קומט, לאמיר צוריקגעהן — זאגט קארסאווינא פלוצים אזוי ווי ענט־שלאסען — קומט!

זיי געהען צוריק. קארסאווינא פאראויס און יוריע נאך איהר.

דערזעהענדיג ווידער איהר שעהנע רונדע אקסלען, איהר שלאנקע פי־גור און רונדע היפטען, בעקומט ווידער יוריע א ליידענשאפטליכען חשק ווי פריהער.

— הערט זאנידא פאוולאוונא, — זאגט יוריע נישט קענענדיג מעהר קעמפפען מיט זיך — הערט, עס איז אן אינטערעסאנטע פסיחאלאגישע פראב־לעם! פאר וואס האט איהר נישט קיין מורא מיט מיר אזוי אליין דא ארומצו־קריכען? איהר אליין האט דאך געזאגט, אז קיינער פון דרויסען קען אונזער געשריי הערען, און איהר קענט דאך מיך נישט גוט.

קארסאווינא פיהלט אין דער פינסטערניש, אז זי איז רויט געווארען פון דער פראגע, אבער זי שווייגט. יוריע אטהעמט שווער... און זי הערט זיין אטהעמען, נאך א ווייל שווייגען, זאגט זי מיט א שטילע פערשעהמטע שטי־מע:

— איך האב מיך פארגעשטעלט אז איהר זייט אן ארענטליכער מאן... אז נישט וואלט איך נישט געווען געגאנגען.

— שטעלט אייך פאר, ווען איהר האט א טעות געהאט, און איך בין ניט אזוי ווי איהר האט זיך פארגעשטעלט... און איך טהו וואס מיין ליידענשאפט דיקטירט מיר איצט, וואס וואלט איהר געטהאן?

— איך וואלט זיך אין טייך אריינגעווארפען, איך וואלט זיך דערטרונ־קען — ענטפערט קארסאווינא איינפאך, נאך שטילער און נאך מעהר רויט־ווערענדיג ווי פריהער.

דער דאזיגער ענטפער האט ביי יוריע'ן ארויסגערופען א מין רחמנות צו איהר און ער איז געווארען בערוהיגט.

וואס פאר א גוטע זיסע מיידעל דאס איז — דענקט ער ביי זיך. אבער דער לעצטער געדאנק איז שוין נישט בעשמוצט מיט דער ליידענשאפט פון

פריהער, און דאָס פרעהט איהם אַזוי אַזש עס קומען איהם טרעהרען אין די אויגען.

קאַרסאווינא שמייכעלט צו איהם שטאַלץ פון איהר ענטפער, און פיה־לענדיג אַז איהם געפעלט דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט.

אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען צום אַרויסגאַנג געגאַנגען, דענקט זי נאָך, פאַר וואָס די פראַגען וואָס יוריע האָט איהר געשטעלט, האָט איהר נישט בע־לייריגט... פערקעהרט, זי האָט נאָך געפיהלט טיעף אין איהר הארץ א געהיי־מע אויפרעגונג און עפּעס אנגענעהם.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

די דרויסען געבליבענע האָבען אין אָנפאַנג פאַר די הייהל געטריבען שפּאַס פון יוריע מיט קאַרסאווינא, דערנאָך האָבען זיי זיך צוזעצט אויפ׳ן ברעג. די מענער האָבען זיך ציגאַרעטען פעררויכערט, און די אָנגעצונדענע שוועבעלעך אין וואַסער אריינגעוואָרפען, געבלאָזען דעם רויך און נאָכגעקוקט ווי ער בעוועגט זיך רעדלענדיג אין דער הויך.

לידא געהט ארום צווישען גראָז טאַנצענדיג. זי האַלט די הענד ביי די באַקסעס און דרעהט מיט איהר קליינע פיס נאָכמאַכענדיג ערגעץ א טענצעריו.

ליאַליע רייסט בלומען, וואַרפט זיי צו ריאַזאַנצעוו׳ן און ער פיהלט, אַז זי קושט מיט איהרע בליקען.

— לאָמיר בעסער עפּעס טרינקען! — זאָגט איוואַנאָוו צו סאַנין.

— דאָס איז אַ גוטע אידעע! — רופט סאַנין ענטציקט אוים — לאָמיר געהן.

זיי געהען ביידע צום שיפעל, עפענען די ביער־פלאַשען און מאַכען זיך בעקוועם.

— איהר אונפערשעהמטע שכורים! — רופט ליאַליע און וואַרפט צו זיי אַ בינטעל גראָז וואָס זי האָט איילענדיג אויסגעריסען אויפ׳ן ברעג.

פערקעהרט, דאָס איז זעהר גוט! — שרייט איוואַנאָוו טרינקענדיג דאָס ביער מיט אַ חשק, — איך קען עס דורך אוים נישט בעגרייפען, — זאָגט ער ווייטער שפּאַסיג — פאַרוואָס מענשען זיינען געגען אַלקאָהאָל, נאָך מיין מיי־נונג לעבט טאַקע נאָר דער שכור אַ ריכטיג לעבען.

— נאָר ווי אַ חיה — מישט זיך אריין נאָוויקאָוו צוקומענדיג נאָהענט צום

שיפעל.

— זאָל זיין אַזוי ווי אַ חיה — ענטפּערט איהם סאַנין, — אָבער נאָר דער שכור טהוט וואָס ער וויל, ווילט זיך איהם זינגען, זינגט ער; ווילט זיך איהם טאַנצען, טאַנצט ער; ער שעהמט זיך נישט מיט זיין פרעהליכקייט.

— און אַמאָל שלאָגט ער זיך און שלאָגט אַנדערע — בעמערקט ריאַזאַנ־צעוו.

— דאָס קומט אויך פאָר! — ענטפּערט סאַנין, — דאָס איז, ווייל זיי פערשטעהען נישט ווי אַזוי צו טרינקען; זיי ווערען באַלד אויפגערעגט.

— און דו סאַנין, שלאָגסט דיך נישט אַמאָל ווען דו ביזט שכור? — פרעגט נאַוויקאָוו.

— ניין, — ענטפּערט סאַנין רוהיג. — פערקעהרט, ווען איך בין בע־טרונקען בין איך דער בעסטער מענש, ווייל דאַמאָלס פערגעס איך אין פיעל געמיינהייטען.

— נישט אַלע מענשען האָבען אַזאַ גוטען כאַראַקטער ווי איהר — בע־מערקט ווידער ריאַזאַנצעוו.

— אמת, אָבער וואָס געהען מיך אַנדערע אַן — זאָגט סאַנין שמייכלענ־דיג און טרינקט גלאָסען זיין ביער.

— ניין, מען דאַרף נישט אַזוי ריידען ווי דו, — זאָגט נאַוויקאָוו מיט אַ שאַרפען טאָן.

— פאַר וואָס נישט? און ווען ס'איז אָבער דאָך דער אמת?

— אַ שעהנער אמת — זאָגט ליאַליע, צוזאַמענקלאַפּענדיג פאַר שרעק מיט איהרע הענד.

— דאָס איז דער בעסטער און שעהנסטער אמת וואָס איך קען — ענט־פּערט איוואַנאָוו אַנשטאַט סאַנין.

לידא וואָס האָט ביז איצט הויך געזונגען, בלייבט שטיל און ווילענדיג דאָס געשפּרעך אַרויפציהען אויף אַנ'אַנדערע טהעמאַ, ווענדעט זי זיך צו זיי:

— וואָס זאָמען זיי זיך אַזוי לאַנג?

— צו וואָס דאַרפען זיי זיך איילען? — ענטפּערט איוואַנאָוו — מען זאָל זיך איבערהויפּט קיינמאָל נישט איילען.

— זי איז דאָך אַ העלדין אָהן מורא, — זאָגט לידא, און סאַרקאַסטיש גיט זי צו: אָבער אויך אָהן אַ פּלעק.

פון די לעצטע ווערטער צולאַכט זיך טאַנאַראָוו, ווייל אויך ער האָט דאָס זעלבע געוואָלט זאָגען.

— אפשר זיינען זיי דאָרט גאָר פרעהליך. — בעמערקט ווידער לידא.

— ש... ש... שאַ! — אונטערברעכט ריאַזאַנצעוו. עס הערט זיך אַ דומפּ־פּער שאָס פון דער הייהל.

— אַ שאָס! — רופט נאַוויקאָוו.

— וואָס קען דאָס זיין? — פרעגט ליאַליע מיט אַ שרעקענדיגע שטימע אנכאַפּענדיג זיך אינ'ם ארבעל פון איהר חתן.

— שרעק דיך נישט, וויל איהר ריאַזאַנצעוו בערוהיגען, — ווען ס'זאָל אפילו זיין אַ וואָלף, איז ער אויך אין דער איצטיגער צייט נישט געפעהרליך.

— און פאַר צוויי מענשען האָט זיכער אַ וואָלף מורא — זאָגט איוואַ־נאָוו מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן.

— אַך! אום גאָטעס ווילען — רופט דער סטודענט שאַפּאַראָוו מיט שרעק.

לידא פיהלט, אַז די דאָזיגע אויפרעגונג איז אוננעטהיג און זי רופט:

— אָט קומען זיי דאָך שוין.

פון דער הייהל האָבען זיך בעוויזען יוריע און קאַרסאַווינאַ. יוריע־פער־לעשט דאָס ליכט און קוקט אויף יעדען מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, נישט ווי־סענדיג ווי אַזוי אַלע בעטראַכטען זיין אויפטהו... ער איז אינגאַנצען מיט גע־לען ליים אויסגעשמירט, אויך די קאַרסאַווינאַ איז אויסגעשמירט.

— נו, וואָס האָט איהר דאָרט געזעהן? — פרעגט גלייכגילטיג סעמיע־נאָוו.

— זעהר אָריגינעל און זעהר שעהן — ענטפערט יוריע, — אָבער די ווענט געהען נישט טיעף אריין, און צום סוף ליעגט אַ האָלצגעשטעל און פוילט.

— האָט איהר געהערט דעם שאָס? — פרעגט קאַרסאַווינאַ נייגעריג זיך אומקוקענדיג צו אַלע.

— מיינע הערשאַפטען! שרייט איוואַנאָוו, צו וואָס טויג אונז צו ריידען פון העלדישקייט, דאָס ביער האָבען מיר שוין אויסגעטרונקען, אונזערע נשמות האָבען זיך שוין גענוג דערקוויקט, איצט לאָמיר צוריקפאָהרען!

ווען דאָס שיפעל איז ווידער געוועזען אין מיטען וואַסער, האָט די לבנה אָנגעהויבען אויפצוגעהן, די לופט איז געוועזען וואונדערליך שטיל און דורכזיכ־טיג.

אויפ'ן הימעל און וואַסער, אויבען און אונטען האָבען די שטערענדלעך גאָלדיג געגלאַנצט און ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַזוי ווי דאָס שיפעל שווימט צווישען צוויי גאָלדיג שימערענדיגע וועלטען.

דער וואַלד און די ברעגעס איןביידע זייטען, זיינען געווען בעהאַלטען אין טונקעלע שאָטענס, א נאַכטיגאַל האָט ערגעץ אַנגעפאַנגען זינגען, און אין דער שטילקייט האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס ערגעץ א בעהאַלטענער בלאַנד־לאַקיגער מלאך זינגט בענקענדיג א ליעד....

— ווי שעהן! שעפּטשעט ליאַליע אויפהויבענדיג איהרע אויגען צום הי־מעל און אַנלעהנענדיג איהר קאָפּ אויף קאַרסאַווינאָס ווייכען וואַרמען אַק־סעל.

די טרעלען פון די נאַכטיגאַל האָבען זיך צוגאָסען איבער'ן וואַלד, מיט א כישוף אַרומגעפלויגען איבער'ן טייך, איבער'ן גראָז די בלומען און האָבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט די שטראַהלען פון דער לבנה, אַזוי ווי פער'כשוף'ט איז אַלץ געלעגען פערשפּרייט.

— פון וואָס זינגט זי? — פרעגט שטיל ליאַליע און נישט ווילענדיג פאַלט איהר האַנד אראָב אויף ריאַזאַנצעוו'ס קניע. זי פיהלט ווי די האַרטע שטאַרקע קניע ציטערט אונטער איהר קליינע האַנד. עס ווערט איהר גוט... אַזוי גוט אויפ'ן האַרצען אָבער גלייכצייטיג דערשרעקט זי זיך פאַר דעם ציטער.

— פון ליעבע זינגט זי. — ענטפערט האַלב שפּאַסיג ריאַזאַנצעוו. ער לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהרע און א וואַרעמקייט געהט דורך זיינע גלי־דער.

— אין אַזאַ נאַכט ווילט זיך פון גאַר נישט דענקען, נישט פון קיין גוטעס און נישט פון קיין שלעכטעס — רעדט לידאַ אַזוי ווי צו זיך, צו געבען איהרע איינענע געדאַנקען עפּעס אַן אויסדרוק... און נישט ווילענדיג טראַכט זי: אויב זי טהוט גוט מיט דעם וואָס זי גיט זיך אָב אין דעם געוואַגטען שפּיעל מיט זאַרודין'ען, און אַלץ זי אויף זיין פּנים קוקט, וואָס ס'איז גראַד דאַרויף א שטראַהל פון דער לבנה געפאַלען, דאַכט זיך איהר אַז ער איז נאָך שעהנער.. נאָך מענשליכער ווי אַלע מאָל און זי פיהלט ווידער די זיסע שוואַכקייט, די הילפלאָזע אונבעהאַלפענקייט וואָס עס ציהט זי צו איהם...

— עס וויל זיך טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש — זאָגט איוואַנאָוו צו לידאַ מערקענדיג אַז זי טראַכט וועגען עפּעס אַנדערש.

סאַנין צולאַכט זיך פון זיינע ווערטער, די גאַנצע צייט קוקט סאַנין אויף קאַרסאַווינאַ'ס ענטוויקעלטען בוזעם און ווייסען שעהנעם האַלז. עס פאַלט אויף איהם א ליידענשאַפטליכער ווילען, ער זאָל אויפרייסען איהר געשטיקט דין זיידען העמד, צווישען איהרע ברוסטען זיינע הענד איינגראַבען און דאָרט געניסען, געניסען, אָהן אויפהער... ער קריצט מיט די צייהן פאַר ליידענשאַפט,

קוים זיך איינהאַלטענדיג נישט צוצופאַלען צו איהר...

קאַרסאַווינא וואַרפט פון זיך אַראָב דעם שטרוי־הוט, איהר בוזעם בע־וועגט זיך העכער, זי פאַנגט אָן זינגען, איהר שטימע איז אַ שטילע אָבער זעהר אַ שעהנע און אַנגענעהמע.

זי זינגט אַ מאַלערוסישע פאָלקס־ליעד, אַזוי ווייך און טרויעריג ווי אַלע די פאָלקס־ליעדער.

— זעהר שעהן — זאָגט סאַנין, זעהר שעהן!

ווען קאַרסאַווינא האָט געענדיגט זינגען האָבען אַלע אַפּלאָדירט און דאָס קלאַפּען האָט אָנגעקלונגען אין וואַלד און אויפ׳ן וואַסער.

— זינג נאָך עפּעס, זינג „דובינושקא“ — בעט ליאַליע, אָבער ווייסטו וואָס לעז פאַר דיינע אייגענע געדיכטע.

זיינט איהר אויך אַ דיכטערין — פרעגט יוריע ערשטוינט, וואָס פאַר אַ מענגע מיט טאַלאַנט גאָט האָט אייך געגעבען.

— איז דאָס נישט גוט? — פרעגט שפּאַסיג קאַרסאַווינא.

— ניין, אין געגענטהייל זעהר גוט — זאָגט סאַנין מיט עהרליכע בע־וואונדערונג.

— איבערהויפּט אַז די דיכטערין איז יונג און שעהן קען עס אודאי נישט שאַטען — רופט זיך איוואַנאָוו אָן.

— דעקלאַמיר עטוואָס, זינאָטשקא — בעט נאָכאַמאָל ליאַליע מיט פולע צערטליכע ליעבע.

קאַרסאַווינא קוקט שמייכלענדיג אויפ׳ן וואַסער און פאַנגט אָן צו דעק־לאַמירען מיט דיזעלבע קלאָהרע שטימע וואָס זי האָט געזונגען.

ליעבסטער, מיין ליעבסטער, זאָלסט קיינמאָל נישט וויסען
ווי מיין האַרץ מיך צו דיר טרייבט;
איך וויל מיינע טרוימענדע אויגען פערשליסען
און מיין סוד פערבאָרגען בלייבט.

קיין ערדישער מענש זאָל איהם נישט קענען
דעם סוד מיינעם פון וואַך און דרימעל,
נאָר די שווייגענדע נעכט פון טרויער און וויינען
און די שטערען וואָס גלאַנצען אין הימעל.
כ׳וועל ליידען, כ׳וועל שטיל אַלעס ערטראָגען.
נאָר דעם סוד פון מיין ליעבע וועל איך קיינעם נישט זאָגען.

ווידער האָבען אַלע אַפּלאָדירט; נישט אַזוי, ווייל דאָס געדיכט האָט

זיי שטאַרק געפאַלען, נאָר ווייל זיי האָבען אַלע זיך געפיהלט צופריעדען און נאָך ליעבע געגאַרט.

— נאַכט... טאָג... און פינאַידאַ פּאַוולאָווגאַ'ס אויגען! רופט פּלוצים איוואַנאָוו מיט זיין באַסען שטימע, זאָגט, בין איך נישט דער גליקליכסטער, אין וועלכען זינאַידיאַ איז פערליעבט?

— איך קען דיר זיכער זאָגען — ענטפערט סאַנין מיט אַ שמייכעל — אַז דו זיכער נישט.

— אוי וועה איז מיר! — מאַכט איוואַנאָוו גלייך ווי ער וואָלט וועלען וויינען.

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

— איז מיין געדיכט שלעכט? — פרעגט קאַרסאַווינאַ ביי יוריע'ן.

יוריע האָט געוואוסט אַז דאָס געדיכט איז נישט אָריגינעל, אַז עס גיבען פיעל אַנדערע וואָס זיינען זעהר ענליך צו דעם, אָבער קוקענדיג אויף דער שעהנער יונגער קאַרסאַווינאַ, ווי זי קוקט אויף איהם מיט איהרע שוואַרצע, בלישטשענדיגע, פער'חלום'טע אויגען, מאַכט ער אַן ערענסט פּנים און ענטפערט:

— ביי מיר זיינען זיי וואונדערבאַר שעהן.

קאַרסאַווינאַ שמייכעלט צו איהם, זי האָט פערגעניגען וואָס טאַקע גראַדע יוריע לויבט איהר.

— דו קאָנסט מיין זינאַ נישט גוט, רופט זיך אָן ליאַליע צו איהר ברודער; איהר שטימע איז שעהן, זי אַליין איז אַ שעהנהייט, אפילו איהר נאָמען איז אַ שעהנער, זינאַטשקאַ! זינאַטשקאַ! רופט זי בעגייסטערט, נעהמט קאַרסאַווינאַ אַרום און דריקט זי שטאַרק צו זיך.

ביי קאַרסאַווינאַ'ן האָבען די אויגען געבלישטשעט און דאָס פּנים איז איהר רויט געוואָרען. זי האָט קענטיג הנאה געהאַט פון די קאָמפּלימענטען.

ס'איז שוין צייט אַ היים צו פאָהרען — זאָגט לידאַ אביסעל פערדריסליך. עס פערדריסט איהר, פאַר וואָס אַלע לויבען נאָר קאַרסאַווינאַ.

— אפשר וואָלסטו אויך עפּעס געזונגען? — פרעגט זי סאַנין פערשטעהענדיג איהר פערדרוס.

— ניין, ענטפערט לידאַ, איך בין נישט אין דער שטימונג איצט.

ריאַזאַנצעוו האָט זיך דערמאַנט אַז מאָרגען דאַרף ער געהען פריה אין שפּיטאַל, און ער שטימט אויך צו, אַז מען זאָל אַ היים פאָהרען.

כאָטש אַלע אַנדערע האָבען נאָך געוואָלט בלייבען, אָבער די פרעהליכע שטימונג איז פערשוואונדען, און זיי האָבען בעשלאָסען אַ היים צו פאָהרען.

שפעטער מיט א האלבע שעה זיינען זיי שוין אלע געזעסען אויף די וועגען א היים צו פאהרען.

זיבענטער קאפיטעל.

שפעטער מיט דריי טאג, שפעט ביי נאכט, איז לידא א היים געקומען פון ערגעץ מיער, צובראכען און אונגליקליך. זי איז נישט אימשטאנד גע־ווען א גאנצען געדאנק צוזאמען צו שטעלען. עפעס האט זיך איהר אויסגעווי־זען, אז זי איז זיך אליין פרעמד, און ווען זי איז אין איהר צימער געקומען בלייבט זי שטעהן אין מיטען, לעגט צוזאמען איהרע הענד און ווערענדיג בלאס קוקט זי צום באדען; טראכט — טראכט און טראכט נישט וויסענדיג וואס, מיט אמאל רייסט זיך עפעס איבער אין איהר מוח, זי דערמאנט זיך וואס מיט איהר איז געשעהן; זי איז ביי זארודין'ען געוועז... זי האט זיך איהם איבערגעגעבען... ער האט געזיעגט... איצט קען ער מיט איהר טהאן וואס ער וויל... אין זיין האנד איז זי איצט... וואס האט זי געטהאן? וואס האט זי גע־טהאן? — שרייט עס אין איהר נשמה, וואס האט זי זיך געלאזט אט פון דעם דומען שעהנעם אפיציער, מיט וועלכען זי האט גאר קיין גייסטיגע פער־בינדונג, פאר וואס האט זי זיך געלאזט איינערדען? פערפיהרען?

ווי אלע איז דאס אזוי שנעל צוגעגאנגען, וואס איז געשעהן? ערשט האט זי זיך געלאזט פון איהם צערטלען, ארומנעהמען און קושען... זיינע אויגען האבען אזוי געברענט, און זיי האבען אין איהר א ליידענשאפטליכע נייגע־רינקייט אנגעצונדען... זי איז צו איהם אין צימער געגאנגען, ער איז צודרינג־ליך געווארען, ער האט מיט זיינע הענד איהר נאקעטע פיס, איהר נאקעטע ברוסטען בעריהרט... די ליידענשאפטליכע נייגעריגקייט האט זיך מעהר אין איהר צופלאקערט... און עס איז געשעהן...

זי ציטערט דערמאנענדיג זיך דאס אלעס. זי פערדעקט איהר פנים מיט די הענד און מיט וואנקענדע טריט געהט זי צו צום פענסטער, מאכט עס אויף און פערקוקט זיך צו דער לבנה.. א טרויעריגע שטימונג דריקט און שטיקט איהר נשמה, עס מישט זיך אין איהר צוזאמען די העסליכע געשעהעניש און א בענקעניש צו איהר שטאלצקייט און איהר הארץ גריזשעט עס ווי א ווארים. וואס האט זי געטהאן? זי האט בעפלעקט איהר לעבען מיט דער בעסטיאלי־

טעט פון א נאַרישען מענשען... עטוואס מורא'דיגעם שטעלט זיך איהר פאר אין דער צוקונפט... זי וויל זיך אליין פערענטפערען:

— וואס האט זי דען איגגאַנצען געטהאַן? זי האט דאך דאס אליין גע־וואָלט... זי איז דאך איהם נאָכגעלאָפען... איך האב עס געוואָלט און איך האב זיך איהם איבערגעגעבען... איך בין דאך צופרידען געווען... ווייטער קען זי נישט טראכטען.

לידא שרעקט צוזאמען, זי געהט אוועק פון פענסטער, זי וואַרפט פון זיך די קליידער אראב און לאָזט זיי ליגען אויף דער ערד.

— פאר וואס טאקע נישט? — טראכט זי ווייטער, דאס לעבען איז שוין אזוי. זי ציטערט פון דעם לופטצוג וואס גלעטען ווייך איהרע נאקעטע אקסעל.

וואס וואָלט איך געווען געוואונען, ווען איך וואָלט געווען געוואַרט ביז דער געזעצליכע חתונה? טראכט זי ווייטער, וואס פאר א בעדייטונג האט עס דען פאר מיר? אין גרונד גענומען איז דאך דאס גאנץ גלייכגילטיג. ס'איז נאריש פון מיר וואס איך וויל דעם געשעהענעם אזא גרויסע בעדייטונג גע־בען... נאַרישקייטען!

דאס וואס איך האב געוואָלט, האב איך געטהאַן. מאָרגען בין איך פריי! וועל איך וועלען וועל איך איהם ליעבען, וועל איך זאט ווערען וועט זיין א סוף...

זי זינגט, דערמאַנענדיג זיך ערגעץ א פערז פון א ליעד.

ביי דעם קלאנג פון איהר שטימע, טראכט זי מיט פערגעניגען, אז זי זינגט פיעל שעהנער ווי די קארסאווינא.

— יא, דאס איז אלץ נאַר נאַרישקייטען, ווען עס וועט מיר געפעלען, וועל איך זיך צום טייוועל איבערגעבען...

זי גלייכט זיך אויס, נעהמט זיך מיט איהרע נאקעטע אָרעמס ארום נאַ־קען, לענגערט זיך שטארק אַזש איהרע ברוסטען ציטערען.

— שלאָפסט נאך נישט, לידא? — הערט זי פלוצים סאַנין'ס קול פון הינטער'ן פענסטער.

לידא דערשרעקט זיך, שמייכעלט אבער באלד, הילט זיך איין אין א טוך און געהט צו צום אָפענעם פענסטער.

— דו האסט מיך דערשראקען, סאַנין, — זאָגט זי.

סאַנין געהט צו נעהנטער צום פענסטער, לעהנט זיך אָן מיט'ן עלענ־בויגען אויפ'ן פענסטער ברעט, זיינע אויגען גלאנצען און ער שמייכעלט.

— האסט דאך אומזיסט דערשראָקען, — זאגט ער שטיל און אויפגע־לעבט.

לידא קוקט אויף איהם פרעגענדיג: וואס הייסט?

— אהן א טוך זעהסטו אוים פיעל שעהנער — זאגט ער דייטליך און שארף. לידא פערשטעהט איהם ווידער נישט. אינסטינקטיוו הילט זי זיך נאך פעסטער איין אינ'ם טוך מיט איהר ברוסט לעהנט זי זיך אן אין פענסטער און בויגט זיך ארוים.

סאנין לאכט פלוצים שטיל און שפעטיש און זיין הייסער אטהעם גלעט לידא'ם באקען.

— דו ביזט א שעהנהייט, ליעבסטע, — זאגט ער אפען.

לידא קוקט שנעל אויף איהם און דערשרעקט זיך פאר דעם אויסדרוק פון זיין פנים. זי כאפט זיך ראפטאם אוועק פון פענסטער און זי פיהלט, אז סאנין קוקט אויף איהר נישט אזוי ווי א ברודער, דאס מאכט אויף איהר אזא שרעקליכען איינדרוק, אזש עס ווערט איהר קאלט אין איהר ברוסט און עס טהוט איהר וועה אין הארצען. פון דעסטוועגען שמייכעלט זי צו איהם.

— איך וויים אז איך בין שעהן — זאגט זי שמייכעלנדיג, עס דאכט זיך איהר, אז אזוי מוז זי לאכען צו איהם. זי לעהנט זיך נאך ווייטער ארוים פון פענסטער, דאבײ פאלט ארונטער דאס טוך פון איהרע אקסעל, און דער אויבערשטע טייל פון איהרע ווייסע ברוסטען זעהען זיך אונטער די שטראהלען פון דער לבנה נאך דייטליכער און נאך שעהנער.

— די מענשען שטעלען שטענדיג אליין א כינעזישע וואנד צווישען זיך און דעם גליק — זאגט סאנין מיט א ליידענשאפטליכען טאן.

לידא דערשרעקט זיך נאך מעהר פאר זיינע ווערטער.

— וואס מיינסטו? — פרעגט זי טאנלאז, נישט קוקענדיג אויף איהם. זי פיהלט אז ווען זי זאל איצט אויף איהם קוקען, וואלט עטוואס שרעקליכעס געשעהן... עטוואס, וואס איז איהר אונמעגליך צו דענקען וועגען דעם... צו דער זעלבער צייט ווייסט זי שוין אז אלעס מוז אזוי קומען, זי שרעקט זיך, זי האט אן עקעלהאפטע עמפפינדונג און דאך איז עס צו גלייכער צייט אינטערעסאנט, איהר קאפ גליהט, זי זעהט פאר זיך כמעט גאר נישט, זי פיהלט ווי סאנין'ס הייסער אטהעם גלעט איהר פנים, איהרע האר אויף'ן קאפ בעוועגען זיך פון זיין אטהעם, עס דאכט זיך אזוי ווי מוראשקעס לויפען ארום אין איהר גאנצען קערפער.

— וואס מיינסטו? — פרעגט זי מעכאניש נאך אמאל.

— גאנץ איינפאך — ענטפערט סאנין, דו ביזט אזא שעהנע.. איך און דו... פאר וואס נישט? ער האקט פלוצים אב.

איבער לידא'ם קערפער פליהט דורך ווי א בליטץ. זי שטעלט זיך אויף

און נישט וויסענדיג אַליין וואָס זי טהוט, בויגט זי זיך צו צום טיש און פערלעשט דעם לאָמפּ.

— ס'איז שוין צייט צו שלאָפען, — זאָגט זי און פערמאַכט דאָס פענס־טער.

ווען דער לאָמפּ איז געווען פערלאָשען, איז אין דרויסען נאָך ליכטיגער געוואָרען, ביי דעם שיין פון דער לבנה זעהט זיך סאַנין'ס שטאַרקער קערפּער און זיין פּנים נאָך דייטליכער, ער שטעהט צווישען הויכען טוי בעדעקטען גראָז און לאַכט.

לידא געהט פון פענסטער אוועק און לעגט זיך כמעט איינגאַנצען נישט וויסענדיג אויפ'ן בעט. עס דרעהט און פּלאָנטערט זיך אין איהר קאָפּ עפּעס משוגענע געדאַנקען. זי הערט זיך צו צו סאַנין'ס טריט, ווי ער געהט מיט שטאַרקע שריט אויפ'ן גראָז, און אַ ווילדער פערלאַנג ערוועקט זיך אין איהר הארץ... זי זוכט מיט איהר האַנד דאָס שטאַרקע קלאַפּען פון איהר אהרץ איינ־צוהאַלטען.

— בין איך דען ווירקליך פערדריקט געוואָרען?—טראַכט זי מיט עקעל, ווי עקעלהאַפט דאָס איז! איין זאַך... איין פּראַזע איז צופעליג געזאָגט גע־וואָרען, און איך בין שוין... וואָס איז דאָס מיט מיר? זאָל עס זיין עראָטאָ־מאַניע? בין איך שוין טאַקע אמת'דיג אַזוי פערדאָרבען? ווי נידעריג מוז מען שוין זיין געפאַלען, אַזעלכע שמוציגע געדאַנקען צו האָבען...

זי צוואוויינט זיך פּלוצים, זי גראָבט איין איהר קאָפּ אין קושען און וויינט ביטער. זי פיהלט זיך נידעריג און אונגליקליך. זי וויינט ווייל מיט דעם וואָס זי האָט זיך צו זאַרודין'ען איבערגעגעבען, האָט זי איהר שטאָלץ פערלוירען, ס'דאַכט זיך איהר, אַז איהר ברודער ווייסט פון אַלעם, און טאַקע דאדורך האָט ער אַזאַ עקעלהאַפטען געדאַנק צו איהר געהאַט... פריהער וואָלט ער אַזעלכעס נ י ש ט געוואָגט... איצט טהוט ער עס, ווייל ער האַלט זי פאַר אַ געפאַלענע...

נאָך מעהר פּלאָגט איהר דער געדאַנק, וואָס זי איז אַ פרוי. די פרויען זיינען נאַר געשאַפען געוואָרען פאַר'ן גענוס פון די מענער, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען יונג און שעהן, האָבען די מענער פון זיי בלויז פערגעניגען. דערנאָך ווערען זיי פעראַכטעט פון דיזעלבע מענער... ווי נידעריג און עקעלהאַפט דאָס איז...

פון וואַנען נעהמט זיך דאָס וואָס די מענער הערשען אַזוי איבער די פרויען? פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? פאַר וואָס זאָל דאָס אַזוי זיין?

לידא קוקט מיט איהרע פערוויינטע אויגען אין דער פינסטערניש אַזוי

לאנג ביז די אויגען הויבען איהר אן צו שמערצען.

— וועל איך שוין טאקע קיין בעסער לעבען נישט זעהן? — פרעגט זי זיך אליין. אבער איהר יונגער קערפער ענטפערט איהר, ער רופט איהר צו ניין! דו האסט א רעכט צו לעבען, דו זאלסט נעהמען פון'ם לעבען וואס דו קענסט נאר... מיט דיין יונגען קרעפטיגען קערפער מעגסטו אלץ וואגען...

און ווער איז דער קערפער? שרייט עס אין איהר, דער קערפער בין „איך" איך אליין! און איך בין פריי!

ווידער הויבען זיך אן געדאנקען צו פלאנטערען אין איהר קאפ און שמערצליך פערביטערט שלאפט זי איין.

אכטעס קאפיטעל.

יוריע בעשעפטיגט זיך שוין לאנג מיט מאהלעריי; ער ליעבט דאס און אפפערט זיין גאנצע פרייע צייט פאר דעם, אמאל האט ער גע'חלום'ט צו ווערען א קונסט־מאלער, אבער פריהער האבען איהם געלד־מיטעל געפעהלט, דערנאך איז געקומען די טהעטיגקייט אין דער פארטיי, און אזוי האט ער אויפגעגעבען די אמביציע צו ווערען אמאל א קונסט־מאלער. נאר אמאל ווען ער האט פרייע צייט מאלט ער נאך עטוואס.

איצט אין דער פרייע צייט, האט ער זיך ווידער גענומען צו מאהלען.

פון די קארסאווינא איז יוריע געוועזן ענטציקט, גראדע אזעלכע פרויען האט ער ליעב, הויכע, פולע, א שטארק־ענטוויקעלטער בוזעם און פער־חלום'טע אויגען, א חוץ וואס זי איז נאך אזוי יונג און אזוי אונשולדיג. דאס אלעס רופט ביי איהם ארויס א מין אויפרעגונג, וואס ער פיהלט אלע מאל ווען ער זעהט אזאלכע יונגע אונשולדיגע ריינע מיידלעך.

עס פאלט איהם איין א געדאנק, ער זאל זי פון איהר ריינהייט בערוי־בען... און דער געדאנק בעהעפט זיך שטארק אין זיין הארץ וואס מעהר ער דענקט פון קארסאווינא, איהר יונגען בליהענדען קערפער פאר זיך זעהט, ווערט דער געדאנק ביי איהם שטארקער.

עס ווילט זיך פריהער אט די יונגע שעהנע אונשולד אויף די לייוועגט מאלען. אלץ א סימבאל „פון'ם לעבען".

קוים האט ער געדענקט וועגען דעם, האט ער זיך פארגענומען אזא בילד מיט'ן נאמען „דאס לעבען" צו מאהלען.

ער האָט געשפּאַנט אַ גרויסע לייווענד אויף אַ הילצערנע ראַהם, און מיט פּיעבערהאַפטע שנעליגקייט האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט, אַזוי ווי ער האָט די ערשטע שטריכען אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן לייווענד, און אַ פּאָר פאַרבען־פלעקען געמאַכט, האָט זיין גאַנצער קערפּער געציטערט פאַר בעגייסטערונג און קראַמפּט; ער שטעלט זיך פאָר דאָס פאַרטיגע בילד אויסערגעוועהנליך קינסטלעריש און פון אַלעם בעוואונדערט.

אָבער וואָס ווייטער ער האָט געהאַלטען אין דער אַרבייט, האָט ער אַלץ געזעהן, ווי שווער דאָס איז. ס'האָט איהם געפעהלט די טעכנישע בילדונג, אַלץ וואָס ער האָט זיך אַזוי בעגייסטערט אין די געדאַנקען פאָרגעשטעלט, איז אויף די לייווענד אַרויסגעקומען שוואַך און בלייך.

ס'איז איהם געוואָרען טרויעריג אויפ'ן האַרצען. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעהמט, וואָלט ער געוויינט.

אַזוי זיצט ער פערטראַכט קעגענאיבער זיין שלעכטעם נאָך נישט פאַרטינעם בילד, און פערשיעדענע געדאַנקען טרייבען זיך אַרום אין זיין מוח.

דאָס לעבען אַליין איז טרויעריג, טראַכט ער, איבערהויפּט דאָ אין דעם קליינעם שטעדטיל, איז דאָס לעבען גראָה, לאַנגווייליג און נאַריש.

ער דערשרעקט זיך פּלוצים פאַר דעם געדאַנק, אַז עס קען איהם אויסקומען דאָ אַזוי זיין גאַנצען לעבען צו פערברענגען... בעסער דער טויט! ווינשט ער זיך, ביי דעם לעצטען געדאַנק פאַלט איהם איין אַז ער זאָל מאַהלען „דעם טויט".

ער נעהמט אַ מעסער און האַסטיג קראַצט ער אַב די פאַרב פון'ם פריהעריגען בילד „דאָס לעבען" און דאַביי פערדריסט איהם פאַר וואָס דאָס בילד וואָס ער האָט אַזוי מיט בעגייסטערונג געמאָהלען, קראַצט זיך אַזוי לייכט אַב.

פויל און נאַכלעסיג געהט ער מיט'ן פּידעל איבער די לייוועגד. די פאַרבען קומען אַרויס בלאַס און טאָנלאָז. אָבער גראַד דאָס בילד וואָס ער וויל איצט מאָהלען, געווינט נאָך פון דעם. די פאַרבען זיינען טויט; אָבער באַלד האָט זיך פון „דעם טויט" „די אַלטקייט" בעוויזען און ס'איז נישט אַרויסגעקומען דאָס וואָס יוריע האָט געוואָלט.

ער מאָהלט אַן אַלטע פרוי וואָס געהט אויף אַ ברייט אויסגעטראָטענעם וועג און טראָגט אַ שוואַרצען טויטען קאַסטען אויפ'ן רוקען.

מען רופט יוריע צום מיטאָג־עסען, ער זיצט נישט לאַנג ביים מיטאָג און מאָלט ווייטער.

שפּעטער קומט נאָוויקאָוו צו איהם, פאַנגט מיט איהם אָן צו ריידען אָבער

ער הערט נישט, ער שטעהט און ארבייט און ענטפערט איהם נישט.

נאוויקאוו זעצט זיך זיפצענדיג אוועק אויף דער זאפע און איז צופריע־דען וואס יוריע רעדט נישט צו איהם.

צו יוריע איז ער נאר געקומען, ווייל אין דער היים ביי זיך האט ער שוין נישט געקענט אויסהאלטען.

לידא האט איהם ווידער ענטזאגט, פאר וואס? ווייסט ער נישט, די פער־שיעדענע קלאטשערייען וואס געהן ארום אין שטאדט וועגען זארודין און לי־דא, דאס האט ער נאך נישט געוואוסט, ער האט נישט אויף ווענען אייפער־זיכטיג צו זיין, און די פראגע „פאר וואס לידא ענטזאגט איהם" דאס פאלגט איהם אונערטרעגליך.

ער פערקוקט זיך אויפ'ן בילד וואס יוריע מאהלט, און שטעלט זיך פאר, אז ער איז אויך אזוי... ער טראגט מיט זיך דעם טויטען קאסטען... און באלד... באלד.. וואס דען? אהן לידא וועט ער קענען לעבען?

— נו, ווי געפעהלט עס דיר? — פרעגט יוריע קוקענדיג אויף נאווי־קאוו'ן.

— זעהר גוט! — ענטפערט נאוויקאוו בעגייסטערט.

יוריע פיהלט זיך אין דער מינוט א זשעני.

אין א ווייכע ארום ווענדעט זיך ווידער יוריע צו נאוויקאוו'ן און מיט א פערצווייפעלטען טאן זאגט ער:

— אך ברודער! צו וואס נוצט דאס אלעס?

אין אנפאנג פערשטעהט נאוויקאוו נישט וואס יוריע מיינט, דערנאך פרעגט ער אזוי נישט אהן איבערלעגונג.

— וואס מיינסטו, אז עס נוצט נישט?

יוריע קען איהם גלייך נישט ענטפערען און ער שווייגט; אויך נאוויקאוו גיט נאך אמאל א קוק אויפ'ן בילד און שטרעקט זיך אויס אויף דער זאפע. נאך א ווייכע זאגט נאוויקאוו:

— ווייסט, ברודער, כ'האב געלעזען דיין ארטיקעל אין דעם זשורנאל „זיעדען" זעהר א גוט ארטיקעל.

— זאל עס דער טייוועל נעהמען! — גיט יוריע פלוצים א געשריי, דער־מאנענדיג זיך אין סעמיאנאוו'ס ווערטער. — וואס האט מען דען פון דעם אלעם? קען דאס העלפען די אונגליקליכע מענשהייט? וועט עס אנדערש מאכען אין דעם לעבען? מען וועט ווידער רויבען, מארדען, און אנדערע גע־וואלטהאטען בעגעהן, מיט אן ארטיקעל וואס מען שרייבט, קען מען גאר נישט אויפטהאן. עס טהוט מיר שוין באנג, וואס איך האב געשריבען דאס ארטיקעל

וואס האב איך דערפון? א פּאר אידיאטען ווען עס לעזען. וואס פאר א צוועק האט דאס? און אם ענדע, וואס געהט עס מיך אן. צו וואס זאל איך מיט'ן קאפּ אין די וואנד שלאגען?

פאר יוריעס אויגען שטעלען זיך פאר די ערשטע יאהרען פון זיין טהעטיגקייט אין דער רעוואלוציאנערע פּארטיי, די געהיימע פערזאמלונגען, די פּראפּאגאנדא, דער הייסער ענטהוזיאזם און אויך די גלייכגילטיגקייט אין דער צייט ווען מען האט געדארפט קעמפּפען. ער געהט אין צימער אויף און אב און מאכט גלייכגילטיגע האנד־בעוועגונגען.

נאוויקאוו הויבט זיך פּלוצים אויף פון זאפע און צושרייט זיך:

— לויט ווי דו זאגסט, לוינט זיך גאר נישט מען זאל עפּעס טהאן, ער דערמאהנט זיך אין סאנין'ס ווערטער און גיט נאך צו:

— איהר זייט אלע עגאאיסטען! ווייטער גאר נישט.

— אמת — ענטפערט יוריע. — ס'לוינט זיך נישט צו ארבייטען די ערד אינערונג פון אמאל, און דאס איינדריינגען פון פארנאכטיגע דעמערונג אינ'ם גאנצען צימער ווירקט אויף איהם אזוי, אז דאס ווייטערע ריידען, זאגט ער אלעם מיט בעגייסטערונג און אויפגערעגט:

— ווען מיר ווילען ריידען וועגען דער מענשהייט, מוזטו מיר זאגען, וואס בעדייטען אונזערע אלטע בעמיהונגען, אט די אלע קאנסטיטוציעס, די רעוואלוציעס — וואס וועלען זיי ברענגען פאר די מענשען? קען מעגליך זיין, ווען מיר זאלען שוין געווינען פאר זיי די פרייהייט, ווען די געזעלשאפט וועט שוין ערגייכען דעם אידעאל צו וועלכען מיר שטרעבען, וועט גאר דער מענש אנפאנגען צו געהען צוריק, און צו ענד וועט ער גאר אנפאנגען געהען אויף אלע פיער... דערנאך וועט זיך אלעם דארפען אנפאנגען פון אנהויב... אבער מען מוז דאך אויך וועגען זיך אליין דענקען, צושרייט זיך פּלוצים יוריע, זאל זיין עגאאיסטען, אבער אליין וויל מען דאך אויך געניסען. ביים בעסטען פאל, וואס קען איך האבען פון דעם? איך אליין! פערשטעהסט? יא, איך קען מיר שאפען א נאמען, בעריהמט ווערען, זעהר שעהן, זיך אנ'שכור'ן מיט נארישען כבוד... אבער מיין אייגען לעבען? מיין אייגענער איך וואס וועט האבען?! איך קען אזוי פיעל בעריהמט ווערען אז ביז איך וועל אלט ווערען, וועט אויף מיין גאלען קאפּ אויפוואקסען א לארבער־קראנץ... אך! ווי ס'עקעלט מיך!...

— אזוי? פאר דיר אליין? — פרעגט נאוויקאוו אביסעל שפּאטיש.

אבער יוריע אכטעט נישט אויף נאוויקאוו'ס ווערטער, ער רעדט ווייטער, ווערענדיג פון זיין אייגענע רייד מיטגעריסען און צופריעדען:

— און ווען מען קריגט נישט די אנערקענונג וועלכע מען פערדיענט, בלייבט מען אז אונבעקאנטע זשעניע, עס ווערט בלויז אלץ א בילד פאר די וויצען־בלעטער און נוץ פאר קיינעם נישט.

— אהא ! — שלאגט איהם איבער נאוויקאוו מיט א מין נצחון, דו גיסט שוין אליין צו, אז מען דארף י א נוצען פאר עמיצען, נאר דו אליין טויגסט נישט....

— וואס פאר א מאדנער מענש דו ביזט, לאזט איהם יוריע נישט ווייטער ריידען, — מיינסטו אמת'דיג, אז איך וויים נישט צו וואס מען לעבט אדער גלויבט ?... קען מעגליך זיין אז איך וועל זיך לאזען קרייציגען אזוי ווי קריסטוס, ווען איך זאל וויסען, אז איך וועל מיט דעם די מענשען רעטען, אבער אזוי איז מיין גאנצע ארבייט ארויסגעווארפען, וואס איך זאל נישט טהאן, דאס לעבען געהט זיך זיין גאנג ברוטאל, נאריש און אונמעשליך.

— מען רעדט אלץ נאר פון נוצען ברענגען. דאס אלץ איז דאך אזוי גרינג, אזוי גאר נישט... ווען למשל איך זאל נ י ש ט זיין, וואלט עפעס די וועלט פערליערען ? גאר נישט... דאס לעבען וואלט זיך ווייטער געגאנגען זיין וועג. זאלסט נישט מיינען, מיין פריינד, אז כ'האב פערגעניגען פון דעם... עס טהוט מיר שמערצליך וועה ווען איך דענק אזוי, איך קען זיך אבער נישט העלפען. דאס לעבען איז אזוי... אמת, די מענשהייט לעבט, און וועט אייביג לעבען, אבער דער איינצעלנער, אט דער יחיד וואס שטעלט צוזאמען די גאנצע מענשהייט, דער שטארבט דאך, וואס זשע טויג דער גאנצער קאמפף ?

נאוויקאוו פערשטעהט אפילו אז אין די ווערטער איז דא א סך אמת, אבער ער וויל נישט באלד נאכגעבען און ער ענטפערט :

— דער טויט איז א נוצליכע און פסיכאלאגישע זאך, וואס ס'נויטיגט זיך פאר די מענשען.

— וואס פאר א נארישקייט דאס איז—טראכט יוריע און הויך ענטפערט ער :

— אבער מיין גאט, וואס געהט עס מיך אן צו דער טויט איז ניצליך צו נישט, אלץ איז אונזין.... די הויפטזאך איז : דו אליין שטארבסט... און ד י י ן טויט ברענגט פאר דיר קיין שום נוצען נישט...

— דו ווידערשפרעכסט דיך אליין, אט זאגסטו, אז די מענשהייט בלייבט אייביג לעבען, און זאגסט באלד, אז מען דארף נישט קעמפפען, ווי אזוי דען וועט די מענשהייט אייביג בעשטעהן, ווען דער איינצעלנער וועט נישט קעמפפען ?

— אמת, אמת, כדי די געזעלשאפט צו ערהאלטען דארף דער יחיד קעמפ־פען, אבער ער אליין וואס האט פון דעם? איידער ער דרעהט זיך אום, קומט דער טויט... ער שטארבט א נאר, נישט געניסענדיג ד א ס, פאר וועלכען ער האט געקעמפפט א נ ד ע ר ע זאלען געניסען... איך וועל דענקען, אז דו פערשטעהסט מיך שוין ריכטיג...

נאוויקאוו שווייגט.

יוריע געהט נאך אליין אין צימער אויף און אב. פלוצים שטעלט ער זיך אב נעבען נאוויקאוו'ן.

— ווייסטו גאר וואס? וואס טויג אונז צו פילאזאפירען, לאמיר בע־סער געהען שפאציערען, — ער נעהמט זיך דעם הוט.

— גוט, לאמיר געהען, — גיט נאוויקאוו צו, און אין הארצען האפט ער, אפשר וועט ער טרעפען סאנין מיט לידא אויפ'ן שפאציער. זיי געהען ביידע אוועק.

נ י י נ ט ע ס ק א פ י ט ע ל.

נעהענדיג אויפ'ן בולווארד ארויף און אראב, האבען זיי קיין בעקאנטע נישט געטראפען, פון'ם שטאדט־גארטען טראגט זיך אריבער צו זיי א זיסע טרויעריגע מעלאדיע פון די מוזיק וואס שפיעלען דארט.

דאס גערויש און דאס לאכען פון די שפאציער־געהער, פאסט זיך נישט צו די טרויעריגע מוזיק און צום שטילען אוונט. יוריע'ן האט עס אויפגע־רעגט, נאך אמאל צוריקגעהענדיג ביז צום ענדע פון'ם בולווארד קומט זיי סאנין אקעגען, זיי בעגריסען זיך, אבער יוריען געפעלט נישט סאנין, און ס'איז איהם שווער אין א געשפרעך אריינצוגעהען. עס פערדריסט איהם וואס סאנין קוקט אויף אלעם מיט א לייכטען שפאט, יעדעס ווארט זיינס קלינגט יוריע'ן אזוי שמערצליך אין די אויערן, און די שטימונג פערענדערט זיך אן מיט פרעהליכקייט צו זיי.

— וואו ווילט איהר דען געהען? — פרעגט נאוויקאוו דעם לעהרער כדי די שטימונג אנדערש צו מאכען.

— איך וויל מיינע פריינדע פרעהליך מאכען, — ענטפערט איוואנאוו לאכענדיג נעהמט ער ארויס א פלעשעל „וואדקא" פון קעשענע, און ציינט עס יעדען; סאנין געפעלט עס און ער לאכט אויך מיט.

פאר יוריע האָט דאָס פּלעשעל שנאַפּס און דאָס לאַבען אויסגעזעהן אונ־נאַטירליך און גראָב, ער האָט אוועקגעקעהרט זיין קאָפּ.

— איך דאַנק דיר גאָט וואָס דו האסט מיך נישט בעשאפען אָט אזעלכער ווי דער — זאָגט איוואַנאָוו מיט זיין באַסען שטימע צייגענדיג אויף יוריע.

יוריע איז רויט געוואָרען.

— אָט איז דאָס אויך א מענש און חכמה'ט זיך — טראַכט ער ביי זיך און געהט אוועק אין א זייט.

— נאָוויקאָוו, דו נאַרישער בורזשוק, — שטעהט צו איהם צו איוואַנאָוו, — קומט מיט מיט אונז.

— וואוהין? צו אַלדע רוחות...

— נו, אביסעל אריינצוגיסען.

נאָוויקאָוו ענטפערט נישט באַלד, קוקט זיך אום אין אַלע זייטען אפשר וועט ער דערזעהען לידא'ן.

סאַנין פערשטעהענדיג וועמען ער זוכט, בעמערקט לאַכענדיג:

— לידא זיצט אין דער היים און טהוט תשובה אויף איהרע זינד...

— נאַרישקייטען — מורמעלט נאָוויקאָוו פערלעגען — איך קען מיט אייך נישט געהן, א קראַנקער ווארט פאר מיר.

— אָהן דיין הילף וועט ער אויך טרעפען דעם וועג צו יענער זייט — בעמערקט איוואַנאָוו שפּאסיג. — איבעריגענס, אָהן דיר וועלען מיר זיך אויך אַן עצה געבען מיט'ן וואָדקא.

און זיך אנשיכור'ן, דענקט נאָוויקאָוו ביי זיך, דאָס איז נאָך דאָס בעסטע אָבער הויך זאָגט ער: — נו גוט, איך געה מיט אייך.

זיי געזעגענען זיך מיט איהם שנעל און געהען אוועק.

יוריע בלייבט אליין, ער געהט ווידער אויפ'ן בולוואַרד אַרויף און אַראָב פערטיעפט אין געדאַנקען.

ער דערהערט פּלוצים זיין נאָמען רופען, ער קוקט זיך אום אביסעל פער־וואונדערט און דערזעהט: זינא קארסאַווינא און די לעהרערין דובאָווא אויף א באַנק זיצען.

ער געהט צו זיי צו און פרעגט זיי בעגריסענדיג מיט א פרעהליכע שטימע:

— פון וואַנען געהט איהר?

— מיר זיינען געוועזען אין דער ביבליאָטהעק, — ענטפערט קארסאַווינא.

דובאָווא רוקט זיך שוויינענדיג אביסעל אָב און מאַכט פּלאַץ פאר יוריע.

כאטש יוריע וואלט זיך גערען געזעצט ביי קארסאווינאס זייט, נאר כדי נישט אויפמערקזאם צו מאכען, זעצט ער זיך נעבען דער מיאוסער לעהרערין.

— פאר וואס זייט איהר אזוי בעזארגט? — פרעגט איהם דובאווא.

— זעהט עס דען אזוי אויס? מיר דאכט זיך, אז ס'איז מיר געגוג פרעהליך, איבעריגענס, דא איז טאקע אביסעל לאנגווייליג, אזא העק, אזא קליין שטעדטיל.

— אפשר ליגט די לאנגוויילינקייט אין אייך אליין? — זאגט די לעהרערין אביסעל שפאטיש.

— וואס קען מען דא טהאן? אזוי איז שוין מיט מיר, איך האב שוין באלד פערגעסען צו לאכען.

אין זיין שטימונג איז עפעס געלעגען אזא מין כושף אז דיביידע מיידלעך זיינען אויך שטיל געווארען.

יוריע שווייגט. פלוצים שמייכעלט ער און זאגט:

— א פריינד מיינער האט מיר אמאל געזאגט אז מיין לעבען איז עפעס א וואונדער.

— אין וועלכען זין? — פרעגט דובאווא.

— ווייל איך לעב אזוי ווי איך דארף נישט לעבען.

יוריען דאכט זיך, אז זיין גאנץ לעבען איז אן אונגליקליכעס. ער איז דער אונגליקליכסטער מענש, און ווען עס טרעפט זיך איהם אמאל, ער זאל זיך אויסריידען פאר וועמען האט ער פערגעניגען פון דעם. איבערהויפט ווען ער קען דאס טהאן פאר יונגע מיידלעך, ווערט עס פאר איהם אזוי ווי א מין אמביציע... ער ווייסט אז יונגע מיידלעך בעקומען צו איהם רחמנות און ווי ווייט איז פון רחמנות ביז ליעבע?...

און מיט פערגעניגען האט יוריע זיי דערצעהלט פון זיין ביטער לעבען וואס ער האט שוין דורכגעמאכט. געמאהלען אלץ מיט שטארקע פארבען, כדי ס'זאל נאך מעהר די הערצער פון די מיידלעך, איבערהויפט קארסאווינאס צו־ציהען...

די שטילע טרויעריגע מעלאדיען פון דער מוזיק, די שטילקייט פון'ם אווענד און דאס דערצעהלען פון יוריע, מאכט א טרויעריגען איינדרוק אויף די מיידלעך, זיי גלויבען איהם אלעס און ווערען טרויעריג צוזאמען מיט איהם.

זיי שווייגען אלע א ווייליע. דערנאך ווענדעט זיך דובאווא צו איהם און פרעגט:

— וואס וועט זיין אז איהר וועט אזוי אלט ווערען, אהן ליעבע, אהן

גליק? זאגט מיר, יוריע ניקאלאיעוויטש, האט איהר נאך קיינמאל נישט גע־טראכט פון זעלבסט־מארד?

— פאר וואס פרעגט איהר מיך דאס?

— אט אזוי...

יוריע ענטפערט נישט. אלע שווייגען.

נאך א ווײלע פרעגט די קארסאווינא: — אזוי האט איהר בעלאנגט צו דער לאקאלער קאמיטע פון דער פארטיי?

— יא, — ענטפערט יוריע מיט א געהיימניספולע מינע, כדי עס זאל נאך מעהר אינטערעסירען די מיידלעך און דעם געווינשטען איינדרוק מאכען.

צום ענדע הויבט זיך די קארסאווינא אויף און ווענדעט זיך צו יוריע און דובאווא:

ס'איז שוין שפעט, לאמיר א היים געהן.

— גוט, לאמיר געהן, — ענטפערען זיי זיך אויך אויפשטעלענדיג.

יוריע בעגלייט זיי א ביסעל, געזעגענט זיך מיט זיי און געהט אוועק.

— ער איז א פיינער מאן — זאגט קארסאווינא נאך זיין אוועקגעהן.

— זעה זאלסט דאך נישט פערליעבען אין איהם — סטראשעט איהר דובאווא מיט'ן פינגער.

— וואס דיר קען איינפאלען... — זאגט קארסאווינא מיט א בעהאל־טענעם אונבעוואוסטען שרעק.

— יוריע איז א היים געקומען מיט עפעס א לייכטער הארץ. די שטילע האפנונג, אז ער האט אפשר בעזיעגט די שעהנע קארסאווינא, האט זיין שטי־מונג פרעהליך געמאכט. ער קוקט א ווײלע אויף דעם בילד וואס ער האט אנגעפאנגען צו מאהלען, און מיט פערגעניגען זיך שלאפען געלעגט.

אין דער נאכט חלום'ט זיך איהם פון שעהנע זוניגע קונסט־בילדער און פון שעהנע יונגע פרויען.

צעהנטעס קאפיטעל.

דעם נעקסטען אוונד איז יוריע ווידער געגאנגען אויפ'ן זעלבען פלאץ וואו ער האט געטראפען די קארסאווינא און דובאווא.

דעם גאנצען טאג מאכט עס איהם פערגעניגען, די עראינערונג פון'ם נעכטיגען אוונד ווען ער האט פערבראכט מיט זיי, און איהם האט זיך ווידער

געוואַלט מיט זיי זיך טרעפען, זיי ווידער דערצעהלען פון זיין לעבען ארויס־ציהען פון זיי דעם מיטגעפיהל און זיך ווארעמען אין די לאַשטשענדע שעהנע אויגען פון קארסאווינא.

דער אוועגד איז געווען אַ לויטערער און אַ שטילער. אויפ'ן בולוואַרד האָט ער קיין בעקאַנטע נישט געטראָפען און ער געהט זיך אַזוי אויפ'ן בולוואַרד צעהלענדיג די טריט.

ווי לאַנגווייליג ס'איז — טראַכט ער — וואָס זאָל איך איצט אנפאַנגען טהאָן?

פּלוצים איז איהם אַקעגען געקומען דער סטודענט שאַפּראָוו, ער געהט צו איהם צו מיט שנעלע שריט און בעגריסט איהם.

— וואָס שלעפּט איהר זיך ארום? — פרעגט איהם שאַפּראָוו מיט אַ פריינדליכען גרוס.

— ס'איז לאַנגווייליג דאָ, — ענטפערט יוריע, — איך האָב נישט וואָס צו טהאָן.

— מיר האָבען היינט אַ פאָלקס־פאַרטראַג — זאָגט שאַפּראָוו צייגענדיג אויף די בראָשורען וואָס ער טראָגט.

יוריע נעהמט אַזוי ווי מעכאַניש אַ בראָשור פון שאַפּראָוו'ס האַנד, מאַכט עס אויף, לעזט דעם טיטעל בלאַט, ס'איז סאָציאַלע וויסענשאַפטליכע אַר־טיקלען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געלעזען און פערגעסען.

— וואו איז דאָס אייער פאַרטראַג? — פרעגט יוריע קוקענדיג אויף שאַפּראָוו'ן פון אויבען אַראָב.

— אין דער שטאָדטישער פאָלקס שולע, — ענטפערט שאַפּראָוו, — דאָרט וואו קאַרסאָווינא און דובאָווא זיינען לעהרערין'ס.

יוריע דערמאָנט זיך, אַז זיין שוועסטער ליאַליע, האָט איהם שוין דער־צעהלט פון די פאַרטרעגע.

— קען איך מיטגעהן מיט אייך?

—זיכער, פאַר וואָס נישט, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. — ענטפערט שאַפּראָוו פריינדליך.

נו, לאָמיר געהן.

אין דעם זאַל פון דער שולע, וואו ס'איז נאָך טונקעל געווען, זיינען גע־וועזן אויסגעשטעלט די בענק, אויפ'ן פּלאַטפאָרם איז געווען פערשפּרייט אַ ווייסע לייוואַנד פאַר די בילדער צו צייגען ביים פאַרטראַג, און פון ערגעץ אַ ווינקעל האָט זיך געהערט אַ שטיל פערשטיקטע לאַכען, נעבען דעם פענסטער, דורך וועלכען עס זעהט זיך אַ פּאָאַר גרינע בוימער, שטעהן ליאַליע און דובאָ־

וואָ, זיי בעגריסען יוריען מיט א פריידיגען אויסרוף.

— דאָס איז אָבער שעהן וואָס דו ביזט געקומען, — רופט יוריע שפּרינגענדיג צו איהם.

דובאווא דריקט איהם שטארק די האנד.

יוריע קוקט זיך אום אין דעם טונקילען זאַל, זוכענדיג אפשר וועט ער דערזעהן די קאַרסאווינא.

— פאַר וואָס פאַנגט איהר שוין ניט אָן? — פרעגט ער, און זינאַדיע פּאוולאָוונא בעטיילינגט זיך נישט אין דעם אָבענד?

אין דיזען אויגענבליק צינדט זיך אָן א שוועבעלע אויפ'ן פּלאַטפאָרם ביים ווייסען לייווענד, און ביי דער ליכט דערזעהט יוריע די קאַרסאווינא. יוריעס פּנים הייטערט זיך אויף.

א וודאי נעהם איך אָנטהייל, רופט זיך אָן קאַרסאווינא מיט א קלינגענדיגער שטימע און רייכט יוריען די האַנד, מיט פרייד דריקט ער איהר די האַנד און זי שפּרינגט אראָפּ פון פּלאַטפאָרם.

— ס'איז שוין צייט אָנצופאַנגען, רופט שאַפּראָוו אריינקומענדיג פון א זייטיגען צימער.

דער דיענער האָט אָנגעצונדען די ליכט און דער גאַנצער זאַל איז געוואָרען לוסטיג פון די ליכט.

שאַפּראָוו עפענט די טיהר צום קאָרידאָר — און רופט מיט א הויכער שטימע:

— מיינע הערשאַפטען, קומט אריין, מיר וועלען גלייך אָנפאַנגען!

א שאַרען פון פיס פאַנגט זיך אָן צו הערען, ערשט אָבגעהאַקט דערנאָך וואָס שנעלער, ביז דער זאַל פילט זיך אָן מיט בעזוכער.

יוריע זעצט זיך נעבין קאַרסאווינא, און הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו שאַפּראָוו'ס רוהיגען אָבער שלעכטען פּאַרטראַג.

שאַפּראָוו האָט א שטאַרקע באַס־שטימע, און אַלץ וואָס ער לעזט מאַכט א טרוקענעם איינדרוק.

אָבער יעדער הערט איהם רוהיג אויס, נאָר די ערשטע רייהען וואו די אינטעליגענץ איז געזעסען, האָט אָנגעפאַנגען אונרוהיג צו ווערען, קענטליך, אַז זיי געפעלט נישט ווי שאַפּראָוו לעזט פאַר זיין פּאַרטראַג.

יוריע'ן האָט די אונרוהיגקייט געשטערט; זעהענדיג אַז שאַפּראָוו ווערט מיעד, ווענדעט ער זיך צו קאַרסאווינא אין דער שטיל און זאָגט:

— אפשר וואָלט מען מיך געלאָזט די ענדע פאַרלעזען?

קאַרסאווינא וואַרפט אויף איהם א צערטליכען בליק.

— דאס איז זעהר שעהן! זאגט זי צו, לעזט, לעזט!

— קען מען דאס טהאן? פרעגט ער זי —

— פאר וואס נישט? אלע וועלען צופריעדען זיין.

קראסאווינא איז צוגעגאנגען צו שאפראוו'ן און איהם געפרעגט.

שאפראוו האט זיך ערקלעהרט צופריעדען.

יוריע האט געקענט פארלעזען און ער האט עס ליעב געהאט.

נישט קוקענדיג אויף קיינעם, געהט יוריע ארויף אויף די פלאטפארמע און מיט א שעהנע אינטערעסאנטע שטימע לעזט ער פאר, צו ווייליען קוקט ער זיך אום צו קראסאווינא און זעהט ווי איהרע אויגען קוקען בעגייסטערט אויף איהם, דאס ברייגנט איהם נאך מעהר ווארימקייט און ער לעזט וואס א מאהל בעסער און שטארקער, ווען ער האט געענדיגט האבען אויך די ערשטע רייהען פון דער אינטעליגענץ געקלאפט בראווא.

יוריע פערנייגט זיך און שמייכעלט פער'גנב'ט צו קארסאווינא.

— איך דאנק אייך! זאגט שאפראוו דריקענדיג איהם די האנד, ווען דא ביי אונז וואלט אלעמאל געווען אזעלכע פארלעזער ווי איהר וואלטער מיר פיעל מעהר געקענט אויפטאהן, פאר'ן פאלק ווערט דא ביי אונז זעהר ווייניג געטאהן, זאגט ער ווייטער מיט א מינע אזוי ווי ער זאל עפעס א סוד יוריען פערטרויען.

שפעטער שטעלט מען פאר, זינגער, דעקלאמאטארם און שוישפיעלער. כדי דאס פאלק אין די פארלעזונגען צו פעראינטערעסירען, רעדט שאפראוו ווייטער צו יוריען, מוז מען זיי אט דאס אויך געבען, דאס פאלק ווייסט נישט וואס עס זאל וועלען, עס פערשטעהט ווייניג, גיט ער צו מיט א שמערצליכען טאן.

— גאנץ ריכטיג, מישט זיך אריין דובאווא,—דאספאלק איז נאך גאנץ דום.

דער עולם איז זיך צוגאנגען.

— וואוהין געהט איהר איצט? פרעגט דובאווא ארויסקומענדיג אין גאס, שאפראוו און איך געהן צו ראטאווא און איהר יוריע וועט בעגלייטען זינא.

— מיט פערגעניגען, ענטפערט יוריע שמייכלענדיג.

איבער'זגאנצען וועג ביז צו דער וואהנונג פון קארסאווינא, ריידען זיי ביידע פון די איינדריקע וואס די פארלעזונג האט געמאכט, קומענדיג צום טיהרעל פונ'ם גארטען, זאגט קארסאווינא :

— קומט צו אונז אריין.

— יא, איך געה, ענטפערט יוריע מיט א פערגעניגטען טאָן.— קאר־סאווינא עפענט דאָס טיהרעל און זיי געהןביידע אריין.

— געהט אריין אין גארטען — רופט זיך אב קארסאווינא, איך וויל אייך נישט אריינגעהמען אין צימער ווייל ס'איז זיכער נאך נישט צוגערוימט.

זי איז אריין אין הויז און יוריע איז לאַנגזאַם אין גארטען ארומגעגאַנגען, וויט געהט ער נישט, יעדעס מאָהל שטעלט ער זיך אב און קוקט צום פענס־טער מיט א נייגעריגען בליק, איהם דאכט זיך, אז עפּעס א געהיימניס איז דארט אינעווייניג דאָ; אזעלכעס וואָס מאכט איהם שטיל ציטערען.

שטיל, קוים הערענדיג קומט קאראסאווינא צוריק ארויס, יוריע דער־קענט איהר נישט באלד, ווייל זי האָט דאס שווארצע קלייד פון זיך אראָב־געווארפען און א לייכטע דינע בלוזע מיט א טיעפען אויסשניט און קורצע ארבעל, אויף זיך גענומען, דער פאָרם פון איהר שעהנעם פּראכטפאָלען קער־פּער זעהט זיך נאך מעהר.... נאָך רייצענדער.

אָט בין איך! זאָגט זי לאַכענדיג.

פון גאַרטען, פערשפּרייט זיך דער געשמאַק פון בוימער און בלומען, זיי זעצען זיך אויף א האלב איינגעבראָכענע צוים.

ווילט איהר אפשר, איך זאָל אייך עפּעס פאַרזינגען? — פרעגט קאר־סאווינא.

— נאַטירלך וויל איך.

קאָרסאווינא גלייכט אוים איהר הויכען בוזים אזוי ווי זי האָט געטהאָן אויף די שיף, דורך דער לייכטער בלוזע זעהען זיך די יונגע ברוסטען נאך דייט־ליכער אָן, זי פאַנגט אָן זינגען:

— „די שעהנע שטערען פון ליעבע — — — — — — — — — — — — — — —

איהר שטימע קלינגט לייכט און ריין נור מיט פול ליידענשאַפט דורך דעם שטילען אַבענד.

יוריע זיצט שטיל און וואגט קוים צו אטהעמען; ער קוקט אויף איהר צאַרטען יונגען פּנים און ציטערט שטיל.

זי שפּירט אויף זיך זיין ברענעדיגען בליק, פערשליסט איהרע אויגען און איהר ברוסט הויבט זיך נאָך העכער. איהר געזאַנג ווערט וואָס אַמאָהל שעהנער און שטארקער. עס דאכט זיך אז אלץ ארום הערט זיך צו. יוריע שטעלט זיך פאר, אזוי ווי ערגעץ א נאַכטיגאַל זינגט ערגעץ אין א שטילע לבנה נאכט.... יוריע זיצט און שווייגט.

ווען זי האָט געענדיגט זינגען, ווענדעט זי זיך צו איהם און פרעגט:

— פאַר וואָס שווייגט איהר?

— יא זעהר שעהן, זאָגט קאַרסאַווינא פערחלום׳ט, ס׳איז איבערהויפּט שעהן אויף דער וועלט צו לעבען.

— געפעלט אייך שאַפּראָוו? — פרעגט קאַרסאַווינא נאָך א ווײַלע שוויי־גען.

ביי יוריען אין האַרץ דערוועקט זיך א געפיהל פון אייפערזוכט, אבער ער צווינגט זיך צו ענטפערען:

— ער איז א גוטער יונג, מיט וועלכע ענטוזיאַזם ער גיט זיך איבער צו זיינע איבערצייגונגען.

ווידער שווייגען זיי ביידע, אויפ׳ן פעלד הייבט זיך אויף א ווייסער לייכ־טער נעבעל, און אויך דאס גראָז זעהט אויס ווייס פונ׳ם טוי.

— עס ווערט פייכט, זאָגט קאַרסאַווינא און הויבט זיך שנעל אויף.

נישט ווילענדיג, קוקט יוריע אויף איהרע ווייסע אַקסעל; און ער ווערט א ביסעל פערמישט, זי בעמערקט זיין בליק און ווערט אויך א ביסעל צומישט.

— נו, לאָמיר געהן, זאָגט זי שטיל, זיי געהען ביידע מיט א געפיהל פון בעדויערן אין זייערע הערצער, אויף דער שמאָלע סטעשקע צוריק, און ווען יוריע קוקט זיך אום, פאַלט איהם איין א געדאַנק, אז איצט ועט זיך ערשט דאָרט אנפאַנגען זיך אויפוועקען א נייע לעבען; צו אלעמען פערבאָרגען, אזוי ווי עפּעס א טיפער סוד וועט זיך פערשפּרייטען צווישען די ניעדריגע בוימער און אויף דעם טוי בעדעקטען גראָז; סוועט ווערען נאָך מעהר טונקעלער, און די שטילקייט וועט אנפאַנגען מיט א פערשטיקטע שטימע עפּעס צו דערצעה־לען.

ער דערצעהלט איהר די פאַנטאַזיע וואס ער דענקט, קאַרסאַווינא קוקט זיך אום און קוקט לאַנג מיט איהרע פער׳חלום׳טע אויגען צום גאָרטען.

יוריע טראַכט: ווען זי זאָל פּלוצים פון זיך די קליידער אראָבוואַרפען, אזוי נאַקעטערהייט פרעהליך און גליקליך ערגעץ צווישען די בוימער אנט־לויפען, וואָלט עס גאָר נישט געווען קיין וואונדער נאָר גאַנץ נאַטירליך. זי וועט דאס גרינע לעבען פונ׳ם גאָרטען גאָרנישט שטערען, נאָר עס וואָלט נאָך מעהר רייץ און כשוף צוגעגעבען.

ער וואָלט איהר עס וועלען זאָגען, ער וואָגט עס אבער נישט, און ער רעדט ווייטער מיט איהר פון די פאַרלעזונגען און פאַרטרעגע וואס געהען אָן אין דעם שטעדטעל, אבער דער געשפּרעך געהט נישט גלאַטיק, זיי קומען אזוי ביז צום טיהרעל זיך איינגעצענדיג די קליידער אָן די פייכטע בוימער.

— אהא, אל׳א דובאָוואַ מוז שוין זיין צוריק, רופט קאַרסאַווינא, זעהענ־דיג דורכ׳ן פענסטער א לאָמפּ ברענענדיג.

— זינא, דו ביזט דא? הערט זיך ווי דובאָווא פרעגט פון שטוב, אין איהר קול בעמערקט זיך, אז עטוואס שלעכטעס איז געשעהן.

דובאוו קומט ארויס אויף די טרעפ בלאס און טרויעריג; וואו ביזטו דען? איך זוך דיך שוין לאנג ארום, — סעמיאנאוו האלט ביים — שטארבען.

— וואס ? פרעגט קראסאווינא דערשראָקען און לויפט צו צו דובאָווא.

— יא, ער שטארבט, ער האט געהאט א בלוט שטורץ, דאקטאר ריאזאנ־צעוו זאגט, אז מיט איהם איז שוין צי ענד..... מיר האבען איהם אין שפיטאל געפיהרט.... ס'איז געקומען אזוי פלוצים נישט ערווארטענדיג.... מיר זיינען געזעסען ביי די ראטאוו'ס און געטרונקען טעה, סעמיאנאוו איז געווען פרעה־ליך, ער האט זיך ארומגעקריגט מיט נאוויקאוו'ן, מיט א מאהל, האט ער זיך צו הוסט, ער האט זיך אויפגעשטעלט, געציטערט, און פון זיין מויל האט זיך אנגעפאנגען גיסען בלוט, ס'האט זיך געגאסען — אזוי איינפאך..... אויפ'ן טישטוך... אויף די טעלער... אזוי געדיכט... און שווארץ,,,, ס'איז גע־ווען שרעקליך! שרעקליך!

— פערשטעהט ער? ווייסט ער אז ער שטארבט? פרעגט יוריע מיט א ברענענדיגע נייגעריגקייט, ער דערמאנט זיך אן יענע ווערטער וואס סעמיא־נאוו האט צו איהם ערשט ניט לאנג געזאגט:

— „און איהר וועט נאך לעבען, איהר וועט ביי מיין קבר פערביי געהן, עפעס טאהן וואס א לעבעדיגער מענש דארף טאהן, און איך — — — — —“ יוריע שווידערט

— יא, ענטפערט דובאווא אויף יוריע'ס פראגע, דאכט זיך, אז ער ווייסט: ער האט אויף אונז אלעמען געקוקט און האט געפרעגט: — „וואס בעדיידעט דאס אליץ?....“דערנאך האט ער אנגעפאנגען ציטערען און געזאגט: שוין?..... א ווי שרעקליך דאס איז!

זיי שוויגען אלע, און כאטש די לופט איז געווען אזוי דורזיכטיג און קלאהר אזוי ווי פריהער, האט עס אבער פאר זיי אויסגעזעהן, אז די גאנצע וועלט האט זיך אין א שווארצע דעקע איינגעהילט.

— ס'איז א שרעקליכע זאך דער טויט, זאגט יוריע בלאס ווערענדיג, דובאווא זיפצעט און פערטראכט זיך מיט א טרויעריגען בליק ערגעץ וואו, ביי קארסאווינא ציטערט בלויז איהרע ליפען און א טרויעריגער שמייכעל בע־וויזט זיך אויף זיי, זי קען די טרויעריגקייט פון די אנדערע נישט ערטראגען, ווייל אין איהר איז נאך דא דאס גאנצע אונשולדיגע יונגע לעבען. זי פרעגט מיט א שטילען מיטגעפיהל:

— דער ארעמער! ווי געהט עס איהם? אפשר זאלען מיר געהן צו איהם?

אדער אפשר נישט? — איך ווייס נישט...

ביי אלע דריי שטעלט זיך די פראגע: דארף מען דארט אהין געהן און צוקוקען ווי סעמיאנאוו שטארבט? וועט עס גוט אדער שלעכט זיין?...

— יא, מיר זאלען געהן צו איהם, זאגט יוריע ענטשלאסען.

— אפשר וועט ער וועלען וועמען זעהן, גיט דובאוו צו, קארסאווינא שאקעלט צופריעדען מיט'ן קאפ.

— נו, לאמיר! רופט זיך אן יוריע

— שאפראוו און נאוויקאוו זיינען שוין דארט, זאגט דובאווא.

קארסאווינא לויפט אין שטוב אריין טהוט זיך איבער שנעל, און זיי געהען אלע דריי צו סעמיאנאוו אין שפיטאל אריין.

אין פארהויז פונ'ם שפיטאל, איז טונקעל און עס פיהלט זיך דער ריח פון קארבאל און יאדאפארם.

זיי געהן דורך דעם לאנגען קארידאר, א דיענער שטעלט זיי אב און פרעגט זיי:

— וואוהין ווילט איהר געהן?

— מען האט דא היינט אהער געבראכט א סטודענט סעמיאנאוו! — זאגט דובאווא.—

— אין צימער נומער 6 — ענטפערט דער דיענער

דאס צימער איז אויפ'ן צווייטען שטאק, זיי געהען ארויף, דארט איז שוין דער קארידאר אביסעלע העלער.

עס עפענט זיך א טיהר און דאקטאר ריאזאנצעוו קומט ארויס.

— גוט נאוועגד מיינע הערשאפטען, זאגט ער דערזעהענדיג די דריי, אבער באלד פארציהט ער די ברעמען און ווערט טרויעריג:

— איהר זיינט דאך א וודאי געקומען צו סעמיאנאוו'ן: ער איז שוין איצט בעוואוסטלאז, איך וועל אייך פיהרען, נאוויקאוו און די איבעריגע זיינען דארט. און געהענדיג זאגט ער ווייטער:

—מען האט שוין נאכ'ן גלח געשיקט. ס'איז א וואונדער וואס האט איהם אזוי שנעל געפאקט... נאר ער איז זיך אליין שולדיג, ער האט זיך די לעצטע צייט נישט געשוינט.... אט דא איז עס! — זאגט ער צוקומענדיג צו א טיהר.

ראזיאנצעוו עפענט די טיהר און אלע פיער געהען אריין.

סעמיאנאוו ליגט בעוואוסטלאז, אטהעמט שווער און אבגעהאקט. ער איז גאר נישט דערזעלבער וואס פריהער. עפעס קומט ער זיי פאר פאר א גאנץ אנדערען. ער איז איבערהויפט קוים ענליך צו א לעבעדיגען מענש.

דער לאמפ וואס ברענט אין מיטען צימער, ווארפט ארויף דאס שארפע ליכט אויף איהם, בעלייכט זיין אונבעוועגליך פנים און די אויגען וועלכע זעהען שוין מעהר נישט.

אלע שטעהען ארום בעט און קוקען אויף איהם. זיי האלטען דעם אטהעם איין, מורא האבענדיג דעם שוידערליכען פראצעס פון טויט און לעבען צו שטערען.

און אין דער דאזיגער שטילקייט הערט זיך נאך דאס שווערע פייפענדע כראפען פון סעמיאנאוו'ס האלז.

די טיהר עפענט זיך און אן אלטער פאפ קומט אריין און הינטער איהם געהט סאנין.

דער גלח גריסט העפליך דעם דאקטאר, ער פערנייגט זיך פאר אלע אי־בעריגע.

סאנין זעצט זיך אוועק אויפ'ן פענסטער - ברעט און רעדט נישט קיין ווארט. ער קוקט נייגעריג אויף סעמיאנאוו'ן און אויף די איבעריגע, מען קען בעמערקען אויף איהם, אז ער וויל אלץ מיט יעדער קלייניגקייט בעגרייפען.

דער שטארבענדער אטהעמט אזוי ווי פריהער און בעוועגט זיך נישט.

— ער ווייסט גאר נישט? — פרעגט דער גלח, ווענדענדיג זיך צו יעדען און צו קיינעם נישט.

— ניין, ער ווייסט גאר נישט. — ענטפערט נאוויקאוו.

דער גלח זאגט נאך עפעס, דערנאך מאכט ער גרייט אלץ צו דער צער־רעמאניע, מישט אויף דאס בוך, און מיט א דינע טענאר שטימע פאנגט ער אן צו לעזען די תפלות וואס מען זאגט ביי א שטארבענדען. נאוויקאוו וועלכער איז נעהנטער געשטאנען צו סעמיאנאוון ווי אלע אנדערע, האט זיך גע־דאכט, אז ער זעהט ווי ביים שטארבענדען בעוועגט זיך ציטעריג די ברע־מען און זיין מויל ציטערט.

קראסאווינא צואוויינט זיך באלד ביי די ערשטע תפילה וואס דער גלח זאגט. זי לאזט די טרעהרען רינען איבער איהר שעהן יונג פנים און ווישט זיי נישט אב. דובאוו צואוויינט זיך אויך און די טרויעריגע שטימונג רופט ארויס טרעהרען ביי די מענער אויך. זיי בייסען די ליפען צוזאמען כדי די טרעהרען צו פערהאלטען. וואס מעהר דער גלח צוזאגט זיך שטארקער צו וויי־נען זיך די מיידלעך שטארקער.

סאנין'ען פערדריסט די גאנצע נארישע צערעמאניע און ער ווענדעט זיך צום גלח:

— מאכט עס אביסעל שטילער! — זאגט ער מיט פערדרוס צום גלח.

דער גלח הערט זיך איין אַ ווײַלע און פֿאַנגט אָן נאָך העכער צו לעזען.

— וואַלט עס כאָטש שוין שנעלער צוגעגאַנגען — זאָגט סאַניז שטיל צו איוואַנאָוו׳ן.

זיי ריידען צווישען זיך שטיל. עס דערקענט זיך, אַז סעמיאַנאָוו הערט שוין גאָר נישט. די אַנדערע פֿערדריסט עס פֿאַר וואָס סאַניז און איוואַנאָוו ריידען צווישען זיך ביי אַזאַ טרויעריגען מאָמענט.

שאַפּראָוו וויל עפּעס בעמערקען אָבער ס׳דערהערט זיך פּלוצים אַ שווע־רער זיפֿץ אַזוי ווי אַ פּייפען פֿון סעמיאַנאָוו׳ס ברוסט, און ער בלייבט ליגען שטיל און אונבעוועגליך.

דער גלח בויגט זיך צו צו איהם, לעזט נאָך עפּעס אַ תּפֿילה, דערנאָך ווענדעט ער זיך צו אַלע און זאָגט שטיל:

— שוין !... אויסגעלעבט...

אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק זעהט מען ווי סעמיאַנאָוו שטרענגט זיך אָן זיינע צוזאַמענגעקלעבטע ליפּען צו בעוועגען און עס הערט זיך פּלוצים אַ שוואַכע שטימע וועלכע זאָגט:

— איין... גאַנצער... לומפּ !...

אַלע דערשרעקען זיך. דער גלח קוקט אויף איהם מיט כעס, נאָר סאַניז פֿערשטעהט און שמייכעלט.

סעמיאַנאָוו בעוועגט זיך נאָך אַביסעל, מען זעהט, אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגען. ער זאָגט אָבער גאָר נישט, אין אַ מינוט אַרום בלייבט ער ליגען שטיל און פֿערשטאַרט...

נאָוויקאָוו דריקט איהם צו די אויגען און לעגט זיינע הענד אוועק אויף די ברוסט.

זיי געהען אַלע אַרויס מיט שטילע שריט. דער גלח פֿאַראויס דערנאָך אַלע אַנדערע.

קומענדיג אין קאָרידאָר, ווענדעט זיך דער גלח צו זיי:

ס׳איז אַ שאָד, ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער מאַן, נאָכמעהר, מיר דאַכט זיך, אַז ער איז געשטאָרבען אָהן חרטה... נאָר גאָט וועט זיך דערבאַ־רעמען איבער איהם... נישט אמת ? מיינע פֿריינד.

— יאָ, אודאי, — ענטפֿערט שאַפּראָוו אויס העפֿליכקייט.

— האָט ער אַ פֿאַמיליע ? — פֿרעגט ווייטער דער גלח.

— איך ווייס ווירקליך נישט — ענטפֿערט שאַפּראָוו.

— זיין שוועסטער געהט ערגעץ אין גימנאַזיום — בעמערקט קאָרסאַ־ווינאַ.

— אדיע! — ענטפערען אלע צוזאמען.

וועו זיי זיינען אויף די גאס געקומען האבען זיי אביסעל לייכטער אב־געאטהעמט.

— נו, וואו אהין געהען מיר איצט? — פרעגט שאפראוו.

קיינער ווייסט נישט וואס צו ענטפערען. צוערשט האט זיך געפיהלט, אז זיי ווילען געהען אלע אויף איין ארט, אבער קיינער האט זיי דאצו נישט אויפגעפאדערט און זיי צוגעהען זיך יעדער אין אן אנדערע ריכטונג.

— ווייסטו וואס סאנין — ווענדעט זיך איוואנאוו צו סאנין — קום צו מיר, ווען מיר עפעס טרינקען צום אנדענקען פון'ם ארמען סעמיאנאוו.

סאנין שמייכעלט און שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא.

אויפ'ן וועג קויפען זיי א פלעשעל „וואדקא" און נאך א פאר קלייניגקיי־טען און זיי געהעןביידע א היים צו איוואנאוו'ן.

עלפטעס קאפיטעל.

סעמיאנאוו'ס טויט האט אויף יוריען געמאכט זעהר א טרויעריגע און נידערגעדריקטע ווירקונג, עס דאכט זיך איהם, אז ער וועט עס קיינמאל יישט פערגעסען.

— יא, אזוי איז עס; — רעדט ער צו זיך וועלענדיג זיינע געדאנקען אביסעל לייכטער מאכען, — ס'איז גאנץ איינפאך, ־עפאר דער מענש ווערט געבוירען, איז ער דאך אויך נישטא, פון דעסטוועגען בעמערקט עס קיינער נישט און וואס איז דען דאס שטארבען?... דער מענש וועט ווייטער נישט עק־זיסטירען; נו פאר וואס זשע מאכט דער טויט אזא שווערען איינדרוק?

— ס'איז דאך אזוי איינפאך און פערשטענדליך; דער מענש איז א מאשין וואס פראדוציערט לעבען. דער טויט קומט און די מאשין בלייבט שטעהן... דאס איז דאך אזוי נאטירליך, און ס'איז גאר נישטא אין דעם מען זאל זיך דערשרעקען און אזא שווערען איינדרוק מאכען.

— אט איך אליין, — טראכט ער ווייטער. —

בין איך דערזעלבער וואס פריהער. יענער יוריע איז געווען אן אנדערער, ער האט געלעבט אין אנדערע אומגעבונג, מיט אן אנדערען בעגריעף, יונג, קרעפ־טיג, זיך בעטייליגט אין בעוועגונגען, עטוואס געטהאן פאר די מאסע, יענער יוריע איז געשטארבען... איצט לעבט אן אנדערער יוריע, א צופריעדענער, א שטילער, גאר אן אנדערער. נו, איז דאס נישט דאס זעלבע? א מענש האט געלעבט, איצט לעבט אן אנדערער, — ס'איז דאך אמת'דיג גאר נישט אזוי שרעקליך, — רעדט ער שטיל צו זיך...

— ס'איז אבער דאך נאך נישט אזוי.. — טראכט ער אבער ווייטער.

האט פריהער געלעבט א יוריע, איצט לעבט אויך א יוריע דערזעלבער מענש, מיט אנדערע טעטיגקייטען. אבער אז איינער שטארבט, שטארבט אלץ... א ים מיט געדאנקען, געפיהלען און א גאנצע צוקונפט פון א מענשליכען לע־בען...

א קאלטער שוויים בערעקט זיין שטערען פון דעם טראכטען.

אין דעם אויגענבליק, הערט ער ווי איוואנאוו רופט איהם:

— עפעס טרינקען פאר די נשמה פון דעם ארעמען סעמיאנאוו. — ענט־פערט איוואנאוו מיט א פרעהליכע שטימונג. אפשר וואלט איהר מיט אונז מיטגעגאנגען? פאר וואס געהט איהר שטענדיג אליין ארום?

ווילענדיג זיך אביסעל אויפהייטערען, — ענטפערט יוריע צושטימיג.

— יא, איך געה מיט אייך. אבער באלד קריגט ער חרטה און זאגט: אבער וואס וועל איך טהאן מיט אייך. „וואדקא" זויפען, זיך אנ'שכור'ן, ריי־דען געמיינע ווערטער?

ער האט שוין געוואלט אוועקגעהן, אבער מורא האבענדיג פאר די איינ־זאמקייט האט ער דאך איינגעשטימט מיטצוגעהן.

צוקומענדיג צו איוואנאוו'ס היים איז שוין געווען גוט טונקעל. נעבען דער איינטריטס טהיר אויף א באנק האבען זיי געטראפען זיצען א מענש וואס האט געהאלטען אין האנד א דיקען שטעקען.

— א! אנקעל? פיאטר איליטש? — פרעגט איוואנאוו אויף א הויך קול.

— יא, איך בין עס — קלינגט א שטארקע שטימע צוריק.

יוריע דערמאנט זיך, אז איוואנאוו'ס אנקעל איז ערגעץ א זינגער אין א קירכע און ער איז א גרויסער שכור.

איוואנאוו שטעלט איהם פאר פאר יוריע. יוריע גיט איהם אביסעל שרע־קענדיג די האנד און ווייסט נישט וואס צו זאגען.

זיי געהען אלע צוזאמען אין הויז אריין.

איוואנאוו שטעלט אוועק די פלאש „וואדקא" אויפ'ן טיש, פערשפרייט א צייטונג, לעגט אוועק אוגערקעס, ברויט און גרויסע גלעזער. ער שטאפט אויף די פלאש נישט פערגיסענדיג קיין טראפען.

— דאס הייסט געשיקט זיין — לויבט איהם פיאטר לאכענדיג. — איך פערשטעה די מלאכה. ער גיעסט אן די גלעזער. ער נעהמט א גלאז אין האנד און הויבט עס אויף אין דער הויך.

— נו, מיינע הערשאפטען, צום אנדענקען פון סעמיאנאוו'ס נשמה און פאר אלע אנדערע וואס זיינען געשטארבען!

אלע נעהמען זיך צו עסען און טרינקען, גערעדט ווערט וועניג מיינסטענס געטרונקען.

אין דעם קליינעם צימער איז באלד געווארען דומפף און שטיקענדיג. פיאטר איליטש פעררויכערט זיך א ציגארעט און בלאזט דעם רויך אין מיטען צימער אריין.

פון דעם פיעל טרינקען, דעם רויך און היץ, האט עם יוריען אנגעפאנגען אין קאפ צו שווינדלען.

ער דערמאנט זיך ווידער אין סעמיאנאוו:

— א נאריישע געשיכטע איז דער טויט — זאגט ער מיט א בעטרונקענעם טאן.

— פאר וואס עפעם? — פרעגט פיאטר איליטש, דער טויט — אהא!

— אבער אין געגענטהייל — ער — ער איז עטוואס וואס איז דורכאוים א נויטווענדיגקייט. אט דער טויט — ווען מען זאל אייביג לעבען. אהא! — בעקלעהרט אייך וואס איהר רעדט. אייביג לעבען — וואס איז דאס?...

— דאכט זיך, אז סעמיאנאוו'ס טויט האט אויף אייך געמאכט א גרויסען איינדרוק — בעמערקט איוואנאוו.

— אויף וועמען האט עס נישט געמאכט קיין איינדרוק? — פרעגט יוריע אנשטאט צו ענטפערען.

איוואנאוו שאקעלט צושטימיג מיט'ן קאפ און פאנגט אן פיאטר'ן פון סעמיאנאוו'ס טויט צו דערצעהלען.

— ניין, דער טויט איז א שרעקליכע זאך — זאגט יוריע נאך אמאל.

— איהר זייט צופיעל נערוועז. — בעמערקט איהם איוואנאוו.

— איהר פיהלט דען נישט דאסזעלבע?

— איך — ניין! אמת, שטארבען וויל איך נישט, דאס איז טאקע נאריש, צו לעבען איז פיעל בעסער, אבער ווען עס קומט שוין אמאל אוים צו שטארבען, וועל איך שטארבען אהן איבעריגע געוואלדען, כ'וועל עס מאכען שנעל, כ'וועל זיך שנעל אריבערפעקלען אויף יענער זייט.

— דו ביזט נאך קיינמאל נישט געשטארבען, און דערפאר ווייסטו פון דעם גאר נישט, — בעמערקט סאנין לאכענדיג.

— דאס איז אמת! איוואנאוו לאכט אויך.

— מען האט שוין פון דעם געהערט — זאגט יוריע ערביטערט. — רייד ען קען מען אלעס, אבער דער טויט בלייבט דער טויט! אט דאס אליין איז ענטזעצליך שרעקליך. דער מענש וואס לעבט, געניסט און בעוועגט זיך. דער דענקענדער מענש מיין איך, נישט דער וואס לעבט ווי א בהמה, אט דער

מענטש ווייסט, אַז דער טויט איז שטאַרקער, דער טויט וועט איהם בעזיעגען... ער וועט מוזען אַט דאַס אַלץ איבערלאַזען און פערשווינדען ווערען... אויף אייביג... ווערען אַ גאַרנישט... וואָס זשע פאַר אַ זין האַט דאַס גאַנצע לע־בען?

— אָבער דאָס האָבען מיר שוין אויך געהערט, — אונטערברעכט איוואַ־נאָוו זיין געשפּרעך שוין אויך אָביסעל פערביטערט.

— טאַקע, וואָס פאַר אַ זין האַט עס? — מורמעלט פּיאָטר איליטש שוין שוכר.

— ס'האָט גאָר קיין זין נישט! — צושרייט זיך איוואַנאָוו. — ווער דאַרף דען ס'זאָל האָבען אַ זין?

— ס'מוז דאָך האָבען אַ זין, וואָסזשע דען הייסט עס לעבען? — פרעגט וויטער יוריע. — ס'איז דאָך אויך דאָ גוטעס אין לעבען.

— נאַ, איך דענק, אַז ס'איז גאָר קיין גוטעס נישטאָ, — מישט זיך סאַנין אריין.

— און די נאַטור?

— וואָס? די נאַטור? סאַנין גיט לאַכענדיג אַ מאַך אַוועק מיט זיין האַנד: ס'איז שוין אַזאַ געוועהנהייט צו זאָגען, אַז די נאַטור איז פּאַלקאָם... אין דער אמת'ן אָבער איז זי פּונקט אַזוי שלעכט ווי דער מענש. יעדער פון אונז קען זיך אין דער פאַנטאַזיע פאָרשטעלען צו שאַפען אַ וועלט, אַ פיעל בעסערע, אַ פיעל שעהנערע ווי די איז...

— פאַר וואָס זאָל נישט זיין אייביג ליכטיג, אייביג וואַרעם און די וועלט זאָל אַ פּנים האָבען ווי אַן אייביגער גרינער גאָרטען?... פאַר וואָס זאָלען אַלע נישט זיין גליקליך?

— דער ציעל און דער זין פון'ם לעבען — רעדט וויטער סאַנין — ליגט נישט אין אונז, נאָר אויסערהאַלב אונז, ערגעץ וואו אין דער וועלט און מיר קענען אויך נישט זיין די ענדע. מיר האָבען בלויז אין דעם גאַנצען אוני־ווערזום אַ גאַנץ קליינע פאַסיווע ראָלע, בלויז מיט דעם וואָס מיר לעבען, האָבען מיר שוין ערפילט אונזער צוועק. אונזער לעבען איז נויטיג און אויך דער טויט איז אַ נויטווענדיגקייט.

— פאַר וועמען?...

— פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסען! — לאַכט סאַנין. — און וואָס געהט עס מיך אָן? מיין לעבען דאָס איז מיינע עמפּפינדונגען; דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, אַלץ נעהם איך צו, און וואָס איך קען נישט פערשטעהן — איך שפּיי אויף דעם אַלעם! וואָס געהט עס מיך אָן! איך לעב! איך וויל

לעבען איך וויל נישט נאכקלערען, דאס איז גענוג...

— טאקע דורכדעם לאמיר טרינקען, — רופט איוואנאוו — טרינקען מיר פאר'ן לעבען!

— איהר גלויבט אין גאט? — פרעגט פיאטר צו סאנין געווענדעט — איצט גלויבט דאך קיינער נישט, מען גלויבט אפילו נישט, אז מען דארף אין גאט גלויבען.

— א, אין גאט גלויב איך — זאגט סאנין לאכענדיג, דאס ליגט שוין אזוי טיעף אין מיר פון קינדהייט אן, וואס קען עס מיך ארען אז איך זאל אין איהם יא גלויבען, אבער אלץ וואס איך וויל קען איך טהאן...

— אבער אויף די גרונדלאגע פון גלויבען און נישט - גלויבען בויט זיך דאך דאס גאנצע לעבען, בעמערקט יוריע.

— ניין, — ענטפערט סאנין. — איך דארף נישט די דאזיגע גרונדלאגע צו מיין לעבען.

— וואס פאר א דען גרונדלאגען האט איהר אין אייער לעבען? — פרעגט יוריע שוין מיעד ווערענדיג פון טרינקען און ער טראכט, אז ער דארף שוין מעהר נישט טרינקען. מיט זיין האנד ווישט ער זיך דעם שוויים פון'ם שטערען.

— איך גלויב, אז א גאט עקזיסטירט יא — זאגט ווייטער סאנין —אבער דער גלויבען איז ביי מיר אין גאנצען א בעזונדערע זאך. ער ליגט ביי מיר אין א בעזונדער ווינקעל, דאך... זאל ער יא זיין אדער נישט זיין, איך קען איהם נישט, און ווייס נישט וואס ער וויל פון מיר. פון וואנען זאל איך ווי־סען: אפילו דער שטארקסטער גלויביגער ווייסט עס אויך נישט. אז גאט איז נישט קיין מענש — ער קען נישט געמאסטען ווערען מיט א מענשליכע מאס, זיין גוט און בעז איז נישט אזוי ווי ביי א מענש.

— זעהר ריכטיג, זעהר גוט — בעמערקט איוואנאוו מיט א שיכור'ע שטימע.

— אבער צו וואס דארף מען דען דאס לעבען? — פרעגט יוריע, אוועק שטויסענדיג פון זיך דאס גלאז וויין. און צו וואס איז דאס שטארבען?

— איך ווייס נאר איינס, — ענטפערט סאנין: — איך לעב און וויל, אז מיין לעבען זאל זיין פאר מיר אהן אונאנגענעהמליכקייטען. טאקע דורכ־דעם מוז מען צו אלעם ערשט זיין אייגענעם ווילען, זיין אייגענעם חשק בעפ־פריעדיגען, ווען דער ווילען און דער חשק שטארבט אב ביים מענשען, דא־מאלס שטארבט אויך דאס לעבען ביי איהם... און ווען ער אליין טויטעט זיי־נע פערלאנגען, דאן בעגעהט ער זעלבסטמארד, ער טויטע זיך אליין...

— אבער אמאל קען דאך דער מענש האבען שלעכטע פערלאנגען אויך..

— דאָס איז מעגליך.

— וואָסזשע זאָל מען דאַמאָלס טהאָן?

— דאָסזעלבע! — ענטפערט סאַניז מיט זיין צערטליכע שטימע און קוקט יוריען גלייך אין די אויגען.

איוואַנאָוו ציהט צוזאַמען זיינע ברעהמען און שווייגט. אויך יוריע פרעגט שוין ווייטער נישט, און נישט וויסענדיג פאַר וואָס שרעקט ער זיך צו קוקען אין סאַניז'ס קלאָהרע אויגען.

אַ פּאָר מינוטען איז שטיל. פּעטער אילוטש שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מיט זיינע פערשיכור'טע אויגען קוקט ער אין די צייטונג וואָס ליגט פאַר איהם.

סאַניז שמייכעלט.

יוריען פערדריסט סאַניז'ס שמייכלען, אָבער צו דערזעלבער צייט ציהט עס איהם צו — — — ווי קלאָהר זיינע אויגען זיינען, טראַכט ער נישט וויסענדיג.

סאַניז שטעהט פּלוצלונג אויף, עפענט דאָס פענסטער און ווי עפּעס אַ גרויסער פליגעל יאָגט אַריין די פרישע לופט פון דרויסען.

— יאָ, — רופט זיך איוואַנאָוו אָן — ס'איז דאָ פערשיעדענע מענשען, און טאָקע דאַדורך דאַרף מען טרינקען.

— ניין — שאָקעלט יוריע מיט'ן קאָפּ — איך טרינק נישט מעהר.

— פאַר וואָס?

— איך טרינק איבערהויפּט ווייניג.

פון'ם טרינקען און פון די היץ האָט יוריע קאָפּ־וועהטאָג געקראָגען, און ער וואָלט וועלען אַרויס אויף די פרישע לופט.

— נו, איצט געה איך שוין — זאָגט ער זיך אויפהויבענדיג.

— וואוהין? לאָמיר נאָך עפּעס טרינקען!

— ניין, איך מוז אַוועקגעהן, — ער זוכט זיין הוט.

— נאָ, צום ווידערזעהן!

יוריע געזעגענט זיך און געהט אַוועק.

קומענדיג אין גאָס, איז געוועזען שטיל אַרום איהם. די לבנה איז געשטאַנען הויך אין מיטען הימעל און געוואָרפען גאַנצע בונטלעך זילבערנע שטראַהלען אויף דער ערד. געהענדיג טראַכט ער:

— וואָס פאַר אַ מאָדנער מענש דער סאַניז איז?

ס'פערדריסט איהם פאַר וואָס ער קען איהם נישט פערשטעהן, מיט וויפיעל מענשען ער האָט זיך שוין בעגעגענט אין לעבען, האָט ער יעדען פער־שטאַנען, בעגריפען זייערע כאַראַקטערע נאָר אָט דעם סאַניז קען ער נישט

פערשטעהן...

— ער איז נישט מעהר ווי א פראזיאר — טראכט ער ווייטער, — זיין גאנץ רעדען איז נישט מעהר ווי אונגעהערטע פראזען, און ער רעדט עס נאך. אט דאס איז דער גאנצער סאניו.

ער הערט אויף פלוצים צו טראכטען וועגען סאניו'ן און זיינע געדאנקען בעשעפטיגען זיך מיט זיין אייגענעם פערזאן. ער איז א גאנץ אנדערער מענש פון אלע. זיינע ליידען זיינען נישט דיזעלבע ווי ביי אנדערע, ער איז אן אריגינעלער מענש... קיינער איז נישט גלייך צו איהם.

ער דערמאנט זיך ווידער אין סעמיאנאוו'ס טויט, שטארק ליעב האט ער סעמיאנאוו'ן קיינמאל נישט געהאט, אבער איצט פיהלט ער א רחמנות צו איהם. טרעהרען קומען איהם אין די אויגען.

ער שטעלט זיך פאר ווי סעמיאנאוו ליגט אין קבר מיט א צופוילט פנים, זיין קערפער איז פול מיט ווערים. זיי קריכען ארום אין זיין צופוילטען קערפער און צוגריזשען אלעס אין איהם...

אן עקעל האפט איהם אן, ער דערמאנט זיך אין דעם טויטענס ווערטער:

— איך וועל ליגען, איהר וועט פערבייגעהן מיין קבר און איהר וועט זיך אבשטעלען טהאן וואס א לעבעדיגער מענש דארף טהאן...

אויך דאס אלעס איז דאך אמאל מענשען געוועז — טראכט יוריע קוקענדיג אויף דעם שטויב פון גאס. איך געה און טרעט אויף מענשליכע געהירען, הערצער און אויגען....

ער פיהלט מיט אמאל א שוואכקייט אין די קניהען.

— איך וועל אויך שטארבען, טראכט ער ווייטער, איך וועל! איבער מיר וועלען אויך געהן מענשען און דיזעלבע געדאנקען האבען ווי איך האב איצט... יא, מען מוז לעבען, אזוי לאנג ווי ס'איז נאך נישט שפעט. דאס לעבען איז שעהן, עס טאר אבער קיין אויגענבליק נישט אוועקגעהן מען זאל דאס לעבען נישט אויסנוצען.

— אבער ווי אזוי זאל מען דאס טהאן?

— ס'איז לאנגווייליג, טרויריג, שרעקליך! — רופט ער הויך אזוי ווי ער זאל עס וועלען פאר וועמען פערקלאגען. ער דערשרעקט זיך אבער אליין פאר זיין קול און קעהרט זיך אום צו זעהן אויב ס'האט נישט ווער געהערט.

— איך בין אמת'דיג בעטרונקען, טראכט ער. — —

די נאכט איז געוועזן א שעהנע און שטילע...

צווועלפטעס קאַפּיטעל

קאַרסאַווינע און דובאַווא זיינען ערגעץ אַוועקגעפאָהרען אויף בעזוך. זייט דעם האָט זיך יוריע געלאַנגווײלט און קיין זאַך האָט איהם נישט אינטע־רעסירט.

זיין פאָטער ניקאָלאַי איז געווען פערנומען מיט די ווירטשאַפט און מיט זיין קלוב. ליאַליע איז שטענדיג געווען פערנומען מיט ריאַזאַנצעוו און האָ־בען נישט געוואָלט, אַז אַ דריטער זאָל זיי שטערען. יוריע האָט נישט גע־וואוסט וואָס ער זאָל טאָן, האָט ער זיך געוואוינט צו געהן שלאָפען שפּעט און אויפצושטעהן שפּעט, און דעם גאַנצען טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען דאָ אין גאָרטען און דאָ אין זיין צימער, יעדעס מאָל איז איהם איינגעפאַלען נייע גע־דאַנקען: ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַט וועט ער קריגען נייע כוחות, פריי־שע ענערגיע, ער וועט עטוואָס אַ גאַנצע אידע בעגרייפען, ער וועט אַ בילד מאָהלען.. אָדער גאָר אַרטיקלען שרייבען. ער וועט איבערצייגען יעדען וואָס פאַר אַ גרויסען פעהלער די סאָציאַל־דעמאָקראַטען בעגעהען, נישט מאַכענ־דיג איהר פאַר זייער איינציגען פיהרער...

אָבער צו קיין בעשלוס קומט ער נישט, ס'איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און ער האָט גאָר נישט געטהאָן, עפּעס אַלעס איז ביי איהם ווי אַ כאַאָס אָהן אַ צוזאַמענהאַנג און עס בלייבט אַלץ נישט געטהאָן ווי פריהער.

אַמאָל איז ער געגאַנגען צו ריאַזענצעוו'ן אין הויז, ריאַזענצעוו האָט איהם איינגעלאַדענט ער זאָל געהן מיט איהם אויף יאַגד.

— איך האָב אָבער קיין ביקס נישט, — זאָגט יוריע.

— נעהמט איינע ביי מיר, איך האָב אַכט. — רופט זיך ריאַזענצעוו אָן, ער קוקט אויף יוריע אַלס ליאַליעס ברודער און ער וויל מיט איהם גוט בע־פריינדעט ווערען. ער ברענגט צו איהם צו די געוועהר, ער צייגט איהם די מעכאַניזם ווי אַזוי צו שיסען.

קורץ, יוריע שטימט צו, און מיט פערגעניגען טראַכט ער, אַז ער וועט זיך אַביסעל צושטרייען, דאָס לאַנגווײליגקייט פערטרייבען.

דעם צווייטען טאָג, פאַרנאַכט, איז ריאַזענצעוו געקומען צו איהם מיט אַ לייכטע דראַזשקע, און רופט איהם.

— נו, זייט איהר שוין פאַרטיג צו פאָהרען?

— יא, יא, פארטיג — ענטפערט יוריע ארויסקומענדיג פון הויז שמייכ־לענדיג. ער זעצט זיך צו ריאזענצעוו אין די דראזשקע און זיי פאהרען אוועק.

אויף׳ן וועג פאהרענדיג איז ריאזענצעוו געווען פרעהליך און האט גע־לאכט, אויך יוריע איז געווארען פרעהליכער און געלאכט צוזאמען מיט איהם.

קומענדיג אין א דארף האבען זיי אנגעטראפען א בעקאנטען פויער שטע־הענדיג אין פעלד.

— הע! — רופט איהם צו ריאזענצעוו.

דער פויער געהט צו און בעגריסט איהם: — א גוטען טאג, אנאטאלי פאוולאוויטש!

— א גוטען טאג, קוזמא, וואס טהוסטו? קען איך ביי דיר דאס פערד איבערלאזען?

— יא, אודאי קענסטו, — ענטפערט דער פויער פריינדליך און נעהמט דאס פערד ביי דעם ציימעל. — געהסט אודאי אויף יאגד, ניין? און ווער איז דער יונגערמאן? — פרעגט ער צייגענדיג אויף יוריע.

— דאס איז דער זוהן פון ניקאלאי יעגאראוויטש, — ענטפערט ריא־זענצעוו.

— אזוי?... דאס מערקט זיך תכיף, אז ער איז עהנליך צו אונזער לוד־מילא ניקאלאיעוונא.

יוריע האט פערגעניגען פון דעם, וואס דער פויער רעדט אזוי פריינדליך פון זיין שוועסטער.

— נו, לאמיר געהן — זאגט ריאזענצעוו ארויסנעהמענדיג פון די דראזשקע דאס געוועהר און די טאשען.

דער פויער האט צוגעפיהרט די דראזשקע מיט׳ן פערד צום שטאל פון זיין הויז, און ריאזענצעוו מיט יוריע זיינען אוועק ווייטער ביז צום וואסער.

זיי שטעלען זיךביידע אין בעזונדערע פלעצער ערווארטענדיג אזוי ווי ס׳זאל עטוואס וויכטיגעס געשעהן.

פלוצים דערהערט זיך א שטארקער גערויש, און ס׳פאנגען אן פון אלע זייטען ווילדע ענטלאך.

צוערשט שיעסט ריאזאנצעוו און ס׳איז איהם געלונגען. דאס דערשאסע־נע ענטעל דרעהט זיך איין ווי א קויל און מיט א שווערען קלאפ פאלט עס אין וואסער אריין.

— בראווא! — שרייט יוריע, דערנאך שיסט ער אויך און ס׳געלונגט איהם אויך, אבער דאס ענטעל וואס ער האט געשאסען, איז ערגעץ ווייט ארונ־טערגעפאלען און ער האט עס נישט געקענט געפינען.

אזוי שטעהען זייביידע און שיעסען די ווילדע ענטלאך ביז די זון לאזט זיך ארונטער וואס אמאל נידעריגער און נידעריגער, און ווערט אין גאנצען פערשוואונדען, ס'ווערט טונקעל ארום, עס הערט זיך נאר דער קנאלען פון די ביקסען און ס'זעהט זיך די פייער־פונקען פון די קוגלען.

יוריע איז געווארען פרעהליך. עס האט זיך איהם געדאכט, אז קיינמאל האט ער אזא אינטערעסאנטעס ניט מיטגעמאכט אין זיין גאנצען לעבען, ס'איז שוין אבער גאנץ טונקעל געווארען און זיי האבען שוין ניט געזעהן מעהר צו שיסען די ווילדע ענטלאך.

— שוין צייט א היים צו פאהרען, — רופט זיך אן ריאזאנצעוו, יוריע'ן האט עס באנק געטהאן שוין א היים צו געהן.

— נו, ווי אזוי איז עס געגאנגען? — פרעגט ריאזאנצעוו — האט איהר געהאט גליק?

— נאך וואס פאר א גליק, — ענטפערט יוריע און צייגט איהם אויף די פולע יאגד־טאש.

— איהר שיעסט דאך נאך בעסער פון מיר — בעמערקט ריאזאנצעוו מיט פערגעניגען.

יוריע'ן איז דער ליוב פון זיין קאלעגיע אנגענעהם געווען, און ער בע־מערקט, —ס'איז נישט אזוי דאס גוטע שיעסען ווי מען דארף האבען גליק.

ס'איז שוין געווען גוט נאכט ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פוער קוז־מא'ס הויז.

— אט זיצט דאך סאניו, — בעמערקט ריאזאנצעוו, — ווי אזוי איז עפ־דען אהער געקומען?

זיי געהען צו נעהנטער, קוזמא דרעהט זיך אום צו זיי און פרעגט זיי פריינדליך:

— נו, האט איהר עפעס געהאט גליק?

— זעהר פיעל! — ענטפערט פרעהליך ריאזאנצעוו.

סאניו בעגריסט זיי מיט א שמייכעל.

— ווי קומט איהר אהער? — ווענדעט זיך צו איהם ריאזאנצעוו מיט א פראגע.

— איך און קוזמא זיינען שוין אלטע פריינד. — ענטפערט סאניו, לא־בענדיג.

קוזמא שאקעלט צופריעדען מיט זיין גראהען קאפ, קלאפט סאניו'ן אויף די קניה און בעמערקט:

— אמת! אמת! שוין אלטע פריינד. — זעצט זיך אנאטאלי פאוולא־

וויטש, איהר אויך יונגער העדר, ווי אזוי רופט מען אייך?

— יוריע ניקאלאיעוויטש, — ענטפערט יוריע מיט א פרעהליכען טאן.

— יוריע ניקאלאיעוויטש, זעהר שעהן! נו, זיינען מיר שוין בעקאנט. זעצט דיך, יוריע ניקאלאיעוויטש.

זיי זעצען זיך ביידע.

אלע זיצען ארום אין דער מיט ברענט א פייער וואס דער אלטער פויער פון קוזמא האבען פריהער אנגעצונדען. דער העלער פלאם פאלט אויף זייערע געזיכטער און פון יעדענם ליפען זעהט זיך א צופריעדענער שמייכעל.

— נו, צייגט וואס איהר האט דארט געשאסען? — פרעגט קוזמא מיט א פריינדליכען טאן.

יוריע און ריאזאנצעוו שיטען אוים פון זייערע יאגד־טאשען די געשאסענע ענטלאך, און דאס שטיקעל פלאץ איז פול געווארען מיט טויטע ענט־לאך און בלוט. ביים שיין פון׳ם פייער האבען זיי א זאנדערבארען אויס־זעהען. דאס בלוט קוקט אוים שווארץ, און די צוזאמענגעצויגענע פים, דאכט זיך אזוי ווי זיי זאלען זיך בעוועגען. קוזמא נעהמט אן ענטעל און בעטאפט עס.

— ס׳איז פעט — בעמערקט ער, — מעגסט מיר א פאר איבערלאזען. אנאטאלי פאוולאוויטש. וואס דארפסטו אזוי פיעל?

— נעהמט אלע ביי מיר צו — מאכט יוריע א פארשלאג, ער ווערט באלד רויט פון זיין צו גוטקייט.

— צו וואס אלע? — צולאכט זיך קוזמא, — זעהר נאר וואס פאר א גור־טער קערל ער איז, איך וועל נאר נעהמען א פאר, כדי יעדער זאל האבען.

מיט א גערינגצעלטען שטערען קוקט סאנין אויף די געטויטעטע ענט־לאך, ריקט זיך אוועק אין א זייט און שטעלט זיך האסטיג אויף און געהט אוועק אין א זייט. ס׳איז איהם פיינליך געווען צו קוקען אויף די טויטע ענט־לאך ווי זיי וואלגערען זיך אין בלוט און אין שטויב אויף דער ערד ארום.

— עס, יוריע, עס! — זאגט דער אלטער קוזמא, — איך קען אויך דיין שעהנע שוועסטער לודמילא מיט דיין פאטער, עס געזונטערהייט!

יוריע׳ן געפעלט אלץ וואס איז דא, די פויערים, וואס שמעקען פון שאפ־פעלען, דער געשמאק פון פרישען ברויט וואס א פויערטע באקט ערגעץ, דאס פער׳חלום׳טע ליכט פון׳ם ברענענדיגען פייער׳ל און די גרויסע דיניעס וואס הענגען אראב פון די בוימער.

סאנין וואס איז פריהער אוועק אין דער זייט, האט זיך דארט געטראפען מיט א יונגע שעהנע מיידעל, דעם אלטען קוזמא׳ס אן אייניקעל. ווען ער האט

א שוועבעלע אַנגעצונדען כדי אַ ציגאַרעט צו פעררויכערען האָבען יוריע און רואַזאַנצעוו בעמערקט, ווי ער האַלט דאַס מיידעל אַרומגענומען און קוקט אויף איהר מיט אַ ליידענשאַפטליכען בליק.

— זיידעניו, — ווענדעט זיך ריאַזאַנצעוו צום אַלטען פויער — דו דאַרפסט מעהר אַכטונג געבען אויף דיין אייניקעל.

— וואָס דאַרף איך אַכטונג געבען — זאָגט דער אַלטער מיט אַ גוט־מוטיגע האַנד־בעוועגונג — זי איז אַ יונגע זאָל זי זיך שפּיעלען.

סאַנין האָט דאָס געהערט און ער האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול. דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט און איז באַלד פערשווינדען געוואָרען מיט סאַ־נין'ן ערגעץ אין גאָרטען.

— ס'איז שוין צייט אַ היים צו פאָהרען, — בעמערקט ריאַזאַנצעוו צו יוריע און הויבט זיך אויף. יוריע הויבט זיך אויך אויף.

זיי געזעגענען זיך מיט'ן אַלטען קוזמאַ.

— צום ווידערזעהן! — רופט צו זיי סאַנין פון דערווייטענס, אין דעם מאָמענט בעמערקט יוריע ווי סאַנין האַלט דאָס יונגע מיידעל שטאַרק צוגע־דריקט צו זיך. עס ציהט איהם דאָס האַרץ צוזאַמען. ער פיהלט אַ טיעפען שמערץ ערגעץ אין זיין נשמה, מיט אַמאָל דערמאַנט ער זיך אין קאַרסאַווינאַ און ווערט פלוצלונג בייז אויף סאַנין.

זיי זעצען זיך ביידע אויף די דראָזשקע און פאָהרען אַוועק.

אויפ'ן הימעל לייכטען די שטערען מיט אַ שימערדיג ליכטיגקייט; און ער זעהט אוים ווי אַ טיעף בלויער ים מיט גלאַנציגע גאָלדענע פיש־אויי־גען איבער'ן גאַנצען וועג האָבען זיי געשוויגען ביידע, ערשט ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען ווייזען די ליכט פון די פענסטער פון דער שטאָדט, זאָגט ריאַ־זאַנצעוו:

— איך האָב גאָר נישט געוואוסט אַז סאַנין איז אַזאַ וואוילער יונג.

— אַזוי, איך האָב עס נאָך גאָר נישט בעמערקט. מיט וואָס איז ער דאָס אַזוי וואויל? — פרעגט יוריע מיט אַ האַרטע שטימע, ער שטעלט זיך פאַר ווי סאַנין האַלט אַרומגענומען דאָס שעהנע יונגע דאָרפס־מיידעל.. וואָס וועט דער סוף זיין פון איהר?... — טראַכט ער, ער דערפיהלט אַ טיעפען רחמנות צום יונגען מיידעל.

ריאַזאַנצעוו גיט אַ טרייב שנעלער די פערד און זיי זיינען שוין באַלד אין שטאָדט.

זיי שוויינען אַ ווילע, דערנאָך בעמערקט ריאַזאַנצעוו:

— אַ שעהן מיידעל, איך קען איהר, זי איז דעם אַלטען קוזמאַ'ס איי־

ניקעל. יוריע ענטפערט נישט.

— צו אלדע רוחות! — זאגט פלוצים ריאזאנצעוו — אזא נאכט רייצט אויף!... וואס מיינט איהר, זאלען מיר נישט אריבער פאהרען דארט?
יוריע פערשטעהט נישט וואס ער מיינט.

— ס'איז דארט דא א פאר שעהנע מיידלעך. לאמיר אהין פאהרען, ניין?

יוריע'ן קומט דאס בלוט אין פנים אריין, דער לאנג אונטערדריקטער אינסטינקט וועלכער איז געשלאפען אין איהם האט זיך אויפגעוועקט און א ליידענשאפט האט זיך צופלאקערט אין זיין הארצען. אבער ער בעצווינגט זיך און ער זאגט:

— ניין, עס איז צייט אהיים צו פאהרען. דערנאך זאגט ער שוין מיט פערדרוס: — ליאליע ערווארטעט אונז.

הערענדיג ליאליע'ס נאמען איז ריאזאנצעוו געווארען ביי זיך אביסעל נידערשלאגען און כדי צו פערגלעטען דאס וואס ער האט ערשט געזאגט רופט ער זיך אן:

— נו, יא, ס'איז שוין טאקע צייט.

— איך האב נישט ליעב אזעלכע געשעפטען.... בעמערקט יוריע מיט פערביסענע ליפען.

ריאזאנצעוו שווייגט.

שווייגענדיג פאהרען זיי צו יוריעס הויז. יוריע געהט ארונטער פון דער דראזשקע. ס'איז איהם נישט אנגענעהם צו נעהמען דעם ביקס מיט די טאש געשאסענע ענטלאך, ס'דאכט זיך איהם, אז אלץ וואס בעלאנגט צו ריזאנ־צעוו'ן איז עפעס אונווירדיג און עקעלדיג.

ריאזאנצעוו דערלאנגט אלעס און געהט פון וואגען נישט ארונטער.

— איהר וועט נישט אריינגעהן אין הויז? פרעגט איהם יוריע.

— ניין, ניין, — ענטפערט ריאזענצעוו שטאמלענדיג, איך האב נישט קיין צייט.... איך דארף געהן צו א קראנקען....

יוריע האט פערשטאנען וואו ער דארף געהן.... און ער מורמעלט שטיל אין זיך. שארלאטאן, שופט!.... און ער בעקומט רחמנות אויף זיין שוועס־טער.

דרייצענטעס קאפיטעל

יוריע האט אלעס אין הויז אריינגעטראגען נישט וויסענדיג וואס ער זאל אנפאנגען צו טאהן מיט זיך, איז ארויסגעגאנגען אין גארטען. דארט איז שוין טונקעל געווען ווי אין אן אבגרונד, כאטש דער הימעל איבער איהם איז געווען מיט שטערן בעזעצט.

אויף די טרעפ פון דער וואראנדע איז ליאליע געזעסען און איהר קליין געשטאלט האט זיך קוים געזעהן פון דער פינסטערניש.

— ביזטו דאס, יוריע? — האט זי געפרעגט

— יא, איך — ענטפערט יוריע און זעצט זיך פארזיכטיג נעבען איהר, ווי א פער'חלום'טע האט ליאליע אוועקגעלייגט איהר קאפ אויף זיין אקסעל און יוריע האט געפיהלט א ריינעם אנגענעהמען געשמאק פון איהר יונגען קערפער, ס'איז געווען א געשמאק פון א יונג מיידעל און יוריע האט איהם אונבעוואוסט אין זיך אריינגעאטהעמט.

— האט איהר עפעס געהאט גליק אויף די יאגד? פרעגט ביי איהם ליאליע מיט א ווייך שטיל קול, און וואו איז ריאזענצעוו?.... איך האב איך געהערט צופאהרען צום הויז.

יוריע האט רחמנות געקרוגען אויף זיין שוועסטער, אט די שטילע, צערט־ליכע, אונשולדיגע מיידעל זאל אריינפאלען צו אזא שמוציגע חיה אין די הענד..... האט ער געטראכט און ס'האט זיך איהם געוואלט אויסשרייען: לאז אב פון איהם! ער איז א לומפ! נאר אנשטאט דעם האט ער געענטפערט מיט אן אויפגערעגטען שטיל קול:

— איך ווייס נישט.... דאכט זיך אז ער איז צו א קראנקען געפאהרען.

— צו א קראנקען? איצט? אין דער נאכט? — פרעגט איבער ליאליע פערקוקענדיג זיך אויף די שטערען.

יוריע האט עס פערדראסען פאר וואס זיין שוועסטער ליעבט אזוי שטארק דעם פוסטען ריאזענצעוו, ער האט א ווײלע געקוקט אויף איהר דערנאך פרעגט ער מיט א צוריקגעהאלטענעם טאן:

— זאג, ליאליע, ליעבסטו איהם טאקע אמת'דיג אזוי שטארק?

— קען מען נאך אויף דעם פרעגען... טראכט ליאליע, זי דריקט זיך צו

צו איהר ברודער מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט, פאר וואס ער האט געגר־מען ריידען פון איהר ליעבע און זי ענטפערט שטיל און ליידענשאפטליך:

— איך האב איהם ליעב, זעהר ליעב...

— פאר וואס האסטו איהם אזוי שטארק ליעב? — פרעגט יוריע און דערשרעקט זיך אליין פאר זיין פראגע.

ליאליע קוקט אויף איהם פערוואונדערט און דערזעהענדיג די ערנסט־קייט אויף זיין פנים, צולאכט זי זיך.

— דו נארעלע דו! — זאגט זי לאכענדיג, — וואס הייסט פאר וואס איך האב איהם ליעב... פאר אלעס... ביזטו נאך קיינמאל נישט געווען פערליעבט? ער איז דאך אזא גוטער, אזא ליעבער, אזא עהרליכער...

אזא שעהנער און שטארקער, האט זי נאך געוואלט צולעגען, אבער זי האט זיך פערשעהמט און האט אבגעהאקט.

— זאג מיר דעם אמת, ליאליע, — פרעגט יוריע, קענסטו איהם אויך איצט?

— אודאי קען איך איהם גוט. מיין חתן האט פאר מיר גאר קיין סודות

— ווייסטו עס זיכער, אז ער בעהאלט פאר דיר גאר נישט?

ליאליע ענטפערט מיט אן אונרוהיגע שטימע: — אודאי ווייס איך זי־כער.. אפשר ווייסטו עפעס? — פרעגט זי דערשראקען.

— ניין, איך ווייס גאר נישט — זאגט יוריע — איך פרעג נאר גלאט אזוי.

ליאליע איז געבליבען שטיל, און איהר מוח האט זיך אנגעהויבען פאנאנ־דערוויקלען אן אייפערזיכטיגער געדאנק און אין הארצען האט זי אנגע־פאנגען פיהלען א דריקענדע בענקעניש. נאך א ווייל האט זי שטיל גע־פרעגט:

— אפשר ווייסטו יא עפעס וועגען איהם?

— איך ווייס גאר נישט, גאר נישט ליאליעטשקא! וואס זאל איך דען וויסען וועגען איהם?

— ניין, דו ווייסט יא עפעס, אז נישט וואלסטו אזוי נישט גערעדט.

— איך האב געוואלט נאר זאגען, — ענטפערט יוריע שטאמלענדיג נישט וויסענדיג ווי אזוי ער זאל זיך ארויסדרעהען פון דעם פלאנטער וואס ער האט אליין געמאכט, איך האב נאר געוואלט זאגען: אז אלע מענער זיינען נישט אזוי צאצעדיק... אז מיר אלע מענער זיינען פערדארבען... אלע...

ליאליע שווייגט א ווילע, דערנאך צולאכט זי זיך אזוי ווי מען וואלט עפעס שווערעס פון איהר הארץ ארונטערגענומען. — איך ווייס — זאגט זי לא־

בענדיג.

דאָס לאַבען פון איהר האָט יוריע פערדראָסען און איהם האָט זיך איהר געוואָלט רייצען.

— אַזוי איינפאַך איז דאָס נישט ווי דו שטעלסט דיר פאָר — זאָגט ער מיט אַן איראָנישען טאָן. פון וואַנען זאָלסטו עס וויסען? דו קענסט דיר גאָר נישט פאָרשטעלען, ווי דאָס לעבען איז פערדאָרבען. דו ביזט צופיעל ריין און אונשולדיג צו דעם.

— נו, נו, — שמייכעלט ליאַליע, פיהלענדיג זיך גוט וואָס איהר ברודער האַלט פון איהר אַזוי גוט, — איך האָב שוין וועגען דעם אַלעם נאָכגעדענקט, און ס'האָט מיך אַלע מאָל פערדראָסען, פאַר וואָס מיר פרויען מוזען אַזוי אָבהיטען אונזער נאָמען, אונזער אונשולד און אונזער ריינקייט, ווערענד די מענער איז ערלויבט צו זיין אַזוי פערדאָרבען און אַזוי אויסגעלאַסען... דאָס איז דאָך שרעקליך אונגערעכט, נישט אמת?

— אמת, אמת, — ענטפערט יוריע דערמאָנענדיג זיך אין זיינע אייגענע זינד, אָבער גלייכצייטיג האַלטענדיג זיך פאַר אנשטענדיגער פון אַלע אַנדערע יונגע לייט: — ריכטיג! דאָס איז איינע פון די גרעסטע אונגערעכטיגקייטען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט.. ווען דו זאָלסט פרעגען דעם ערלעסטען און ראַדיקאַלסטען מאַן פון אונז: אויב ער וואָלט מיט אַ געפאַלענע פרוי חתונה געהאַט... ער וואָלט דיך ערשט פערוואונדערט אַנגעקוקט, אַזוי ווי ער זאָל וועלען פרעגען: וואו קומט עס אַז אַ נאָרמאַלער מענש זאָל פרעגען אַזא משוגענע פראַגע. און דערנאָך וואָלט ער דיר געענטפערט מיט אַ פעסטען בעשלוס: אַז ניין! און מיט וואָס איז אַ געפאַלענע פרוי ערגער פון אונז מענער?... יענע פערקויפט זיך פאַר ברויט, פאַר איהר נויטיגסטער בעדאַרפעניש, דער מאַן אָבער טהוט עס פאַר לומפּערייען און אויסגעלאַסענהייט. נאָך מעהר, די אויסגעלאַסענסטע פערדאָרבענסטע מענער שפּיעלען נאָך קאָמעדיע אין דער געזעלשאַפט, זוכען נאָר ריינע אונשולדיגע מיידלעך, מאַכען פון דער חתונה אַ גאַנצע הייליגקייט, זאָגען ליעגען פאַר גאָט און פאַר מענשען. און די ריינסטע אונשולדיגסטע מיידלעך פאַלען אַריין אין די ערגסטע הענד. דער טויטער סעמיאָנאָוו האָט אַמאָל געזאָגט: „וואָס ריינער די פרוי איז, איז מעהר שמוציגער דער מאַן, וועלכער בעזיצט איהר.. און דאָס איז אמת.

— ס'איז נישט מעגליך, — בעמערקט ליאַליע שטיל און שמערצליך.

— אַזוי איז, טייערע שוועסטער, דער לעבען איז אַזוי, זאָגט יוריע מיט אַ ביטערען שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

— איך וויים נישט פון דעם — זאָגט ליאַליע מיט אַ פערשטיקטע שטי-

מע פון טרעהרען, איז דען ריאזענצעוו אויך אזוי ווי אלע?— שרייט זי פלוצים אוים און צוואוויינט זיך.

יוריע האט עם באנק געטאן פאר וואס ס'איז אזוי ווייט געקומען. ער נעהמט ליאליעם הענד און זאגט צו איהר מיט א צערטליכען טאן:

— ליאלע, ליאלינקע!.. וואס איז מיט דיר? — וויין נישט טייערע איך האב אזוי נישט געמיינט.. ער רייסט אוועק איהר קליינע הענטלעך פון איהר פנים און קושט איהר.

— ניין, ניין, איך פערשטעה שוין, ס'איז אמת... ער איז אויך אזעל־כער... — זאגט זי שטיקענדיג פון וויינען.

כאטשע זי האט איהם פריהער געזאגט, אז זי האט שוין וועגען דעם אלעם געטראכט, איז עם אבער נישט אמת געווען, זי האט נאך קיינמאל וועגען אזאלכע זאכען נישט געטראכט. כאטש זי האט געוואוסט, אז זי איז ביי ריזאנצעוו'ן נישט די ערשטע וואס ער ליעבט... די הויפט זאך אז איצט האט ער נ א ר א י ה ר ליעב און זי האט איהם אויך ליעב, דאס אלע, מעהר האט זי נישט געוואלט וויסען. אבער איצט אונטער דעם איינ־דרוקט פון איהר ברודערס ווערטער, האט זי דעם אמת דערזעהן, א פינסטער־רער אבגרונד האט זיך פאר איהר געעפענט, און איהר גאנץ גליק איז אין דעם אבגרונד פערזונקען.. אז זי קען שוין מעהר נישט ליעב האבען ראז־זענצעוו'ן...

יוריע זוכט איהר איינצושטילען. אליין האלב וויינענדיג טרויסט ער איהר ,רעדט צו איהר, קושט איהר, גלעט איהרע ווייכע זיידען־האר אבער ס'העלפט נישט, זי וויינט ביטער און פערצווייפעלט.

— אך, גאט מיינער! גאט מיינער! קען זי נישט איינשטילען איהרע טרעהרען, וואס וועט זיין? וואס וועט זיין?! און די פינסטערניש האט זי אויסגעזעהען ווי קליין וויינענדיג קינד; יוריע איז בעפאלען אן אויסער־געוועהנליכע רחמנות קוקענדיג אויף איהר. בלייך און צומישט איז ער גע־לאפען אין הויז אריין און האט ארויסגעברענגט א גלאז וואסער.

— ליאליעטשקא, הער דאך אויף! שוין גענוג.. ווי קען מען זיך אזוי אבלאזען... וואס איז דען מיט דיר? אפשר איז ריאזענצעוו, נישט אזוי.. אפשר איז ער בעסער ווי אלע אנדערע... ליאלע! שוועסטעריל, איך בעט דיך, הער אויף! בעט ער זי מיט פערצווייפלונג.

ליאלע'ס קערפער האט אין גאנצען געציטערט פון וויינען און איהרע ציין האבען געקלאפט אינ'ם גלאז וואס יוריע האט איהר צוגעגעבען צום מויל.

— וואס איז געשעהן? — דערהערט זיך פלוצים אז אונרוהיג קול פון דעם קאמערמערכען. וועלכע איז נאכגעגאנגען יוריען: — פריילין, איהר פיהלט נישט גוט?

אנשפארענדיג אין וואנד האט זי ליאלע אויפגעהויבען און מיט וואקענדע טריט איז זי אריינגעגאנגען אין איהר צימער.

— טייערינקע פריילין! — איז איהר נאכגעלאפען דאס קאמערמערכען — וואס איז מיט אייך? זאל איך אפשר רופען דעם הערר?

יוריע איז אויך נאכגעקומען אין ליאלע'ס צימער.

ניקאלאי יעגאראוויטש איז אריינגעקומען מיט געמאסטענע שריט פון זיין צימער ער איז געבליבען שטעהן אויף די טיר. ער האט געקוקט אויף ליאלען מיט פערוואונדערטע אויגען און געפרעגט:

— וואס איז געשעהן?

— גאר נישט, נארישקייטען, — ענטפערט יוריע מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, מיר האבען גערעדט וועגען ריאזענצעוו'ן... נארישקייטען!...

ניקאלאי יעגאראוויטש קוקט אויף ליאלע פארשעהנדיג: ס'איז איהם עפעס א געדאנק געקומען אין קאפ, אויף זיין פנים דריקט זיך אויס א מין פעראכטונג.

— דער טייוועל וויסט אייך אלע! — זאגט ער א ציה טהוענדיג מיט זיינע אקסלען. ער דרעהט זיך צוריק אויס און געהט אוועק.

יוריע פיהלט זיך בעליידיגט פון זיין פאטערס בעמערקונג, ער וויל איהם א גראב ווארט נאך רופען, נאר ער פערשעהמט זיך און שווייגט, און זייענדיג אין כעס אויף זיין פאטער, רחמנות האבענדיג אויף זיין שוועסטער און פעראכטונג צו זיך אליין, פערלאזט ער שטיל ליאלעס צימער, געהט ער אויפ'ן גאניק, ארונטער פון די טרעפ און געהט אוועק אין גארטען.

א קליינע זשאבע האט זיך צאפלענדיג אפירגעריסען פון אונטער זיין פוס און איז צופלאצט געווארען אזוי ווי א צוטראטענעם בלעזעל. יוריע דערשרעקט זיך, מיט א געשריי שפרינגט ער אוועק אן א זייט און לאנג רייבט ער זיין שוך אין דעם נאסען גראז און פיהלט אן עקעל.

די בענקעניש אין זיין נשמה און דער עקעל פון דער צוטראטענער זשאבע, מוטשען איהם, ס'דאכט זיך איהם, אז אלץ איז אזוי נודנע... אזוי עקעלהאפט... טאפענדיג געפינט ער א באנק, זעצט זיך אוועק קוקענדיג מיט אנגעשטרענגטע אויגען אין גארטען און נישט זעהענדיג מעהר גארנישט נאר א געדיכטע פינסטערניש פערשפרייט, פאנגט אן אין זיין מוח זיך צו מישען פערשיעדענע שווערע געדאנקען.

ער פערקוקט זיך פלוצים אויף דעם אָרט וואו עס ליגט די צוטראָטע־נע זשאַבע און ער טראַכט:

אָט איז אונטערגעגאַנגען אַ לעבען... אַ קליינע וועלט, אַן אייגענאַרטיגע וועלט און קיינער ווייסט נישט פון דעם... ס'וועט אַזוי בלייבען פערבאָרגען... איז דען נישט אַלץ אַזוי? — פרעגט ער זיך אין געדאַנק. ער טראַכט ווייטער.. צום ערשטען מאָל אין לעבען קומט איהם אין זינען אַ שווערער פיינליכער געדאַנק: אַז אַלץ וואָס האָט איהם ביז איצט אינטערעסירט אין לעבען, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע — האָט אין ווירקליכקייט נור מיט איהם אַליין צו טהאָן, מיט זיין אייגענער פערזאָן בלויז, דאָס לעבען אַליין אָבער קימערט זיך גאָר נישט וועגען זיינע ליידען אָדער פריידען, פונקט אַזוי ווי עס קימערט זיך נישט וועגען דער צוטראָטענער זשאַבע... עס קומט דער טויט, רייסט אי־בער דעם לעבענס־פאָדים, און געענדיגט... האָט מען אַ פּנים ווי די צוטרעטענע זשאַבע....

ער דערמאָנט זיך ווידער אין סעמינאָוו'ן אין זיין גלייכגילטיגקייט צו אַלע וויכטיגע פראַגען פון לעבען, און ער פערשטעהט עס איצט קלאָהר, פאַר וואָס סעמיאָנאָוו האָט זיך אַזוי ווענינ אינטערעסירט אין די גרויסע וועלט־פראַגען, אָבער אין איינפאַכע קליינע פערגעניגענס האָט ער אַלע מאָל אנטייל גענומען.

אין דער אמת'ן, וואָס זיינען אידעען, פּראָבלעמען? גאָר נישט מיט גאָר נישט, ווען מען קומט זיך צוזאַמען מיט'ן לעבענס־גאַנג מיט'ן פּראָסטען לעבען, בלייבען אָט די גרויסע פראַגען נישט פערענדערט און מיר זעהען אויס ווי קליינע זשאַבעס וואָס ווערען מיט די פיס צוטרעטען... איז דען נישט פיעל גלייכער און בעסער זיך אַנצוגעבען מיט פערגעניגענס? מיט קלייניגקייטען? ווי שיפען זיך אויף אַ שיפעל, פערברענגען מיט שעהנע מיידלעך.. אָט די אַלע קלייניגקייטען זיינען טאַקע דאָס אמת'ע לעבען.. דאָס איז פול מיט קאָ־בעדיגען פערגעניגען, אָבער די אַלע שווערע לעבענס פראַגען, זיינען נישט מעהר ווי פוסטע געדאַנקען, נאַרישע פראַזען, ימים מיט שעהנע ווערטער וואָס קענען קיינמאָל נישט געבען קיין בעשטימטען ענטפער וועגען דעם סוד פון לעבען און טויט.

יוריער האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר דעם פּלאָנטער פון געדאַנקען וואָס האָבען געוווירבעלט אין זיין מח.

אַ ווייל׳ע האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז בערייט צוצוגעבען אַז דער ווירקליכער זין פון'ם לעבען איז צו זיין פריי פון אַלע פליכטען, צו לעבען פאַר זיין אייגענעם איך, אַ פערזענליכען לעבען, מען דאַרף נעהמען אַלעס וואָס דאָס

לעבען האט, רייסען פון׳ם לעבען וויפיעל מען קען נאר...

אט טאקע ריאזענצעוו לעבט פיעל לאגישער פון איהם, מען דארף פון אלעם געניסען, נישט זיך אבשרעקען פאר קיין שום זאך. צו געניסען וואס מעהר אין געשלעכטליכען זין. אט די נארישע בעגריפע פון אויסגעלאסענ־הייט און ריינקייט ביי פרויען — זיינען נישט מעהר ווי טרוקענע בלעטער וואס בעדעקען יונגע, פרישע גראז, און אז אפילו אזוינע אונשולדיגע פאטישע מיידלעך, ווי ליאלע און קארסאווינא האבען דאס זעלבע רעכט ווי אלע אריין צוואווארפען זיך אין דעם שטראם פון געשלעכטליכען פערגעניגען.

יוריע דערשרעקט זיך אליין פאר די דאזיגע געדאנקען, זיי זעהען פאר איהם אויס שמוציג און העסליך און ער זוכט זיי צו פערטרייבען מיט אנ־דערע.

— יא, טראכט ער, פערקוקענדיג זיך אויף דעם אויסגעשטערענטען הי־מעל, לעבען הייסט: זיך בעוועגען, בעוועגונג איז פערגעניגען האבען, מען דארף אבער וויסען ווי אזוי זיך צו האלטען, דער מענש איז דאך נישט קיין חיה, מען מוז קענען בעהערשען די טהירישע אינסטינקטען און די אלע פערלאנגען צום גוטען ווענדען.

ווען מען זאל פון׳ם לעבען אוועקנעהמען די ריינקייט פון פרויען וואלט עם געהייסען אזוי ווי מען זאל דעם פריהלינג אינא צפון־קאלטקייט פער־ואנדלען...

אזוי טראכטענדיג שטעלען זיך איהם פאר הונדערטע שעהנע און ריינע מיידלעך אזוי ווי די פריהלינגם בלומען מיט פינקלענדע טוי טראפען אויף זייערע בלעטעלעך, זיי וואקסען ארום די הויך פערקלערטע בוימער צווישען גרינעם גראז, די זון שיט אויף זיי בינטלעך שטראהלען, זיי וואקסען שעהן, ריין און אזוי ליעבליך... אין זיין קאפ האט עס גענומען רוישען און ס׳הארץ האט אנגעפאנגען שטארקער צו קלאפען...

מיט זיין האנד גלעט ער זיין שטערען און רעדט צו זיך מיט א שטילען טאן:

— איך בין צו נערוועז — מען דארף געהן שלאפען.

אונצופריעדען מיט זיך אליין, ווייל ער קען נישט דערגעהן וואס דאס לעבען איז, איז ער אריין אין הויז און האט זיך אין בעט געלעגט.

שוין אין בעט ליגענדיג און נישט קענענדיג איינשלאפען, קומען איהם אויף די געדאנקען, ריאזענצעוו און ליאלע.

— פאר וואס, טראכט ער — קען עס נישט מעגליך זיין, אז ליאלע זאל זיין די ערשטע ביי ריאזענצעוו?

ער קען אויף די פראגע קיין ענטפער נישט געפינען. ער דערמאנט זיך אין קארסאווינא, אזוי שעהן, אזוי אונשולדיג ריין! און ס'איז איהם מיט אמאל קלאהר געווארען פאר וואס ער וויל, אז זי זאל בלייבען ריין און אונ־שולדיג...

איך האב דאך איהר ליעב! קומט עס פלוצים אויף די געדאנקען. צום ערשטען מאל טראכט ער וועגען דעם, דער דאזיגער זיסער געפיהל פערטרייבט אלע אנדערע געדאנקען און טרעהרען פון זיסער בענקעניש קומען איהם אין די אויגען.

א מינוט שפעטער פרעגט זיך יוריע אליין: אבער מיט וועלכע רעכט ליעב איך איהר? איך האב דאך פיעל אנדערע פרויען געליעבט פאר איהר! אמת איך האב נאך דאמאלס איהר נישט געקענט, נישט געוואוסט פון איהר; האט דאך ריאזענצעוו מיין שוועסטער אויך נישט געקענט. יעדע פרוי וועלכע מיר בענגערען, דאכט זיך אונז, אז די איז די אמת'ע וועלכע מיר ליעבען, קומט אן אנדערע, זאגען מיר: אז פריהער האבען מיר א טעות געהאט און די איז די אמת'ע... נו, איז דאך ריאזענצעוו שוין גערעכט.

אבער צום טייוועל, וואס רעד איך: ריאזענצעוו... דאס איז טאקע נישט דאס ערגסטע, אז ער האט אמאל ליעב געהאט אנדערע, נור פאר וואס איז ער איצט אוועקגעפאהרען? ער זאל ערגעץ פערברענגען מיט פערשיע־דענע פרויען... אפשר אויסגעלאסענע... איך טהו עס אבער נישט...

דער לעצטער געדאנק מאכט איהם אביסעל שטאלץ פאר זיין ריינהייט, אבער נאר פאר אן אויגענבליק. באלד דערמאנט ער זיך וויפיעל מאל ער האט זיך פארגעשטעלט, שעהנע יונגע נאקעטע מיידלעך בעשטראהלט פון דער זון... נו, איז דאס ריינהייט? פרעגט ער זיך אליין.

— — — אין אמת'ען, אט די אלע מיידלעך וואס איך האב מיט זיי פער־בראכט, וואלטען מיך זיכער נישט צופריעדענגעשטעלט פאר מיין גאנצען לעבען, נו, ביז איך דאך דערזעלבער ווי אלע. — — — די אונשולד און די ריינהייט פון פרויען מעג זיך טאקע זיין אן און פאר זיך אן אידעאל. אבער די מענשהייט וועט צו גרונדע געהן ווען מען זאל עס פערווירקליכען, און טאקע דאריבער איז עס אן אונזין און א נארישקייט אט דאס פערדיגען פון ריינהייט, — דאס גאנצע לעבען איז אן אונזין, צושרייט זיך יוריע ווילד— אלץ איז נאריש! אלץ!

אזוי ליעגט ער און מוטשעט זיך מיט די געדאנקען, ביז דער מארגען האט שוין אנגעהויבען אין פענסטער אריינצוקוקען.

ערשט דאן איז ער מיט מיהע איינגעשלאפען.

פערצעהנטער קאַפּיטעל

ליאַלע איז געלעגען אין בעט און געוויינט, ביז זי איז איינגעשלאָפען. דעם צווייטען אין דער פריה איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּוועהטאָג און געשוואָלענע אויגען פון וויינען.

איהר ערשטער געדאַנק איז געווען ווען זי איז אויפגעשטאַנען; אַז זי טאָר מעהר נישט וויינען, ריאַזאַנצעוו וועט זיכער קומען צום מיטאָג דאַרף זי נישט האָבען אַ פערוויינט פּנים, מען זעהט אוים העסליך...

זי דערמאַנט זיך אָבער באַלד, אַז אַלץ איינס איז שוין אַלעס פאַר איהר פערלוירען, אַז זי קען שוין איהם מעהר נישט ליעבען; האָט זי דערפיהלט אַ טיעפע וועהטאָג אין איהר נשמה און האָט זיך ווידער צואַוויינט.

ווי העסליך! ווי אַבשייליך! מורמעלט זי צו זיך און די ביטערע טרעה־רען שטיקען איהר אין האַלז — פאַר וואָס? פאַר וואָס איז עס אַזוי? — קרעכצט זי און פיהלט אַז דאָס גליק איהרם איז פערלאָרען אויף אייביג, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט גליקליך זיין...

זי קען זיך נישט ערקלעהרען ווי אַזוי ריאַזאַנצעוו האָט אַזוי פיעל ליגענד געזאָגט פאַר איהר.

אָבער נישט נאָר ער אַליין, נייז, אַלע זאָגען ליגען. טראַכט ליאַלע, אַלע! אַלע האָבען מיך מקנא געווען מיט איהם... ווי קען דאָס מעגליך זיין? זאָלען אַלע אַזעלכע נידעריגע מענשען זיין? ווי שרעקליך דאָס איז!

ליאַלע האָט געפיהלט אַן עקעל צו אַלע איהרע בעקאַנטע מענער, זי געהט צו צום פענסטער און מיט טרעהרען אָנגעפילטע אויגען קוקט זי אין גאָרטען אריין.

אין דרויסען איז דער הימעל פערוואָלקענט און ס'רעגענט, די טראָפּענס רעגען קלאַפּען שווער אויף די שויבען פון די פענסטער און גליטשען זיך אַרונ־טער אַזוי ווי די טרערען אויף ליאַלעס באַקען, ליאַלע'ן איז שווער צו אונטער־שיידען, צו די טרעהרען אָדער דער רעגען פערשטעלט פאַר איהר דעם גאָר־טען.

אין גאָרטען איז געווען פייכט. די נאַסע בלעטער פון די בוימער, האָבען אויסגעזעהן בלייך און האָבען געציטערט, די שטאַמען פון די בוימער זיינען געווען שוואַרץ פון'ם רעגען און דאָס נאַסע גראָז האָט זיך צוגעטוליעט צו דער ערד.

ליאַלע'ן דאַכט זיך, אַז איהר גאַנץ לעבען איז בלויז אונגליק, איהר צו־קונפט איז אָהן האָפנונג און איהר פערגאַנגענהייט איז ווי אין אַ נעבעל פער־שוואונדען...

דאס דיענסטמיידעל איז אריינגעקומען און זי געראפען טעה טרינקען. ליאלע אבער האט צוערשט נישט פערשטאנען וואס דאס מיידעל רעדט צו איהר, ווען זי איז אין עס־צימער אריין, שעהמט זי זיך ווי אזוי איהר פאטער רעדט צו איהר, ס׳דאכט זיך איהר, אז ער רעדט צו איהר מיט רחמנות, אלע מוזען שוין וויסען, אז דער מאן וועלכען זי האט געליעבט, האט איהר בע־טראגען און שמוציג אבגענארט.

אין יעדען ווארט וואס מען האט צו איהר גערעדט, דאכט זיך איהר, אז עס ליגט עפעס א רחמנות, מען וויל זי טרויסטען, און כדי זי זאל ווידער נישט אויסברעכען אין א געוויין, איז זי ארויסגעלאפען פון עס־צימער און איז צו־ריקגעגאנגען אין איהר צימער, דארט האט זי זיך ווידער געשטעלט ביים פענס־טער און האט פערטראכט געקוקט אויף דעם גיעסענדעם רעגען און אויף דעם נאסען גארטען.

פאר וואס איז ער אזוי פאלש געווען? טראכט זי — פאר וואס האט ער מיך אזוי טיעף בעליידיגט? איז דאס א בעוויז, אז ער האט מיך נישט ליעב געהאט ? ניין ! אזוי ווי איך האב איהם ליעב, און אין וואס האנדעלט זיך עס אייגענטליך, יא, ער האט מיך בעטראגען ! געוויס האט ער עס געטהאן. שוין פון פריהער האט ער ליעב געהאט אנדערע פרויען, ניעד־עריגע, און זיי האבען איהם אויך געליעבט.... איז זייער ליעבע געווען אזוי ווי מיינע? פרעגט זי נאאיוו מיט א ברענענדיגע נייגעריגקייט, אבער וואס געהט עס מיך אן? איצט איז ער מיר א פרעמדער!.... איך, ווי אונגליקליך איך בין! ס׳איז אזוי העסליך! ער האט געקושט אנדערע, פערדארבענע, אויסגעלאסענע פרויען, ער האט זיי געקוסט אזוי ווי מיך... אפשר נאך מיט מעהר ליידענשאפט.... ווי שרעקליך!..... ווי אונגליקליך איך בין!..,,, איך וועל שוין קיינמאהל, קיינמאהל מעהר נישט ליעבען! קיינמאהל.....

ליאלע צו וויינט זיך, דריקט איהר קאפ צו די פייכטע שויבען און קוקט אויף וועלכע זייט די וואלקען געהן ....

זי דערמאנט זיך פלוצים, אז ריזענצעוו דארף היינט צום מיטינג קומען, זי שפרינגט דערשראקען אויף פון איהר ארט.

וואס זאל איך זאגען? טראכט זי — ווי אזוי זאל איך צו איהם ריידען? זי געפינט נישט קיין אויסוועג, קיין ריכטיגען געדאנקען ווי זי זאל מיט איהם ריידען. עס פאלט איהר איין צו געהן פרעגען יוריען, ער וועט בעסער וויסען. ווי עהרליך און גוט איהר ברודער איז.... טראכט זי שטיל און צערטליך, און לאזט זיך תיכף געהן אין יוריעס צימער.

דארט אבער זיצט שאפראוו און איז פערטיעפט אין א געשפרעך מיט

יוריען', אונענטשלאָסען בלייבט זי שטעהן אין טיר נישט וויסענדיג וואָס זי זאָהל טאָהן....

— גוט מאָרגען! — זאָגט זי פערטראַכט.

— גוט מאָרגען — ענטפערט שאַפּראָוו, — זעהט איהר, איהר זייט געקומען אין דער ריכטיגער צייט, ליאַלע ניקאָליעוונאַ.... מיר דאַרפען האָבען אייער הילף....

נאָך אַלץ אונענטשלאָסען זעצט זיך ליאַלע ביים טיש און מישט מעכאַניש די און די זשורנאַלען וואָס ליגען אויפ'ן טיש.

— איהר הערט, ווענדעט זיך שאַפּראָוו צו איהר, — עס האַנדעלט זיך וועגען דעם: די גענאָסען אין קורסק געפינען זיך אין אַ שווערע לאַגע, מען מוז זיי אונבעדינגט העלפען. איז מיר איינגעפאַלען, מיר זאָלען אַ קליינע קאָנצערט פאַרשטעלען.

— דאָס איז זעהר שעהן! פאַר וואָס נישט? ענטפערט ליאַלע מעכאַניש, און קוקענדיג אויף יוריע האָט זי זיך געוואונדערט, פאַר וואָס ער האַלט זיין קאָפּ אָוועקגעקעהרט פון איהר.

יוריע פיהלט זיך נאָך דעם נעכטיגען געשפּרעך און איהר ווייגען און אַלע געדאַנקען וואָס ער האָט די גאַנצע נאַכט דורכגעטראַכט דערשלאָגען און מיעד: ער איז אונפעהיג צו קוקען זיין שוועסטער אין פּנים אריין, ער האָט געוואוסט ,אז זיין שוועסטער וועט קומען צו איהם זיך בעראַטען, אָבער ער ווייסט נישט, וואָס ער זאָל איהר זאָגען.... ווי אַזוי ער זאָל זי צוריקפיהרען צו ריאַזענצעוו'ן.... און ס'טוט איהם האַרציג באַנק, פאַר וואָס ער האָט איהר אַזעלכע קרענקונג פערשאַפט.

— נו, רעדט ווייטער שאַפּראָוו, מיר האָבען פאָלגענדעס בעשלאָסען.

מיר ווילען איינלאַדען, קאַרסאָווינאַ און לידאַ צו זינגען, צוערשט יעדע אַ סאָלאָ, דערנאָך ביידע צוזאַמען, קאַרסאָווינאַ האָט אַ שעהנע אַלטע, און לידאַ אַ סאָפּראַנאָ, ס'וועט זעהר שעהן זיין. אויך זאַרודין וועט זינגען און טאַנעראָוו וועט איהם בעגלייטען אויף דער פּיאַנאָ.

— ווילען דען אַפּיצירען ביי אַזאַ קאָנצערט זיך בעטייליגען? — פרעגט ליאַלע אין דעם זעלבען מעכאַנישען טהאָן ווי פריהער.

— זיכער ווילען זיי עס טאָהן, ווען לידאַ וועט נאָר ווילען איינווילינען, ווילען זיי שוין נישט בלייבען זיצען אין דער היים. איבעריגענס, זאַרודין האָט ליעב זיך איבעראַל פאַרצושטעלען וואו עס לאָזט זיך נאָר. זינגען קען ער, דאָס וועט דאָס מיליטער צו ציהען, און ס'וועט זיין אַ גלענצענדע איינ־נאַהמע.

— יא, לאדעט איין קארסאווינע, שטימט ליאלע צו און קוקט אויף איהר ברודער מיט שטילע טרויעריגע אויגען.

— אבער דאס איז דאך מיין אייגענער פארשלאג, — ענטפערט שאפּראוו און קוקט אויף איהר פערוואונדערט.

— יא, כ'האב פערגעסען. אז איהר האט שוין דאס געזאגט, בעמערקט ליאלע מיט א טרויעריגען שמייכעל.

— אבער וועמען זאל מען נאך איינלאדען?

— איך וויים נישט, איך קען איצט גארנישט טראכטען, דער קאפּ טהוט מיר וועה.

יוריע האט זיך א ווײלע אומגעקוקט צו איהר, אבער ער האט באלד זיין קאפּ צוריק אוועקגעדרעהט, איהר בלאס פּנים, איהרע גרויסע טרויעריגע אויגען, זעהט זי פאר איהם אויס אזוי שוואך און רחמנות'דיג אזש א וויינען קומט איהם אן.

אך! פאר וואס האב איך עס איהר געזאגט? פאר וואס? טראכט ער מיט וועהטאג און חרטה.

דאס דיענסט מיידעל איז אריינגעקומען און האט געמאלדען אז ריזאנצעוו איז דא.

יוריע האט דערשראקען געקוקט אויף איהר און האט געזעהן ווי זי ציטערט, און נישט וויסענדיג וואס צו טאהן האט ער זיך געווענדעט צו שאפּראוו'ן מיט א פראגע:

— האט איהר שוין געלעזען טשארלס ברעדליי?

— יא, ענטפערט שאפּראוו, איך האב עס געלעזען צוזאמען מיט דובאווא און קארסאווינא, ס'איז זעהר אן אינטערעסאנטער בוך.

— אזוי?.... זיינען שוין די מיידלעך צוריקגעקומען.

— א וודאי, !

—וועןּ? פרעגט יוריע און אונטערדריקט זיין אויפרעגונג.

— נאך אויערנעכטען זיינען זיי געקומען.

— אזוי?.... יוריע קוקט ווידער וואס ליאלע טהוט. א געפיהל פון יסורים און שרעקען, לויפט דורך זיין גאנצע נשמה (פאר וואס ער האט) זיין אייגענע שוועסטער אזוי פיעל צו ליידען געבראכט.

ליאלע שטעהט אויף, איהר הארץ קלאפּט שטארק און זי קוקט מיט צושראקענע אויגען אויף יוריע, זי געהט דורך דאס צימער, פיהלענדיג ווי טיעף אין איהר נשמה איז עפּעס ווי פערגליווערט געווארען, פערבייגעהענדיג דעם שפּיעגעל, זעהט זי אז איהר פּנים איז בלייך און פערוויינט און זי טראכט:

זאָל ער טאַקע זעהן! זאָל ער זעהן!....

אין עס־צימער שטעהט ריאַזענצעוו און רעדט עפּעס־מיט איהר פאַטער, דערהערענדיג זיין שטימע האָט זיך איהר הארץ א טרייסעל געטהאָן.

ריאַזענצעוו דערזעהענדיג איהר, האָט אויפגעהערט ריידען, איז צוגע־גענגאַנגען צו איהר און האָט איהר דערלאַנגט ביידע הענד.

ליאַלע האָט א קוק געטהאָן אויף איהם פון אונטען ארויף און די ליפּען האָבען ביי איהר געציטערט, גישט א וואָרט ארויסרעדענדיג האָט זי ארויס־געריסען איהרע הענד פון זיינע, דורכגעגאַנגען דעם זאַל האָט אויפגעעפענט די גלאָז־טיר און איז ארוים אויפ׳ן גאַניק.

ריאַזענצעוו האָט איהר מיט א רוהיגע פערוואונדערונג נאָכגעקוקט.

— מיין ליאַלע׳ן געפעלט היינט בייז צו זיין? וועגדעט ער זיך מיט א פראַגע צו ליאַלעס פאַטער.

דער אַלטער האָט זיך צו לאַכט אויפ׳ן קול — גאָה בעט איהר איבער!

— נו, יא, ס׳קען אַנדערש ניט זיין, זאָגט ריאַזענצעוו מיט א געמאַכטען זיפץ און געהט נאָך ליאַלען אויפ׳ן גאַניק.

דער רעגען גיסט נאָך אַלץ, און די לופט הערט זיך נאָך וואַסערדיגער רוישען, אָבער איז דער הויף אויפ׳ן הימעל האָבען זיך שוין די וואָלקענס אָנ־געפאַנגען צו פערשפּרייטען, און דער הימעל האָט זיך אָנגעפאַנגען אויסצור־לייטערען.

מיט די באַק אָנגעלעהנט צום קאַלטען נאַסען האָלץ פון׳ם גאַניק־זייל שטעהט ליאַלע, איהר קאָפּ געגען דעם רעגען אויסגעשטעלט, און איהרע האָר זיינען שוין אין גאַנצען נאַס.

— מיין פּרינצעסין איז בייז?.... ליאַלעטשקאַ! וועגדעט זיך ריזענצעוו צו איהר זי צו־ציהענדיג צו זיך און מיט זיינע ליפּען איהרע נאַסע־שמעקע־דיגע האָר קושענדיג.

די בעריהרונג וועלכע זי האָט אזוי גוט געקענט און וועלכע איז געוועזן אזוי זיס, האָט געמאַכט פערשווינדען איהר גאַנצען כעס פון פריהער, זי האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו קלעהרען וואָס צו טהאָן. וועגדעט זי אזוי ווי פון זיך אַליין איהר האַנד צו איהם און זי נעהמט ארום זיין האַלז.

— איך בין אויף דיר שרעקליך בייז! — ... דו ביזט א שלעכטער, א העסליכער!

זי האָט דאָס געזאָגט, און זיך געוואונדערט, ווי גוט זי פיהלט זיך נעבען איהם, כאָטשע זי ווייס אזוי פיעל שלעכטע זאַכען פון איהם...

אַך טראַכט זי, — וואָס געהט עס מיך אָן אָט די אַלע געשיכטען? וויי־

טער וויל איך פון איהם גארנישט וויסען! ...

שפעטער אבער ביים מיטאג עסען, האט זי זיך געשעהמט צו קוקען יוריע׳ן אין די אויגען, און ווען זי איז מיט איהר ברודער אליין געבליבען האט זי צו איהם געזאגט:

— איך בין א שלעכטע — א פערדארבענע!....

יוריע, האט געצוואונגען א שמייכעל געטהאן, אין הארצען האט ער זיך געפרייט, וואס אלץ האט זיך געענדיגט גוט, פון דעסטוועגען, האט ער זיך פארגעשטעלט; ווי ניעדריג און געמיין דאס דאזיגע קליינבירגערליכע גליק איז...

ער איז אוועק צו זיך אין צימער און איז געזעסען דארט אליין דעם גאנ־צען טאג, דערנאך האט ער גענומען דעם ביקס און איז אוועק אויף יאגד צו דעם זעלבען פלאץ וואו ער איז נעכטען געווען מיט ריזענצעוו׳ן.

נאך דעם רעגען האט אנגעפאנגען דער גאנצער געגענד דארט ביים זומפ אויפצולעבען, פיעל נייע שפורען האבען זיך דארט בעוויזען, דא און דארט האט זיך דאס גראז געשאקעלט, די זשאבעס האבען געקוואקעט אין כאהר אויף פערשיעדענע טענער, א פויגעל האט געזונגען מיט מאדנע הייזעריגע טענער טררר..... טררר.... די ענטלעך קרעכצען ערגעץ צווישען גראז, און עס הערט זיך עפעס אזוי ווי ס׳זאל ווער א סוד דערצעהלען פון צווישען גראז.

יוריע׳ן גלוסט זיך גארניט צו שיסען, ער נעהמט צוריק די ביקס אויף זיין אקסעל און געהט צוריק אהיים.

שעהן, — טראכט ער — אלעס איז שעהן, נאר דער מענש איז העס־ליך.....

פון דערווייטענס דערזעהט זיך א פייער׳ל און נעבען דעם פייער׳ל איז געזעסען דער אלטער פויער קוזמא און סאנין אזוי ווי ער האט זיי געטראפען נעכטען.

וואס איז דאס? טראכט יוריע — וואהנט דען סאנין דא?

קוזמא דערצעהלט עפעס, סאנין לאכט, דאס פייער׳ל זעהט זיך פון דער־ווייטען אזוי ווי א ליכט, און די שטערן אויפ׳ן הימעל האבען זיך אנגעפאנגען צו בעווייזען, עס האט געשמעקט מיט פרישער ערד און פייכטען גראז.

נישט וויסענדיג פארוואס האט יוריע מורא צו־צוגעהן צו זיי, ווייל צווישען זיי און איהם איז עפעס אונפערשטענדליכעס, זיי געהערען נישט צו איהם, עפעס אזוי ווי פון אן אנדער וועלט זיינען זיי.

אין דיעזען אויגענבליק האט ער זיך דערפיהלט עלענד, גאנץ אליין אויף דיעזער גרויסער וועלט מיט איהרע פערשיעדענארטיגע פארבען מיט איהרע

פייערלאך און שטערן, מיט איהרע מענשען און טענער, מיט איהר לופט און ליכט. ווי ער זעהט דאס אלץ איצט.... אלץ בעוועגט זיך פאר איהם, דאס אלץ איז אזוי גרויס — אזוי אונגעהויער גרויס, און ער איז אזוי קליין, זיין וועלטעל וואו ער לעבט, איז עהנליך צו א פערשטיקטע קליין צימער'ל, וואו ס'זיצט ווער און וויינט, יאמערט און טרויערט. —

— א דריקענדע בייגקעניש האט איהם אנגעפאנגען מוטשען און די הונדערטער וואסער־מאלאנע, וואס זיינען געלעגען פערשפרייט איבער'ן פעלד, האבען פאר איהם אויסגעזעהן אזוי ווי הונדערטער טויטען־קעפ קוקען ארויס פון די קברים.

פופצענטער קאפיטעל

דער זומער איז אנגעקומען מיט ליכט און ווארימקייט, ס'האט אויס־געזעהן אזוי ווי דער גאלדערנער שלייער צווישען די גרינע ערד און'ם בלויען הימעל זאל ציטערן פון די נייע זומער געבורטען. ס'איז געווען הייס אין דרויסען, די בוימער זיינען געשטאנען אזוי ווי מיעד פון די היץ און נישט א שאקעל געטהאן מיט א בלעטעל. די שאטענס פון זיי האבען אויסגעזעהן קליין און הילפלאז.

מיט'ן צוקנעפעלטען ווייסען ראק, איז זארודין ארומגעגאנגען פון איין עק צימער צום צווייטען, א סיגארעט רייכערענדיג און דערביי האט ער ארויס־געוויזען זיינע גרויסע ווייסע צייהן.

טאנעראוו ליגט פערשוויצט אויף דער זאפע, קוקט מיט מיטפילענדע אויגען אויף זיין קאמאראד און זיפצעט שטיל. ער דארף האבען פופציג רובעל, זעהר נעטהיג. ער האט שוין זארודין'ן צוויי מאהל געבעטען, און ער וויל נישט צום דריטען מאהל איהם בעטען. ער וועט ווארטען ביז זארודין וועט זיך אליין דערמאנען.

זארודין האט עס טאקע נישט פערגעסען, האט ער אבער די לעצטע צייט פערשפיעלט 7.00 רובעל.

— ס'קומט מיר שוין פון איהם צוויי הונדערט און פופציג... ווי שעהמט ער זיך ניט..... עהרענוואורט!... איך וועל איהם מעהר נישט לייהען, בע־שליסט ער ביי זיך.

טאנאראוו האט אריינגערופען דעם סאלדאטען־דינער, און האט איהם געהייסען ברייננען ביער.

דער סאלדאט, א צוקרימטער מיט זומער שפרינקלאך אויפ'ן פנים, האט זיך אוועקגעשטעלט אין א מושטירענדע האלטונג און געווארט.

— צום טייוועל, וואס שטעהסטו ווי א גולם? האט זיך זארודין גע־בייזערט.

— אייער הויך וואהל־געבוירען ווילען ביער? נו דארף איך געלד, האט דער סאלדאט געזאגט אונטערטעניג.

— וואס הייסט געלד? — האט זיך זארודין צושריגען, — איך האב דאך דיר ערשט געגעבען צוויי רובעל.

— איך האב זיי שוין אויסגעגעבען, די וואש־פרוי האב איך בעצאהלט. זארודין האט ארויסגענומען געלד און עס געגעבען דעם סאלדאט, בעמערקענ־דיג דאביי: געה צו אלע שווארצע יאהר דו נארישע קאפ.

דער סאלדאט איז ארויסגעגאנגען און איז באלד צוריקגעקומען מיט ביער.

זארודין און טאנעראוו האבען זיך געזעצט טרינקען, זארודין האט אויס־געטרונקען דאס ערשטע גלאז ביער, זיך אבווישענדיג זיינע ליפען זאגט ער צו טאנעראוו:

— ווייסט..... נעכטען איז לידא ווידער ביי מיר געווען.... זעהסטו ברודער! זי איז אן אינטערעסאנטע מיידעל, א פייער!....

טאנעראוו ענטפערט נישט און אין זיינע אויגען צינדט זיך אן א פייער פון אויפערזוכט און ליידענשאפט געמישט. זארודין בעמערקט נישט זיין בליק און ער געהט ארום אין צימער מיט לאנגזאמע שריט, זיין געזונטער שטארקער קערפער, איז געווען פערשוואכט פון היץ, און די גליהיגע אויפרע־גענדע געדאנקען האבען בעקומען די אויבערהאנד איבער איהם, פלוצים צו לאכט ער זיך און בלייבט שטעהן.

דו ווייסט, נעכטען האב איך געוואלט אמאהל ביי איהר.... פרואווען... ביי דעם האט ער געזאגט אווארט וואס א פרוי ווערט פון דעם זעהר בעליי־דיגט —...אנפאנגס איז זי זעהר אין כעס געווארען, אבער הערנאך האט זי זיך איבערגעגעבען ווי א קליין קעצעלע... דו ווייסט ברודער! אפטמאהל קוקט ארויס א שטאלצקייט פון איהרע אויגען, אזש, אז איך דערשרעק זיך פאר איהר.

— דו האסט עס אביסעל גליק, — זאגט טאנעראוו מיט קנאה.

פלוצים דערהערט זיך פון גאס איוואנאווס שטימע:

— איז זארודין אין דער היים?! קען מען ארויפגעהן צו איהם?
זארודין דערשרעקט זיך אביסעל ביי דעם פּלוצים'דיגען רופען, ער האט מורא, צו ס'האט ניט ווער עפּעס געהערט, וואס ער האט גערעדט וועגען לידא, דערנאך ווי ער האט זיך איבערציינגט, אז איוואנאוו שטעהט ערגעץ אויף דער צווייטער זייט צוים פון גארטען ענטפערט ער דורכ'ן פענסטער:
— יא, אין דער היים! אין דער היים.
פון פארהויז דערהערען זיך א סך שטימען און לאכען ווי פון א מאסע מענשען.
עס קומען אריין, איוואנאוו, נאוויקאוו, איין אפיציער מאלינאווסקי, צוויי אנדערע אפיציערען און סאניז.
— הורא! — שרייט מאלינאווסקי, הורא
— פון וואנען קומט איהר חברה? — בעגעגענט זיי זארודין מיט א פראגע, העי! שרייט ער צום סאלדאט, דערלאנג אהער דעם שנאפס און נאך עפּעס.... לויף אריבער אין קלוב און זאג מען זאל גלייך אהער צושיקען א קאסטען ביער.... איהר וועט טרינקען ביער מיינע הערען!? עס איז היים!
ווען מען האט אויפ'ן טיש אוועקגעשטעלט דאס ביער מיט'ן שנאפס, איז דער ליארעם געווארען נאך גרעסער, מען האט געלאכט, געטרונקען און געהוליעט, נאר נאוויקאוו איז געזעסען א טרויעריגער, א דערשלאגענער און אויף זיין פנים איז געוועזן פערשפּרייט א בייזער וואלקען.
ערשט נעכטען האט ער ערפאהרען וועגען לידא און זארודין'ען... דאס וואס מען האטשוין אין גאנצע שטאדט געוואוסט, האט ער ערשט נעכטען געוואר געווארען, און א געפיהל פון בעליידיגונג און א ברענענדיגע אויפער־זוכט, האט איהם געמאכט ווי משוגע.
לידא'ס בילד שטעלט זיך איהם פאר אזוי ריין און אונשולדיג און ער ליעבט איהר אזוי שטארק... אזוי הארציג טיעף.
ניין! עס קאן נישט זיין! ס'איז אונמעגליך! ס'איז נישט מעהר נאר רכילות!... אבער באלד ברעכט אויס אין זיין נשמה א ווילדע אויפערזוכט, און זיין ליעבע צו לידא פערוואנדעלט זיך אין האס, אין דער מינוט וואלט ער זי דערשטיקט, נאך מעהר האסט ער זארודין'ען.
די גאנצע נאכט האט ער נישט געשלאפען, אין הארץ האט עס איהם גע־ברענט, ער האט שוין קוים דערווארט זיך אויפ'ן טאג, ער זאל געהן זעהן זארודין'ען.
איצט ביי דעם גאנצען ליארעם פון די טרינקער, זיצט ער אין א זייט טרויעריג און טרינקט נישט־ווילענדיג איין גלאז ביער נאכ'ן צווייטען. און

בעאויבאכטעט יעדער בעוועגונג פון זארודין׳עז, עפּעס אזוי ווי א חיה, וואָס ווארט ערגעץ אין וואַלד אויף א קרבן.

— זארודין!— האָט געשריגען א הויכער דארער אָפיציער, — כ׳האָב דיר געבראַכט טאָלסטאָי׳ס א בוך.

— וואָס פיר א בוך? האָט זיך דערהערט זארודין׳ס קול צווישען דעם גאַנצען ליאַרעם.

טאָלסטאָי׳ס בוך איבער פּרויען, ענטפערט דערזעלבער אָפיציער מיט א שטאָלצקייט וואָס ער רעדט וועגען טאָלסטאָי.

— זייט איהר טאָלסטאָי׳ס א פערעהרער? — פרעגט איוואַנאָוו בע־מערקענדיג די שטאָלצקייט אויפ׳ן אָפיציערס פנים.

— פאָן דייץ איז א טאָלסטאָיאַנער! מישט זיך אריין דער שכור׳ער מעלינאַוסקי.

זארדין, נעהמט דאָס ביכעל אין האַנד, מישט איבער א פּאָאר בלעטלעך און פרעגט:— איז עס אינטערעסאַנט?

— דו ועסט שוין זעהן, — ענטפערט פאָן־דייץ מיט בעגייסטערונג, אָט דאָס ברודערקע, איז א קאָפּ! זיינע שילדערונגען זיינען דער אמת אַליין!

— אָבער צו וואָס דאַרף זארודין לעזען טאָלסטאָי׳ס מיינונג איבער פרויען, רופט זיך פּלוצים נאָוויקאָוו אָן מיט א בעהאַלטענעם כעס און רוקט פון זיך אוועק די גלאָז ביער, — ער האָט שוין זיין אייגענע מיינונג איבער דער פראַגע.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — פרעגט זארודין פיהלענדיג אינס־טינקטיוו אז נאָוויקאָוו וויל איהם בעליידיגען.

נאָוויקאָוו ענטפערט נישט, אין זיין האַרצען האָט זיך איהם געוואָלט, אויסזידלען זארודין׳עז, איהם זיין פנים צושלאָגען, איהם אוועקלייגען אויף דער ערד און טרעטען איהם מיט די פיס, אָבער ער האָלט זיך איין, ער ווייסט, אז ס׳איז איצט אונמעגליך איבער דעם צו ריידען, ער שמייכעלט ביטער און זאָגט:

— ס׳איז גענוג אויף אייך א קוק צו געבען, צו קומען צו דעם בעשלוס.

נאָוויקאָוו׳ס טרויעריגע שטימע, האָט אויף אַן אויגענבליק שטיל געמאַכט דעם ליאַרעם, אַלע זיינען פּלוצים שטיל געוואָרען, אזוי ווי עס זאָל עטוואָס געווען אויסערגעוועהנליכעס געשעהן, איוואַנאָוו האָט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך.

זארודין׳ס פּנים האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער קוים עטוואָס פער־ענדערט ער בעהערשט זיך אָבער באַלד.

— מיינע הערדען! מיינע הערדען! — האָט איוואַנאָוו געגומען שרייען נישט זיך קריגען.

— לאָז זיי, זאָלען זיי זיך אַביסעל צוברעכען די ביינער, — רופט זיך אָן סאַנין מיט אַ שמייכעל.

— מיר דאַכט זיך אַז... — זאָגט זאַרודין צומישט.

— מיר דאַכט זיך גאָר נישט, — פאַלט אַריין נאָוויקאָוו אין מיטען — איך ווייס וואָס איך זאָג.

צווישען זיי שטעלט זיך אַזוי ווי אַ לעבעדיגע וואַנט, פאָן־דייץ און מאַלינאָווסקי שלעפען אַוועק זאַרודינ׳ען און איוואַנאָוו מיט אַן אַנדערען אָפיציער שטעלען זיך נעבען נאָוויקאָוו׳ן.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, אַלע האָבען גערעדט געשריען און געמאַכט מיט די הענד.

— אָבער וואָס שטעה איך — האָט נאָוויקאָוו געטראַכט — אַלע ווייסען דאָך שוין סיי ווי, אַז איך האָב איהם געוואָלט שלאָגען, איך דאַרף איינפאַך צוגעהן צו איהם און גוט אָנפּאַטשען זיין טריפה פנים, אַז נישט וועל איך אויסזעהן ווי אַ נאַר.

אָבער אַנשטאַט דעם שטעהט ער און הערט זיך צו צום געשפּרעך צווישען איוואַנאָוו און פאָן־דייץ.

— מיט טאָלסטאָי׳ס מיינונג איבער די פרויען בין איך נישט אינגאַנצען איינפערשטאַנען, — זאָגט פאָן־דייץ.

— די פרוי איז צו אַלעם ערשט אַ ווייב... און נישט מעהר, צווישען מענער קען מען נאָך געפינען איינעם צווישען טויזענד, וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען „מענש“, אָבער צווישען פרויען איז נישטאָ קיין איינע — בעמערקט איוואַנאָוו מיט אַ סאַטירישען שמייכעל אויף זיינע ליפּען. — זיי זיינען אַלע נישט מעהר ווי נאַקעטע, פעטע אַפען וואָס האָבען זיך ליעב צו שפּיעלען מיט זייערע אייגענע ווידלען...

— זעהר אָרגינעל געזאָגט — רופט זיך אָן פאָן־דייץ, הנאה האָבענדיג פון איוואַנאָוו׳ס לעצטע פראַזע.

נאָוויקאָוו טראַכט אין זיך ביטער: ווי אמת דאָס איז.

— עה, מיין ליעבער! — ערווידערט איוואַנאָוו. — דערצעהלט נאָר די מענשען, אַז איך האָב אייך געזאָגט, אַז יעדער פרוי וואָס קוקט אויף אַ מאַן מיט חשק, טרייבט שוין אין איהר האַרץ אונצוכט... האָט שוין געזינדיגט... דערצעהלט זיי דאָס, די מיינסטע פון זיי וועלען זיין איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן אָריגינעלע זאַך, אַז ס׳קומט פון מיר.

נאוויקאוו רייכט פלוצים פון־דרייץ'ן די האנד.

— וואס? — פערוואונדערט זיך פאן־דייץ, שוין, איהר געהט אוועק?

נאוויקאוו ענטפערט נישט.

— וואוהין געהסטו? — פרעגט אויך סאנין.

נאוויקאוו ענטפערט איהם אויך נישט, ער פיהלט, ווען ער זאל נאך א מינוט ווארטען, וועט ער זיך צוויינען.

סאנין שמייכעלט רוהיג מיט מיטלייד צו איהם און בעמערקט שטיל:

— איך פערשטעה וואס מיט דיר איז. שפיי דארויף!

נאוויקאוו קוקט אויף איהם מיט רחמנות'דיגע אויגען, די ליפען ציטערען און מאכענדיג מיט די האנד איז ער ארוים נישט געזעגענדיג זיך מיט קיינעם. און א היים געהענדיג, האט ער זיך געפיהלט אזוי שוואך און הילפלאז ווי א קינד, ער האט זיך געפרואווט בערוהיגען:

— וואס וואלט שוין ארויסגעקומען, האט ער געטראכט — אז איך וואלט געווען צושלאגען זיין מארדע, ס'וואלט נאר געווען א מיאוס'ר סקאנדאל, ניין, ער איז גאר נישט ווערט די הענד זיך איינצושמוצען.

אבער דער געפיהל פון אונבעפרידיגטער איפערזוכט האט איהם נישט געלאזט רוהען, א היים קומענדיג האט ער זיך געווארפען אויף'ן בעט און איז אזוי געלעגען מיט'ן פנים איינגעגראבען אין קושען דעם גאנצען טאג, און דער געדאנק: אז ער קען גאר נישט טהאן האט איהם געמאטערט און גע־מוטשעט.

ביי זארודינ'ען האט מען זיך געזעצט שפיעלען אין קארטען. דער עולם איז געווארען נאך מעהר אויפגערעגט און זארודין האט זיך שיער נישט צו־שלאגען מיט פאן דייץ.

אין צימער איז פלוצים ארייגעקומען א נייער גאסט, זארודין האט איהם דערזעהן און איז אויפגעשפרונגען פון ארט.

א הויך געוואקסענער מאן, אין א בעקוועמען ווייסען אנצוג בלייבט שטעהן פערוואונדערט אויף די שוועל און זוכט מיט די אויגען זארודינ'ען.

— אה! פאוועל לאוויטש! ווער האט אייך פלוצים אהער געבראכט?

רופט זארודין רויטווערענדיג און איהם אקעגען לויפענדיג. עס איז קענטיג געווען, אז דער גאסט איז נישט אבי ווער, און אז זארודין האט פאר איהם גרוים רעספעקט.

— פון וואנען קומט איהר? זייט ווען זייט איהר געקומען פון פעטער־בורג? — פרעגט איהם זארודין און דריקט זיין האנד.

— נעכטען בין איך ערשט געקומען — ענטפערט פאוועל לאוויטש.

זארודין שטעלט פאר זיין גאסט:

— מיינע הערדען, איך וועל אייך פארשטעלען פאוועל לאוויטש וואלא־שין, וואלאשין האט זיך לייכט געגייגט.

— מיר וועלען שוין איצט גערענקען, — בעמערקט איוואנאוו אביסעל שיכור׳לעך.

— איך בעט אייך, פאוועל לאוויטש, ווילט איהר אפשר טרינקען ביער אדער וויין?

וואלאשין זעצט זיך פארזיכטיג אוועק אויף א שטוהל.

— איך בין געקומען נאר אויף א פאר מינוט — בעמערקט ער — איך בעט אייך שטערט זיך נישט.

— פארוואס דען איך גאה גלייך ברענגען ווייסען וויין. איך ווייס אז איהר האט ליעב ווייסען וויין. זארודין גאהט ארויס פון צימער.

— דער רוח האט איהם צוגעשיקט פונקט איצט! — טראכט ער מיט פערדרוס, ער וועט שוין אנריידען אויף מיר אין פעטערבורג צווישען מיינע בעקאנטע אזאלכע זאכען, אז מען וועט מיך דערנאך אין קיין אנשטענדיגען הויז נישט אריינלאזען. טראכטענדיג אזוי האט ער געהייסען דעם סאלדאט דערלאנגען ווייסען וויין.

דערווייל האט וואלאשין די גאנצע געזעלשאפט בעטראכט מיט אן ערענסטע מינע. ער האט געקוקט אויף זיי, אזוי ווי זיי וואלטען געווען פון א מין נידעריגען סארט טיפ מענשען, פון איהם, עפעס אזוי ווי חיות.

דער שטארקער ברייט פלייצעדיגער סאניז, מיט זיינע מאדנע קליידונג האט מעהר צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט.

— אן אינטערעסאנטער טיפ... א קרעפטיגער מענש, — האט וואלא־שין געטראכט מיט א מין א דרך ארץ וואס אלע שוואכע מענשען האבען אין דער געגענוואַרט פון שטארקערע פון זיי, ער וואלט וועלען מיט איהם ריידען.

אבער סאניז שטעהט מיט די ברוסט אנגעשפארט אין פענסטער און קוקט ארויס אין גארטען.

זארודין איז צוריק אריינגעקומען, ער זעצט זיך נעבען וואלושין׳ס פלאץ, וועלענדיג דאמיט פערשטעהן געבען די אנדערע וואס פאר א רייכער און וויכ־טיגער מענש דער גאסט איז.

— נו, ווי געהט עס אייך הערר וואלאשין, און אייך ווי געהט עס?

— אט אזוי, וואס קען מען דען אינגאנצען דא אי דעם קליינעם שטעדטיל טהאן? אט שטיק איך זיך דא.

וואלאשין שווייגט און קוקט מיט פעראכטונג אויפ׳ן באלקען וואו די

שאַטענס פון די גרינגע בוימער פון'ם גאַרטען האָבען זיך בעוואויגען.

— מיר קענען נאָר דאַ איין פערגעניגען — זאָגט זארודין וויטער,— טרינקען און קאָרטס שפּיעלען, — דאָביי ציינט ער אויף די בעטרונקענע געסט, אויף די קאָרטען און אויף די פּלעשער.

— נו, אַזוי, אַזוי, — זאָגט וואלאשין מיט אַ טאָן פון פערטראַכטונג, אָבער איך מוז שוין געהן, איך וואוין אין אַ האָטעל-אויפ'ן בולווארד. מיר וועלען זיך נאָך אודאי זעהן?

גראָד אין דער מינוט קומט אריין דער דינער, שטעלט זיך אוועק סאָלדאַטענמעסיג פאַר זארודין'ען און מעלדעט:

— זיין הויך-וואויל-געבוירען, דאָס פרייליין איז דאַ!

— וואָס? — פרעגט זארודין דערשראָקען.

— דאָס פרייליין. — ענטפערט דער סאָלדאַט, שטעהענדיג אין דער האַלטונג ווי פריהער.

— אַך, יאַ, יאַ, איך ווייס... איך ווייס... — מורמעלט זארודין, טראַכטענדיג דאָביי, זאָל דאָס ווירקליך זיין לידא? איצט? אין-מיטען... ווען אַלע זיינען דאָ?

וואלאשין'ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ נייגעריגען פייערעל אין זיין גאַנצער מאָגערער קערפּער האָט זיך גענומען בעוועגען אונטער זיין גרויסען קאָסטיום.

— נו, צום ווידערזעהן! — זאָגט ער צו זארודין'ען מיט אַ שמייכעל דערלאַנגענדיג איהם זיין האַנד — איהר זייט נאָך אַלץ דערזעלבער.

זארודין האָט אָבגעענטפערט מיט אַ שמייכעל, אָבער שוין צומישט מיט בעזאָרגעניש וועגען דעם איצטיגען קומען פון לידא.

ער בעגלייט וואלאשי'ען ארויס, צוריקקומענדיג ווענדעט ער זיך צו דער געזעלשאַפט:

— מיינע העררען! וואָס הערט זיך עפּעס וועגען די קאָרטען? טאַנעראָוו, דו נעהמסט דערווייל איבער מיין האַנד איך קום גלייך צוריק.

— דו זאָגסט ליגען! — שרייט דער שיכור'ער מאַלינאָווסקי, אַזוי ווי אַ ווילדער אָקס, מיר ווילען אַליין זעהן וואָס פאַר אַ פרייליין דאָרט איז!

אָבער טאַנעראָוו האָט איהם אָנגענומען ביי די פּלייצעס און מיט געוואַלט איהם צוריקגעזעצט אויף די שטוהל, אַלע אַנדערע האָבען זיך אויך צוריק אוועקגעזעצט און האָבען זיך בעמיהט נישט צו קוקען אויף זארודין'ען.

אויך סאַנין זעצט זיך אוועק מיט אַן ערענסטען שמייכעל, ער ווייסט, אַז לידא איז דאָס דאָס פרייליין וואָס איז געקומען צו זארודין'ען, און אַ טונק-

לער געפיהל געמישט מיט כעס און רחמנות צו זיין שעהנע און איצט שוין אונגליקליכע שוועסטער האט זיך ערוועקט ביי איהם טיעף אין הארץ.

זעכצעהנטער קאפיטעל.

אויפ׳ן בעט ביי זארודינ׳ען איז געזעסען לידא אין אונבעשטימטע צו־מישטע האלטונג און האט נערוועז געזיפצט און געקנייטשט איהר טאשענטי־כעל וואס זי האט אין האנט געהאלטען.

זארודין אליין האט זיך געוואונדערט איבער די פערענדערונג פון איהר, די שטאלצקייט פון דעם שעהנעם מיידעל איז פערשוואונדען, פאר איהם זיצט א קראנקע בלאסע פרוי, טיעף געביקט, איהר פנים איז איינגעפאלען, בלאס, איהרע טונקעלע אויגען לויפען אויפגערעגט הין און הער.

ווען זארודין איז אריינגעקומען, לויפט זי איהם אקעגען, קוקט אויף איהם מיט מורא און שרעק: זארודין פיהלט אינסטינקטיוו, אז זי האט מורא פאר איהם, גאנץ אונערווארטעט האט איהם אנגעפאנגען דער כעס שטיקען, ער האט פערשלאסען די טיר און איז צו איהר צוגעגאנגען, און גראב האט ער אויף איהר געקוקט, ער האט זיך קוים געקענט בעהערשען, ס׳איז איהם פלוצ־לונג איינגעפאלען ער זאל איהר שלאגען.

— דו ביזט א משוגענע מיידעל — זאגט ער צו איהר אויפגערעגט — וואס איז דיר עפעס איינגעפאלען איצט צו קומען... דער טייוועל ווייסט דיר...

לידא׳ס טונקעלע אויגען האבען איהם אנגעקוקט מיט א מאדנע שטאלץ פייערל, זארודין האט זיך דערשראקען אזוי ווי אלע מאל ווען זי קוקט אויף איהם אזוי, ער האט א שמייכעל געטהאן, אנגענומען זי פאר׳ן האנט און האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר.

— איבעריגענס, איז עס מיר גלייכגילטיג, איך האב מורא נאר פאר דיינעטוועגען, איך בין צופריעדען וואס דו קומסט, איך בענק אלע מאל אז דיר.

ער האט אויפגעהויבען איהר האנד און קושט איהר נאקעטען ווייכען ארעם פון װעלכען עס פיהלט זיך א געשמאקער מיידלישער ריח.

— איז דאס אמת? — פרעגט לידא מיט אז אויסדרוק וואס ער פער־שטעהט נישט און קוקט אויף איהם מיט איהרע טונקעלע אויגען, — איז דאס אמת, אז דו האסט מיך ליעב? זעהסטו דען נישט ווי אונגליקליך, עלענד און צובראכען איך בין, כ׳בין שוין נישט דיזעלבע ווי איך בין געווען פריהער... איך האב מורא פאר דיר.. יא, איך פאנג אן צו פערשטעהן ווי ענטזעצליך נידעריג איך בין.. איך האב קיינעם נישט אויף וועמען מיך צו שטיצען.

— צווייפעלסט דו אין מיין ליעבע צו דיר, ערווידערט זארודין אבי־

סעל אונזיכער, ער נעהמט ווידער איהר האנד צום קושען.

עפעס א מאָדנע פלאָנטער פון געדאַנקען און געפיהלען האָבען זיך אָנ־געפאַנגען בעוועגען אין זיין מוח: ערשט פאר צוויי טאָג זיינען געלעגען די ווייכע האר לידא׳ס פערשפרייט אויף דעם זעלבען ווייסען קושען, האָט זיך איהר הייסער יונגער קערפער געבויגען מיט ליידענשאַפט, איהרע ליפען האָבען געברענט, און ער, זאַרודין, איז געווען פערזונקען אין א פייער פון גענוס... אין יענער מינוט האָט זיך אין איהם פערבונדען די גאַנצע וועלט, טויזענדער פרויען...א ים מיט גענוס איז עס געווען... ס׳האָט זיך איהם דאַמאָלס געוואָלט, אַט דעם שעהנעם יונגען קערפער פייניגען... צו דריקען.. שטיקען פאר ברע־נענדיגע ליידענשאַפט וואָס ער האָט געפיהלט

אָבער מיט אמאָל האָט זיך דער געפיהל ביי איהם געענדערט. ער האָט אנגעפאַנגען פיהלען אַן עקעל צו איהר. ער מוז פון איהר אוועקגעהן, זי האָט זיך שוין איהם צוגעגעסען, ער וואָלט וועלען, נישט מעהר זעהן זי, נישט מעהר הערען פון איהר, און דיעזער פערלאַנג האָט זיך אַזוי שטאַרק אריינגע־גראָבען אין זיין נשמה, אַז אפילו זיצען נעבען איהר איז פאר איהם געווען אַן אָבקומעניש, ער פיהלט דאָס מיט זיין גאַנצען הארץ, אַז ער קען זיך שוין מיט איהר נישט פערבונדען, מיט איהר צושטימונג האָט ער זי בעזעסען, וואָס ער אליין האָט פון איהר גענומען...

ער האָט ערוואַרט, אַז לידא וועט פון איהם עפּעס פערלאַנגען, און ווען ער וועט איהר אָבזאָגען, וועט ער האַנדלען ווי א לומפ, ווי א שמוציגער גראַ־ביאַן.

ס׳איז איהם בעפאַלען א געפיהל פון שוואַכקייט, אַזוי ווי ס׳זאָל ווער האָ־בען זיינע ביינער פון׳ם קערפער אַרויסגעצויגען און אין זיין מויל האָט מען איהם אריינגעגעבען א נאַסע שמאַטע אַנשטאַט א צונג...

די דאָזיגע געדאַנקען פייניגען איהם און מאַכען איהם בייז, ס׳ווילט זיך איהם אויסשרייען: אַז זי האָט קיין רעכט נישט פון איהם עטוואָס צו פערלאַנ־גען.

אָבער זיין הארץ ציהט זיך איהם צוזאַמען פאר פייגהייט, און ער זאָגט א נאַרישקייט, אַזעלכעס וואָס פאַסט זיך גאָר נישט פאר דעם איצטיגען מאָ־מענט:

— אה, ווייבער, ווייבער, — ווי שעקספּיער האָט געזאָגט...

לידא קוקט אויף איהם דערשראָקען, און פלוצים ווערט איהר קלאָהר, אַז זי האָט גאָר נישט וואָס צו האָפען... זי איז פערלאָרען! אויף אייביג פער־לאָרען...

פאר א מענשען וועלכער עקזיסטירט גאר נישט אין דער ווירקליכקייט, פאר וועמען זי האט געקאנט אוועק געבען יענע גרויסע, ריינע און מעכטיגע גליק, האט זי אוועקגעריסען פון זיך, איהר הערליכעס לעבען, איהר מיידלישע אונשולד און איהר ריינהייט האט זי פאר די פיס פון אן עקעלהאפטע חיה געווארפען... וואס איז אפילו נישט פעהיג צו דאנקען פאר דעם גרויסען גליק און פערגעניגען. ער בעווארפט עס נאך מיט שמוץ און קויט... פאר פערצווייפ־לונג האט זי זיך געוואלט צוואויינען, אבער מיט קראנקהאפטער שנעלינקייט האט זיך די פערצווייפלונג אין א האס פערוואנדעלט.

— פערשטעהסט איהר דען נישט וואס פאר א גרויסער אידיאט איהר זייט? — רופט זי שטארק און שטיל גלייך אין זיין פנים אריין.

די דאזיגע גראבע ווערטער, דער בייזער בליק און דער ברענענדיגער אויסדרוק אין איהרע אויגען, האבען איהם אזוי אונערווארטעט געטראפען, אז ער איז צומישט געווארען און זיך אבגערוקט פון איהר. אבער אינגאנצען האט ער נישט פערשטאנען די בעדייטונג פון דעם פייערדיגען בליק, און ער האט געפרואווט מיט א שפאס זיך בעליידיגען.

— וואס פאר אן אויסדרוק איז דאס? — זאגט פערוואונדערט און כלומר'שט בעליידיגט.

— איך האב וועגען וויכטיגערעס צו דענקען ווי וועגען אן אויסדרוק.

— האט לידא איהם צוריקגעענטפערט און פערבראכען די הענד.

— וואס טויג מיר דאס טראגישע? — זאגט זארודין קנייטשענדיג דעם שטערען.

אבער פלוצים האט זיך ווידער ביי איהם די טירישע ליידענשאפט ער־וועקט און ער האט גענומען קוקען אויף איהרע נאקעטע, ווייכע ווארעמע ארעמס און געטאקטע פלייצעס...

איהר קרעכץ, איהר פערצווייפלונג און איהר ברעכען די הענד, האבען אין איהם ווידער אויפגעוועקט, די זיכערקייט, אז ער האט א מאכט איבער איהר... די געוויסהייט פון זיין קראפט, האט איהם געמאכט אביסעל ווייי־בער, ער האט גענומען איהרע הענד, און זי שטיל צו זיך צוגעצויגען, די לייי־דענשאפט איז שוין שטארקער געווארען, און זיין אטהעם איז געווארען הייס...

— נו, גענוג שוין, ס'האט גאר נישט אזא שרעקליכעס פאסירט....

— איהר גלויבט אזוי? — פרעגט איהם לידא קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען מיט האס און פעראכטונג.

— אודאי גלויב איך אזוי — ענטפערט זארודין, און וויל איהר ארומ־

נעהמען מיט א גראבען, פרעכען אופן.

אבער פון לידא שטראמט ארוים אן אייזיגע קאלטקייט און זיינע הענט ווערען אפהענטיג.

— נו, גענוג שוין! וואס ביזטו בייז מיין קעצעלע? — זאגט ער מיט א צערטליכען פארוואורף.

מיט א בייזער בעוועגונג האט זיך לידא ארויסגעריסען פון זיינע ארעמס.

זארודין האט זיך געפיהלט קערפערליך בעליידיגט, ווייל דער אויסגוס פון זיין ליידענשאפט איז געוועזן אומזיסט...

— דער טייוועל זאל איהר וויסען, טראכט ער, גענוג האב זיך אן מיט ווייבער.

— אבער וואס איז דען מיט דיר?

לידא האט נישט געענטפערט. זי האט פלוצים מיט איהרע הענד פער־שטעלט זיך ס'פנים און האט זיך צואויינט. איהר וויינען איז געווען פונקט ווי אלע דארפס־ווייבער וויינען. די הענד צום פנים צוגעדריקט, דעם קער־פער איינגעבויגען, און מיט הויכע לאנגע טענער כליפענדיג, די לאנגע האר־לאקען זיינען צופאלען איבער איהר פערוויינט פנים; און זי האט אויסגעזעהן העסליך.

לאכענדיג אבער דאך שרעקענדיג, האט זארודין געפרואווט אוועקצו־רייסען איהרע הענד פון פנים, אבער לידא האט געקעמפפט עקשנות'דיג דא־געגען און האט נישט אויפגעהערט וויינען.

— אך דו ליעבער גאט! — רייסט זיך ארוים פון זארודין'ן מיט כעס, און ער פיהלט א וואונש זי צו בעליידיגען און ביי די האר איהר רייסען.

— וואס איז דיר דען אייגענטליך? וואס קלאגסטו אזוי? נו, ביזטו זיך צוזאמען געקומען מיט מיר, וואס שאט עס דען? א גרויס אונגליק... וואס עפעס האסטו דיך איצטער דערמאנט? וואס איז דען געשעהן? הער שוין אמאל אויף! ער האט א ריס געטהאן איהר האנד.

לידאס קאפ מיט די צולאזטע האר או דאס נאסע פנים, האט זיך א טרייסעל געטהאן פון זיין ריס און זי איז מיט אמאל אנשוויגען געווארען. זי האט די הענט ארונטערגעלאזען, זיך צונויפגעקארטשעט, און מיט א קינ־דערישע מורא האט זי געקוקט אויף איהם, א משונה'דיגער געדאנק איז איהר איינגעפאלען, אז יעדער קען איהר איצט שימפפען, בעשמוצען און שלאגען..

זארודין האט זיך אבער שוין געפיהלט שוואך, און ער האט אנגעפאנגען צו ריידען צו איהר ווייך און נישט זיכער.

— נו, לידאטשקא, זאל שוין זיין גענוג! דו אליין ביזט שולדיג! וואס טויגען די נארישע סצענעס! דו האסט טאקע אמת׳דיג א סך פערלארען... דערפאר ביזטו דאך אויך גליקליך געוועז... מיר וועלען דאס קיינמאל נישט פערגעסען... נישט אמת, לידאטשקא?

לידא האט זיך ווידער צואווײנט.

— אבער הער שוין אמאל אויף! האט זארודין גענומען שרייען, ארומ־שפאציערענדיג אין צימער און האט געצופט נערוועז זיינע וואנצען אויף די ציטערענדיגע ליפען.

אין צימער איז געווען שטיל, הינטער׳ן פענסטער האבען זיך שטיל בע־וועגט די דינע גרינע צווייגען פון די יונגע בוימער.

זארודין האט זיך מיט מיה בעהערשט, ער איז ווידער פארזיכטיג צוגע־גאנגען צו לידא און געפרואווט איהר ארומנעהמען, אבער זי האט זיך אויס־געריסען פון איהם און מיט איהר עלענבויגען האט זי איהם א שטויס גע־טהאן אין פנים אזש די ציין האבען ביי איהם געקנאקט.

— צום טייוועל! — האט זארודין א געשריי געטהאן פאר שמערץ, אבער נאך מעהר, ווייל דאס קלאפען פון זיינע ציין איז געקומען אונערווארטעט און ס׳האט אויסגעזעהן קאמיש.

כאטש לידא האט נישט אזוי פיעל בעמערקט, ווי זארודין׳ס ציין האבען געקנאקט, אבער ער האט פאר איהר אויסגעזעהן לעכערליך און נאריש.

— וואס איז דאס פאר אן אויסדרוק... — האט זי איהם נאכגעשפעט.

— איך דענק, אז עס קען יעדען איינעם אין כעס אריין ברענגען, איבער־הויפט אז מען ווייסט נישט וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

— און איהר ווייסט נעבעך גאר נישט! — האט לידא מיט אן איראני־שען טאן געזאגט. איהר פערשטעהט נאך אלץ נישט?...

א ווײלע האט גענומען הערשען א שווייגען. לידא האט איהם געקוקט אין די אויגען און איהר פנים האט געברענט א פלאם ־ פייער.

זארודין האט פערשטאנען... און איז בלייך געווארען.

— נו, וואס שווייגט איהר?... זאגט עפעס! טרייסט מיך! האט לידא גענומען שרייען היסטעריש און האט זיך אליין דערשראקען פאר איהר גע־שריי.

— איך? .... — האט זארודין פערוואונדערט געזאגט — און זיין אונ־טערשטע ליפ האט גענומען ציטערען.

— א ווּדאי איהר! — איהר, נישט קיין אנדערער! האט זי געשריגען, צום אונגליק זייט איהר דאס!!

זארודין איז געבליבען שטעהן א צומישטער, גאנצע רייהען פון געדאנ־קען זיינען איהם געקומען אין קאפ אריין. זיין ערשטער געדאנק איז געווען לידא'ן געלד צו געבען, כדי זי זאל זיך אבטרייבען און ס'וועט זיין א סוף... כאטש ער האט עס געהאלטען פאר'ן בעסטען פלאן פון דעסטוועגען האט ער עס נישט געוואגט ארויסצוזאגען.

— דאס האב איך אמת'דיג ניט ערווארטעט? אזוי נאר! ? מיט וועל־כען רעכט האט איהר עס נישט ערווארטעט?

— לידא.... איך האב דאך איינגעזעהן.... נישט... מען קען דאך עפעס טהאן.... וועגען דעם.... — האט זארודין ארויסגעשטאמעלט.

לידא האט פערשטאנען.....

ווילדע פערצווייפלונג האט זיך אבגעדרוקט אויף איהר שעהן פנים. א אהנמעכטיגע האט זי זיך אויפ'ן בעט געזעצט....

— נאט וואס זאל איך טהאן? האט זי געזאגט ברעכענדיג איהרע הענד, זאל איך זיך אין וואסער אריינווארפען? אדער וואס?

— אבער פאר וואס עפעס גלייך אין וואסער?

— איהר ווייסט, וויקטאר סערגייעוויטש — האט זיך לידא פלוצים אנגערופען, קוקענדיג איהם שארף אין די אויגען — איך דענק, אז איהר וואלט געווען צופריעדען, ווען איך זאל זיך דערטרינקען! .... אין איהרע אויגען איז געלעגען א שרעקליכער ציטערן, זארודין האט זיך דערשראקען פאר איהר בליק און האט אוועקגעכאפט זיין קאפ.

לידא איז אויפגעשטאנען, אז עקעל האט איהר פלוצים אנגעכאפט, ווי אזוי האט זי נאר געקענט דענקען, אז ער וועט זיך מיט איהר אויפ'ן גאנצען לעבען געזעצליך פערבינדען כדי זי זאל זיין גערעטעט פון שאנד? ... ס'האט זיך איהר געוואלט איהם ארויסווייזען האס, פעראכטונג, בעליידיגען איהם ווי עס קומט איהם, זי האט אבער געפיהלט, אז זי וועט זיך מוזען צעוויינען און זי וועט נאך מעהר ניעדריגער ווערען אין זיינע אויגען. איהר לעצט ביסעל שטאלץ האט פראטעסטירט געגען דעם, און אנשטאט דעם האט זי מיט צו־זאמענגעפרעסטע ליפען געזאגט קלאהר און דייטליך.

— ווילדע חיה! .... בעסטיע!

זי איז געלאפען צום טיר, זיך צוריסען אז ארבעל אז דעם הענטעל פון שלאס און איז ארויסגעלאפען.

זארודין'ען איז געקומען דאס בלוט אין קאפ אריין, וואלט זי איהם בע־רען געשימפפט, גערופען איהם שורקע! לומפ! וואלט איהם נישט געווען אזוי פערדראסען, ווי „ווילדע חיה" ער איז געווארען ווי משוגע, אפילו דאס

ווייסע פון זיינע שעהנע אויגען זיינען רויט געווארען. ער צולאכט זיך נא־ריש ...דרעהט מיט די אקסעל, רייסט אויף זיין ראק און מאכט איהם ווידער צו .... און ער פיהלט אז ער איז אונגליקליך! ...

צו דער זעלבער צייט אבער האט ער דערפיהלט, אז ערגעץ טיעף אין זיין הארץ וואכט אויף א געפיהל פון פרייהייט און פרייד, צום סוף איז ער דאך פון איהר פטור געווארען, ס'איז נישט קיין חלוק ווי אזוי, אבי ער איז פריי. פערשטאנען האט ער, אז אזא פרוי ווי לידא וועט צו איהם נישט צוריקקומען, ס'האט איהם נאר פערדראסען וואס ער פערלעירט אזא שעהנע, געשמאקע גע־ליעבטע... אבער באלד האט ער א מאך געטהאן מיט'ן האנד אין דער לופט— זאל עס דער רוח נעהמען, ס'איז דא פיעל אנדערע... ער האט זיך צורעכט גע־מאכט דעם ראק, צוגעגלעט אביסעל זיינע האר און איז צוריק געגאנגען צו זיינע געסט.

זיבענצעהנטער קאפיטעל

אויסער דעם שיכור'ן מאלינאווסקי האט זיך שוין קיינער נישט פעראינ־טערעסירט מיט'ן שפיעלען. אלע האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראגע, וואס פאר א מיידעל ס'איז דאס געקומען צו זארודינ'ען, די וואס האבען גע־טראפען, אז דאס איז לידא סאנינא, האבען איהם שטארק מקנא געווען, און די איינבילדונג האט זיי געשטערט אין דעם שפיעל, זייער פאנטאזיע האט פאר זיי געמאהלען דעם שעהנעם נאקעטען קערפער פון לידא, און ווי זארודין האט אן אונגעהייערען גענוס...

סאנין איז נישט לאנג געבליבען זיצען ביים קארטען־טיש, ער איז אויפ־געשטאנען און געזאגט: איך שפיעל נישט מעהר! צום ווידערזעהן!

— ווארט נאר, ברודער, וואו געהסטו דען? — פרעגט איהם איוואנאוו.

— איך וועל געהען זעהן וואס דארט איז, וואס דארט איז געשעהן — ענטפערט סאנין, צייגענדיג מיט'ן פינגער אויף די פערשלאסענע טיהר, אלע לאכען, זיי גלויבען אז ער מאכט שפאס.

— שפיעל מיר נישט קיין קאמעדיע, ברודער, קום זעץ דיך בעסער אוועק

— דו אליין ביזט א קאמעדיאנטשיק — ענטפערט סאנין גלייכגילטיג און געהט אוועק.

ווען ער איז ארויסגעקומען אינ׳ם שמאלען געסעל, וואו ס׳האט געשמעקט פון זאפטיגע גראזען, האט ער זיך ערשט איבערצייגט וואו ס׳איז ערגעץ דאס פענסטער פון זארודינ׳ס צימער. ער האט פארזיכטיג און שטיל געטרעטען אויפ׳ן גראז, ביז ער איז צוגעקומען צום פארקאן, ער איז לייכט ארויפגע־קלעטערט. שוין זיצענדיג אויפ׳ן צוים, האט ער באלד פערגעסען וואס ער וויל טהאן, ווייל ס׳איז איהם אנגענעהם געווען פון דעם הויכען פלאץ אראב־צוקוקען אויף דעם גרינעם גראז און אויף דעם געדיכט בעוואקסענעם גאר־טען, מיט זיין גאנצער שטארקער קראפט האט ער די געשמאקפאלע ריינע לופט אין זיך איינגעאטהעמט און אבגעקיהלט זיין הייסען קערפער. ער האט זיך אבער באלד דערמאנט צו וואס ער איז געקומען, ער איז אראבגעשפרונ־גען פון די צוים און געהענדיג דורכ׳ן גארטען צום פענסטער איז ער גראד צוגעקומען ווען לידא האט געפרעגט זארודין׳ען: — „האט איהר דאס אליין נישט בעמערקט?“

ער האט באלד פערשטאנען אין דעם טאן פון איהר שטימע, אין וואס ס׳האנדעלט זיך... אנשפארענדיג זיך מיט זיין פלייצע צום וואנט האט ער געקוקט אין גארטען אריין און זיך צוגעהערט צו די שטימען וואס זיינען גע־ווען דורך די אויפרעגונג פערענדערט. ס׳האט איהם לייד געטהאן פאר זיין שעהנע שוועסטער וואס איז דורך אזא לומפ אין שמוץ געפאלען.. עס פאסט זיך גאר נישט צו איהר, דאס פראסטע גראבעווארט „שוואנגער“ נאך מעהר האט עס איהם פערדראסען די אויפגערעגטע שטימע פון זארודינ׳ען, און די שטילקייט פונ׳ם גרינעם גארטען, פאר וואס אויך פאר דעם דאזיגען לומפ עק־זיסטירט די שעהנע נאטור...

א ווייסער שמעטערלינג איז ארומגעפלויגען איבער׳ן גראז, זיך באדענ־דיג אין די ווארימע שטראהלען פון דער זון, מיט דער זעלבער אויפמערקזאמ־קייט ווי ער הערט זיך צו צו די שטימען פון אינעווייניג, קוקט ער זיך צו צו די בעוועגונגען פונ׳ם שמעטערלינג.

ווען לידא האט א געשריי געטהאן „ווילדע שמוציגע חיה“, האט זיך סאנין פרעהליך צולאכט, האט זיך א ריס געטאן פון דער וואנט, נישט טראכ־טענדיג אז מען קען איהם דורכ׳ן פענסטער בעמערקען, און האט זיך לאנג־זאם געלאזט געהען דורכ׳ן גארטען.

א יאשצערקע וועלכע איז פלינק אריבערגעלאפען דעם וועג, האט צור־יסצווינגען זיין אויפמערקזאמקייט, זיין בליק פערפאלגט א לאנגע צייט דעם

ריהרעוודיגען קליינעם קערפעריל, וועלכער האט אזוי לייכט און געשווינד ארומגעשפרונגען אויף די געדיכטע שטעכעדיגע גראזען.

אכטצעהנטעס קאפיטעל

לידא איז נישט א היים געגאנגען, נאר זי האט זיך געלאזט שנעל געהן אין אן אנדערע ריכטונג.

די גאסען זיינען געווען ליער; פאר היץ האט אזש די לופט געציטערט, קורצע שאטענס זיינען געלעגען אזוי ווי פערמאטערט פון די גליהענדע זון, ביי די ווענט פון די הייזער און ביי די פארקאנס.

פערשטעלט מיט'ן זומער־שירם וואס זי האט אויס געוואוינהייט גע־עפענט איז לידא שנעל געגאנגען דורך די פערשטויבטע גאסען נישט בעמער־קענדיג אפילו צו ס'איז קאלט אדערווארעם. צו ליכטיג, אדער פינסטער. זי איז שנעל געגאנגען אין דער זייט נעבען די גראז בעוואקסענע פארקאנס. איהר קאפ אראבגעלאזען און האט געקוקט אויף איהרע פיס. זי האט בעגע־געגנט א פאר פון די היץ פערשוויצטע מענשען, זי האט זיך אבער אויף זיי נישט אומגעקוקט. א שטילער זומער נאכמיטאג איז עס געווען...

א פרעמד ווייס הינטעל איז איהר געקומען אקעגען, ס'האט בעשמעקט איהר זוים פון קלייד, זיך געדרעהט פאר איהרע פיס, קענטיג אז ס'וויל ווערען מיט איהר גוט־פריינד. אין אן עק גאס איז געשטאנען א דיקער קליינער אינגעל, מיט אנגעבלאזענע בעקלעך האט ער מיט אלע זיינע כוחות געפייפט.

לידא האט מיט דער האנט א גלעט געטהאן דעם הינטעל, א שמייכעל געגעבען צום אינגעל, דאס אלץ טהוט זי אזוי ווי אונבעוואוסט, נישט דערג־קענדיג אפילו וועגען דעם. איהר נשמה איז געבליבען פערשלאסען, רייסט איהר ערגעץ אוועק אין א שרעקליכען אבגרונד... זי פיהלט מיט איהר גאנצע נשמה אז דיעזער שווארצער תהום איז שוין זעהר נאהענט צו איהר. אט, אט פאלט זי אריין...

א בעקאנטער אפיציער איז נעבען איהר פערביי געריטען, ווען ער האט לידא'ן בעמערקט, האט ער אבגעשטעלט זיין פערשוויצט פערד און זי גע־פרעגט:

— לידא פעטראוונא, וואו געהט איהר אין אזא היץ?

לידא קוקט אויף איהם אזוי ווי מעכאניש, פערטראכט זיך אויף זיין הימעל וואס ליגט איינזייטיג איבער זיין פערשוויצטען פנים, ענטפערט נישט גאר אויס געוואהנהייט שמייכעלט זי צו איהם, און צו דערזעלבער צייט טראכט זי: „טאקע וואו געה איך דען?"

זי איז שוין מעהר נישט אין כעס אויף זארודינ'ען, זי דענקט שוין גאר אפילו נישט וועגען איהם. ווען זי איז פריהער צו איהם געגאנגען, נישט ווי־סענדיג פאר וואס, האט זי געדענקט, אפשר וועט ער איהר העלפען, ס'איז געווען זעהר שווער דעם אונגליק אליין איבערצוטראגען, אבער איצט איז ער גאנץ פשוט פון איהר לעבען פערשוואונדען... אלעס דאס, איז שוין אמאל געווען און איז געשטארבען... נישטא קיין האפנונג פאר איהר... זי מוז אליין עטוואס טהאן זי זאל פון די שאנדע און אונגליק בעפרייט ווערען.

פיבעריש יאגען זיך די געדאנקען אין איהר קאפ, דאס ערגסטע איז, וואס אט די שטאלצע שעהנע לידא וועט פערשווינדען ווערען און בלייבען וועט נאר א קליינע, פעריאגטע, שמוציגע בעשעפעניש, וועלכע אלע וועלען פערשפאטען, פעראכטען און אויסלאכען. זי וועט זיך אפילו נישט קענען וועהרען... זי וועט זיין הילפלאז קעגען די בייזע צינגער, מען וועט זי מיט שמוץ פערווארפען.

— ניין, ניין! — שרייט עס אין איהר נשמה, זי טאר דאס נים דערלא־זען! זי מוז זיך רעטען פון דער שאנדע... זי מוז איהר שטאלץ און ריינהייט פון דעם שמוץ ארויסראטעווען...

אין דער מינוט איז איהר קלאהר געווארען, אז ארום איהר ווערט פוסט און לער, דאס ליכט פון דער זון און די מענשען עקזיסטירען שוין מעהר נישט פאר איהר, זי וועט צווישען אלעמען, אן איינזאמע, אן עלענדע זיין; ס'איז קיין פלאץ נישטא, וואו זי זאל קענען פריי און שטאלץ שטעהן... זי מוז שטארבען! זי מוז זיך אין וואסער אריינווארפען! דאס איז דער איינציגער וועג וואו זי האט נאך צו געהן.

דאס, דאכט זיך איהר, איז דאס בעסטע און זיכערסטע פאר איהר. עפעס אזוי ווי אן אייזערנע וואנט וואלט זיך שוין אוועקגעשטעלט צווישען איהר און דעם לעבען, און אפילו דער עקעלהאפטער, העסליכער געפיהל פון וועלכען לידא האט זיך נישט געקענט בעפרייען, פון דער מינוט אן ווי זי האט דער־פיהלט א לעבעדיג וועזען אונטער איהר הארץ, איז אויך איצט פערשוואונדען.

ארום איהר הערשט א פארבלאזע לערקייט צוזאמענגעמישט מיט די גלייכגילטיגקייט פון'ם טויט.

— ווי איינפאך דאס אלץ איז.. טראכט לידא — מען דארף דאך מעהר גארנישט...

לידא האט אנגעהויבען געהן שנעלער, און כאטש זי איז כמעט געלאפען, האט זיך איהר געדאכט, אז זי געהט זעהר לאנגזאם, צו דעם האבען זיך איה־רע פיס אין איהר ברייטען לאנגען קלייד פערפלאנטערט.

— נאר בלויז דאס הויז, נאך איינס מיט גרינע לאדענס און דער־נאך א פעלד...

דער טייך, די בריק און דאס וואס דארט וועט פאסירען האט זיך לידא נישט געקענט פארשטעלען, אלעס איז געווען פערשווימען אין א נעבעל און וועלכען אלץ וועט פערזונקען ווערען.

אבער דער דאזיגער צושטאנד האט אזוי לאנג געדויערט ביז לידא איז צו דער בריג צוגעקומען. ווען זי איז ארויף אויפ׳ן בריק און זיך אין פארענץ אנגעלעהנט, זעהענדיג דאס גרינע טריבע וואסער, איז דער געפיהל פון איינ־פאכקייט און גלייכגילטיגקייט פון איהר פערשוואונדען, איהר גאנצער קער־פער האט אנגעפאנגען ציטערען און דער פערלאנג צו לעבען האט זיך גע־שטארקט אין איהר נשמה.

זי האט באלד דערהערט דאס קלינגען פון בעהאלטענע שטימען. א שווי־טשערען פון פויגעלעך, זי האט דערזעהן די גאלדענע ליכט פון דער זון, טויזענדער ווייסע בליהמעלעך וואס זיינען געוואקסען ביי די ברעגעס פון׳ם טייך, און דאס ווייס הינטעל וואס האט ביי זיך ענדליך בעשלאסען, אז לידא איז טאקע זיין בעל־הבית׳טע.

דאס הינטעלע האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, די פאדערשטע פיס־לעך אויסגעשטרעקט און האט מיט זיין קליינעם ווייסען עק געקלאפט אין דער ערד.

מיט אן ערענסטען בליק האט לידא לאנג געקוקט אויפ׳ן הימעל, זי נעהמט עס פלוצים אויף די הענט און דריקט עס מיט ליידענשאפט צו זיך. גרויסע טרעהרען גיסען זיך פון איהרע אויגען, א געפיהל פון רחמנות צו איהר שעהנעם באלד פערשוואונדענעם לעבען איז אזוי שטארק געווארען ביי איהר, אזש ס׳האט איהר גענומען שווינדלען אין קאפ און זי האט זיך אנגעלעהנט אויף די פון זון ערהיצטען פארענץ, זי האט דאביי ארויסגעלאזען א האנדשוה און איז ארונטערגעפאלען. מיט א שטומע מורא האט לידא נאכגעקוקט ווי די האנדשוה פאלט.

די האנדשוה האט זיך לייכט און שנעל געדרעהט אין דער לופטען און איז

שטיל אָהן געררויש געפאַלען אויף דעם גלייכען, פערשלאָפענעם וואַסער־שפּיעגעל.

ביים ברעג האָט זיך געמאַכט דינע רעדלעך און לידא האָט בעמערקט, ווי די ווייסע האַנדשוה האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט וואַסער, איז געוואָרען טונ־קעלער און האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם ארונטערזינקען אין דעם טונקעל גריב־ליכען תהום...

מאָדנע, אַזוי ווי די שטומע האַנד־שוה וואָלט געקעמפּפט פאַר'ן לעבען האָט זי זיך געגעבען אַ דרעה איין מאָל, אַ צווייטען מאָל און איז פערשוואונ־דען אונטער'ן וואַסער. דער טייך איז ווידער געלעגען שטיל און טונקעל ווי פריהער...

— ווי אַזוי איז עס געשעהן? — האָט לידא פּלוצים דערהערט אַ פרויען־שטימע נעבען זיך. דערשראָקען האָט זי זיך אומגעדרעהט און האָט דערזעהן דאָס פּנים פון אַ דיקע פרוי, וואָס האָט אויף איהר מיט רחמנות געקוקט.

באַטש דער דאָזיגער רחמנות אויסדרוק איז געווען בלויז ווייל איהר האַנד־שוה איז אין וואַסער אַריינגעפאַלען, דאַכט זיך לידא'ן אַז די דיקע פרוי קען איהר און האָט אויף א י ה ר רחמנות. פאַר אַ מינוט איז איהר געקו־מען אויף די געדאַנקען, אַז זי זאָל דער פרוי אַלץ דערצעהלען, זי זאָל איהר אַלעס פערטרויען, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי געטראַכט, ווי נאַריש דאָס איז, ווי אונזיניג, זי איז רויט געוואָרען און געענטפערט שטאַמלענדיג: ס'איז גאָר נישט, גאָר נישט, און שנעל אַזוי ווי אַ בעטרונקענע מיט שאָקלענ־דיגע שריט, איז זי אַרונטערגעלאָפען פון בריק.

דאָ קען איך נישט, מען וועט דערזעהן... איז דורכגעלאָפען ביי לידא'ן אין קאָפּ.

זי איז אַראָבגעגאַנגען אונטען און האָט זיך גענומען לינקס מיט'ן ברעג איבער אַ שמאָלע אויסגעטראָטענע, שטשעשקע וואָס איז געווען בעוואַקסען מיט הויכע גראָזען פון ביידע זייטען. צווישען טייך און עפּעס אַן אַלטען פּאַרקאַן פון אַ גאָרטען. דאָ איז אַלץ אַרום געווען שטיל און פריעדליך אַזוי ווי אין אַ דאָרף־קירך, די זון האָט געוואָרפען בונטען שטראַהלען אויף'ן גרינעם טייך. די אַראָבגעפאַלענע בלעטער פון די בוימער זיינען געלעגען פערשפּרייט איבער דעם גראָז, שטעכיגע בוימלעך האָבען זיך אָפּט פערטשעפּעט אין לי־דא'ס קלייד.

איצט האָט זיך לידא געמוזט צווינגען צו געהן געגען איהר שטאַרקען ווילען צום לעבען, צו געהען אהין וואו זי האָט בעשלאָסען.

— איך מוז... איך מוז... איך מוז.. מורמעלט זי אַ פּאָר מאָל צו זיך,

אבער אזוי ווי זי זאל אויף איהר וועג נאך גרויסע שטיינער טרעפען, איז זי קוים מיט מיה ווייטער געגאנגען, עס טרייבט איהר צו עפעס אן אונבעקאנטען בעשטימטען ארט וואס דארט וועט זיין די ענדע פון איהר גאנג.

ווען זי איז צו דעם ארט צוגעקומען און האט פאר זיך דאס שווארצע קאלטע וואסער דערזעהן, האט זי ערשט פערשטאנען, ווי שטארק ביי איהר דער ווילען צום לעבען איז, אבער זי מ ו ז שטארבען... זי דארף מעהר ניט לעבען.. זי האט די צווייטע האנדשוה און דעם שירם אויפ'ן גראז אוועקגע־ווארפען און איז אוועק גלייך צום טייך..

אין דעם דאזיגען אויגענבליק האט זיך לידא דערמאנט אין זעהר פיעלע זאכען וואס זי האט דורכגעלעבט אין איהר יונגען לעבען, אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה האט אויפגעוואכט איהר קינדערישער גלויבען, וואס האט שטיל געבעטען: — גאטעניו, ראטעווע מיך... העלף מיר! גאט מיינער! גאט מיינער! העלף מיר!

זי דערמאנט זיך פלוצים אין אן „אריע" וואס זי האט ערשט געשפיעלט אויף איהר פיאנא. זי דערמאנט זיך אין זארודינ'ען, אבער זי איז לאנג נישט געבליבען ביי די געדאנקען, זי דערמאנט זיך אין איהר מוטער וואס זי האט אזוי הארציג ליעב, און טאקע אויף דערפאר, מוז זי זיך דערטרינקען... די מאמע טאר נישט ווייסען ווי נידעריג זי איז געפאלען...

דערנאך צומישט זיך אלץ אין איהר מוח: דער שרעק, דער פערלאנג צו לעבען, דער געדאנק, אז זי טאר נישט, אז זי קען נישט מעהר לעבען.. זי מוז דאס טהאן! זי מוז!

שוין האט זי געוואלט אין טייך שפרינגען, דערהערט זי פלוצים איהר ברודער, סאניז'ס שטימע:

— קיין נארישערע זאך האסטו ניט געקענט אויסקלערען צו טהאן?

לידא האט זיך דערשראקען און איז געבליבען שטעהן אזוי ווי צוטור־מעלט.

דער נישט פערשטענדליכער געהיימניספולער צוזאמענהאנג פון וואונ־שען און געשעהן, האט לידא'ן געפיהרט אויף דעם ארט וואו ס'האט זיך געענדיגט זארודינ'ס גארטען.

סאניז האט נאך פון ווייטען בעמערקט זיין שוועסטער און פערשטאנען וואס זי וויל טהאן, דער ערשטער געדאנק זיינער איז געווען, אז ער זאל אוועק־געהן און נישט שטערען איהר. ס'האט איהם אבער פלוצים א רחמנות־געפיהל געפאקט, זיין ארעמע שוועסטער איז דאך נישט שולדיג אין דעם... האט ער געטראכט, איז ער שנעל געלאפען איבער גריבער און שטיינער און איז פונקט

אין דער צייט צו איהר צוגעקומען און אננעהמענדיג זי ביי די הענד האט ער איהר מיט א פלינקייט פון'ם ברעג אוועקגעצויגען.

— אזוי, זיי נישט קיין נאר! — ער האט זי צוגעפיהרט צו א אבגע־האקטען בוים און איהר אוועקגעזעצט.

— וואס זאל איך מיט איהר אנפאנגען צו טהאן? — טראכט ער, ארום־קוקענדיג זיך אין אלע זייטען.

לידא איז גלייך געקומען צו זיך, א בלייכע, א דערשלאגענע און א צו־בראכענע, האט זי זיך ביטער צוואויינט.

— גאט מיינער! גאט מיינער! — האט זי געוויינט ווי א קינד.

— דו ביזט א נארעלע, — האט סאנין געזאגט צערטליך מיט רחמנות.

לידא הערט איהם נישט, און ווען סאנין האט איהר געוואלט א גלעט טהון האט זי זיין האנד אנגעכאפט און האט זיך נאך העכער צו־וויינט.

— וואס טהו איך! — האט זי פלוצים מי טשרעק געטראכט. איך טאר איצט נישט וויינען... אז נישט וועט ער אלץ פערשטעהן.

— נו, ליידעסט דו אביסעל, וואס איז? — זאגט סאנין און גלעט איהר אקסעל, ס'איז איהם געווען אנגענעהם צו רעדען אזוי צערטליך.

לידאווארפט אויף איהם א קינדישען צערטליכען בליק, סאנין בלייבט מיט אמאל שטיל.

— איך וויים דאך אלעס — האט סאנין נאך א ווײלע ווייטער געזאגט. די גאנצע געשיכטע וויים איך, איך וויים שוין לאנג...

כאטש לידא האט געוואוסט, אז אלע ווייסען וועגען איהרע בעציהונגען מיט זארודינ'ען, האט דאך די איצטיגע ערקלעהרונג פון איהר ברודער זי צוטומעלט. זי האט געפיהלט אזוי ווי ער וואלט איהר געגעבען א פטש איבער'ן פנים. זי האט זיך א ריס געטהאן פון איהם און אויף איהם געקוקט אזוי ווי א דערשראקענע, פערפאלגטע חיה.

— נו, וואס קוקסטו אזוי אויף מיר, אקוראט ווי איך וואלט אויף דיין עק געטרעטען! — זאגט סאנין מיט א צערטליכען שמייכעל, אננעהמענדיג איהר ביי די רונדע ווייכע אקסלען וואס האבען אונטער זיינע פינגער געצי־טערט, האט ער זי צוריק אוועקגעזעצט אויף א אבגעהאקטען בוים־שטאם, זי האט זיך נישט געוועהרט און איז געבליבען זיצען א דערשלאגענע ווי פריהער.

— פארוואס אייגענטליך האסטו דיך אזוי דערשראקען, ווען איך האב געזאגט אז איך וויים אלעס? — האסטו דען דאמאלס געדענקט ווען דו האסט דיך צו זארודינ'ען איבערגעגעבען... אז די זאך איז אזוי, דענקסטו אז דו האסט אזוי שלעכט געהאנדעלט, אז דו האסט פשוט מורא זיך מודה

צו זיין? דאס בעגרייף איך שוין נישט, און וואס זארודין וויל מיט דיר נישט חתונה האבען, דארפסטו גאט דאנקען! איצט ווייסטו עס אליין.. דו האסט עס פריהער אויך געוואוסט, אז זארודין איז א פאסקודנער לומפ, א שמוציגע חיה, כאטש ער איז א שעהנער און מען קען זיך אין איהם פערליעבען, דאס איינציגע גוטע וואס איז אין איהם, איז זיין שעהנער קערפער און פון דעם האסטו שוין גענוג געגאסען...

— ער פון מיר... אבער נישט איך... אבער זאל שוין זיין איך אויך... יא, א! גאט, גאט.. וויינט לידא ביטער

— און דאס וואס דו ביזט שוואנגער...

לידא פערמאכט די אויגען און ציהט איהר קאפ צווישען די אקסעל.

— דאס איז טאקע נישט אזוי גוט, — זאגט סאנין מיט א שטילע שטימע ווייטער. — ערשטענס, איז עס שרעקליך לאנגווייליג קינדער צו האבען.. ס'איז פשוט שמוציג און נאריש. צווייטענס, וועלען דיך די מענשען פערפיינדען און פערפאלגען... זעהסטו דאס איז שלעכט, לידאטשקא! דו מיין קליינע זיסע לידאטשקא! — זאגט סאנין מיט אויסערגעוועהנליכע ווארעמקייט אין זיין שטימע, — דו האסט דאך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאן, ווען דו וואלסט אפילו א טוץ קינדער געהאט, וואלט דאך קיינער פון זיי נישט געליטען נאר דו אליין.

סאנין שווייגט און בייסט די וואנצען נאכדענקליך; ער שטעהט גלייך זיינע הענד אויף די ברוסט פערלעגט.

— איך וועל דיר זאגען וואס דו זאלסט טהאן, דו ביזט אבער צו דעם צו שוואך און נאריש... צו אזעלכע זאכען דארף מען האבען מוטה, אבער צו שטארבען לוינט זיך אויך נישט... זעה נאר ווי שעהן אלעס איז. זעה ווי די זון לייכט, ווי דאס וואסער פליסט... שטעל דיר נאר פאר, אז נאך דיין טויט וועט מען געוואהר ווערען אז דו האסט געשוואנגערט, יא, דיך וועט עס שוין גאר נישט אנגעהן. זעהסטו דאך, אז דו ווילסט נישט שטארבען ווייל דו ביזט שוואנגער, נאר ווייל דו האסט מורא פאר מענשען.. דו האסט מורא, אז זיי וועלען דיך נישט צורוה לאזען, דאס שרעקליכע אין דיין אונגליק איז ביי דיר, נישט ווייל דו אליין ביזט אונגליקליך; ניין, נאר ווייל דו האסט מורא פאר מענשען און דו שטעלסט דיין אונגליק צווישען דיר און דעם לעבען... פאר די מענשען וואס דו קענסט נישט, האסטו דאך נישט קיין מורא, נאר פאר די וואס שטעהן נאהענט צו דיר, און צו מיינסטען, פאר אלע וואס האבען דיך ליעב, און פאר זיי איז טאקע דיין אונגליק א שטארקער שמערץ, אבער נאר ווייל ס'איז געשעהן פאר דיין חתונה ערגעץ וואו אין וואלד אויפ'ן גראז...

זיכער איז, אז זיי וועלען דיך בעשטראפען, זיי וועלען דיך מעהר נישט ווע־לען קענען, זיי וועלען דיך פערשטויסען.. אבער וואס האסטו מורא פאר זיי? דו זעהסט דאך, אז זיי זיינען דום, גרויזאם און פאנאטיש. פאר וואסזשע זאלסטו דיך טויטען, ווייל ס׳עקזעסטירען גרויזאמע, פאנאטישע נארישע מענ־שען...

לידא קוקט אויף איהם מיט א פרענעדיגען בליק. סאנין דערקענט אין איהר בליק א פונק פון פערשטענדניש.

— וואס זאל איך אבער טהאן? וואס זאל איך טהאן? — פרעגט לידא מיט טרעהרען.

— דו האסט פאר דיר צוויי אויסוועגען — ענטפערט סאנין — דו קענסט דיך פון דעם קינד בעפרייען.. דאס בעשעפעניש פעהלט קיינעם נישט אויף דער וועלט, מען דארף עס נישט... עס קען נאר בלויז צרות ברענגען...

אין לידא׳ס אויגען ציינגט זיך א שטארקער שרעק.

— ס׳איז אפשר גרויזאם א וועזען צו טויטען, וועלכעס ס׳האט שוין די וועלט געזעהן, אבער דאס, א שטיקעל בינטעל פון פלייש און בלוט....

לידא האט געפיהלט זעהר מאדנע ווען סאנין האט אזוי אפען גערעדט, צוערשט האט זיך איהר געדאכט ווי עס וואלט איהר ווער אויסגעטהאן מור־טערנאקעט און מיט גראבע פינגער אין איהר נשמה ארייגעקראכען, זי האט מורא געהאט א קוק צו טהאן אויף איהר ברודער, זיי זאלעןביידע נישט פאר בושה צוגעהן, אבער סאנין׳ס גרויע אויגען האבען געקוקט קלאהר, זיין שטימע האט געקלונגען ריין און שטארק. עס איז געווען אזוי ווי ער זאל רעדען אי־איבער א זעלבסטשטענדליכע זאך, און אונטער אזאלכע רוהיגע קלאהרע ווער־טער האט זיך לידא בערוהיגט און האט זיך אויפגעהערט שעהמען. זי איז רוהיג געווארען.

— איך קען עס נישט! איך קען נישט, — פאלט זי איהם אריין אין די ווערטער — אפשר איז עס טאקע אזוי ווי דו זאגסט... מעגליך אז ס׳איז אזוי! אבער איך קען עס נישט טהאן... עס איז צו שרעקליך...

— נו, ווען דו קענסט נישט, — זאגט סאנין קניהענדיג פאר איהר און נעהמט איהרע הענד אוועק פון פנים — ווען דו קענסט נישט, נו וועלען מיר עס בעהאלטען פאר יעדען... איך וועל אויסווירקען אז זארודין זאל אוועק־פאהרען פון דאנען און דו... דו וועסט חתונה האבען מיט נאוויקאוו׳ן און וועסט גליקליך זיין... איך וויים זיכער, ווען נישט די שעהנע בעסטיע דער לומפישער אפיציער זארודין, וואלסטו זיכער ליעב געהאט נאוויקאוו׳ן און וואלסט זיכער מיט איהם חתונה געהאט.

ביי דעם נאָמען נאָוויקאָוו, האָט עטוואָס ליכטיגעס און וואַרימעס, ווי א העלער זונען־שטראַהל א שיין געטהאָן אין לידא'ס נשמה. ווייל זאָרודין האָט זי אַזוי אומגליקליך געמאַכט, און ווייל זי ווייסט, אַז נאָוויקאָוו וואָלט אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט געטהאָן, האָט זיך איהר אויף א מינוט אויסגעדאַכט אַז די גאַנצע געשיכטע איז נאָר אַן איינפאַכער נאַרישער טעות, און מען קען עס לייכט גוט מאַכען. דער גאַנצער אומגליק וועט פערשווינדען, אַט וועט זי אויפשטעהן, זאָגען א פּאָר ווערטער, א שמייכעל טהאָן, און גלייך וועט זיך ווידער דאָס לעבען פאר איהר עפענען, מיט אַלע פאַרבען און שעהנהייטען. זי וועט ווידער קענען לעבען, ליעבען און גלענצען, אָבער דאָס מאָל שוין איינ־פאכער שטאַרקער און רייגער. אָבער באַלד דערמאָנט זי זיך, אַז דאָס איז אונמעגליך, זי איז איצט בעשמוצט, צודריקט און ערנידעריגט צוליעב איהר העסליכער און זינלאָזער צולאָזענקייט...

אַן אונגעוועהנליך גראָבער וואָרט, וועלכעס ס'איז איהר קוים בעקאַנט און זי האָט זיך דאַמיט קיינמאָל נישט בענוצט קומט איהר פּלוצים אין די געדאַנקען, מיט דעם דאָזיגען גראָבען וואָרט איז זי געשטעמפּעלט... ס'דאַכט זיך איהר אַזוי ווי ס'וואָלט איהר ווער א שטאַרקען פּאַטש געגעבען אין פּנים... און זי דערשרעקט זיך פאר זיך אַליין.

— אָבער מיין גאָט! איז עס שוין אמת'דיג אַזוי ווייט געקומען? בין איך טאַקע אַזאַלכע?... געוויס בין איך! — זאָגט זי שטיל און ביטער.

— וואָס האָסטו דאָ צוזאַמענגערעדט? — פרעגט זי איהר ברודער און שעהמט זיך פאר איהר שעהנע קלינגענדיגע שטימע.

— וואָס דען איז דאָ צו טהאָן? — פרעגט סאנין און קוקט אויף איהרע שעהנע צופלאָנטערטע האָר, און דעם אַראָבגעבויגענעם ווייסען האַלז אויף וועלכען א שטראַהל פון דער זון וואָס האָט זיך דורכגעבראָכען דורך די צווייַ־גען איז געפאַלען.

ער האָט זיך אָנגעהויבען שרעקען, ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'איז איהם נאָך נישט געלונגען איהר איבערצורעדען, און דיעזע שעהנע יונגע מיידעל, וועלכע קען יעדען אַזוי פיעל גליק געבען, וועט זיך טויטען און וועט פער־זונקען אין תהום פון פינסטערניש און פוסטקייט.

לידא האָט געשוויגען. זי האָט געפּרואווט צו דערשטיקען אין זיך די האָפנונג, וועלכע האָט געגען איהר ווילען אַרומגענומען און בעהערשט איהר גאַנצען שוואַכען ציטעריגען קערפּער, ס'האָט זיך איהר געדאַכט, אַז נאָכדעם ווי ס'האָט זיך מיט איהר געטראָפען, איז א שאַנדע צו לעבען. ס'איז א חרפּה

אפילו צו דענקען וועגען לעבען, און דאך וויל זי לעבען.. די וועלט איז דאך אזוי שעהן...

— פארוואס שווייגסטו? — פרעגט סאנין.

— דאס איז דאך אונמעגליך... דאס וואלט דאך געווען פערברעכעריש... איך...

— לאז צופריעדען מיט דיינע נארישקייטען — זאגט סאנין מיט אן אונ־צופריעדענעם טאן.

לידא קוקט ווידער מיט טרעהרען פולע אויגען און האפנונג אויף איהר ברודער, סאנין שווייגט. ער רייסט אזוי לאנג א דין צווייגעלע פון א בוים ביז ער רייסט עס אראב אוןווארפט עס אוועק.

— פערברעכעריש, פערברעכעריש, — איבער'חזר'ט ער לידא'ס ווער־טער, ס'האט דיך שרעקליך איבערראשט, וואס איך האב דיר פארגעשלאגען... פארוואס? גלויב מיר, נישט איך און נישט דו קענען געפינען א ענטפער אויף דעם „פארוואס" און אז מיר וועלען שוין יא עפעס א תירוץ געפונען, וועט ער נישט זיין קיין רעכטער.. א פערברעכען?.. וואס איז א פערברעכען?..

— ווען די מוטער איז ביים געבורט פון'ם קינד, אין געפאהר צו שטאר־בען, איז נישט קיין פערברעכען, ווען מען צושניידט א קינד און שטיקער, דאמאלס ווען ס'איז שוין א גאנצער קערפער, און מען שלעפט ארויס מיט א צוואנג שטיקערווייז פון דער מוטערס בויך, איז עס נישט קיין פערברעכען, נאר א נויטווענדיגקייט, מען מוז די מוטער ראטעווען, און עטוואס צו טהאן, אזאלכעס וואס איז פיזילאגישער פראצעס. עפעס אזאלכעס וואס אין אמת'ן עקזיסטירט עס גאר נישט, דאפון פטור צו ווערען און ראטעווען א לעבען פון א יונגע שעהנע מיידעל, דאס איז א פערברעכען, פאר וואס אייגענטליך זאל אזוי זיין?... קיינער קאן אויף דעם קיין ענטפער נישט געבען. סאנין שמייכעלט. — יא אזוי זיינען שוין אט די מענשען, זיי מאכען זיך אליין א געזעץ, א „פאטא מארגאנא" און ליידען אליין פון דעם... און מען שרייט נאך דאצו. דער מענש איז הערליך, ערהאבען, אונבעגרייפליך... דער מענש איז א קעניג.. א קעניג פון דער נאטור, וואס וועט קיינמאל נישט הערשען און שטענדיג מורא האבען פאר זיין אייגענעם שאטען...

סאנין שווייגט א ווײלע.

— און ווידער וועגען נאוויקאוו'ן, — רעדט ווייטער סאנין — דו זאגסט אז ס'וועט זיין נידערטרעכטיג אזוי צו האנדלען.. איך וויים נישט פאר וואס... אפשר יא... אבער מיר דאכט זיך, ווען מען זאל איצט נאוויקאוו'ן אלעס דער־צעהלען, וועט ער א טראגישע דראמא דורכלעבען. ער וועט זיך אפשר דער־

שיסען, אבער ער וועט נישט אויפהערען דיך צו ליעבען. און ער וועט אליין שולדיג זיין אין דעם. ווייל ער וועט פון דעם זעלבען נאַרישען אבערגלויבען ליידען. ער וועט עס נאַטירליך נישט מודה זיין אין דער עפענטליכקייט, ווען ער וואָלט אמת׳דיג פערנינפטיג געווען, וואָלט ער זיך נישט נעדאַרפט קי־מערען וואָס דו ביזט שוין אמאָל מיט א מאַן צוזאַמען געווען.. דיין קערפּער און דיין נשמה איז פון דעם נישט ערגער געוואָרען...

— מיין גאָט, ער וואָלט זיך גאָר נישט אָבגעזאָגט מיט אַן אלמנה חתונה צו האָבען. זעהסטו דאָך, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דער זאַך, אליין... נאָר ס׳איז פּשוט אַ נאַרישער פאַראורטהייל... און וועגען דיר? יאַ, ווען די מענ־שען קענען נישט אַנדערש, נאָר איינמאָל ליעבען וועט טאַקע ביי דעם פער־זוכען אַ צווייטעס מאָל צו ליעבען גאָר נישט אַרויסקומען. אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת... איך ווייס אַז מען קען ליעבען מעהר ווי איין מאָל... דו וועסט נאָוויקאָוו׳ן ליעב האָבען... וועסט זעהן! און ווען דו האָסט איהם ווירקליך נישט ליעב? ווייסטו וואָס, פאָהר מיט מיר אַוועק לידאָטשקאַ! מען קען איבעראַל לעבען.

לידאַ זיפצט שווער און שטרענגט זיך אָן עטוואָס צו זאָגען — אפשר וועט ווירקליך אַלץ גוט ווערען, טראַכט זי — נאָוויקאָוו איז דאָך אזא גוטער.. און שעהן איז ער אויך.. אָבער ניין, איך ווייס נישט...

— און וואָס פאַר אַ צוועק וואָלט עס געווען געהאַט, ווען איך וואָלט זיך ווירקליך דערטרונקען, וואָלט דען די וועלט עפּעס פון דעם געווען פּערדיענט? דאָס גוטע און דאָס בייזע וואָלט ווייטער געבליבען. צו מיין אויפגעבלאָזענעם קערפּער וואָלט זיך מאָך בעהאַפטען, דערנאָך וואָלט מען מיך פון וואַסער אַרויסגעצויגען און ערגעץ ווי אין דער ערד בעגראָבען...

פאַר לידאַס אויגען שטעלט זיך פאַר דאָס טיעפע שמוציגע וואַסער, און אַ פּלוצים׳דיגע מורא כאַפּט אָן איהר גאַנצע נשמה.

— ניין, ניין, קיינמאָל נישט, — טראַכט זי — בעסער די שאַנדע, נאָ־וויקאָוו — אַלעס וואָס איז מעגליך, נאָר נישט דאָס!

לידאַ גיט אַ שמייכעל דורך טרעהרען, און דער שמייכעל דערוואַרעמט איהר, אַזוי ווי עס זאָל איהר איבערצייגען אַז ס׳איז נאָך מעגליך צו לאַבען..

— וואָס עס זאָל נישט זיין, איך וועל לעבען; — זאָגט זי אַם ענדע מיט אַ פעסטען בעשלוס. סאַנין האָט לייכט אָבגעאָטהעמט.

— נו, זעהסטו! ס׳איז נישטאָ קיין עקעלהאַפטערעס ווי צו דענקען וועגען טויט, אַזוי לאַנג ווי מ׳איז נאָך נישט אין גאַנצען פאַרטיג, אַז מען זעהט און מען הערט דאָס לעבען, זאָל מען ווייטער לעבען! נישט אזוי, לידאָטש־

קא? נא גיב שוין דיין קליין הענטעל.

לידא גיט איהם די האנט און מיט א קינדישע דאנקבארקייט קוקט זי אויף איהם.

— וואס פאר א שעהן הענטעל דו האסט.

לידא שמייכעלט און שווייגט.

— לעב! לעב! רופט עס אין איהר נשמה.

— אזוי, אזוי איז גוט — זאגט סאנין, — איך וועל דיר העלפען קעמפּ־פען, איך וועל שטעהן נעבען דיר אין דער שווערער צייט, און דו — דו גיב מיר א קוש — דו ביזט אזוי שעהן!

לידא שמייכעלט מיט אן אונבעשטימטען שמייכעל.

סאנין נעהמט ארום מיט זיינע הענד לידא'ס טאליע. און וועהרענד ער פיהלט, ווי לידאס ווארעמער יונגער קערפּער בויגט זיך און ציהט זיך אין זיינע ארעמס, ציהט ער זי שטארק אבער צערטליך צו זיך צו.

אין לידא'ס נשמה געהט עפּעס פאר נייעס און אנגענעהמעס, אלץ לעבט אין איהר און פערלאנגט נאך א שטארקער לעבען, אליין זיך נישט קיין רעכע־נונג אבצוגעבען, נעהמט זי ארום סאנין'ס האלז מיט ביידע הענט, פערמאכט די אויגען און ציהט צוזאמען איהרע ליפּען צום קושען, און ווען סאנין'ס הייסע ליפּען, קושען לאנג איהרע ליפּען, פיהלט זי זיך איבער גליקליך. אין דער מינוט קימערט איהר נישט ווער עס קושט זי, אזוי ווי א בלום פיהלט ווען עס פאלט אויף איהר א שטראהל פון די זון.

— וואס האב איך געוואלט טהאן? — טראכט זי ערשטווינט — א, יא, איך האב מיך געוואלט פאר עפּעס א נארישקייט דערטרינקען... א! ווי שעהן! נאך אמאל, נאך אמאל!... איצט קוש איך אליין! אה! ווי וואונ־דערליך שעהן דאס איז! גאנץ גלייך ווען איך קוש... נאר לעבען... לע־בען.

— אזוי, אזוי, — זאגט סאנין ארויסלאזענדיג זי פון זיינע ארעמס. אלץ וואס איז גוט איז גוט. ווייטער דארף מען דאריבער נישט נאכדענקען.

לידא פערריכט לאנגזאם איהרע האהר און קוקט אויף איהם מיט א גליק־ליכען אונזיניגען שמייכעל.

סאנין דערלאנגט איהר דעם שירם מיט דער איינער האנדשוה, צוערשט פערוואונדערט זיך לידא וואו די צווייטע האנדשוה איז אוועקגעקומען, און ווען זי דערמאנט זיך לאכט זי לאנג און שטיל צו זיך.

— — — אלץ איז אזוי, טראכט זי, אין דער צייט ווען זי געהט מיט איהר

ברודער נעבען ברעג אין דער ריכטונג אהיים צו געהן. און איהר הויכע ברוסט שטעלט זי אויסגעשטערעקט געגען דער הייסער זון.

ניינצעהנטעס קאפיטעל.

נאוויקאוו עפענט אליין פאר סאניו'ען די טיר; און דערזעהענדיג איהם ווערט ער אנגעבלאזען, ס'איז איהם שווער געווען, צו זעהן עפעס וואס דער־מאהנט איהם אן לידא.

סאניו בעמערקט עס, און געהט אריין צו נאוויקאוו'ן אין צימער מיט א פריינדליכע מינע און א שמייכעל אויף זיינע ליפען.

אין נאוויקאוו'ס צימער הערשט אן אונארדענונג, אלעס איז צוואָרפען, אויף די פאדלאגע ליגען אנגעווארפען שטיקער פאפיער, שטרוי און פער־שיעדענע אנדערע שטיקלעך. נישט אין ארדענונג ליגען אלע צייטונגען, בי־כער אנגעלעגט וועש, אינסטרומענטען און פערשיעדענע אויפגעמאכטע טאשען, ס'האט אויסגעזעהן, ווי איינער קלייבט זיך צו א רייזע.

— וואוהין ווילסטו דען פאהרען? — פרעגט סאניו פערוואונדערט

נאוויקאוו ענטפערט נישט באלד, נאר ליינט עפעס צוזאמען נישט קו־קענדיג אפילו אויף סאניו'ען.

— ברודער, — זאגט נאוויקאוו נאך א ווייל שווייגען, איך פאהר שטארבען פאר הונגער. איך האב א בריעף דערהאלטען

סאניו קוקט אווילע אויף איהם א ווייל אויף די קופערטלעך און שמייכעלט מיט פערגעניגען,

— ווען דו וועסט אזוי ווייטער פאקען ווי איצט, וועסטו זיכער אהין קומען אהן אינסטרומענטען און אהן שטיוועל.

— נא, לאז מיך.... זאגט נאוויקאוו, — דו זעהסט דאך, אז עס קומט מיר נישט אן גרינג .... סאניו האט פערשטאנען, און איז אנטשוויגען געווארען.

אין די פענסטער איז שוין אריינגעפאלען די שאטענס פון א זומערדיגען פארנאכט, און איבער דעם גרינעם גארטען האט זיך געלאשען דער קריסטא־לענער קלארער הימעל.

— נאך מיין מיינונג, פאנגט אן סאניו נאך א פויזע, — וואלסטו בעסער געטהאן, זאלסט חתונה האבען מיט לידא, איידער ערגעץ צו פאהרען צו אלדע שווארצע יאהר.

מיט אונאטירליכקייט דרעהט זיך נאוויקאוו צו איהם אוים און ציטערט מיט'ן גאנצען קערפער.

— איך וואלט דיך געבעטען, דו זאלסט אויפהערען צו טרייבען מיט מיר נארישע שפאסען. רופט ער מיט א ציטערענדיגע שטימע.

— וואס ווערסטו באלד אזוי אויפגערעגט, פרעגט סאנין.

— הער אויף!.... נאוויקאוו רעדט הייזעריג, זיינע אויגען ווערען גרויס, זיין פנים פערענדערט.

— ווילסטו אפשר בעהויפטען, אז ווען דו וועסט חתונה האבען מיט לידא וועסטו זיין אונגליקליך?.... פרעגט סאנין מיט רוהיגקייט ווייטער.

— הער אויף! זאלסט אויפהערען! שרייט נאוויקאוו הייזעריג, פלוצים כאפט ער א שטיוועל לויפט צו צו סאנין'ען און הויבט איהם אויף איבער זיין קאפ.

— זיי נאר רוהיג דו משוגענער, שרייט סאנין שוין אין כעס ווערענדיג.

נאוויקאוו ווארפט אוועק דעם שטיוועל, און בלייבט שטעהן אקעגען סאנין'ען.

— דו האסט מיך געוואלט מיט דעם אלטען שטיוועל שלאגען .... זאגט סאנין מיט'ן קאפ שאקלענדיג. עס האט איהם באנק געטהאן פאר נאוויקאוו'ן, אבער דאס וואס ער האט געוואלט טהאן, האט פאר איהם אויסגעזעהן נאריש.

— דו ביזט אליין שולדיג אין דעם, זאגט נאוויקאוו, שוין אביסעל פערשעהמט, און באלד האט ער דערפיהלט א צוטרויען צו סאנין'ען. סאנין'ס שטארקייט און רוהיגקייט, האט איהם געמאכט פיהלען, אזוי ווי א אינגעל פיהלט צוטרויען צו אן עלטערען און פערשטענדיגערען פון זיך, ס'איז איהם געקומען טרהרען אין די אויגען.

— ווען דו זאלסט וויסען ווי שווער מיר איז, האט ער קוים ארויסגערעדט, קוים זיך איינהאלטענדיג פון וויינען.

— נו, ברודער, איך וויים אלעס, פרואווט סאנין צו בערוהיגען.

— ניין, דאס קאנסטו נישט וויסען, ענטפערט נאוויקאוו זיך אוועקזעצענדיג נעבען סאנין'ען. עס דאכט זיך איהם, אז די לאגע זיינע איז אזוי שווער, אז קיינער קען איהם נישט פערשטעהן.

— איך וויים יא, זאגט סאנין, דו גלויבסט מיר נישט? ביי גאט! אז דו וועסט מיר צוזאגען, אז דו וועסט זיך שוין ניט ווארפען אויף מיר מיט דיין אלטען שטיוועל, וועל איך דיר זאגאר בעווייזען אז איך וויים, נו, זאגסטו מיר צו?

— יא, איך זאג דיר צו, ענטפערט נאוויקאוו שטאמלענדיג, ענטשול-

דיגט מיר וואַלאַדיאַ.

— הער מיך צו, מיין ליעבער, איך וועל מיט דיר קלאָהר און אָפען רעד־דען. זאָגט סאַניז צערטליך, ארויפלייגענדיג זיין האנד אויף נאוויקאוו'ס קניה. — דו ווילסט אוועקפאָהרען, ווייל לידא האָט דיר ענטזאָגט, און ווייל דו האָסט דאַמאָלסט געמיינט, אז לידא איז געקומען צו זארודין'ען.

נאוויקאוו'ען איז געוואָרען טונקעל פאַר די אויגען, ס'האָט זיך איהם גע־דאכט, אַז סאַניז האָט אויף'ם ניי זיינע וואונדען געעפענט.

— איך וועל דיר נישט פערזיכערען, האָט סאַניז ווייטער געזאָגט, — אז לידא האָט ניט געהאַט, קיין נאָהענטע בעציהונגען מיט זארודין'ען, איך וויים נישט, מיר דאַכט זיך אַז נישט ....

נאוויקאוו קוקט אויף איהם מיט אַ טרויעריגען בליק.

— זייערע פערהעלטניס זיינען אַ קורצע צייט געווען, ערקלערט ווייטער סאַניז און אין אַזאַ קורצער צייט, האָט נישט געקאָנט קיין ערנסטענם צווישען זיי געשעהן. איבערהויפט ווען מען ווייסט לידאַ'ם כאראקטער, דו קענסט דאָך איהר.

פאַר נאוויקאוו'ס אויגען שטעלט זיך לידאַ פאַר, אזוי ווי ער קען איהר און האָט איהר ליעב, אַ שטאָלצע — שלאַנקע מיידעל, מיט גרויסע צערטליכע אבער אויך אַמאָל שטרענגע אויגען. פון אונשולדיגע ריינהייט, און אָפט קאַלט ווי אַ הייליגע מארמאָר־בילד .... און ער גלויבט אַלעס וואָס סאַניז זאָגט.

— און ווען אפילו ס'איז צווישען זיי יאָ עפּעס געווען, כ'מיין אַ גע־וועהנליכע שטיפעריי, איז עס שוין איצט זיכער צו ענדע, און וואָס זשע געהט דיך אין אמת'ן אַן, אַז אַ פרייע מיידעל, האָט איהר ליידענשאַפטען ביי קליי־ניגקייטען אויסגענוצט, דו וועסט זיכער ביי דיר אַליין געפינען, אַזעלכע פיעל ליידענשאַפטען, אַז דו האָסט נאָר געהאַט זיי וואו אויסצובערענגען.

נאוויקאוו האָט זיך אומגעקערט צו איהם, און דאָס פערטרויען וואָס ער האָט געפיהלט צו סאַניז'ען, האָט קלאָר און ליכטיג געמאַכט זיינע אויגען.

— ווייסטו, ווען איך .... נאוויקאוו קען דעם זאַץ וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, נישט ענדיגען, ווייל ער איז נישט אומשטאַנד, דאָס וואָס ער פיהלט ארויסצוזאָגען. טרעהרען קומען איהם אין די אויגען.

— וואָס ?.... ווען דו ?.... רעדט סאַניז שוין מיט אַ העכערע שטימע.

— איך קען דיר נאָר אויף אַזוי פיעל זאָגען, — אַז צווישען לידאַ און זארודין איז גאָרנישט געשעהן.

— איך האָב אָבער געדענקט .... נאוויקאוו פיהלט, אַז ער קען איהם נישט גלויבען

— ס'איז נארישקייטען, וואס דו האסט געדענקט .... פערשטעהסטו דען נישט וואס פאר א מיידעל לידא איז ?... וואס פאר א ליעבע האט דען צווישען זיי געקענט זיין ?....

נאוויקאוו האט אנגענומען סאנין'ס האנד און מיט ענטציקען איהם גע־קוקט אין מויל אריין.

סאנין איז פלוצים אין כעס געווארען, ס'האט איהם אנגעכאפט אן עקעל, קוקענדיג אויף נאוויקאוו'ען, ווי צופריעדען ער איז פונ'ם געדאנק, דאס יענע פרוי מיט וועלכע ער האט זיך געוואלט געשלעכטליך פעראייניגען, האט זיך פריהער מיט קיין אנדערען נישט פעראייניגט. די נאקעטע טיהרישע אויפער־זוכט, פאלש און הונגעריג ווי א שרץ, האט ארויסגעקוקט פון נאוויקאוו'ס אויגען.

— אהא, זאגט סאנין שוין מיט כעס; — נישט נאר איז לידא געווען פערליעבט אין זארודין'ען, — נאר זי האט אפילו געהאט מיט איהם נאהענטע פערהעלטניסע, און איצט... שוואנגערט זי פון איהם ....

אין צימער איז שטיל געווארען, נאוויקאוו קוקט אויף סאנין'ען מיט א ביטערן נארישען שמייכעל .... פלוצים נעהמט ער זיך די הענד רייבען, זיינע ליפען פאנגען אן ציטערען, עפעס וויל ער זאגען, נאר אזוי ווי א רחמנות'דיגער קוויטש רייסט זיך ארויס פון זיין מויל און ווערט באלד פערשטיקט.

סאנין קוקט אויף איהם מיט א בייזען בליק, און אין די ווינקלען פון זיין מויל זעהט זיך א ביטערער קנייטש.

— פאר וואס שווייגסטו ? — פרעגט איהם סאנין אויפגערעגט.

נאוויקאוו הויבט שנעל אויף די אויגען צו איהם, אבער באלד לאזט ער זיי צוריק אראב פערשעהמט, און שמייכעלט נאריש און שוואך.

— לידא לעבט איצט דורך א שרעקליכע דראמע, רעדט ווייטער סאנין מיט א שטילען טאן, — וואלט דער צופאל מיך גראד נישט געשיקט אין דעם ריכטיגען מאמענט, וואלט לידא שוין מעהר נישט געווען צווישען די לעבע־דיגע, און זי, וואס איז ערשט נעכטען געווען, אזא שעהנע, אזא שטאלצע, וואלט איצט געווען געלעגען ערגעץ טיעף אין טייך צווישען מאך און די זשא־בעס וואלטען פון איהר יונגען שעהנעם קערפער שטיקער געריסען .... נאר דאס איז גארנישט, יעדער מענש שטארבט ... ווי אזוי איז קיין אונטערשיעד נישט .... נאר מיט איהר וואלט אבגעשטארבען די גרויסע פרייד, דאס גרויסע גליק וועלכעס זי קען פאר די מענשען ארום איהר שאפען ... נאטירליך איז לידא נישט די איינציגע ; אבער זי איז דאס פאלקאמענע ווייב .... און ווען די ווייבליכע יוגענד זאל צו גרונד געהן, וואלט אויף דער וועלט געווארען שטיל

ווי אין א קבר ... — יאַ, איך מוז דיר זאָגען, ווען איך זעה, אז ס׳טרייבט ווער א יונגע, שעהנע מיידעל צום טויט, וואָלט איך יענעם דער׳הרג׳עט ... אָט זעהסטו אזוי .... א זעץ איבער׳ן קאָפּ ... און געה צו אַלדע רוחות ... — הער נאָר מיין טייערער! מיר איז דאָס גאַנץ גלייכגילטיג, צו דו וועסט יאַ חתונה האָבען מיט לידא׳ן אָדער נישט .... נאָר דאָס איינע מוז איך דיר זאָגען .... דו אידיאָט וואָס דו ביזט! ווען דו האָסט אביסעל שכל, כאָטש איין געזונטען געדאַנק אין דיין אידיאָטישען קאָפּ ... וואָלסטו געוואָלט דיך אַליין קוועלען און אַנדערע אונגליקליך מאַכען? נאָר ווייל א פרייע יונגע מיידעל, האָט א טעות געהאָטביים וועהלען זיך א מאַן צו איהר געשלעכטליכען פערקעהר .... זעהסטו, גראָד נאָך׳ן געשלעכטליכען־אַקט, איז זי דאָך ערשט געווארען דער פרייער מענש, וואָס זי איז פריהער נישט געוועזן ... דיר זאָג איך דאָס, אָבער נישט דו אַליין, אַה! די דאָזיגע אידיאָטען וואָס מאַכען דאָס לעבען פאַר אַן אונערטרעגליכען געפענגעניש, אָהן זונען־ליכט און אָהן בעוועגונג, אזעלכע זיינען דאָ מיליאָנען ... נו, און דו אַליין, וויפיעל מאָל ביזטו אויף די קניה געשטאַנען פאַר א גאָסען־פרוי, פאַר ליידענשאַפט ביזטו געוועזן שמוציג ווי א הונד — ... ביי לידא איז אויך געוועזן ליידענשאַפט, אָבער אַנדערש ווי ביי דיך, ביי איהר איז געוועזן, א מין פּאָעזיע, פון שעהנהייט און קראַפט ... נו, וואָס פאַר א רעכט האָסטו דען זיך פון איהר אָבצוזאָגען?... דו האָלסט דיך דאָך פאַר א קלוגען, געבילדעטען מענש, וואָס געהט דיך אַן איהר פערגאַנגענהייט? איז זי דען דורכדעם שלעכטער געוואָרען? וועט זי דיר אפשר וועניגער גענוס פערשאַפען?... האָסטו דען אַליין נישט געוואָלט איהר אונשולד אָוועקנעהמען?...

— דו.ווייסט אַליין אז ס׳איז נישט אזוי, ענטפערט נאָוויקאָוו שטיל.

— ניין איך ווייס נישט! און ווען אפילו נישט, וואָס איז?

נאָוויקאָוו שווייגט, אין זיין נשמה איז געוואָרען פוסט און טונקעל, נאָר אזוי ווי פון ערגעץ א ווייטען ווינקעל, האָט אין זיין הארץ אויפגעשיינט א ליכט פון פערגעבונג און אויפאַפּפערונג ....

סאַנין קוקט אויף איהם און ווייסט וואָס עס קומט פאַר אין זיין נשמה.

— איך זעה, זאָגט ווייטער סאַנין שטיל אָבער שאַרף, — איך זעה, אז דו טראַכסט איצט פון אָפּפערען זיך, דו טראַכסט דיר, גוט, איך וועל זיך אָפּפערען פאַר איהר, איך וועל זיך צו איהר אַרונטערלאָזען און זי ראַטעווען פון שאַנד און מענשליכע מיילער, און דו ווערסט שוין אין דיינע אויגען, אזוי גרויס ווי א וואָרים אויפ׳ן מיסט .... אָבער איך זאָג דיר, ניין! ס׳איז א ליגען; דו נאַרסט דיך אַליין, ס׳איז ביי דעם נישטאָ קיין שום אויפאָפּפערונג!... ווען

צוםביישפיעל, פּאקען וואַלטען געוועז צופרעסען לידא׳ס פּנים, זי וואַלט גע־וועז אַז אונשולדיגע, אַ גאַנצע, ווי פריהער... נאָר אַ העסליכע, וואַלסטו דיך אפשר אויפגעאָפּפערט אויף צוויי טאָג, דערנאָך, וואַלסטו איהר צורות אָנגעטהאָן... ס׳איז נישטאָ קיין אויפאָפּפערונג!... אָבער דאָ, אין איצטיגען פאַל, וואָס פאַר אַן אויפאָפּפערונג איז דאָ? צום טייוועל! אין דער אמת׳ן וואָס פערלירסטו דען?.... וואָס ווילסטו? — לידא האָט פּונקט דיזעלבע אָרימס ווי פריהער, די זעלבע פיס, די זעלבע יונגע ברוסטען... דיזעלבע ליי־דענשאַפט און דעם גלייכען שטאַרקען ווילען צום לעבען!.... יאָ ברודער ס׳איז טאַקע אמת׳דיג שעהן, דאָס אַלץ צו געניסען, און אין דערזעלבער זאַך וויסען אַז מען טוט אַ גוטע עדעלע זאַך.

פון סאַנין׳ס רעדען האָט זיך נאָוויקאָוו געפיהלט ווי אַ צוטראַטענער וואָ־רים, דער פריהערדיגער געדאַנק פון אויפאָפּפערען זיך האָט אָבגעטראָטען און אַנשטאָט דעם, האָט אין זיין נשמה ערוואַכט אַ נייער, אַן אויפריכטיגער גע־פיהל, און מיט אַ טרויעריגען פאַרוואורף זאָגט ער צו סאַנין׳ען:

— דו דענקסט שלעכט וועגען מיר, וואָס אין דער אמת׳ן בין איך נישט אַזוי, איך בין גאָרנישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט, קען זיין.... איך וועל דיך נישט איבערשפּאַרען, איז אין מיר אויך דאָ אַ שטיק פון דעם אַלטען אָבער־גלויבען, אָבער... מעגסט מיר גלויבען, לידא פעטראָוונא האָב איך אמת׳דיג ליעב. און ווען איך זאָל נאָר וויסען, אַז זי האָט מיר אויך ליעב — איך וועל מיר אויס דעם גאָר נישט מאַכען... די לעצטע ווערטער האָט נאָוויקאָוו שוין מיט מיה אַרויסגעזאָגט.

סאַנין איז פּלוצים אַבגעקיהלט געוואָרען, ער איז געוואָרען נאָכדענקליך. אַ פּאָאָר מאָל איז ער ארומגעגאַנגען אין צימער, ביים פענסטער איז ער גע־בליבען שטעהן, און אַרויסקוקענדיג אין דעם שיין און שאָטענס בעהאַלטענעם גאָרטען, האָט ער שטיל אַזוי ווי צו זיך גערעדט:

— זי איז איצט אונגליקליך, זי איז איצט נישט אין דער שטימונג צו ליעבען... אויב זי האָט דיך ליעב אָדער נישט... ווער קען עס וויסען... איך גלויב אָבער, ווען דו זאָלסט איצט צו איהר געהן... און איהר.... וועסטו פאַר איהר זיין ווי אַ מלאך, נישט אַזוי ווי אַנדערע וואָס ווילען אָהן רחמנות בע־שטראָפען, פאַר אַ צופעליגע זאַך, וואָס איז געשעהן און קען שוין אַנדערש נישט ווערען.... דאַמאָלס, קען זיין,... ווער קען עס וויסען?....

נאָוויקאָוו קוקט נאָכדענקליך פאַר זיך, אין זיין נשמה מישט זיך טרויער און פרייד צוזאַמען; אין הארץ פיהלט ער אַ שמערצליכעס גליק

— קום, לאָמיר געהן צו איהר! זאָגט ווייטער סאַנין — זאָל זיין וואָס

עס וויל, איהר וועט לייכטער ווערען .... זאָל זי כאָטש צווישען די אַלע חיה'־שע פּנים'ער, כאָטש צוויי מענשליכע זעהן .... דו ביזט אויך נישט אַזוי, איך גאַנצען מיין פריינד, אָבער דאָך בעסער פון די אַנדערע, דו האָסט אין דיר עטוואַס וואָס אַנדערע האָבען נישט.

— איך וועל געהן זאָגט נאָוויקאָוו שמייכלענדיג, וועט עס אָבער איהר זיין אַנגענעהם?....

— וועגען דעם זאָלסטו ניט טראַכטען, — ענטפערט סאַנין ארויפלעגענ־דיג זיינע הענד, אויף נאָוויקאָוו'ס אַקסעל, — ווען דו אַליין גלויבסט, אַז דו טהוסט אַ גוטע זאַך דאַס איבעריגע וועט שוין אַליין קומען.

— גוט לאָמיר געהן, זאָגט נאָוויקאָוו זיין העט נעהמענדיג, ביי דער טיר בלייבט ער שטעהן, קוקט סאַנין'ען גלייך אין די אויגען אריין, און מיט אַ קראַפּט וואָס ס'איז איהם אַליין אונבעקאַנט, זאָגט ער:—

— דו ווייסט: — — —ווען עס וועט נאָר מעגליך זיין, וועל איך זי גליקליך מאַכען .... נאַטירליך דאָס איז אַ באַנאַלע פראַזע, איך קען אָבער אַנדערש ניט אויסדריקען ווי אַזוי איך פיהל איצט ...

— דאָס מאַכט נישט, ברודער, אמת'דיג, איך פערשטעה דיך אַזוי אויך.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

אין שטאָדט האָט געהערשט אַ גליהענדער הייסער זומער, אין די נעכט איז די רונדע לבנה אַרום געשוואומען הויך אויפ'ן טיעף בלויען הימעל, די לופט איז געווען געדיכט און רייך, פון די שמעקעדיגע גערטנער האָט ארויס־געקוואָלען, שטאַרקע פערשיעדענע וואונשע.

ביי טאָג האָבען די מענשען געאַרבייט, האָבען זיך בעשעפטיגט, מיט פּאָ־ליטיק, קונסט, מיט דורכפיהרענדיג פון פערשיעדענע אידעען, מיט עסען, באָדען, טרינקען, און גלאַט אַזוי געשפּרעכען. און ווען ס'איז געקומען דער אָבענד, די היץ האָט נאָך געלאָזט, דער שטויב פון די גאַסען האָבען זיך אוועק־געלעגט, און ביי דעם טונקעלען האָריזאָנט האָט זיך געהיימניספול די זון ארונטערגעלאָזט, דאַמאָלסט איז אַלעם געבליבען שטעהן, די מענשען האָבען בערוהיגט, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען פון זיך ענגע קליידער אראָבגעוואָרפען, בדי פריי און לייכט, אַז אמת'דיגען לעבען אַנצופאַנגען. און וואָס ווענינגער די מענשען זיינען געווען, אַלץ פרייער און פולער איז זייער לעבען געוואָרען.

פון די גערטנער האבען זיך די נאכטיגאלען געלאזט הערען. די גראזען, פון די לייכטע פרויען קליידער בעריהרט, האבען זיך לייכט און פריש געבויגען צו דער ערד, די שאטענס זיינען געווארען טיעפער, די לופט איז געווארען אנ־געפיהלט, מיט ליעבעס־געפיהלען. אויגען האבען פאר חשק געבליצט, באקען זיינען רויט געווארען, שטילע סודות'דיגע שטימען האבען זיך געהערט פון צווי־שען די בוימער, א נייעס מענשען לעבען, האט זיך אין די דאזיגע נעכט גע־שאפען.

אויך יוריע, גלויבט ווען ער רעדט צוזאמען מיט'ן סטודענט שאפראוו וועגען פאליטיק, זיי גרינדען צוזאמען, זעלבס־בילדונגס פעראיינען און גיבען פארלעזונגען פון די נייעסטע ביכער, דאכט זיך יוריע, אז גראד אין דעם האט ער געפונען דאס אינטערעסאנטסטע אינ'ם לעבען, און דער צווייפעל און אונרוהיגקייט וועט פערשווינדען. אבער קיין זאך בעפרידיגט איהם נישט; ער זעהט נישט קיין איינציגען ליכטיגען פונק אין זיין לעבען, אלעס איז איהם לאנגווייליג, אזא ליכט האט אין איהם געוואלט אויפלאמען, ווען ער האט זיך דערפיהלט, געזונד, קרעפטיג אין א פרוי פערליעבט ....

פריהער, זיינען אלע שעהנע יונגע מיידלאך פאר איהם געווען אינטע־רעסאנט ... זיי האבען איהם אלע גלייך אויפגערעגט... אבער איצט טראכט ער נאר וועגען אן איינציגע; אלע צערטליכע שעהנקייטען האט זי פאר זיך אליין צוגענומען, זי שטעהט פאר איהם פלוצים, ווי א פריהלינגס ליכט, און ווי א יונגער שעהן־ענטוויקעלטער פאלמען־בוים נעבען א וואלד פון פראסטע בוי־מער.....

זי איז זעהר שעהן, הויך געוואקסען, שטארק און קרעפטיג, ביי יעדען שריט בעוועגט זיך איהר הויכער שטארקער בוזעם און רופט ארויס א שטילען פערלאנג... זי טראגט איהר קאפ הויך און שטאלץ אויף איהר ווייסען שלאנ־קען האלז, לאכט און זינגט קרעפטיג, פער'כושף'ט אלע מענער מיט איהר בליק.

איהר אנוועזענהייט ווערט יוריע אויפגערעגט, זי כשוף'ט ארויס פון איהם נאך נישט קיין אויסגענוצטע קרעפטען. זיין שפראך ווערט העלער, זיינע נער־ווען ווערען שטארקער, זיין הארץ קרעפטיגער און זיין דענקען שארפער און בעסער. די גאנצע טעג טראכט ער נאר וועגען איהר, ביינאכט געהט ער איהר זוכען. ער אליין האט נישט געוואלט צוגעבען, אז ער ליעבט קארסאווינא, ווען ער האט ביי זיך געפרעגט, וואס עס ציהט איהם אזוי צו איהר, ענטפערט ער זיך, אז ס'איז נאר בלויז דאס געשלעכטליכע... נישט מעהר, און כאטש ער האט נישט געפונען קיין איינציגע אורזאך ער זאל עס אזוי רופען, האט

אבער פֿאַרט דער נידעריגער געדאַנק אַרויסגערופֿן פֿעראַכטונג צו זיך אַליין.

דערווייל איז צווישען זיי ביידע געשאַפֿען געוואָרען אַ מין געהיימע פֿער־בינדונג, ווי אין אַ שפּיעגעל האָט זיך זיין יעדע בעוועגונג אין איהר אָבגע־שפּיעגעלט און איהרע אין איהם.

קאַרסאַווינא האָט זיך נישט געגריבעלט אין די געהיימע געפֿיהלען וואָס זי האָט געפֿיהלט אין איהר נשמה צו איהם, עפּעס אַזוי ווי פֿון דערווייטען האָט זי געקוקט אויף זיי און קיינעם נישט דערצעהלט פֿון דעם.

אונרוהיגקייט און שמערצען פֿערשאַפֿט עס איהר, פֿאַר וואָס זי קען אַלעם נישט פֿערשטעהן וואָס עס געהט פֿאָר אין דער נשמה פֿון קערפּער פֿון דעם שעהנעם יונגען מאַן וואָס זי ליעבט. אָפּטמאָל דאַכט זיך איהר, אַז צווישען זיי איז גאָר נישטאָ, ס'איז גאָר קיין פֿערבינדליכעס צווישען זיי נישטאָ, דאַ־מאָלס צואַוויינט זי זיך, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַ טייערען אוצר פֿערלאָ־רען. אפֿילו די צערטליך און נייגעריגע בליקען פֿון אַנדערע מענער טרייסט איהר נישט.

ווען זי טרעפֿט זיך אָבער אַמאָל צוזאַמען מיט סאַניז'ען, זי קוקט אויף זיין שטאַרק ענטוויקעלטען קערפּער, זיינע ברייטע פּלייצעס, רוהיגען זיכערען בליק, און קרעפֿטיג שטאַרקע בעוועגונג, ווערט זי ליידענשאַפֿטליך אויפֿגערעגט, זי דערשרעקט זיך, האַלט זיך פֿאַר שלעכט און פֿערדאָרבען, אָבער זי קען זיך ניט העלפֿען, שטענדיג ווען זי טרעפֿט זיך מיט סאַניז'ען פֿיהלט זי דיזעלבע אויפֿרעגונג...

אין דעם אָווענד פֿון דעם טאָג וואָס לידאַ האָט דורכגעלעבט די שווערע דראַמע, האָט זיך יוריע צוזאַמען געטראָפֿען מיט קאַרסאַווינא אין דער ביבליאָ־טעק. זיי האָבען זיך איינפֿאַך בעגריסט, יעדער איז געווען פֿאַר זיך בעשעפֿ־טיגט. קאַרסאַווינא האָט פֿאַר זיך ביכער אויסגעזוכט, און יוריע האָט די פּע־טערבורגער צייטונגען דורכגעבלעטערט.

ס'האָט אָבער דאָך פּאַסירט אַז זיי זיינען ביידע צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען און יוריע האָט בעגלייט קאַרסאַווינא. דורך די שוין לערע גאַסען וואָס זיינען געווען פֿון דער לבנה בעלויכטען.

אין די לופֿט איז געלעגען אַן אויסערגעוועהנליכע שטילקייט. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּען פֿון'ם נאַכטוועכטערס שטעקען און אַ בילען פֿון ערגעץ אַ הונט.

אויפֿ'ן בולוואַרד האָבען זיי געטראָפֿען געזעלשאַפֿט, וואָס זיינען געזעסען אונטער די שאָטענס פֿון די בוימער, פֿערשיעדענע שטימען האָבען זיך געלאָזט

הערען פון זיי, און ביים אויפלייכטען פון די ציגארעטען וואס יענע האבען גע־רויכערט האבען זיך געזעהן וואנצעס און רויטע געזיכטער.

ווען יוריע און קארסאווינא זיינען שוין געווען פערביי געגאנגען, האט א ריינע פרעהליכע מענער־שטימע געגומען זינגען:

„דאס הארץ פון שעהנהייט"

„איז ווי דאס ווינטעל אין פעלד".

גאהענט צו קארסאווינא'ס וואהנונג, האבען זיי זיך געזעצט אויף א באנק וואס איז געשטאנען נעבען א פרעמדע הויז. פון דער ווייטענס האבען זיי גע־זעהן די ברייטע גאס פון דער לבנה בעלויכטען, און אין עק גאס איז געשטא־נען א קליינע קירכע מיט געדיכטע בוימער ארום, אין גאנצען האט עס אויסגע־זעהן ווי א שעהן בילד מיט א רעהם ארום.

— זעהט נאר ווי שעהן דאס איז — זאגט קארסאווינא מיט איהר האנד אין די לופט צייגענדיג.

יוריע ווארפט א בליק אויף איהר ווייסע פולע ארעמס וועלכע זעהן זיך ארויס פון די קורצע ארבעל, און א פולער פערלאנג כאפט איהם אן זי ארומ־צונעהמען און קושען איהרע פרישע זאפטיגע ליפען וואס זיינען אזוי נאהענט צו זיינע. ער דערפיהלט פלוצים אז אט, אט וועט ער עס טהאן, אויך זי זעהט אוים מיט שרעק און בענקעניש אויף דעם צו ווארטען.

ער טהוט עס אבער נישט. ער ווערט שוואך, ציהט צוזאמען זיינע לי־פען און לאכט עפעס אזוי ווי נאריש.

— וואס איז דאס? — פרעגט קארסאווינא.

— אה גאר נישט, יוריע קען קוים זיין ליידענשאפט און דאס ציטערען פון זיינע פים איינהאלטען. — ס'איז דא — — צו שעהן...

זיי שווייגען ביידע, הארכען זיך צו, די שטילע שטימען וואס קומען פון די ארומיגע גערטנער.

— זייט איהר שוין אמאל געווען פערליעבט? — פרעגט פלוצים קאר־סאווינא.

— יא — ענטפערט יוריע געלאסען און טראכט, אז איצט איז די צייט ער זאל איהר אלעס זאגען — איך בין איצט אויך פערליעבט...

— אין וועמען? — פרעגט קארסאווינא מיט א ציטעריגע שטימע פון וועלכע ס'האט זיך ארויסגעהערט האפנונג און מורא צוזאמען.

— אין וועמען? אין אייך! — זאגט יוריע און זוכט אין איהרע אויגען צו קוקען.

איהרע אויגען גלאנצען אויף. ראש און דערשראקען קוקט זי אויף איהם

און בענקענדיג וואַרט זי אויף עפּעס...

יוריע וויל איהר אַרומנעהמען, ער פיהלט שוין איהרע ווייכע אַרעמס און די יונגע וואַרעמע ברוסטען צוגעדריקט צו זיך. ער ווערט אָבער ווידער דערשראָקען, און נישט נאָכגעבענדיג זיך גענעצט ער.

— ער מאַכט נאַר שפּאַס — טראַכט קאַרסאַווינא און זי פיהלט אַז ס'ווערט איהר קאַלט. זי פיהלט אויך אַז זי וועט זיך באַלד צואווייינען, זי פּרעסט צוזאַמען איהרע ליפּען כדי די טרעהרען איינצוהאַלטען.

— נאַרישקייטען, — זאָגט זי שטיל און הויבט זיך שנעל אויף פון באַנק.

— איך מיין עס ערענסט, — זאָגט יוריע אין אַ טאָן וואָס איז איצט גע־געז זיין ווילען אונאַטירליך. — איך ליעב אייך... גלויבט מיר, מיט'ן גאַנצען הארץ...

נישט ענטפערענדיג נעהמט קאַרסאַווינא איהרע ביכער צוזאַמען.

— פאַרוואָס האָט ער מיך אַזוי בעהאַנדעלט? — טראַכט זי מיט אַ בי־טערען וועהטאָג אין האַרצען, און פּלוצים דאַכט זיך איהר, אַז ער ווייסט אַלץ וואָס ביי איהר אין האַרצען קומט פאָר, און ער וועט זי איצט פעראַכטען.

יוריע דערלאַנגט איהר דאָס בוך וואָס ער האָט אויפגעהויבען פון דער ערד.

— ס'איז שוין צייט אַ היים צו געהן, — זאָגט זי שטיל.

יוריע פערדריסט עס שטאַרק, וואָס זי געהט שוין אַ היים, אָבער צו דער זעלבער צייט ווייזט זיך איהם אויס, אַז אַזוי איז בעסער, שעהנער און אָריגי־נעלער. און ווען קאַרסאַווינא דערלאַנגט איהם איהר האַנד, פערנייגט ער זיך נישט ווילענדיג און קושט איהר ווייכע וואַרעמע האַנד מיט זיינע פון ליידענ־שאַפט ברענענדיגע ליפּען. קאַרסאַווינא רייסט דערשראָקען אַרויס איהר האַנד און מיט אַ לייכטען געשריי זאָגט זי:

— וואָס טוט איהר? — און נישט וואַרטענדיג אויף ענטפער געהט זי מיט שנעלע טריט אַוועק צו איהר הויז.

יוריע איז געבליבען שטעהן ווי צומישט, די בריהונג פון זיינע ליפּען אין איהר יונגען קערפּער האָט איהם ווי שיכור געמאַכט און נאָכקוקענדיג איהר שמייכעלט ער נאַריש...

באַלד האָט יוריע דערהערט דאָס סקריפּען פון'ם גאַרטען טיהרעל. מיט דעם זעלבען שמייכעל אויף זיינע ליפּען געהט ער אַוועק אַהיים, מיט פולע קראַפט אָטהעמט ער איין די פרישע לופט, ער פיהלט ווי די קראַפט וואַקסט אין איהם און ער איז גליקליך.

21טער קאפיטעל

ווען יוריע איז געקומען אין זיין צימער האט עס איהם אויסגעזעהן ענג און פערשטיקט אזוי ווי אין א געפענגניס. ער האט אנגעפאנגען נאכצודענקען אז דאס לעבען איז טאקע נישט מעהר ווי א קייט פון נארישקייטען.

— כ'האב ביי א שעהנעם יונגען מיידעל א קוש אבגעריסען... וואס פאר א גליק! ניין, נאך מעהר, וואס פאר א העלד איך בין דאס! איינער קען דענקען.... ווי שעהן און פאעטיש דאס איז... די לבנה שיינט.. דער העלד פערפיהרט דאס שעהנע יונגע מיידעל מיט ליעבעס־ווערטער און קושען... פפוי, צו אלדע רוחות! וואס פאר א נארישקייטען דאס איז... אין דעם דאזיגען פערשאלטענעם קליינעם שטעדטעל, בעמערקט מען אפילו נישט ווי נאריש און קליין מען ווערט...

ווען יוריע איז נאך געווען אין די גרויסע שטאדט איז איהם קיינמאל נישט אויף די געדאנקען געקומען, אז ער זאל געהן לעבען א נאטירליכען לעבען און דארף מיט די פויערן אויפ'ן פעלד, ער איז אלע מאל געווען צופריעדען פון'ם שטאדטישען לעבען און אויך איצט איז ער פעסט איבערצייגט, ווען ער זאל צוריקגעהן אין דער גרויסער שטאדט, וואלט זיין לעבען צוריק געווארען אינטערעסאנט. ער דערמאנט זיך אין א פאעמע און ער דעקלאמירט עס שטיל פאר זיך:

„עס לארעמט די שטאדט פון טויזענדער רעדער,
„עס קאכט תמיד דער טינטען־קריעג,
„אבער רוסלאנד ליגט שטענדיג אין שווייגען,
„ווי אן אייביגעס קינד אין קינדער־וויעג.

וואס האט דאס אלץ צו בעדייטען? — טראכט יוריע — אלץ איז נארנישט; פאליטיק, וויסענשאפט, דאס איז אלעס שעהן, אבער נאר פון דער וויטענס אלס אידעאל... אבער אין אלגעמיין און אין דעם לעבען פונ'ם איינצעלנעם מענש, איז עס גראד אזוי ווי אן אנדערע פראסטע מלאכה... קעמפפען? ס'איז זעהר גוט, שעהן... איז עס דאך אבער אין דעם געגענווערטיגען לעבען אן אונמעגליכע זאך...

„פראמיטעאוס“ האט געוואלט פאר די מענשען דאס פייער ברענגען, ער האט געקעמפפט און ער האט עס געבראכט... אבער מיר מענשעלעך מיט קליינע בעגריפען, נישט זייענדיג קיין האלב־געטער ווי פראמיטעאוס... מיר קענען

נאָר בלויז אַ פּאָר שפּענדלעך צום פייער צו־וואַרפן... מיר האָבן עס נישט אָנגעצונדן און מיר קענען עס אויך נישט פאַרלעשן... שטאַרקער עס מאַכן קענען מיר עס אויך נישט...

וואָס וויל איך זיך עפּעס פאַרגלייכן צו „פּראָמיטעאוס"? קומט איהם פּלוצים אַ געדאַנק אין קאָפּ — וואָס פאַר אַ „פּראָמיטעאוס" בין איך? איך טראַכט נאָר שטענדיג וועגן מיין אייגענע פּערזענליכקייט, אַלץ איך, און איך... אַלץ פאַר מיר... איך בין פּונקט אַזוי שוואַך און אַ נאַר נישט ווי אַלע דיעזע מענשעלעך וואָס איך פאַראַכט.

די פאַרגלייכונג ווירקט אַזוי שטאַרק אויף איהם, אַז ער האָט אַזש צוזאַמענגעציטערט, אַ לאַנגע ווייל קוקט ער צומישט אין די לופט אַריין און זוכט זיך צו פאַרענטפערן.

— ניין, איך בין נישט אַזוי ווי די אַנדערע, טראַכט ער מיט פאַרלייבטערונג... שוין אויס דעם איינפאַכען גרונד, ווייל איך טראַכט אַזוי פיעל, ריאַזענצעוס, נאַוויקאָווס, סאַנינס, די קומען גאָר נישט צו דעם נאַכדענקען... זיי זיינען ווייט פון'ם אייביגען גריבלען אין זיך אַליין, און זיינען תמיד צופריעדען ווי די זאַטע חזרים פון ניטשעס זאַראַטוסטראַ... ביי זיי בעשטעהט דאָס גאַנצע לעבען, פון זייער מיקראָסקאָפּישען קליינליכען „איך"; טאַקע זיי זיינען דאָס, וואָס שטעקען מיך אויך אָן מיט קליינליכקייט, אַז מען איז צווישען וועלף, מוז מען שרייען ווי אַ וואָלף...

יוריע געהט אַרום אויף און אַב אין צימער;

— נו גוט, אַזוי איז עס... איך האָב אָבער נאָך עטוואָס צו קלעהרען. ווי אַזוי זיינען אייגענטליך מיינע בעציהונגען צו קאַרסאַווינאַ? ס'איז גאַנץ גלייכגילטיג אויב איך ליעב איהר, אָדער נישט... אָבער וואָס קען אויס דעם ווערען? ווען איך זאָל חתונה האָבען מיט איהר, אָבער גאָר אַזוי פאַר אַ צייט מיט איהר צוזאַמען לעבען... וואָלט עס אמת'דיג געווען אַ גליק פאַר מיר? צובעטריגען איהר איז אַ גרויסער פאַרברעכען; און ווען איך האָב איהר טאַקע אמת'דיג ליעב... איז שוין גוט... זי וועט האָבען קינדער... דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, איך וועל אָבער זיין געבונדען אויף אייביג פון מיין פרייהייט בערויבט... פאַמיליען־גליק, קליינבירגערליכע צופריעדענהייט... ניין, דאָס איז נישט פאַר מיר.

איינס, צוויי, דריי, טראַכט יוריע און בעמיהט זיך אַריבערצוטרעטען איבער דריי ברעטער מיט אַמאָל. ווען איך זאָל וויסען זיכער, אַז קיין קינדער וועלען נישט זיין, אָדער ווען איך זאָל מיינע קינדער אַזוי שטאַרק ליעב האָבען, אַז איך זאָל זיך קענען מקריב זיין פאַר זיי... ניין, דאָס איז אויך נאַריש,

פונקט אזוי וועט ריאזענצעוו אויך ליעב האבען ז י י נ ע קינדער. מיט וואסזשע וועלען מיר זיך ביידע פערנאנדערשיידען? לעבען און זיך אפפער־רען דאס איז דאס אמת'ע לעבען. יא, אבער פאר וועמען זיך אפפערען? וואו איז דער ריינער אמת'ער פאלשטענדיגער אידעאל: פאר וועלכען ס'איז כדאי זיך מקריב צו זיין? ניין! נישט איך בין שוואך, נאר דאס לעבען איז נישט יוערט קיין קרבנות... און ווען ס'איז טאקע אזוי, לוינט זיך נישט צו לעבען...

נאך קיינמאל איז אזא שלום נישט אזוי פעסט געווען און איבערצייגט אין יוריעס קאפ ווי דער איצטיגער...

אויף זיין טיש איז שטענדיג געלעגען א רעוואלווער, איצט האט ער איהם פלוצים דערזעהן. געהענדיג אין צימער אויף און אב און יעדעס מאל ווען ער איז צום טיש צוגעקומען האט דער רעוואלווער אויף איהם געמאכט א שטארקען איינדרוק. צו ענדע בלייבט ער שטעהן, נעהמט דעם רעוואלווער אין האנד אריין, בעטראכט איהם ערענסט, ער איז געווען געלאדען. יוריע האט א ציה געטהאן דעם דרוקער, און געשטעלט דעם רעוואלווער צו זיין שלעף... אזוי, טראכט ער... נאר איינמאל אבדרוקען און אלץ איז פארטיג.. איז דאס א קלוגע זאך, אדער א משוגענע נארישקייט זיך צו דערשיסען? זעלבסטמארד, איז א שוואכקייט. א מורא פאר'ן לעבען.. נו, בין איך א שרעקענדיגער...

און קארסאווינא? איך וועל זי מעהר נישט האבען און דעם געניס... וועלכער קען מיר ארייגפאלען, וועט אן אנדערער האבען...

ביי דעם געדאנק פון קארסאווינא ציטערט זיין גאנצער קערפער פאר שטילע בענקעניש... אבער מיט א שארפען רצון צווינגט זיך יוריע איינצור־רעדען, אז דאס איז אלעס נארישקייטען קעגען די גרויסע אידעען וואס שוויב־לען אין זיין מוח.

— פאר וואס זאל איך עס טאקע נישט טהאן? — פרעגט זיך יוריע מיט א ציטערענדיג הארץ.

מיט א בעוועגונג וואס ער אליין גלויבט נישט, לעגט ער נאך אמאל דעם רעוואלווער צו צום קאפ, און גאר נישט קלעהרענדיג לאזט ער אב דעם דרו־קער... אין זעלבען אויגענבליק האט זיך עפעס קאלטעס און שארפעס אין איהם א ריס געטהאן, אין זיינע אויערען האט גענומען קלינגען און דאס גאנצע צי־מער איז אזוי ווי פערשוואונדען געווארען. אבער קיין שאס האט זיך נישט געהערט, בלויז דער שטילער קלאפ פון'ם דרוקער...

א שוואכקייט האט איהם געכאפט אין גאנצען קערפער, די האנט מיט'ן רעוואלווער איז אראבגעפאלען, ס'האט איהם גענומען שווינדלען אין קאפ. אין

מויל איז איהם פּלוצים טרוקען געוואָרען; און ווען ער לעגט צוריק דעם רע־וואָלווער אויפ'ן טיש ציטערט איהם די האַנט אזוי שטאַרק אַז דער רעוואָל־ווער קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אויף'ן טיש.

אַ שעהנער העלד בין איך — טראַכט ער — ער בעקעמפּפט זיין אויפ־רעגונג, געהט צו צום שפּיעגעל און שפּיעגעלט זיך אין דער פינסטער. — אַזוי בין איך טאַקע אַ פייגלינג, אַ טרוס? ניין, איך בין נישט קיין פייגלינג! איך האָב דאָך עס יאָ געטהאָן... ס'איז אָבער נישט מיין שולד אַז דער רעוואָלווער האָט נישט אויסגעשאָסען.

פון'ם שפּיעגעל קוקט איהם ענטקעגען אַ בלייך אויפגערעגטעס געזיכט.

— ס'איז מיר נישט בעשערט — זאָגט ער שוין הויך, פון דיזע ווער־טער טרייסט ער זיך אביסעל און ווערט אויפגעמונטערט.

ווען ס'זאָל מיך ווער איצט זעהן! טראַכט ער צומישט און קוקט זיך אום. אָבער אַלעס אַרום בלייבט שטיל, פון הינטער די פערמאַכטע טיר האָט זיך גאָר נישט געהערט, ס'דאַכט זיך איהם, אַז אויסער אין דעם צימער איז קיין זאַך נישטאָ, אַז ער אליין עקזיסטירט נאָר מיט זיינע ליידען און טראַכ־טען... וויטער איז די גאַנצע וועלט פּוסט און לער אַזוי ווי אַ מדבר.

— — ער לעגט זיך שלאָפען, און אין חלום פיהלט ער אַז עפּעס אַ גע־שטאַלט פון וועלכען אַן אונהיימליכעס רויט פייער שפּריצט אַרוים זיצט אויף איהם מיט אַן אונגעהייערע שווערקייט. — דאָס איז דער טייוועל! — געהט עס דורך דורך יוריעס נשמה...

יוריע מאַכט אַ שווערע אָנשטרענגונג זיך צו בעפרייען. אָבער דער רוי־טער טייוועל טרעט נישט אָב... ער רעדט אויך נישט, לאַכט נישט; נאָר קנאַקט עפּעס שוידערליך מיט'ן צונג...

יוריע איז זעהר שווער געשלאָפען...

22טעס קאַפּיטעל

ס'איז געווען אַ הערליכער, שעהנער, וואַרעמער פאַרנאַכט. אַ קיהל ווינ־טעלע און דער געשמאַק פון בוימער און גראָזען איז אַריינגעפאַלען דורכ'ן אָפענעם פענסטער, וואו סאנין איז געזעסען און האָט געלעזען אַן ערצעהלונג פון טשעכאָוו, וועלכע ער האָט זעהר ליעב געהאַט. עס דערצעהלט זיך דאָרט, ווי אַן אַלטער גלח, אַרומגערינגעלט פון מענשען, פון יעדען געאַכטעט, אָנגע־

טהאָן מיט'ן גאָלדענעם העמדעל און בריליאַנטענע צלמים איז ער געשטארבען פאר איינזאמקייט, ווייל מען האָט איהם נישט פערשטאַנען.

אין צימער איז געווען אַזוי קיהל און ריין אַזוי ווי אויפ'ן הויף. דאָס לייכטע ווינטעל פון דעם אָוונד לויפט אַרום פריי אין צימער, פילט אן סאַניג'ס ברוסט, בלאָזט אויף זיינע ווייכע האָר און קיהלט אָב זיינע שטארקע אקסלען וואָס זיינען געבויגען מיט ערענסט און אויפמערקזאמקייט איבער'ן בוך.

די טיר צום צימער עפענט זיך און נאָוויקאָוו קומט אריין. סאַנין קוקט זיך אום.

— אַ גוטען אָוונד, — זאָגט סאַנין דאָס בוך פון זיך אוועקרוקענדיג.

— נו וואָס ברענגסטו עפּעס נייעס ? — נאָוויקאָוו דריקט איהם שוואַך די האנד.

— גאָר נישט אַלעס איז אַזוי שלעכט ווי פריהער, און אַ מאָך טהוענדיג מיט'ן האנד איז ער אַוועק צום פענסטער.

פון דאָרט ווי סאַנין איז געזעסען האָט זיך נאָוויקאָווס שעהנער קערפּער גוט געזעהן, פערגאָסענדיג מיט די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדיגע זון, האָט ער אויסגעזעהן אמת'דיג שעהן און עדעל, סאַנין האָט איהם לאנג און אויפמערקזאם בעטראַכט.

ווען ער האָט נאָוויקאָוו'ן צום ערשטען מאָל געבראַכט אַ צומישטען און אַ ליידענדען צו דער פערלאָרענער און אונגליקליכער לידא'ן, וועלכע האָט שוין קיין שום עהנליכקייט געהאַט צו דער פריהעריגער, שטאָלצער, שעהנער, מוטיגער מיידעל, האָבען זייביידע קיין וואָרט נישט גערעדט, וואָס האָט אַזוי טיעף זייערע הערצער און נשמות געמאַכט צו ליידען.. סאַנין האָט פערשטאַנען אַז זיי וועלען זיין אונגליקליך ווען זיי זאָלען דערפון יא רעדען, און נאָך אונגליקליכער ווען זיי וועלען שווייגען.. ער האָט פערשטאַנען דאָס וואָס ס'איז אַזוי איינפאַך און פּראָסט פאר איהם איז פאר זיי אונפערשטענדליך... זיי וועלען מוזען פריהער אסך ליידען און צרות האָבען, ביז זיי וועלען איינס ס'אַנדערע פערשטעהן. און ער האָט זיי נישט געשטערט.

זאָלען זיי ליידען — האָט סאַנין געטראַכט, דערפון וועלען זיי ווייסער און ריינער ווערען... זאָלען זיי זיך אויסלויטערען...

אָבער איצט, ווען ער האָט געזעהען ווי נאָוויקאָוו איז אַזוי איינזאם טרויעריג ביים פענסטער געשטאַנען, זאָגט ער זיך, אַז איצט איז די צייט געקומען, ער מוז זיי העלפען.

שווייגענדיג קוקט נאָוויקאָוו צו דעם אויסגעלאָשענעם הימעל און אַ טיע־

פער טרויער רוהט אין זיין נשמה. ער שטעלט זיך פאר לידא׳ן נאך קלאָהרער שעהנער ווי אַלע מאָל. ווי אונגליקליך זי מוז דאָס איצט זיין! ס׳טרייבט איהם ער זאָל זיך ווארפען פאר איהר אויף די קניה, איהרע קאַלטע פינגער מיט זיינע קושען צו דערוואַרעמען, און איהר מיט זיין גרויסע שטאַרקע ליעבע אַלעם פערגעסען צו מאַכען און צום נייעם לעבען אויפוועקען, מיט זיין גאַנצער נשמה וואָלט ער עס וועלען טהאָן, ער האָט אָבער נישט דעם מוטה צו געהען צו איהר.

סאנין פערשטעהט אַלץ וואָס אין איהם קומט פאר, ער הויבט זיך פאַוואָלע אויף, ווארפט זיין קאָפּ אַהינטער און זאָגט:

— לידא איז אין גאָרטען, לאָמיר געהען צו איהר.

מיט אַ שטילען שמערץ, אָבער דאָך גליקליך, האָט זיך נאַוויקאָוום האַרץ איינגעצויגען. זיין פּנים האָט מיט אַ שמערצליכע מינע זיך בעוואויגען, און די פינגער וואָס האָבען געדרעהט די וואָנצען, האָבען געציטערט.

— נו, ליעבער פריינד? ווילען מיר געהען צו איהר? —פרעגט נאָך אמאָל סאנין מיט אַ זעהר צערטליכען טאָן.

נאַוויקאָוו האָט דערקענט אַז סאנין פערשטעהט אַלעס וואָס עס טהוט זיך אין איהם.

— נו, גוט, יאַ, — זאָגט נאַוויקאָוו שטיל. אַ צערטליכער וואונש קומט איהם אָן, ער זאָל ארומנעהמען סאנין׳ען און זיך צודריקען צו זיין ברייטע גוטע ברוסט... ער האָט אָבער קיין מוט נישט צו דעם... ער קוקט אויף איהם מיט אַ טיעפען פייכטען בליק.

אין גאָרטען איז שוין טונקעל געוועזן, ס׳האָט געשמעקט מיט פרישען טוי. די פאַרנאַכטיגע דעמערונג האָט דורכגעשיינט דורך די צווייגען פון די בוימער, אין דער הויך שוועבט אַרום אַזוי ווי אַ ווייסער נעבעל, און עס דאַכט זיך אַזוי ווי אונבעקאַנטע גייסטער זאָלען ארומגעהן צווישען די גראָזען און בלומען.

ביים ברעג טייך איז געוועזן ליכטיגער; די אונטערגעהענדע זון שפּיעגעלט זיך אין טייך, און מאַכט איהם אויסזעהן אַזוי ווי אַ גאָלדענער שפּיעגעל.

לידא זיצט נאָהענט ביים טייך, און איהר שעהנער מיידלישער קערפּער שיינט פון צווישען די גראָזען אַזוי ווי אַ וואַסער־פּעע...

יענע פרעהליכע און מוטיגע שטימונג, וואָס האָט איהר בעהערשט אונטער דעם איינפלוס פון איהר ברודער, איז פערשוואונדען אַזוי שנעל ווי זיי זיינען געקומען. די מורא און די שאַנדע האָבען אין איהר ווידער ערוואַכט און

צוזאמען מיט זיי דער געדאנק: אז זי האט נישט קיין רעכט צו א נייעם לע־בען און א נייעם גליק.

גאנצע טעג איז זי געזעסען אין גארטען מיט א בוך און געלעזען, זי האט נישט געקענט איהר מוטער קוקען אין די אויגען, ווען די מוטער פלעגט צו איהר צוגעהן, פלעגט זיך לידא'ס שטימע איבעררייסען, און איהרע אויגען האבען נעקוקט פערשעהמט און שולדיג... איהר שטענדיגעס רויט ווערען, די נישט פעסטע שטימע איבערהויפט די שולדיגע אויגען האבען די מוטער אונ־רוהיג געמאכט, זי האט איהר גענומען מאטערען מיט פראגען, מיט בליקען און שטענדיגען נאכקוקען... דאס האט לידא'ן גאר פערמוטשעט און זי האט זיך גענומען בעהאלטען פאר איהר.

אזוי זיצט זי אויך דיעזען אווענד ווי א פערפאלגטע, פול מיט ביטער־קייט און א ים מיט געדאנקען פלאנטערען זיך אין איהר קאפ.

זי בעגרייפט נישט פאר וואס ס'איז איהר אונמעגליך דאס לעבען צו פערשטעהן. א מאסע ביכער וואס זי האט געלעזען, א רייהע פון גרויסע פרייע אידעען געהען דורך דורך איהר מוח, און עס דאכט זיך איהר, אז לויט די אלע אידעען האט זי נאטירליך און גוט געהאנדעלט, זי האט דאך קיינעם קיין בייזעס געטהאן; זי האט זיך און נאך א מענשען פערגעניגען פערשאפט.

אהן דעם פערגעניגען וואלט זי פון דער פולקייט פון איהר יוגענד נישט געוואוסט, דאס לעבען וואלט געווען אזוי ווי א בוים אין הערבסט ווען די בלע־טער פאלען אראב. וואס די קירכע האט קיין הסכמה צו איהר פערבינדונג מיט זארודין'ען נישט געגעבען, דאס קומט איהר פאר נאריש און לעכערליך; פון דיעזע אלע נארישע טראדיציעס האט זי זיך שוין לאנג בעפרייט, און זי קומט צום שלום, אז אייגענטליך דארף זי זיך פרעהען, אזוי ווי א בלום פרעהט זיך ווען זי פיהלט אין א זוניגען מארגען, אז זי איז מיט לעבען בעפרוכט־בערט...

אבער טיעף אין איהר נשמה זעהט זי זיך טיעף אין אבגרונד געזונקען, זי איז נידעריגער פון אלע מענשען ארום איהר; זי איז געווארען פון די לעצ־טע קלאס... די אלע פרייע אידעען וואס זי רופט צו הילף צו געהען באלד ווי וואקס, ווען זי דערמאנט זיך אין דער שאנדע וואס זי וועט האבען אויס־צושטעהן. אנשטאט זי זאל אויף די מענשען, וועלכע זי האט אזוי פיינד און פעראכטעט זיי פאר זייערע נארישע פאראורטיילען, מיט איהר פוס טרעטען און א שפיי טהאן אויף זיי, קלעהרט זי שטענדיג ווי אזוי מען קען זיך פון זיי בעהאלטען און זיי אבנארען.

און די גאנצע טרויעריגע צייט, פיהלט זיך לידא צו נאוויקאוו'ען צוגע־

צויגען, ווי א בלום צו א זונען־שטראהל.... זי רעכענט עס אבער, פאר א נידעריגען פערברעכען, זיך דורך איהם פון דער שאנדע צו רעטען....

אפט מאהל וויל איהר שטאלצקייט פון דעם נישט וויסען, זי זאל זיין אבהענגיג פון א מאן׳ס פערגעבונג. אבער נאך שטארקער פון איהר שטאלץ, האט זי פערשטאנען, ווי אהנמעכטיג זי איז און ווי ליעב דאס לעבען איהר איז.

זי זעהט אוים איצט ווי א פייגעלע וועלכען מען האט די פליגעלעך צו־בראכען און קען זיך מעהר נישט בעוועגען....

יעדעס מאל ווען ס׳פאנגט זי אן אונערטרעגליך צו קוועלען פון די אינער־ליכע נשמה ליידען וואס זי האט, דערמאנט זי זיך אן איהר ברודער, זי בע־וואונדערט איהר שטארקען ברודער: ס׳איז איהר קלאהר, אז פאר איהם איז קיין שום הייליגע זאך נישט פארהאנען, אפילו אויף איהר, זיין שוועסטער, קוקט ער ווי א מאן קוקט אויף א פרוי... איז ער אן עגאיסט, אונמאראליש, אבער דאך איז ער דער איינציגער מענש, פאר וועמען זי קען זיך פערטרויען און רעדען מיט איהם די פערבארגענסטע סודות פון איהר נשמה.

אין זיין אנוועזענהייט, ווייזט זיך איהר אלעס אוים אזוי איינפאך און נישט וויכטיג — — — זי איז שוואנגער, נו גוט, וואס זשע איז דאס אזא געוואלדיגע זאך?... זי האט געפיהרט א ליעבע; נו, איז וואס? ס׳האט איהר אזוי געפעלען, זי האט עס אליין געוואלט... מען וועט זי פעראכטען, פערפאלגען.... וואס מאכט עס אויס? וועט זי אוועק פון דאנען, לעבען, זון און פרייהייט איז נאך דא פאר איהר, און מענשען איז דא איבעראל... איהר מוטער וועט ליידען, נו, ווער הייסט איהר?.... ווען איהר מוטער איז געווען יונג, איז זי נישט געווען און זי ווייסט נישט ווי אזוי איהר מוטער האט דאמאלס זיך געפיהרט.... דער צופאל האט געוואלט, אז זיי אלען זיך אויפ׳ן וועג פון לעבען צוזאמענטרעפען, זיינען זיי א שטיקעל וועג צוזאמענגעגאנגען, איצט, גענוג! קענען זיך זייערע וועגען צושיידען...

און דאך זעהט לידא, אז אזוי פריי ווי סאנין וועט זי ק י י נ מ א ה ל נישט זיין, און כדי באטש צו דענקען פריי, מוז זי זיך אונטערוואַרפען צו דעם איינפלוס פון דעם שטארקען פרייען מענשען. ווען ער זאל זיין א פרעמדער, נישט קיין ברודער.... ווי גוט דאס וואלט געווען, טראכט לידא טיעף אין איהר נשמה, אבער באלד פערשטיקט זי אין זיך דעם דאזיגען אוננאטירליכען געדאנק.

ווידער קומט איהר נאוויקאוו אין די געדאנקען, זי האפט און װאַרט אויף זיין ליעבע...

פלוצים הערט זי טריט, זי קוקט זיך אום.

נאוויקאוו און סאַנין געהען שוויינענדיג צו איהר צו, זיי טרעטען אויף די הויבע גראַזען, זייערע געזיכטער קען זי דייטליך נישט זעהן דורך די פאַר־נאַכט שאָטענס, זי פיהלט אָבער, אַז די שרעקליכע מינוט קומט אָן .... זי ווערט בלייך, אַזוי ווי דאָס לעבען וואָלט איהר געוועזן פערלאָזען ....

— דאָ ביזטו, זאָגט סאַנין, — איך האָב צו דיר געבראַכט נאוויקאָוו׳ען, וואָס ער וויל וועט ער דיר אַליין זאָגען, בלייב דאָ רוהיג נאָר זיצען, איך געה טעה טרינקען.

באַלד האָט זיך סאַנין אומגעדרעהט און מיט גרויסע טריט צום הויז גע־גאַנגען.

א ווײַלע האָט זיך נאָך בעמערקט זיין ווייס העמד, אָבער באַלד איז ער פערשוואונדען צווישען די בוימער.

נאוויקאָוו און לידא האָבען איהם נאָכגעקוקט ביז ער איז פערשוואונדען.

— לידא פעטראָוונא, זאָגט נאוויקאָוו שטיל און זיין קול קלינגט אַזוי ווייך און טרויעריג, אָפען און אמת, אַזש לידא׳ס האַרץ ווערט פאַר האָפענונג צוזאַמענגעצויגען.

— — — ס׳איז אַ רחמנות אויף איהם .... ווי אונגליקליך און גוט ער איז, טראַכט לידא מיט וועהטיג און פרייד צוזאַמענגעמישט.

— איך ווייס אַלעס, לידא פעטראָוונא, — זאָגט ווייטער נאוויקאָוו, אָבער איך ליעב אייך אַזוי ווי פריהער .... אפשר וועט איהר מיך אויך אַמאָל ליעבען .... זאָגט מיר, איך בעט אייך ... ווילט איהר מיין פרוי ווערען ?....

אַלץ צו זאָגען איהר דאַרף מען נישט, טראַכט ער, זי דאַרף נישט וויסען, וואָס פאַר אַן אָפּפער איך ברענג איהר ....

לידא שווייגט, ס׳איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט דאָס שטילע גערויש פון דעם וואַסער וואָס לויפט ערגעץ צווישען די קוסטעס פונ׳ם גאָרטען.

— מיר זיינען ביידע אונגליקליך, זאָגט פּלוצלונג נאוויקאָוו אַזוי ווי פאַר זיך אַליין, — נאָר אפשר ביידע צוזאַמען וועלען מיר דאָס לעבען גרינגער טראָגען .... לידא האָט אויפגעהויבען איהר פנים צו איהם.

— יאָ, אפשר—.... ענטפערט זי שטיל, אָבער איהרע אויגען זאָגען:

— — — גאָט זאָלסט זיין מיין עדות, אַז איך וועל איהם זיין אַ גוטע פרוי, איך וועל איהם תמיד ליעב האָבען און געטריי זיין.

נאוויקאָוו האָט פערשטאַנען די שפּראַך פון איהרע אויגען; מיט אימ־פּעט לאָזט ער זיך אַראָב פאַר איהר אויף די קניהען, און פאַנגט אָן איהר ציטערענדיגע האַנד צו קושען, ער ציטערט אַליין אין גאַנצען קערפּער פון אויפרעגונג און צאַרטער ליידענשאַפט. דיזע אויפרעגונג און צערטליכקייט

געהט איבער צו לידא'ן און די פריהערדיגע מורא און שעהמען פאר נאוויקאוו'ן איז פערשוואונדען.

— נו, איצט איז אלץ צו ענד, איך וועל ווידער גליקליך זיין, טראכט לידא, — — דו מיין ליעבער, מיין טייערער, שעפּטשען שטיל איהרע ליפּען, און טרעהרען פון גליק רינען פון איהרע אויגען. זי נעהמט איהר האנד נישט אוועק פון איהם, זי בויגט זיך צו צו נאוויקאוו'ס קאפּ און קושט זיינע ווייכע האר.

ווען סאניז איז צוריקגעקומען צו זיי, האט ער זיי געטראָפען האלטענדיג זיך איינס אנדערע ביי די הענד און רעדענדיג שטיל און וואַרעם צווישען זיך, נאוויקאוו פערזיכערט איהר; אז ער וועט קיינמאהל אויפהערען זי ליעב צו האבען. לידא זאָגט איהם, אז פון איצט אַן וועט זי איהם שוין אויך אייביג ליעב האבען, זי זאָגט עס מיט'ן גאנצען הארצען, זי זאָגט עס מיט ערנסטקייט, מיט אמת, ווייל זוכענדיג אליין ליעבע און גליק, האפט זי אז נאר ביי איהם אליין וועט זי עס געפינען.

זיי גלויבען ביידע, אז זיי זיינען נאך קיינמאל נישט אזוי גליקליך ווי איצט, ווען זיי דערזעהען סאניז'ען ווערען זיי אנשוויגען, און קוקען אויף איהם מיט פערמישטע און פריידיגע אויגען.

— איך פערשטעה, — זאָגט סאניז ערנסט, דאנקען גאָט, איהר זאָלט נאר גליקליך זיין ביידע!.... ער וויל עפּעס נאך זאָגען, גיט ער אָבער א שטארקען נאָס אז עס הערט זיך איבערן גאנצען גארטען, — ס'איז דאָ פייכט, מען קען נאך דעם קאטער בעקומען.

לידא לאכט מיט פערגעניגען, אזש איהר פרעהליכער לאכען קלינגט אָב איבערן טייך.

— איך געה שוין!..... זאָגט סאניז

— וואוהין?....

— שוואראשיטש איז געקומען, מיט'ן לאנגען אפיציער, טאָלסטאָי'ס אנהענגער, ווי אזוי הייסט ער דארט?

— פאָן דעייץ! — ענטפערט לידא מיט א געלעכטער'ל.

— יא, יא, דער, זיי זיינען געקומען אונז רופען צו א פערזאמלונג, האָב איך זיי געזאָגט אז איהר זייט נישט אין דער היים.

— פאר וואָס האסטו אזוי געזאָגט, ? פרעגט לידא נאך אלץ לאַכענדיג.

— בלייב נאָר דאָ זיצען, איך וואָלט אויך דאָ בעסער געזעסען, ווען איך זאָל האָבען מיט וועמען ....

סאַנין איז אַוועקגעגאַנגען. ס'איז געוואָרען אָבענד, אין'ם טונקעלען טייך האָבען זיך די שטערען געשפּיגעלט.

23-טעם קאַפּיטעל

דער אָבענד איז געוואָרען טונקעל און שטיל, איבער די שפּיצען פון די הויכע און שטומע בוימער האָבען זיך געצויגען גרויסע גרויע וואָלקענס אַזוי ווי ערגעץ צו אַ ציעל, פון צווישען זיי האָבען זיך ווײַלענווײַז געוויזען די בלישטשענדיג שטערען און האָבען אַראָבגעקוקט צו דער שטילער נאַכטיגער ערד אַזוי ווי עפּעס ערוואַרטענדיג.

אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט, הערען זיך שטרייטענדע שטימען אַזוי ווי דאָס קלאַפּען פון קליינע חיה'לעך.

— ווי עס זאָל נישט זיין, זאָגט דער לאַנגער אָפיציער, פאָן דעייץ, — האָט אָבער דער קריסטענטום פאַרט געגעבען די מענשען, די פאָלקסטימליכע שעהנע לעהרע פון ליעבע און פריעדען.

— וואָס איהר זאָגט, — ענטפערט יוריע, וואָס געהט הינטער איהם, אין קאַמפּף מיט די ווילדע טהירישע אינסטינקטען, האָט זיך דער קריסטענטום אַרויסגעוויזען פּונקט אַזוי שוואַך ווי אַלע אַנדערע לעהרען, דער קריסטענטום האָט נישט קיין צוקונפט, ווען עס קאָן נישט אין דער צייט פון דער העכסטער ענטוויקלונג פון די מענשהייט, דאָס לעבען אונטער זיין מאַכט נעהמען.... ווען נאָר אַ באַנדע פון שורקען האָבען עס אין די הענד גענומען, און געמאַכט אַ ווערקצייג דאַרויס, כדי די מענשען צו בעטריגען; איז עס מעהר נישט קיין הייליגקייט, דאָס וואָרט: קריסטענטום איז נישט מעהר ווי אַ נאַרישקייט, און ס'וואָלט אויסגעזעהן לעכערליך און קאָמיש, צו וואַרטען אויף ערגעץ אַ נס אַז די הייליגקייט פון דעם זאָל בעגייט ווערען, אַ זאַך וואָס אַז אַמאָל פון דער ביהנע פערשוואונדען, קומט שוין מעהר נישט צוריק.

— וואָס? איז דער קריסטענטום שוין פון דער ביהנע אַרונטער? שרייט פאָן דעייץ — און אין זיין טהאָן קלינגט איבערטריבענע בעוואונדע־רונג און אויפרעגונג.

— געוויס איז עס אַוועק — גאַנץ איינפאַך פערשוואונדען ... ענטפערט יוריע מיט איינגעשפּאַרטען טאָן. — איהר וואונדערט זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי ווי מען זאָל גאַרנישט קענען דענקען וועגען אַזאַ זאַך, יאָ, אַזוי איז עס! פּונקט

ווי דער אידישער גלויבען איז ארונטער פון דער סצענע, פונקט אזוי ווי בוד־הא און די גריכישע געטער זיינען געשטארבען, אזוי איז קריסטוס געשטאר־בען, דאס איז דער געזעטץ פון ענטוויקלונג ... וואס שרעקט איהר זיך אזוי פאר דעם דאזיגען געדאנק! איהר גלויבט זיכער נישט אין די געטליכקייט פון קריסטוס׳עס לעהרע ....

— א וודאי נישט, — ענטפערט פאן דערייץ בעליידיגט, נישט אזוי ווי פון יוריעס פראגע, ווי פון זיין טאן.

— אויב קיין געטליכע לעהרע איז אין קריסטענטום נישטא, קענט איהר דאך נישט ערווארטען אז א מענשליכע לעהרע זאל אויביג לעבען.

— צוגעבענדיג אז דאס איז טאקע אזוי; זאגט פאן דערייץ שוין אביסעל בייז, האט דאך אבער דער קריסטענטום געשאפען דעם פונדאמענט פאר דער צוקונפט.

— איך רעד נישט פון דעם, ענטפערט יוריע שוין אביסעל צוטומעלט,— איך לייקען נישט אב די גרויסע ראליע וואס דאס קריסטענטום האט גע־שפיעלט אין׳ם לעבען פון דער מענשהייט.

— אז אזוי, ווידערשפרעכט איהר זיך אליין, האט מיט נצחון אויסגע־שריען פאן דערייץ.

— איך דאכט זיך, אז איך ווידערשפרעך זיך, און דער אמת׳ן אבער איז עם פערקעהרט, נאר איהר פערשטעהט מיך נישט, איך האב פריהער געזאגט און זאג עס אויך איצט, אז דאס קריסטענטום איז שוין אזוי פיעל איבערגע־קייט, אז מען קען שוין דערפון גארנישט ארויסנעהמען .... קיין גוטס א וודאי נישט ....

— אמת, — גיט פאן דערייץ צו, אבער דאס קענט איהר נישט אבלייי־קענען, אז דאס קריסטענטום האט אויף די מענשען געהאט א גוטען איינפלוס.

— דאס לייקען איך נישט, — ענטפערט יוריע.

— אבער איך לייקען עס! מישט זיך פלוצים סאניז אין געשפרעך, זיין שטימע איז לייכט און רוהיג.

— איהר לייקענט עס יא? אוים וועלכען גרונד? וואס פאר א בע־ווייזע האט איהר? — פרעגט פאן דערייץ.

— וואס טויג מיר בעווייזע?

— וואס הייסט דאס? אז מען בעהויפטעט עטוואס מוז מען בעווייזען.

— איך האב גארנישט צו בעווייזען, דאס איז מיין איבערצייגונג.

— אז מען וויל א זאך אזוי אורטיילען, — זאגט יוריע אביסעל צוריק־

געהאַלטען, — אזוי קען מען די גאַנצע ליטעראַטור צווישען אַלט אייזען וואַר־פען.

— מיט די ליטעראַטור איז עפּעס אַנדערש, — ענטפערט סאַנין, די ליטעראַטור איז אַן אינטערעסאַנטע זאַך, זי בויט דאָס גאַנצע לעבען, זי דרינגט אַריין פון איין דור צום צווייטען, אינ'ם בלוט פון די מענשען. ווען מען זאָל די ליטעראַטור פערניכטען, וועט דאָס לעבען קיין פאַרבען נישט האָבען.

— אמת, — זאָגט פאָן דעייץ, שוין נעהענטער שטעהענדיג ביי סאַנין'ען — אָבער פאַר וואָס אויך נישט דאָס קריסטענטהום.

— מיין געדאַנק איז איינפאַך, ווען איהר ווילט וועל איך אייך קלאָהר מאַכען. — ענטפערט סאַנין. נאָך מיין מיינונג, האָט דאָס קריסטענטום גע־שפּיעלט זעהר אַ טרויעריגע ראָליע אין דער געשיכטע, אין דער צייט ווען די מענשהייט האָט שוין דאָס טרויעריגע לעבען נישט געקענט פערטראָגען און ס'האָט שוין ווייניג געפעהלט, אַז די אַלע ליידענדע און אונגליקליכע זאָלען צום פערשטאַנד קומען, און מיט איין שטויס, די גאַנצע אונערטרעגליכע און אונגערעכטע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט צו שלאָגען — — — גאַנץ איינ־פאַך אַלעם פערניכטען און אַ בעסערע וועלט שאַפען, גראַד אין ד ע ר צייט איז געקומען דאָס שטילע גוטע קריסטענטום, מיט פערשפּרעכונגען פון זעליג־קייט, ס'האָט געהייסען די מענשען אויפהערען קעמפּפען, האָט זיי איינגע־וויעגט אין אַ זיסען ווייכען שלאָף מיט חלומות פון יענעוועלטיגע גליקען.... די שטאַרקע כאַראַקטערע וואָס האָט זיי יאָהר־הונדערטע צום קאַמפּף געצויגען, זיינען ווי משוגענע אידיאָטען אין דער שטייג פונ'ם קריסטענטום אַריינגע־גאַנגען, זייערע פיינד די מעכטיגע רעגירונגען האָבען זיך בעסער נישט גע־וואונשען, איצט דאַרף ווידער דויערן יאָהר־הונדערטע, ביז די מענשען זאָלען זיך ווידער אויפוועקען צום קאַמפּף פאַר אַ בעסערען לעבען.

דאָס קריסטענטום האָט דעם מענשען געמאַכט פאַר אַ שטילען פער־שקלאַפטען הונט... אַלע שעהנהייטען פון לעבען איז דורך דעם פערשוואונדען. די שטאָלץ, די פרייע ליידענשאַפט, דער שטאַרקער ווילען אַלץ איז פער־שוואונדען, געבליבען איז נאָר די פפליכט און דער נאַרישער חלום, פון אַ לעבען אויף נאָכ'ן טויט ... יאַ, דאָס קריסטענטום האָט געשפּיעלט אַ העס־ליכע ראָליע אינ'ם לעבען, דער נאָמען „יעזוס כריסטוס" וועט נאָך לאַנג זיין אַ קללה פאַר די מענשהייט ....

פאָן דעייץ בלייבט פּלוצים שטעהן, און אין דער טונקעלהייט בעמערקט מען ווי זיינע הענד הויבען זיך און לאָזען זיך אַרונטער.

— דענקט איהר גאַר נישט, וואָס פאַר אַ בלוט־פערגיסונגען ס'וואָלט

געווען ווען נישט די לעהרע פון ליעבע פונ'ם קריסטענטום? פרעגט פאַן־דעייץ נערוועז.

— כא כא כא! צולאַכט זיך סאַנין, — אפשר פערקעהרט, אונטער דעם מאַנטעל פונ'ם קריסטענטום, זיינען פריהער די „אַרענען" מיט מארטי־רער־בלוט פערגאָסען געוואָרען. מען האָט ערמאָרדעט מענשען, מען האָט זיי אריינגעזעצט אין געפענקעניש, אין משוגעים הייזער, טאָג איין טאָג אויס און נאָך איצט גיסט זיך בלוט צוליעב דעם גוטען - ליעבען קריסטענטום, פרייהייט קען מען נאָר שאַפען דורך רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, דורך אידע־אַלע אויפהייבונג פון יעדען איינצעלנעם, נישט דורך א דעמאַגאָגיש פערשי־מעלטע צוויי־טויזענד יעהריגע אַלטע נאַרישע לעהרע, וועלכע א באַנדע היפּאָ־קריטען האָבען איין זייערע הענד גענומען כדי צו לעבען אויפ'ן פּאָלקס חשבון ...

פאַן דעייץ איז אַנשוויגען געוואָרען. ער האָט געפיהלט, אז אלעס וואָס סאַנין זאָגט איז אמת.

24־טעס קאַפּיטעל

זיי זיינען אַרונטער פון טראָטואַר און אריינגעגאַנגען אין א זייטיגע גאַס.

— דאָ איז עס! — זאָגט פאַן דעייץ און עפענט א קליין טירעל פון א הויף.

באַלד הערט זיך א הייזעריגען בילען פון א הונט, און עמיצער שרייט פון בריקעל:

— סולטאַן שווייג!

א גרויסער שמוציגער הויף דערזעהט זיך, אין איין זייט שטעהט ווי עפּעס מיט א קאַהל אויסגעמאָלען, א שטילע שטומע דאַמפּף מיהל. פון אויוועז א שוואַרצער לאַנגער אויסגעצויגענער קוימען אַזש ביז צו די וואָלקענס, אַרום און אַרום טונקעלע שפּייכלערס און שטאַלען, קיין בוים, קיין גרעזעל זעהט זיך נישט איבערען גאַנצען פּוסטען הויף.

— דאָס איז זעהר אַן אומעדיגער פּלאַטץ! — זאָגט סאַנין.

— און דער מיהל זעהט אויס, האָט מען שוין לאַנג נישט געאַרבייט, בעמערקט יוריע.

— א, יא, שוין זעהר לאַנג. ענטפערט פאַן דעייץ, פערבייגעהענדיג

קוקט ער אריין אין די בעלויכטענע פענסטער, און ווענדעט זיך מיט אונגע־וועהנליך צופריעדענע שטימע צו די אנדערע:

— ס'איז שוין דא אזוי פיעל מענשען.

עמעצער האט זיך ארויסגעבויגען פונ'ם אפענעם פענסטער און פער־שטעלט אלעס פון שטוב.

— ווער איז דארט? — האט ער געפרעגט.

— אייגענע מענשען, — ענטפערט יוריע.

זיי זיינען ארויף אויף די שטיינערנע טרעפ און האבען זיך דארט אנ־געשטויסען אין א מאן וואס האט זיי־גלייך דערזעהענדיג זיי געדריקט די האנד.

— איך האב געדענקט, אז איהר וועט שוין נישט קומען, זאגט יענער פרעהליך מיט א שטארקען אידישען אקצענט.

— סאלאוויטשיק.... סאניז, — שטעלט פאן־דערייץביידען פאר און דריקט די קאלטע האנד פון סאלאוויטשיקען.

סאלאוויטשיק לאכט צומישט און פערשעהמט אין זיך אריין.

— זעהר אנגענעהם פאר מיר.... איהר ווייסט, איך האב שוין פיעל געהערט וועגען אייך און זעהט איהר — — — עס איז זעהר.... פלאנטערט זיך סאלאוויטשיק מיט די רייד און געהענדיג הינטערוויילעכץ, הערט ער נישט אויף צו דריקען סאניז'ס האנד, מיט זיין פלייצע שטויסט ער זיך אן יוריע און טרעט ארויף פאן־דערייץ'ען אויף די פיס.

— ענטשולדיגט מיר אלעקסאנדער אדאלפאוויטש, ענטשולדיגט, זאגט ער צו פאן דערייץ און לאזט אב סאניז'ס האנד.

אין דעם טונקעלען פארהויז פערפלאנטערען זיי זיך אלע און קענען לאנג די טיר נישט געפינען.

אין קארידאר הענגען אויף טשוועקעס וואס סאלאוויטשיק האט פאר דעם אבענד אריינגעקלאפט, קאפעלושען און היטלען. אויף די פענסטער שטעהען אויסגעשטעלט פערשיעדענע גלעזער פארבערייטעט צו געבען טעה, און א טאבאק רויך טראגט זיך ארום אין דער לופט.

פאר דעם שיין פון ליכט קען מען זעהן ווי סאלאוויטשיק זעהט אויס ער איז נאך א יונגער איד, מיט שווארצע אויגען, א געקרויזטען קאפ, מיט א שעהן מאגער פנים און שיטערע ציין, וועלכע זעהען זיך אין דער צייט פון רעדען.

די אריינגעקומענע ווערען אויפגענומען מיט פרעהליכע שטימען. יוריע האט באלד דערזעהן קארסאווינע, וועלכע איז געזעסען נעבען פענסטער, גלייך האט די פערזאמלונג געקראגען אז אנדער חן אין זיינע אויגען, נישט ווי א

פערזאמלונג אין א פערשטיקטען מיט רויך אנגעפיהלטען צימער, נאר ווי א פריהלינגס־פעסט ערגעץ אין א גרינעם וואלד.

קארסאווינע שמייכעלט צומישט.

— נו, מיינע הערען, איצט פעהלט שוין קיינער נישט, רופט סאלאוויטשיק, רעדענדיג האט ער צופיעל געמאכט מיט די הענד און האט זיך אנגעשטויסען אן יוריע.

— ענטשולדיגט, יוריע ניקאלאיעוויטש, איך האלט אייך נאר אין איין שטויסען.

— עס מאכט נישט, — ענטפערט יוריע, נעהמענדיג זיין האנד.

— מיר זיינען נאך נישט אלע, אבער זאל די אנדערע דער טייוועל נעהמען רופט א הויך געוואקסענען שעהנען סטודענט, אין זיין ברייטע שטארקע שטימע פיהלט זיך פעסטקייט און זיכערקייט.

סאלאוויטשיק איז צוגעשפרונגען צום טיש און האט גענומען קלינגען מיט א גלעקעל וועלכעס ער האט נאך אין דער פריה אנגעגרייט.

— אבער לאזט דאס, זאגט דער סטודענט בייז, שטענדיג האט איהר אזעלכע נארישקייטען ארום זיך, ווער דארף אזעלכע פאראדען מאכען?

— איך מיין גארנישט .... איך.... גלאט אזוי ... זאגט סאלאוויטשיק שטאמלענדיג מיט דעם פערשעהמטען שמייכעל אויף זיינע בלאסע ליפען, און בעהאלט דאס גלעקעל אין קעשענע.

— איך דענק, אז דעם טיש דארף מען רוקען אין דער מיט צימער, זאגט דער שעהנער סטודענט.

— איך טו עס גלייך! זאגט סאלאוויטשיק אננעהמענדיג דעם טיש.

— גיט אכטונג, ווארפט נישט דעם לאמפ אום. רופט דובאווא.

— איילט זיך נישט אזוי, זאגט ווידער דער סטודענט, מען דארף אלעס טהאן געלאסען.

— לאזט מיך, איך וועל אייך העלפען, רופט זיך סאניז אן צו סאלאוויטשיקען.

— איך בעט זעהר, זאגט סאלאוויטשיק, די ווערטער קומען ארויס ביי איהם אזוי ווי צוזאמענגעמישט.

סאניז האט גערוקט דעם טיש אין מיט'ן צימער, וועהרענד ער האט עס געטהאן, האבען זיך אלע פערקוקט אויף זיין רוקען, וואס האט זיך לייכט בעוואיגען אונטער זיין דינע העמד.

— נו, נאזשיענקא — האט זיך דובאווא געווענדעט צום שעהנעם סטו־

דענט, — איהר אַלס אינציאַטאָר פון דער גאַנצער פערזאַמלונג, דאַרפט האַל־טען די ערהעפענונגס רעדע.

— מיינע הערען! הויבט אַן גאָזשיענקאָ מיט אַ הויכע שטימע, — איהר ווייסט אַלע נאַטירליך, אויס וועלכען גרונד מיר זיינען דאָ פערזאַמעלט. איבערדעם קענען מיר זיך אויגענטליך בעגעהן אָן איין איינלייטונגס רעדע. אָבער....

— איך וויים נישט גענוי פאַר וואָס איך ביז אהער געקומען, אונטער־ברעכט איהם סאַנין שמייכלענדיג, איך וויים אַזוי פיעל, אַז מען וועט דאָ ביער טרינקען .... אָבער די איינלייטונג קען איך אייך מוחל זיין.

גאָזשיקאָוו קוקט אויף איהם איבערען לאַמפּ אַזוי ווי פון אויבען אראָפּ און רעדט ווייטער: — דער צוועק פון אונזער פעראיין: איז זעלבסט ביל־דונג, נעגענזייטיגעם לעזען, דעבאַטירען איבער דאָס געלעזענע און זעלבסט־שטענדיגע רעפעראַטען.

— וואָס מיינט איהר, געגענזייטיגעם לעזען? פרעגט דובאָווא אין אַזאַ טאָן אַז ס'איז שווער צו דערקענען, צו מיינט זי עס ערנסט אָדער זי לאַכט פון איהם.

דער דיקער סטודענט איז רויט געוואָרען.

— איך האָב געוואָלט זאָגען, — בעשותפות'דיג לעזען, דער צוועק פון אונזער פעראיין איז, צו געבען די מיטגלידער גייסטיגע ענטוויקלונג, די אינ־דיווידיעלע אַנשויאונגען ברייטער צו מאַכען, כדי מיר זאָלען דערנאָך קענען גרינדען אַ פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע אויף סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָגראַם דאָ אין אונזער שטאָדט.

— אַהאַ, שרייט איוואַנאָוו אויסגעצויגען און קראַצט זיך דעם קאָפּ, — צו דעם לויפט דער האָז.

— אָבער דאָס קומט ערשט שפּעטער, דערווייל וועלען מיר זיך נישט שטעלען אַזאַ ברייטע אויפגאַבע.

— איהר מוזט מיינען אַזאַ שמאָלע אויפגאַבע, אונטערברעכט דובאָווא מיט'ן זעלבען טאָן ווי פריהער.

גאָזשיאַנקע אַכטעט ניט וואָס דובאָווא זאָגט, נאָר ער רעדט ווייטער:

— מיר וועלען אויסאַרבייטען אַ פּלאַן, ווי אַזוי דאָס לעזען זאָל פאָרגעהן, און איך וואָלט פאָרגעשלאָגען, אַז דאָס זאָל זיין דער היינטיגער טאָגעס־אָר־דענונג פון אונזער פערזאַמלונג.

— סאַלאָווייטשיק! .... און אייערע אַרבייטער וועלען קומען?

— אַ וודאי וועלען זיי קומען. — ענטפערט סאַלאָווייטשיק אויפשפּרינ־

נענדיג פון זיין פלאטץ, — מען איז זיי געגאנגען ברייננען.

— סאלאווייטשיק, רעגט זיך נישט אויף יעדע מינוט, זייט דאך רוהיג, בעמערקט גאזשיענקא מיט א שטרענגען טאן.

— אט קומען זיי שוין, זאגט שאפראוו מיט אן ערנסטע מינע.

הינטער דעם פענסטער הערט זיך דאס קנאקען פונ'ם גארטען טירעל און אויך דאס בילען פונ'ם הונד.

סאלאווייטשיק איז־מיט אימפעט אויפגעשטאנען און איז ארויסגעלאפען פון שטוב.

— סולטאן ... שטיל, שרייט ער קומענדיג אויף די שטיין טרעפ.

ס'הערט זיך שווערע טריט, שטימען און הוסטען. עס קומען אריין אין צימער, א נידעריגער שווארצער סטודענט און הינטער איהם צוויי ארבייטער מיט שווארצע הענד, אין רעקלאך איבער שמוציגע רויטע העמדער.

איינער איז א הויך געוואקסענער, דארער, בלאסער מיט א באארד אויף זיין פנים דריקט זיך אויס, דאס שטענדיגע אונטערדריקט זיין, דאס אויביגע זארגען און דער ביטערער צארען וואס ליעגט טיעף פערבארגען אין זיין נשמה.

דער צווייטער זעהט אויס שטארק ווי אן אטלעט, ברייטע פלייצעס, גע־קרויזטע האר און שעהן, ער מאכט דעם איינדרוק ווי א פויערען אינגעל, וועל־כער איז צום ערשטען מאל ביי א שטאדטישע פערזאמלונג און אלץ זעהט ביי איהם אויס ניי, נאך זיי געהט נאך סאלאווייטשיק.

— מיינע הערען, נו... וויל סאלאווייטשיק פייערליך אנפאנגען.

גאזשיענקא לאזט איהם נישט אויסרעדען און צו די אריינגעקומענע ווענ־דעט ער זיך:

— גוטען אווענד גענאסען!

דער קליינער שווארצער סטודענט שטעלט פאר:

— דאס איז פיסצאוו און דאס איז קודריאווי.

מיט שווערע טריט און פערלעגענהייט זיינען די צוויי ארבייטער דאס צי־מער דורכגעגאנגען און יעדען געדרוקט די הענט וואס מען האט זיי מיט פארזיכטיגקייט און בעזונדערע ליעב געדייכט.

דער שעהנער פויער פיסצאוו שמייכעלט קינדעריש און דער בלייכער מא־גערער קודריאווי בעוועגט מיט זיין לאנגען דינעם האלז אזוי ווי ער זאל געהן אין אן ענגען העמד קאלנער. דערנאך זעצען זיי זיך אוועק ביים פענסטער נע־בען קארסאווינא.

— אבער וואס איז ניקאלאיעוו נישט געקומען? — פרעגט גאזשיענקא אונצופריעדען.

— ניקאלאיעוו האט נישט געקענט קומען, — ענטפערט פיסצאוו פאר־זיכטיג.

— ניקאלאיעוו איז שיכור ווי א הונט — פאלט איהם קודריאווי אריין אין די רייד.

— אה, אזוי.. אזוי, — זאגט גאזשיענקא, א דרעה טוענדיג מיט'ן קאפ.

יוריען האט זיך אויסגעוויזען די בעוועגונג פון גאזשיענקא העסליך, און אין דער מינוט האט ער אויף איהם געקוקט ווי אויף זיינעם א פערזענליכען שונא.

דער הונט האט אנגעהויבען בילען אין הויף.

— נאך עמיצער קומט — זאגט דובאווא.

— אם ענדרע קען עס גאר זיין די פאליציי, — בעמערקט גאזשיענקא מיט א געמאכטע רוהיגקייט.

סאלאווייטשיק האט זיך געוואלט אויפהויבען און ארויסגעהן זעהען ווער ס'איז, נאר דער דיקער סטודענט האלט איהם איין.

— אפשר וואלט איהר זיך נישט אזוי פיעל געקימערט וועגען סאלאוויי־טשיק'ן? — רופט דובאווא צו גאזשיענקא, — פאלגט מיך און בלייבט נאר רוהיג זיצען.

שנעל און א ליארם איז אין צימער אריינגעקומען נאוויקאוו.

— נו, אט בין איך אויך דא — זאגט ער שמייכלענדיג און פרעהליך.

— דאס זעהען מיר דאך — זאגט סאנין און שאקעלט ליעבליך צו איהם מיט'ן קאפ.

נאוויקאוו שמייכעלט גוטמוטיג, און דריקענדיג סאנין'ען די האנט זאגט ער איהם שטיל אין אויער:

— ביי לידא'ן איז דא געסט, בין איך געקומען אהער.

— נו, שוין געגוג זיך אונטערהאלטען פריוואט, — זאגט דער קליינער שווארצער סטודענט מיט כעס.

— פון מיינעטוועגען קען מען אנפאנגען.

— האט איהר נאך גאר נישט אנגעפאנגען? — ערקונדיגט זיך נאווי־קאוו און דערלאנגט די צווייטער ארבייטער די האנד.

און אזוי, מיינע העררען! — הויבט גאזשיענקא ווידער אן. — מיר אלע נאטירליך געוואלט ברייטער מאכען אונזער וועלט־אנשויאונג, און אז דאס קען מען נאר טהאן דורך זעלבסט־ענטוויקלונג און א סיסטעמאטישע אנפיהרונג פון צוזאמען לעזען און אם מען לעזט וועלען מיר צו דעם קומען וואס מיר

האבען זיך פארגענומען, האבען מיר בעשלאסען צו גרינדען אזא פעראיין וועל־כע זאל זיך אנגעבען מיט דעם...

— אזוי... זאגט פיסצאוו צופריעדען און מיט זיינע גלאנציגע אויגען קוקט ער אויף יעדען.

— איצט איז די פראגע וואס מען זאל לעזען? אפשר וועט ווער פון אייך פארשלאגען א פראגראם.

שאפראוו האט זיך אויפגעשטעלט, געמאכט צורעכט זיינע ברילען. אין האנט האט ער געהאלטען א בעשריבענעם העפט.

— איך דענק, — פאנגט ער אן מיט א טרוקענע לאנגווייליגע שטימע, — אז אונזער לעזען דארף מען צוטיילען אין צוויי טיילען, ס'איז נישט קיין צווייפעל אז יעדע בילדונג און ענטוויקלונג שטעלט זיך צוזאמען פון צוויי עלעמענטען. פון'ם לערנען דאס לעבען פון דעם היסטארישען ענטוויקלונגס שטאנדפונקט און אויך פון לערנען דאס לעבען אלס דאס לעבען אליין.

— שאפראוו, רעדט אביסעל דייטליכער, מען זאל אייך פערשטעהן, — בעמערקט דובאוו.

— דאס ערשטע ווערט ערררייכט דורך לעזען ביכער פון א וויסענשאפט־ליכען כאראקטער. און דאס צווייטע דורך לעזען די קינסטלערישע ליטעראטור וואס פיהרט אונז אריין אין די טיעפעניש פון'ם לעבען.

— אויב מיר וועלען אזוי לאנגווייליג רעדען, וועלען מיר באלד אלע איינ־שלאפען — רופט זיך ווידער דובאוו אן.

— איך בעמיה זיך אזוי צו רעדען, אז יעדער זאל מיך פערשטעהן, — ענטפערט שאפראוו מיט א נאאיווע מינע.

— שוין גוט, רעדט ווייטער, רעדט — זאגט דובאווא א מאך טהוענדיג מיט'ן האנד. קארסאווינא צולאכט זיך און לאכענדיג ווארפט זי איהר קאפ אהינטער אז מען זעהט איהר פולען ווייסען האלז.

שאפראוו רעדט ווייטער:

— איך האב צוזאמענגעשטעלט א פראגראם. ער ציינט אויפ'ן אנגע־שריבענעם בוך, נאר אפשר וועט עס זיין לאנגווייליג פאר אייך פארצולעזען, דאריבער שלאג איך פאר, מיר זאלען צוערשט נעהמען לעזען: „די אבשטא־מונג פון דער פאמיליע" פון ענגעלס נעבען דעם דארווין, און פון בעלעטרים־טיק זאלען מיר לעזען טאלסטאי.

— געווים טאלסטאי — בעטייליגט זיך פאן־דעייץ אינ'ם געשפרעך און פערדרייבערט א ציגארעט.

שאפראוו ווארט ביז פאַן־דעייץ האָט זיך דעם ציגאַרעט פעררויכערט און רעדט ווייטער:

— אויך טשעכאוו, איבסען, און קנוט האמסון.

— דאָס האָט מען דאָך שוין לאַנג געלעזען — רופט זיך אָן קאַרסאַווינא מיט אַן ערענסטען טאָן.

יוריע האָרכט זיך צו צו קאַרסאַווינא׳ס קלאַנגענדיגע שטימע און ער זאָגט אויף צו שאַפּראָוו׳ן:

— ס׳פערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען שוין דאָס אַלץ געלעזען, שאפ־ראָוו דאַרף נישט פערגעסען, אַז ער איז דאָ נישט ביי זיינע זונטאָגס־פאַר־לעזונגען. נאָך מעהר, וואָס איז דאָס פאַר אַ צוזאַמענשטעלונג: טאָלסטאָי און קנוט האמסון...

שאפראָוו האָט גענומען רוהיג און שטיל פערטיידיגען זיין שטאַנדפּונקט אָבער קיינער האָט איהם נישט פערשטאַנען.

ס׳האָט זיך ענטוויקעלט אַ לאַנגע דעבאַטע ווי אַלע האָבען גענומען דאָס וואָרט, אויסגעוויזען האָט זיך, אַז מען וועט צו קיין ענדע נישט קומען. איינער דעם אַנדערען האָט געוואָלט איבערשפּאָרען, דורך דעם רויך פון די ציגאַרעטען האָבען זיך געזעהן אויפגערעגטע פּנים׳ער. די ווערטער האָבען זיך פערוויקעלט אין אַ מאָדנע צוזאַמענמישונג און מען האָט שוין באַלד נישט געקענט דער־קענען ווער עס רעדט.

דובאָווא איז געזעסען שווייגענדיג און פערטראַכט געקוקט אויפ׳ן ברע־נענדיגען לאַמפּ, און קאַרסאַווינע נישט מעהר זיך צוהערענדיג צום גע־שפּרעך האָט געעפענט דאָס פענסטער צום גאָרטען, האָט צוזאַמענגעלעגט איהרע שעהנע פולע הענט אויף איהר ברוסט, האָט זי פער׳חלום׳ט אַרויסגע־קוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין.

צוערשט האָט זי אין דער פינסטערניש גאָר נישט געקענט זעהן, דער־נאָך האָבען גענומען אַרויסטרעטען אין די טונקעלהייט איינצעלנע בוימער. די צוים פון פּאַרקאַן, אַ בלאַסער פּאַס ליכט וואָס האָט זיך געצויגען איבער׳ן וועג. אַן אַנגענעהם ווינטעלע האָט געגלעט איהר פּלייצע, איהרע הענט און האָט קוים — קוים בעוואויגען איהרע האָר. זי האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האָט געזעהן ווי פערשידענע וואָלקענדלעך ציהען זיך איבער׳ן הימעל. זי האָט געטראַכט וועגען יוריע׳ן וועגען איהר ליעבע צו איהם... און שווערע גע־דאַנקען איבער ליעבע און זיסע האָפנונגען פילען אָן איהר גאַנצע נשמה.

ס׳איז אַזוי שעהן דאָ צו זיצען, טראַכט זי׳ דעם הייסען קערפּער אין דער נאַכט אַרויסצובייגען און דאַביי מיט׳ן גאַנצען האַרץ אויסצוהערען, ווי די

שטימע פון דעם מאַן וואָס מען האָט ליעב קלינגט שעהנער און אנגענעהמער פון אלע אַנדערע...

אין צימער האָט דער ליארם נישט אויפגעהערט, ס'איז שוין נישט געווען קיין דעבאַטע, נאָר עפּעס אַ צוזאַמענמישונג פון פערשידענע קולות און ווערטער. יעדער האָט געוואָלט איבערצייגען, אַז ער איז געבילדעטער, אינטעליגענטער פון'ם צווייטען.

— יאָ, — היצט זיך יוריע — ווען מיר זאָלען עס פון דער זייט נעהמען, מוזען מיר מיט יעדער אידעע אָדער וויסענשאַפט אָנהויבען פון אָנפאַנג.

— וואָס אייגענטליך דאַרפען מיר לעזען, נאָך אייער מיינונג? — פרעגט גאזשיענקאָ מיט שפּאָט.

— נאָך מיין מיינונג נאָך דאַרף מען לעזען קאָפּיציוס, די ביבעל, דעם קאָראַן...

גאזשיענקאָ לאַכט שפּאָטיש, טראַכט אָבער, אַז ער האָט נאָך די ביכער נישט געלעזען.

— אָבער וואָס ווילט איהר דען? איהר קענט דאָך דאָס נישט מיינען ערנסט, מישט זיך אריין שאַפּראָוו.

— רעכעט וויטער אויס, יוריע! רעכענט, — רופט זיך אָן דער קליינער שווארצער סטודענט. דעם תהלים און דאָס לעבען פון אלע הייליגע.

— אַזוי ווי אין קירכע. — בעמערקט לאַכענדיג פּיסצאָוו.

יוריע איז געוואָרען רויט פאַר כעס.

— איך שפּאַס נישט! — צושרייט ער זיך, ווילט איהר זיין לאַגיש...

— אָבער וואָס האָט איהר פריהער גערעדט וועגען קריסטום? — פרעגט פאַן־דעייץ מיט טריאומפף.

— וואָס איך האָב פריהער גערעדט, האָב איך נישט גערעדט וועגען דעם שטאַנדפּונקט. איצט זאָג איך אייך, ווען איהר ווילט אמת'דיג לערנען די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט און די בעציהונגען פון איין מענש צום צווייטען, איז דאָס ריכטיגסטע, אַז איהר זאָלט צוריקגעהן צום אורשפּרונג פון דער ציוויליזאַציע, די ערשטע קריסטען האָבען אונז געלערנט ווי אַזוי מענשען דאַרפען צווישען זיך לעבען.

— איך בין מיט אייך נישט איינפערשטאַנדען, — שרייט גאזשיענקאָ — איך קען מיט אייך נישט איינפערשטאַנדען זיין.

— אָבער איך בין יאָ איינפערשטאַנדען, — זאָגט נאָוויקאָוו מיט היץ.

סאַלאָווייטשיק איז געזעסען אין אַ זייט און האָט שטיל און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער דעבאַטע. אָנפאַנגס האָט זיך אויף זיין פּנים גע־

ציינט א חשק דורכצודרינגען אלע מיינונגען, וועלכע זיינען דא איבערגע־רעדט געווארען. דערנאך אבער, האט א שארפער שטריך פון נישט־פערשטעהן צוקרימט זיין פנים זוכענדיג בחונב צו פערשטעהן איבער וואס די דעבאטע איז געווען.

סאנין האט ו י גאנצע צייט געשוויגען. ער האט געטרינקען טעה און גע־רויכערט, אויף זיין פנים האט זיך דערקענט דער אויסדרוק פון לאנגווייליג־קייט און פערדרוס. און ווען ס'האט זיך געהערט אינ'ם ליארם נארישע אויס־דריקע, פוסטע בעריהמערייען האט ער שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען ער האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— יא, איהר ווייסט מייגע העררען, אייער געשיכטע ווערט שוין צו לאנגווייליג.

— אמת'דיג, ס'איז מיט'ן גאנצען הארץ א לאנגווייליגע געשיכטע — שטימט צו דובאווא.

— פאר וואס דענקט איהר אזוי? — פרעגט דער שווארצער סטודענט סאנינ'ען.

סאנין אכטעט נישט אויף זיין פראגע. ער ווענדעט זיך צו יוריע:

— גלויבט איהר טאקע ערענסט, אז מען קען זיך פון ביכער לעזען שא־פען א וועלט־אנשויאונג?

— זיכער! — ענטפערט יוריע.

— איך דענק גאנץ דערגעגען טייל. ווען מען זאל קענען פון ביכער שא־פען א וועלט־אנשויאונג, וואלט מען צו יעדער צייט געקענט די געזעלשאפט איבעראנדערשען, מען זאל זיי נאר געבען צו לעזען ביכער פון איין ריכטונג. איך זאג אבער אנדערש: א וועלטאנשויאונג בעשאפט מען נישט, דאס לע־בען אליין שאפט עס! קיין ביכער און אפילו דער מענשליכער געדאנק, וועל־כע זיינען נישט מעהר ווי א קליינער טייל פון'ם לעבען, קען קיין וועלט־אנ־שויאונג נישט בעשאפען... א וועלט אנשויאונג איז נישט קיין טעאריע פון'ם לעבען... דאס איז דער בעגריף פון'ם איינצעלנעם, א שטימונג פון יעדען בע־זונדער, און שטימונגען וועלען זיך שטענדיג האלטען אין ענדערען, אזוי לאנג ווי דער מענש וועט נאר עקזיסטירען... פאלגליך איז קיין בעשטימטע און שטענדיגע וועלט־אנשויאונג פאר וועלכע איהר בעמיהט זיך אזוי, איבערהויפט נישט מעגליך.

— פאר וואס נישט מעגליך? — שרייט אויס יוריע מיט כעס.

— נאטירליך נישט, ווען די וועלט־אנשויאונג זאל זיין א מין פארטיג'ע טעאריע, דאן וואלט דאס דענקען פון די מענשען איינגאנצען אויפגעהערט

און דאָס איז דאָך זיכער נישט מעגליך... יעדער מינוט פון אונזער לעבען גע־פינען מיר עפּעס א נייעם אייגענעם געדאנק אין אונזער מוח, דער געדאנק וויל נישט זיין בעשרענקט, פערצווימט... איבעריגענס, וועל איך אייך נאָך איין פראגע שטעלען: איהר האָט דאָך געוויס געלעזען פיעל ביכער, זיכער אויך ענגעלס, מארקס, האָט איהר זיך שוין בעשאפען א זיכערע וועלט־אנ־שויאונג?...

— יאָ, איך האָב מיר אַן אנשויאונג בעשאפען, יוריע פיהלט זיך בע־ליידיגט, אפשר איז עס אַ פאַלשע, אָבער איך גלויב אין איהר.

— פאַר וואָסזשע זייט איהר אַהער געקומען?

מיט נאַאיווע בעוואונדערונג האָט קארסאווינא געקוקט אויף סאניז'ען.

— ווי קלוג ער איז, טראַכט זי.

זי פערגלייכט איהם מיט יוריען, אין איהר קערפּער געהט דורך אַ נייער געפיהל, אַזאלכער וואָס איז איהר ביז איצט נאָך נישט בעקאנט געווען. עס דאכט זיך איהר, אַז זיי ביידע דעבאטירען נאָר צוליעב איהר, יעדער וויל איהר געפעלען...

— אַלזאָ, עס קומט אויס — רעדט וויַטער סאַניז, אַז אייער צוזאמענ־קומען דאָ האָט איהר אינגאנצען נישט געדאַרפט האָבען. יעדער בעזונדער פון אייך איז נאָר געקומען אַהער, אַז די אַנדערע זאָלען אננעהמען זיינע מיינונ־גען. זיינע בעגריפען וואָס ער אליין איז נישט גאַנץ זיכער, צי איז דאָס די ריכטיגע. אָפען גערעדט, מיינע העררען! דאָ איז לאַנגווייליג.

— ערלויבט דאָך... שרייט נאַזשיענקאָוו.

— ניין, — אונטערברעכט איהם סאַניז — איהר אליין גלויבט די העכסטע און בעסטע וועלט־אנשויאונג צו האָבען, איהר האָט אודאי אויך אין אייער לעבען פיעל ביכער אין האַנד געהאַלטען... פונדעסטוועגען, ווערט איהר בייז, ווייל קיינער וויל נישט דענקען אַזוי ווי איהר און אַ חוץ־דעם, פריהער האָט איהר אָהן פּאַרוואָס בעליידיגט סאלאַוויטשיק'ן, ער האָט אייך אבסאלוט גאָר נישט געטהאָן, נאָר ס'דאכט זיך אייך, אַז איהר שטעהט הע־כער פון איהם, איהר זייט מעהר געבילדעטער פון איהם... און צו יוריע גע־ווענדעט זאָגט ער:

— איך בעט אייך, יוריע, איהר זאָלט נישט בייז זיין אויף מיר, וואָס איך האָב אייך פריהער עטוואָס צו שטאַרק געזאָגט, אַזוי בין איך שוין, כ'האָב ליעב דעם אמת. איך דערקען אין אייך, אַז איהר זייט אויך נישט אייניג מיט אייך אליין...

— וואס מיינט איהר דערמיט? איך פערשטעה עס נישט — פרעגט יו־ריע מיט א פערצווייפעלטען טאן.

— דאס ווייסט איהר אליין — ענטפערט סאניו — איהר פערשטעהט יא וואס איך מיין, און טאקע דאדורך דארף ביי אייך אט דיעזע ארט פער־זאמלונגען זיין אזוי ווי א קינדער־שפיעל, מען דארויף א שפיי טהאן...

— הערט נאר — שרייט גאזשיענקא — איהר ערלויבט אייך שוין צו־פיעל.

— וועניגער פון אייך.

— וואס? וועניגער פון מיר?

— דענקט נאר אליין, אין יעדען ווארט וואס איהר רעדט ארויס ליגט מעהר גראבהייט און טאקטלאזיגקייט ווי אין מיין גאנצען געשפרעך.

— איך פערשטעה אייך נישט!

— דאס איז נישט מיין שולד.

— וואס? — שרייט גאזשיענקא.

נישט ענטפערענדיג איהם נעהמט זיך סאניו דעם הוט:

— איך געה אוועק, ס'קען נאך אמת'דיג קומען צו גארישקייטען.

— די בעסטע זאך איז דאס — שטימט איוואנאוו צו, — אפילו אביסעל ביער איז דאך אויך נישט געווען.

דובאווא איז אויך אויפגעשטאנען. — יא, זאגט זי, פון דעם אלעם וועט גאר נישט ווערען.

— געהט איהר מיט? יוריע ניקאלאיעוויטש — ווענדעט זיך קארסאווי־נא צו יוריע, זי דערלאנגט סאניו'ן די האנד — צום ווידערזעהן!

ביים אוועקגעהן זאגט דובאווא:

— דער פעראיין איז אונטערגעגאנגען בעפאר ער האט נאך אנגעפאנגען עקזיסטירען.

— אבער פאר וואס דען? — פרעגט טרויריג סאלאווייטשיק.

ערשט איצט האט מען זיך דערמאנט אין איהם, זיין טרויעריג געזיכט איז יעדען געווען אויפאלענד.

— איך בעט אייך זעהר, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען סאלאווייטשיק פערנייגט זיך פאר סאניו'ען.

אויפ'ן הויף איז געווען פינסטער און מען האט נישט געזעהן איינס ס'אנדערע.

די ארבייטער זיינען אוועק אין א בעזונדערע זייט, און ווען זיי זיינען

שוין געווען אַביסעל ווייטער פון די אַנדערע, האָט פּיסצאָוו זיך צולאַכט און געזאָגט:

— אָט אַזוי איז עס אַלע מאָל, די פייַנע הערען די געבילדעטע... ווען זיי קומען זיך צוזאַמען, ווייל יעדער איינער זיין דער הערשער און ס׳לאָזט זיך אויס מיט גאָר נישט... אָבער דער געזונטער קערל ווי אַזוי רופען זיי איהם? סאַניִן, דער וואָס האָט צום לעצט גערעדט, דער איז אַ מאַן, ער האָט רעכט.

— וואָס דו פערשטעהסט שוין, וואָס געבילדעטע מענשען רעדען צווישען זיך? ערווידערט איהם קודריאַווי, און דרעהט מיט זיין לאַנגען האַלז.

פּיצאָוו האָט שפּאָטיש זיך צופייפט.

סאָלאָווייטשיק איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויף די שטיינערנע טרעפּ און געקוקט אויף דעם טונקעלען הימעל, אויף וועלכען ס׳האָט זיך קיין שטערענדעל נישט געזעהן, און מעכאַניש זיך געריבען איין האַנד אין די צווייטע.

דער ווינד האָט געשאָקעלט מיט די בוימער וואָס זיינען געשטאַנען הינטער די טונקעלע שטאַלען, איבער זיי אויפ׳ן הימעל האָבען זיך געצויגען גרויסע טונקעלע וואָלקענס מיט אַ מורא׳דיגע שנעלקייט.

מיט אַ קינדישער מורא האָט סאָלאָווייטשיק געקוקט אין דער הויך. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפיהלט אַזוי קליין און שוואַך ווי אין דיעזער נאַכט.

— אַה, גאָט! גאָט, — זיפצט ער שטיל. זיין האַרץ פערקלעמט איהם פאַר טרויער.

אַקעגען דעם גרויסען טונקעלען הימעל, און די טיפע נאַכט, איז ער מעהר נישט געווען דערזעלבער ווי צווישען מענשען, דער שקלאַפישער ווילען יעדען צו בעדיענען איז ערגעץ אין אַבגרונד פערשוואונדען. די העסליכע שיטערע ציין וואָס האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אונטערטעניגע בייזע קאַץ, האָט ער צווישען זיינע דינע ליפּען בעהאַלטען. מיט זיינע יונגע אידישע שוואַרצע אויגען האָט ער געקוקט טרויעריג און ערענסט.

ער איז לאַנגזאַם צוריק אריין אין הויז, ער האָט פערלאָשען אַן איבעריגען לאָמפּ, מיט מיה צוריקגעקעהרט דעם טיש אויף דעם פריהעריגען פּלאַץ, אַרומגעשטעלט די שטוהלען ווי פריהער. אין צימער האָט נאָך אַרומגעשוועבט אַ דינער וואָלקען רויך פון׳ם רויכערען. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך אַרומגעוואַלגערט שטיקלעך פון ציטרעטענע ציגאַרעטען און אָבגעברענטע שוועבעלעך.

סאָלאָווייטשיק האָט גענומען דעם בעזים און האָט דאָס צימער אויסגעקעהרט, ווי תמיד, האָט ער ליעב געהאַט דעם פּלאַץ וואו ער וואוינט, שעהן און ריין צו האַלטען. דערנאָך האָט ער פון קעמערל אַן אַלטען עמער מיט

שמוציגען וואסער איינגעבראקט אהין מיט שטיקלעך ברויט. ער האט ארויס־געשטעלט דעם לאמפ אויפ'ן פענסטער כדי ס'זאל זיין ליכטיג אין הויף און איינגעבויגען אין דרייען קוים די פיס שלעפענדיג און מיט די הענט מאכענדיג איז ער דערמיט ארויס אין הויף.

אין הויף איז אלץ געווען פינסטער, פוסט און מורא'דיג האט אלעם ארום אויסגעזעהען. סאלאווייטשיק איז שוין צופריעדען געווען וואס ער איז שוין געשטאנען נעבען דעם הונטס קאנורע.

— סולטאן! סולטאן! — שרייט סאליווייטישק הויך כדי זיך מיט זיין הויכען קול אליין צו בערוהיגען.

דער הונט האט איהם אין דער פינסטערניש געלעקט די האנט.

— דא, דא, האסטו סולטאן, — האט סאלאווייטשיק פאר איהם אוועק־געשטעלט דעם עמער.

סולטאן האט גענומען זופען און כליפען פון'ם עמער און סאלאווייטשיק איז געשטאנען און געשמייכעלט אין דער נאכט אריין.

וואס קען איך דען טאן, טראכט ער, קען איך דען די מענשען צווינגען אנדערש צו דענקען ווי זייער ווילען איז... איך האב אליין געגלויבט פון זיי צו הערען, ווי אזוי צו לעבען און צו דענקען, גאט האט מיר נישט געגעבען קיין קול פון א נביא איך זאל קענען אנדערע בעאיינפלוסען... וואס זשע קען איך טהאן?

דער הונט האט פריינדליך א האוקע געטהאן.

— פרעס שויז פרעס! יא, יא, ס'איז גוט... — רעדט ער פערמראכט צום הונט — איך וואלט דיך שוין בעפרייט פון דער קייט דו זאלסט קענען אבי־סעל ארומלויפען, האב איך אבער נישט דעם שליסע... און אהן א שליסעל די קייט אויפצורייסען בין איך צו שוואך...

— וואס פאר א קלוגע וואונדערליכע מענשען זיי זיינען... און זיי ווייסען אזוי פיעל... פון דעסטוועגען גאר נישט... און אפשר בין איך אליין שולדיג. כ'האב געדארפט עפעס זאגען, כ'האב אבער קיין ווערטער נישט געפונען.

פון דער ווייטענס ערגעץ פון שטאדט האט זיך געהערט א לאנגער, אר־מעדיגער פייפען, סולטאן האט אויפגעהויבען דעם קאפ און געהארכט. ס'האט זיך געהערט ווי גרויסע טראפענס פאלען פון זיין מויל צוריק אין עמער אריין.

— פרעס נאר ווייטער, דאס פייפט דער באהן־צוג.

סולטאן האט ווי א שווערען זיפץ געטהאן.

— און וועלען די מענשען אמאל קענען אנדערש לעבען ווי איצט? —

טראַכט סאַלאָווייטשיק ווייטער, און אפשר וועט קיינמאָל אַנדערש נישט ווערען?

אַז ענדלאַזער ים מיט מענשען שטעלען זיך איהם פאַר, אַ רייהע פון יאָהר־הונדערטע, אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַ סוף, אַ קייט פון ליידען און שמערצען אָהן אַן איינציגען ליכט־שטראַהל, אָהן זין און אָהן בעפרייאונג... און אין דער הויך וואו נאָך געפינט זיך הערשט אייבּיגעם שווייגען...

סולטאַן האָט דערווייל אויסגעלערט דעם עמער, האָט איהם איבּערגע־קעהרט, און אַרומגעוואָרפען דרעהענדיג מיט'ן עק.

— נו, האָסט שוין אויפגעגעסען?... גוט...

סאַלאָווייטשיק גלעט דעם רוקען פון סולטאַן, אַזוי ווי אַ ליעבען קאַמ־ראַד און געהט צוריק אין הויז אַריין.

אַ שווערער טרויער דריקט זיין האַרץ, ס'דאַכט זיך איהם אַזוי ווי ער זאָל האָבען עפּעס זעהר טייערעס פערלוירען, איצט איז ער אַזוי איינזאַם... אַזוי עלענד, ער זעצט זיך צום טיש און צוואַוויינט זיך ביטער...

26טעס קאַפּיטעל

ווי זעלטזאַם דאָס איז, אַז ביי דעם ערגסטען אויסגעלאַסענעם שוין אָב־געלעבטען מאַן, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען שטענדיג נאָר פון בעסטיאַ־לישען געגוס פערגעניגען געהאַט, וואָס די ליידענשאַפט האָט איהם שוין ביז צו שמערצען געפייניגט, איז שטענדיג נאָר פערטיעפט אין די איינציגע חיה־שע בעגער, צום ווייב...

אַזוי איז אויך דער רייכער וואָלאָשין געווען, אַ פרוי שטעלט זיך איהם שטענדיג פאַר, נאָר נאַקעט... אין יעדער אויגענבליק פון זיין לעבען, רייצען פרויען־קליידער, וואו ס'בעהאַלטען זיך שלאַנקע פליישיגע פרויען־פיגורען זיי־נע נערווען אויף. ווען ער דערזעהט אַזאַ פרוי, ציטערט זיין גאַנצער קער־פּער...

אין פּעטערבורג האָט ער איבּערגעלאָזען אַ סך שעהנע פרויען, פון וועלכע ער האָט יעדע נאַכט פון זייערע נאַקעטע קערפּערס אַ טיעוועלישען געגוס גע־האַט...

ביי טאָג איז אין זיינע הענט געלעגען די לייטונג פון זיין גרויסע פאַב־ריק, אין וועלכע הונדערטע מענשען האָבען געאַרבּייט פאַר איהם און זיינען

אבהענגיג פון איהם, קוים איז דער אווענט געקומען, האבען זיך אלע זיינע גע־דאנקען קאנצענטרירט נאר אויף דער איינאיינציגער זאך: דאס ווייב!

ער איז אוועק פון פעטערבורג, ווייל אין זיין פאבריק האט א סטרייק אויסגעבראכען, ער איז אבער געווען צופריעדען; ס'האט זיך איהם פאר־געשטעלט בלוט־יונגע נישט בעריהרטע קליינשטעטעלדיגע מיידלעך, ער זעהט זיי שעהן און שעהמעוודיג, שרעקענדיג און זאפטיג אזוי ווי די וואלד־שוואַ־מען... פון דער ווייטענס האט ער שוין דערפיהלט זייער רייצענדיגען גערוך, פון יוגענד ריינקייט און אונשולד...

נאך דעם ווי ער האט אבגעריסען די פערבינדונגען מיט זיינע ארעמע פערביטערטע ארבייטער, האט ער זיין בלוטלאזען צושרויפטען קערפער מיט פארפיום פריש געמאכט, האט זיך אנגעטהאן א שעהנעם העלען קאסטיום, האט גענומען א דראשקע און איז געפאהרען צו זארודינ'ען, כאטש ער האט געהאלטען אז זארודין איז אונטער זיין ווערט...

דער אפיציער זיצט ביים אפענעם פענסטער וואס געהט צום גארטען, טרינקט קאלטען טעה און בעמיהט זיך אין בעסער שטימונג צו קומען.

— ס'איז א זעהר שעהנער אווענד, טראכט ער. ער קען זיך אבער נישט צופריעדען שטעלען מיט דעם געדאנק. ס'איז עפעס בלויז פראזען... ער איז מיט זיך אליין נישט צופריעדען, עפעס שעהמט ער זיך..

ער האט מורא פאר לידא, זייט דעם טאג פון זייער צושיידונג האט ער זי מעהר נישט געזעהן... זי שטעהט איצט גאנץ אנדערש פאר זיינע אויגען ווי פריהער, ווען זי האט זיך איהם איבערגעגעבען...

— זאל זיין וואס עס וויל; די זאך איז נאך נישט צו ענדע, קודם מוז מען פון דעם קינד פטור ווערען... דערנאך וועט ווידער זיין ווי פריהער...

— וואס קען זי איצט טהאן? ער שטעלט זיך פאר לידאס שעהנע ריי־צענדע פנים, זיין הארץ ציטערט פאר בעגער...

און ווען זי וועט מיר דא פאר יעדען עטוואס א שפיצעל אנטהאן... איך האב מורא, אז זי וועט אזאלכעס נישט פערשוויייגען.. איך מוז דאך עטוואס טהאן... אבער וואס?...

א געשפענסט פון א שרעקליכען סקאנדאל שטעלט זיך איהם פאר, זיין הארץ פאנגט אן שנעלער צו קלאפען.

אבער אם ענדע, וואס קען זי מיר טהאן? גאר נישט!.. זי וועט זיך דערטרינקען? נו, האב איך א דאגה, זאל איהר דער טייוועל נעהמען, מיט געוואלד האב איך איהר נישט געשלעפט, זי האט אליין געוואלט... כ'זאל חתונה האבען מיט איהר... האב איך קיינמאל נישט צוגעזאגט...

— אבער נערעדרייען וועלען זיין... איך וויל זיך פאר קיינעם נישט קע־גען צייגען.. אבער ס'וועט מיט דער צייט אריבער געהן.. מען וועט פערגע־סען... טרויסט ער זיך. אבער אין זיין נשמה טיעף איז אונמעגליך ער זאל זיך בערוהיגען..

וואלאשין קומט אריין מיט א שמייכעל און שארט מיט זיינע גלאנציגע שטיוועל אויף דעם דיוואן וואס ליגט ביי די טיר.

— אה! פאוועל לאוויטש! — בעגריסט איהם זארודין אביסעל דער־שראקען.

וואלאשין רייכט איהם די האנד, זעצט זיך אוועק נעבען איהם און פער־רויכערט א ציגאר.

זארודין קוקט אויף דעם זעלבזיכטיגען עלעגאנטען וואלאשין און אין זיין נשמה ערוועקט זיך א קנאה צו איהם, מיט אלע קרעפטען בעמיהט ער זיך צו מאכען א צופריעדענעם פנים, אבער זיינע אויגען לויפען ארום אונרוהיג די גאנצע צייט. זייט לידא האט איהם אנגערופען „בעסטיאלישע חיה" דאכט זיך איהם, אז יעדער מענש ווייסט פון דעם און לאכט פון איהם...

מיט א שמייכעל און מיט אלטע אויסגערדראשענע וויטצען פאנגט אן וואלאשין איבער קליינינקייטען צו רעדען. דאך איז עס איהם שווער זיין טאן איינצוהאלטען; דער אונגעדולדיגער פערלאנג נאך דעם ווארט ו ו י י ב דרינגט זיך באלד דורך אלע זיינע וויטצען.

וואלאשין האט דעם ציגאר אויסגערויכערט, ער פעררייכערט זיך אן אנדערען און ווענדעט זיך צו זארודינ'ען מיט א שמייכעל:

— איך דענק, אז איהר פערלירט דא נישט די צייט אומזיסט?

— דאס איז שוין א געוואהנהייט — ענטפערט זארודין ציהענדיג מיט די אקסלען — וואס דען זאל מען דא טהאן?

זיי צולאכען זיך און ווערען אנשוויגען, וואלאשין ווארט מיט אונגע־דולד, אז זארודין זאל איהם דערצעהלען אלע איינצעלהייטען ווי ער לעבט דא, ווי ער פערברענגט דא מיט פרויען... פאר לײדענשאפטליכע נייגעריגקייט איז איהם דער אדער הינטער זיין קניה שטייף געווארען...

אבער זארודין האט נישט געטראכט וועגען די קליינקייטען וואס וואלא־שין איז אזוי נייגעריג צו וויסען, נאר פון די לײדען וועלכע קוועלען איהם שוין א לאנגע צייט.

ער בייגט זיך אביסעל ארויס צום גארטען און קלאפט מיט די פינגער אויפ'ן ברעטעל פון פענסטער.

וואלאשין ווארט שווייגענדיג, זארודין געפינט די נויטווענדיגקייט עפעס איהם צו זאגען.

— איך וויים — פאנגט ער אן מיט א געמאכטער רוהיגקייט. — איהר אלע פון די גרויסע שטעדט, דענקט אז די קליינשטעדטעלדיגע פרויען האבען אין זיך עטוואס בעזונדערעס... אבער איהר האט א געוואלדיגען טעות; אמת, זיי האבען אין זיך מעהר פרישקייט, ס'פעהלט זיי אבער די עלעגאנץ... ווי זאל איך אנרופען... נו, יא, עס פעהלט זיי די קונסט צו ליעבען.

וואלאשין ציטערט אן אויגענבליק, זיין שטימע בעקומט אן אנדערען קלאנג:

— יא, ס'איז טאקע אמת... אבער אויך דאס ווערט אמאל לאנגווייליג. אונזערע פרויען פון פעטערבורג פעהלט דער קערפער... איהר פערשטעהט? וואס טויג מיר זייער עלעגאנץ, זייער עטיקעטע, אז זיי זיינען בלויז א קנויל פון צוזאמענגעוויקעלטע נערוועז... אבער די פרויען פון דאנען... איהר פערשטעהט?...

— דאס איז טאקע אמת, — ענטפערט זארודין שוין אביסעל אויפגעהייטערט און דרעהט זיינע וואנצען.

— ציהט ארונטער דעם קארסעט פון דער גרויסשטעדטישע עלעגאנטסטע דאמע, וואס וועט איהר האבען?... גאר נישט... יא, קענט איהר שוין דעם נייעסטען וויץ?

— וועלכען? איך וויים איהם אודאי נאך נישט, מיט א ברענענדיגע נייגעריגקייט בייגט זיך זארודין צו צו וואלאשינ'ען.

וואלאשין דערצעהלט:

— א פאריזער קאקעטקע, אן עלעגאנטע דאמע.. ער דערצעהלט זעהר א העסליכע געשיכטע וועגען מאגערע פרויען־ברוסטען און נידעריגע ליידענשאפט... זארודין איז געווארען נערוועז און האט זיך גענומען דרעהען אין אלע זייטען, אזוי ווי ער זאל שטעקען אויף א שארפען שפיץ.

— יא, — ענדיגט וואלאשין דערצעהלען — דאס וויכטיגסטע איז ביי א פרוי די ברוסטען. א פרוי מיט מאגערע ברוסטען עקזיסטירט נים פאר מיר. ער פערציהט זיינע אויגען מיט א נארישען שמייכעל.

זארודין דערמאנט זיך אין לידא'ס ברוסטען.. ווי שעהן, צארט, העל, ראזיג, ווי גומי־בויגענדיג און זיי זעהען אוים ווי א טייערע פרוכט פון ערגעץ א גן־עדן בוים... ער דערמאנט זיך מיט וואס פאר א ליידענשאפט ער האט איהרע ברוסטען געקושט... די עראינערונג פערשאפט איהם שמערצען, ער ווייסט אז אלץ איז שוין פערביי, ס'וועט שוין קיינמאל נישט צוריקקומען...

— יעדער האָט זיך זיין גאָט, — זאָגט ער צו וואָלאשין — ביי מיר איז דער עיקר דער בויגיגער קערפּער פון אַ פרוי, איהר ווייסט, אָט די שעהנ־קייט פון די אויסגעשניצטע גליעדער... אָט דאָס איז ביי מיר די הויפּט־זאַך.

— יאָ, דאָס איז אויך אמת — זאָגט וואָלאשין נערוועז — ביי איינינע פרויען, מיינסטענס ביי יונגענקע מיידלעך...

דער דיענער איז אריינגעקומען אנצינדען דעם לאָמפּ, מיט זיינע גראָבע שטיוועל האָט ער גענומען טרעטען ארום צימער, און אַזוי לאַנג ביז ער איז צום טיש צוגעגאַנגען, אַ שוועבעלע אָנגעריבען און דעם לאָמפּ אָנגעצונדען, אין דער צייט האָבען זארודין און וואָלאשין געשוויגען, ביי דעם שיין פון׳ם אָנגעצונדענעם לאָמפּ האָט זיך געזעהן זייער פון ליידענשאַפט אָנגעצונדענע אויגען, און די אויפלאַקערענדע פייערלעך פון די ציגאַרען...

ווען דער דינער איז ארויס האָבען זיי ווידער אָנגעפאַנגען רעדען איבער דיזעלבע טהעמא. דאָס וואָרט וו י י ב האָט פאַר זיי געשוועבט נאַקעט און שמוציג, מיט אויסטערליש נידעריגע אויסגעצויגענע פאָרמען, אַזוי ווי אַן אונבעהאָלפען שוואַך שעפּעלע פאַר רויב־חיות.

אין זארודינ׳ען האָט זיך אויפגעוועקט די גאַנצע בעסטיאַלישע לייד־ענשאַפט פון אַ מאַן, און ער האָט גענומען דערצעהלען וואָלאשינ׳ען וואָס פאַר אַ פראַכטפאָלע פרוי ער האָט אין לידא געהאַט. מיט יעדען וואָרט האָט ער פאַר איהם אויפגעדעקט די קלענסטע קלייניגקייט פון זיין טירישען גע־נוס, וואָס ער האָט געהאַט ביי לידא...

פאַר וואָלאַשינען האָט זיך לידא געמאָהלען אין איהר גאַנצער נאַקעט־הייט אונפערשעהמט אָפען, מיט די טיעפסטע סודות פון איהר קערפּער און איהרע ליידענשאַפטען ערנידעריגט ווי אַ בהמה וואָס מען פיהרט אויף דעם מארק פערקויפען, אַזוי האָט זארודין לידא׳ן פאַר איהם פאַרגעשטעלט...

די געדאַנקען פון די דאָזיגע חיות אין מענער־געשטאַלטען, זיינען ארומ־געקראָכען ארום לידא׳ס קערפּער, בעשמוצען זי מיט זייערע פאַסקודנע לייד־ענשאַפטליכע בעגעהרען... זיי בעטראַכטען איהר אַזוי ווי אַלע אַנדערע פרוי־ען פון וועלכע זיי האָבען גענאָסען און דערנאָך פערשפּאָטעט...

אין צימער איז געוואָרען דושנע, אין די לופט האָט ארומגעשוועבט דער רויך פון ציגאַרען און דער שווייסיגער ריח פון זייביידען.

זייערע אויגען גלאַנצען פערמישט, זייערע שטימען קלינגען געבראָכען און פערשטיקט אַזוי ווי פון ערגעץ פערוואונדעטע ווילדע חיות... הינטער׳ן פענסטער צושפּרייט זיך רוהיג און קלאָר אַ שעהנע לבנה נאַכט, אָבער די

גאנצע וועלט מיט אלע איהרע רייכע פארבען און טענער, זיינען ערגעץ פערשוואונדען אין די ערד פערזונקען.. נאר בלויז די נאקעטע פרוי עקזיסטירט פאר זיי. עס צושפיעלט זיך ביי זיי אזוי שטארק די פאנטאזיע אז זיי קענען נישט דערשטיקען אין זיך דעם מעכטיגען פערלאנג צו זעהן לידא, און זיי האבען איהר שוין אנגעהויבען רופען לידקא.

זארודין האט געהייסען רופען א דראזשקע, און זיינען געפאהרען צו א געוויסען שטאדט-פערטעל...

27טעס קאפיטעל

א בריעף וועלכער איז געקומען דעם צווייטען טאג צו לידא'ן פון זארודין'ען איז אריינגעפאלען צו איהר מוטער, מאריא איוואנאווגא אין די הענט. דאס דיענסט-מיידעל האט איהם פערגעסען אויפ'ן טיש.

אין דעם בריעף איז געווען געשריבען מיט נישט קיין קלאהרע אונצו־הערענישען אז פיעלעס קען נאך גוט געמאכט ווערען, און זי זאל איהם ער־לויבען צו קומען צו איהר.

פון די בלעטלעך פון דיעזען בריעף האט זיך געדאכט מאריא איוואנאוו־נא אז עס פאלט ארויף אויף דער ריינער, הייליגער געשטאלט פון איהר טאכ־טער, א שווארצער פינסטערע שאטען, דער ערשטער געפיהל פון דער מוטער איז געווען א ביטערער שרעקליכער שמערץ... זי האט זיך באלד דערמאנט אין איהר אייגענע יוגענד, און איהרע ליעבעס און ענטוישונגען פון איהרע מייד־לישע יאהרען, זי האט גענומען טראכטען פון איהר שווערען פאמיליען לעבען. א לאנגע רייהע פון ליידען און קעמפפען האט זיך דורכגעטראגען אין איהרע געדאנקען, איהר גאנצע יוגענד איז געווען פערוועבט מיט גרויע שטרייפען און טריבע פלעקען פון שטילע שמערצען און לאנגווייליגקייט, נישט דערפילטע ווינשען און טרוימען... אין איהר פאנטאזיע וויקעלט זיך אויף איהר גאנץ לעבען פון טרויעריגע לאנגווייליגע טעג...

אבער ביי-דעם געדאנק אז איהר טאכטער האט דורכגעבראכען די וואנט פון דעם גרויען לאנגווייליגען לעבען און האט זיך איבערגעגעבען צום שטראם פון לעבענס-גענוס, וואו לופט און גליק מיט שמערץ און טויט געהען צוזאמען, האט דערשראקען און צומישט די אלטע פרוי.

באלד האט זיך א ווילדער כעס צופלאקערט ביי איהר אין הארץ, ווען ס'וואלט אין דער מינוט מעגליך געווען וואלט זי לידא'ן געכאפט ביים האלז, צוגעשטיקט צו דער ערד און מיט געוואלד זי אריינגעשלעפט אין דעם ענגען וועג פון איהר אייגען לעבען.

— וואס פאר א העסליכע אבײשליכע מײדעל זי איז —.טראכט זי מיט פערצװײפלונג...

און אפשר איז בײ זײ נישט צו װײט געגאנגען? בערוהיגט זי זיך. זי נעהמט זיך נאך אמאל דעם בריעף איבערצולעזען, אפשר װעט זי דארט עפעס געפינען װאס זאל זי בערוהיגען?... עס געלינגט איהר אבער נישט פון דעם בריעף עפעס זיכערעס צו דערגעהען, זי צואװײנט זיך פאר פערדרוס און װענ־דענדיג זיך צו דער דיענסט און פרעגט זי:

— דונקא, איז װלאדימיר פעטראװיטש אין זײן צימער?

— װאס?

— דומע גאנז, איך פרעג דיך, אויב דער יונגער הערר איז אין דערהײם?

— דער יונגער הערר איז ערשט ארײנגעגאנגען אין זײן צימער, ער שרײבט דארט א בריעף.

מאריא איװאנאװנא קוקט אויף דעם מײדעל מיט א שטרענגען בליק און אויף איהר צוקנײטשטען גוטען פנים בעװײזט זיך א טיעפער בײזער אויס־דרוק.

— און דו, דו פאסקודנע מויד, װען דו װעסט נאך אמאל בײ מיר אין הויז ארומטראגען בריװלעך װעל איך דיך אזוי אנלערנען אז עס װעט דיר װערען גרין און בלוי פאר די אויגען.

סאניז איז געזעסען און געשריבען. מאריא איװאנאװנא איז נישט גע־װאהנט צו זעהן איהר זוהן עפעס טהאן, און נים קוקענדיג אויף איהר אײגע־נעם קומער איז זי געװארען פעראינטערעסירט.

— װאס שרײבסטו דאס? — פרעגט זי איהם.

— א בריעף שרײב איך — ענטפערט סאניז און הויבט אויף זײן פרעה־ליכען רוהיגען קאפ.

— צו װעמען?

— אט אזוי... צו א בעקאנטען רעדאקטאר, איך פרעג אן, צי װעט ער מיך צוריק צונעהמען אין זײן רעדאקציע.

— יא, קענסטו דען אמת׳דיג שרײבען פאר צײטונגען?

— איך קען אלעס... — ענטפערט סאניז שמײכלענדיג.

— צו װאס דארפסטו דען אװעק פון דאנען?

— דא איז מיר שוין דערעסען אלעס, — ענטפערט סאניז מיט א שמײ־כעל.

מאריא איװאנאװנא געפינט זיך אביסעל בעלײדיגט.

— זעהר שעהן פון דיר, — זאגט זי מיט א ביטערע איראני.

סאנין קוקט אויף איהר אויפמערקזאם, עס ווילט זיך איהם איהר זאגען, אז זי איז דאך נישט אזוי דום, זי זאל נישט פערשטעהן ווי לאנגווייליג דאס איז פאר א מענש צו זיצען אויף איין פלאץ און דערצו נאך אהן א בעשעפ־טיגונג, אבער ער זאגט עס נישט, ווייל ס'ווייזט זיך איהם אויס זעהר נאריש צו דארפען ערקלעהרען אזא איינפאכע פערשטענדליכע זאך.

מאריא איוואנאוונא נעהמט ארויס דאס טיכעל פון קעשענע און קנייטשט עס נערוועז אין איהרע הענד — וואלט זי דעם בריעף נישט גע־האט... טראכט זי, וואלט זי איהר זוהן אביסעל אנגעשטראפט, אזוי אבער האלט זי זיך איין און זאגט בלויז:

— נו יא, איינער אנטלויפט פון הויז ווי א וואלף און די אנדערע — זי מאכט אזוי ווי אוועקווארפענדיג מיט דער האנט.

סאנין הויבט אויף נייגעריג זיין קאפ, און טראכט אודאי וועגען לידא...

—וואס איז עפעס מוטער ?

מיט אמאל האט זיך מאריא איוואנאוונא פערשעהמט פאר וואס זי האט געלעזען לידא'ס בריעף, אויף איהרע באקען האט זיך בעוויזען א ציגעל־רויטע פארב און זי האט בייז געענטפערט :

— איך בין גאט זיי דאנקען ניט בלינד... איך האב נאך מיינע צוויי אוי־גען אין קאפ.

— איהר זעהט גאר ניט ! ענטפערט סאנין. — איך קען אייך אבגעבען מזל טוב ! מוטער, לידא האט זיך פערלאבט, זי האט אייך געוואלט אליין זאגען... אבער דאס איז אלץ איינס.

— וואס זאגסטו ?

— לידא געהט חתונה האבען.

— מיט וועמען ? פרעגט זי מיט א פרעהליכען טאן.

— מיט נאוויקאוו'ן... נאטירליך.

—יא... אבער וואס איז מיט דעם אנדערען ?

—זאל איהם דער טייוועל נעהמען ! קען דאס אייך ניט גלייכגילטיג זיין, מוטער ? פאר וואס מוזט איהר דורכאוים איבער יענעמ(ס נשמה וואכען.

— ניין.. איך פרעג, ווייל איך פערשטעה נישט, וואלאדיא, ווייל זיך די אלטע פערענטפערען.

— וואס איז דא נישט צו פערשטעהען, ענטפערט סאנין מיט די אקסעל ציהענדיג, — לידא האט איינעם ליעב געהאט, איצט האט זי ליעב א אנדערען, און שפעטער וועט זי מיט גאטס הילף ליעב האבען א דריטען...

— וואס האסטו דא צוזאמענגערעדט ? רופט מאריא איוואנאווא ער־שטוינט.

— זאגט מיר מוטער, האט איהר אין אייער גאנצען לעבען נאר איינעם געליעבט?

מאריא איוואנאווא איז אויפגעשטאנען און אויף איהר פנים האט זיך אויסגעדריקט א קאלטער שטאלץ.

— מען רעדט ניט אזוי צו א מוטער !

— ווער ?

— וואס מיינסטו, ווער ?

— ווער רעדט נישט ?

—קיינער רעדט נישט אזוי.

— איך אבער יא, ענטפערט סאניז ענטשלאסען. — דאס איז דאך טאקע דער אונטערשיעד פון מיר צו אנדערע. סאניז ווערט אביסעל רוהיגער. — איהר האט אלעס גענומען פון'ם לעבען וואס איהר האט געוואלט, איהר האט דורכאויס ניט קיין רעכט לידא'ן צו שטערן.

סאניז האט זיך ווידער גענומען שרייבען.

מאריא איוואנאווא, האט עס פערדראסען, פאר וואס איהר זוהן רעדט אזוי צו איהר, און זי האט גענומען קלערען, וואס זי זאל איהם ענטפערען, אבער בעפאר זי האט ביי זיך בעשלאסען וואס זי זאל זאגען, האט זיך סאניז געווענדעט צו איהר שוין מיט א רוהיגע גוטע מינע :

— ווייסט איהר אבער מוטער, זאל זיין אזוי ווי עס איז זארגט זיך ניט, נאר אז זארודין וועט קומען, לאזט איהם ארויסווארפען, אז נישט קען ער נאך דא אנמאכען צרות.

— גאט איז מיט דיר ! זאגט מאריא איוואנאווא, שוין צופריעדען, — איך בין זעהר צופריעדען, סאשא נאוויקאוו האט מיר אלע מאל געפאלען, זארודין וועלען מיר בעשטימט שוין מעהר ניט אויפנעהמען אין אונזער הויז, שוין צוליעב סאשא נאוויקאוו.

— זאל זיין צוליעב נאוויקאוו'ן, שטימט סאניז צו מיט זיינע אויגען לאכענדיג.

— אבער ווי איז לידא ? פרעגט די מוטער שוין מיט צופריעדענהייט אין הארצען.

— אודאי אין איהר צימער.

— און סאשא וואו איז ? פרעגט זי ווייטער בעטאנענדיג נאוויקאוו'ס נאמען מיט צערטליכקייט.

— איך ווייס אמת'דיג נישט, — ער איז געוועז און איז אוועק...

אין דעם אויגענבליק איז דונקא די דיענסט אריינגעקומען און האט גע־מעלדעט:

— וויקטאר סערגעוויטש נאך מיט א פרעמדען הערר זיינען געקומען.

— אזוי ?... האט סאנין רוהיג געענטפערט, — ווארף זיי ארונטער פון אלע טרעפ.

— דונקא האט שטיל געלאכט.

— וואס רעדט איהר, יונגער הערר, זאל איך עס טאקע טהאן ?

— זיכער זאלסטו עס טהון, צו וואס פאר א שווארצע יאהר דארפען מיר זיי דא האבען ?...

דונקא האט איהר לאכענדיגען פנים פערשטעלט מיט'ן ארבעל.

מאריא איוואנאווא האט זיך אויסגעלאכט און איז עפעס אזוי ווי אינגער געווארען. אין איהר נשמה איז פארגעקומען א פאלשטענדיגע ענדערונג, די ווארעמע ליעבע וואס זי האט פריהער געפיהלט צו זארודין'ען, ווען זי האט געמיינט אז ער וועט חתונה האבען מיט לידא'ן, האט זיך איצט פערוואנדעלט אין א שנאה צו איהם, ווען ס'איז איהר קלאר געווארען אז איהר טאכטער וועט חתונה האבען מיט אן אנדערען.

ווען זי איז צום אויסגאנג צוגעגאנגען, האט אויף איהר סאנין פון דער זייט א קוק געטהון און געטראכט ביי זיך: — "וואס פאר אן אידיאטקע דאס איז„ ער האט צוזאמענגעלעגט זיינע פאפירען און איז ארויס נאך איהר. ער איז זעהען נייגעריג געווען צו זעהען, ווי אזוי די מענשען וועלען האנדלען אין דער פערדרעהטער שווערער לאגע אין וועלכער זיי האבען זיך אליין פער־פלאנטערט.

זארודין און וואלאשין זיינען איהם מיט איבערטריבענער פריינדליכקייט ענטקעגען געקומען. — אבער זארודין האט זיך געפונען אין א שרעקליכער פערלעגענהייט, ער אליין האט איצט בעגריפען אז ער האט ניט געדארפט קו־מען. — ער שעהמט זיך און איז פערדרעהט, ער ווייסט ניט ווי אזוי וועט ער איצט לידא'ן קענען קוקען אין פנים אריין. ער טאר עס אבער ניט ארויס־ציינען פאר וואלאשין'ען. ער ווענדעט זיך צו מאריא איוואנאווא.

— מיין גנעדיגע מאדאם ! ערלויבט מיר איך זאל אייך מיין גוטען פריינד פארשטעלען. — פאוועל לאוויטש וואלאשין.

וואלאשין פערנייגט זיך שמייכלענדיג.

— ס'איז מיר זעהר אנגענעהם, זאגט מאריא איוואנאוונא קאלט. און אין איהרע אויגען איז בעהאלטען א פערבארגענע שנאה צום אפיציער. דער

פאַרזיכטיגער זאַרודין בעמערקט עס באַלד, און ער פערלירט זיך.

— איך וואָלט בעסער נישט געווען געקומען, אַט וועט באַלד לידא אַריינקומען, דיעזעלבע לידא מיט וועלכער ער האָט פערקעהרט... — וועלכע איז איצט שוואַנגער פון איהם... — זי וועט זיין די מוטער פון זיין קינד, וועלכעס מוז דאָך סוף כל סוף אויף דער וועלט קומען... וואָס וועט ער איהר זאָגען? וויאַזוי וועט ער אויף איהר קוקען?

זיין האַרץ קלעמט איהם צוזאַמען, עס דרוקט איהם אַראָב ווי אַ שווערע מאַסע. ער שרעקט זיך אַ קוק צו טהאָן אויף מאַריאַ איוואַנאָווא... — ווען זי ווייסט שוין אַלץ? טראַכט ער מיט שרעק און די אויגען לויפען איהם אין אַלע זייטען.

— וואָלט איך נאָך נישט געווען געקומען....

— איהר וועט דאָ לאַנג פערווייילען ביי אונז אין שטאָדט? ווענדעט זיך מאַריע איוואַנאָנאַ צו וואָלאָשיק'ען.

— אָה ניין. ענטפערט וואָלאָשין און קוקט מיט אַ שפּאָטישען בליק אויף די קליין שטעטעלדיגע מאַריאַ איוואַנאָווא.

נאָך פעטערבורג, וועט איך דאָ לאַנגווייליג זיין.

— גאַנץ דאָס געגענטהייל, אייער שטעדטעל געפעלט מיר זעהר שעהן, ס)זעהט אויס פאַטריאַכאַליש.

— מאַכט איהר אַמאָל אויספאָהרען? אַרום אונזער שטעדטעל זיינען דאָ זעהר אַ סך שעהנע פּלעצער.

— אַה, זיכער, ענטפערט וואָלאָשין, שפּאָטיש און לאַנגווייליג.

דאָס געשפרעך האָט זיך ניט געקלעבט, ס'איז עפּעס געווען שווער אָהן קאַליער, ס)האָט אויסגעזעהן ווי אַ בייזער מענש נעהמט אויף זיך אַ לאַכענ־דיגע מאַסקע.

וואָלאָשין האָט ווידער אָנגעפאַנגען קוקען מיט גנב'שע בליקען צו זאַ־רודין'ען, אויך סאַנין האָט פערשטאַנען זיינע בליקען ...

זאַרודין האָט זיך דערמאָנט, אז ער טאָר נישט צייגען וואָלאָזשין'ען, ווי אונבעהעלפליך ער איז איצט, האָט ער זיך געשטאַרקט און געפרעגט.

— וואו איז ערגעץ לידא פעטראָוונאַ?

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ קוקט אויף איהם פערוואונדערט און מיט שנאה.... איהר בליק זעהט אויס אַזוי ווי זי זאָל פרעגען: וואָס געהט עס דיך אָן, אַז דו ווילסט מיט איהר נישט חתונה האָבען?

— אַ וודאי ביי זיך אין צימער, ענטפערט זי קאַלט.

זאַרודין וואַרפט ווידער אַ בליק צו וואָלאָשין'ען: ... איז נאַר־

נישט מעגליך, מען זאל די לידקא פון דא ארויס קריגען, אט דאס אלטע שטיק מעבעל ... איז גארנישט אינטערעסאנט.

זארודין קוקט אויף איהם מיט אן אפענעם מויל.

— איך האב זעהר פיעל גוטעס געהערט פון אייער טאכטער, רופט זיך אן וואלאשין בויגענדיג זיין קערפער און רייבענדיג זיינע הענד, איך האף צו האבען די עהרע מיט איהר בעקאנט צו ווערען.

מאריא איוואנאוונא, קוקט אויף זארודין'ען, און בעגרייפט אין דער מינוט וואס זארודין וויל פון איהר טאכטער, דער געדאנק שניידט ווי א שארף מעסער אין איהר הארץ ...

— ווען מען זאל די דאזיגע באנדע נישט גלייך פון הויז ארויס־יאגען, וועלען זיי לידא'ן און נאוויקאוו'ן זיכער נאך פיעל קרענקונג פערשאפען .... טראכט סאנין און שטעלט זיך פלוצים אויף.

— איך האב געהערט, אז איהר ווילט אוועקפאהרען פרעגט ער זארודין'־ען אפילו נישט קוקענדיג אויף איהם.

— יא, גאנץ רעכט, איך נעהם מיר אורלויב און וועל אוועקפאהרען אויף א פאאר מאנאטען, כדי זיך אביסעל צו ערהאלען ... איהר ווייסט, ס'איז נישט גוט שטענדיג צו זיין אויף'ן זעלבען ארט, מען מוז זיך אביסעל אויסלופטערען.

סאנין צו לאכט זיך הויך. דער גאנצער געשפרעך, טראכט ער, וואס די צוויי חברה־לייט האבען דא אנגערעדט, האט אין זיך קיין שום בעדייטונג ... די בלויזע ליגענס וואס זיי האבען דא צוזאמען געפלוידערט האט איהם גע־בראכט צום לאכען, עפעס אן אונרוהיגער פרעהליכער געפיהל האט איהם אנ־געכאפט אזוי ווי עפעס א קיהל ווינטעל וואלט זיין היים הארץ געגלעט.

— אזוי, נא ווינש איך אייך א גליקליכע רייזע, נאר איהר זאלט שוין פאהרען! איהר הערט?

אין איין מינוט, האבען זיך אלע אומגעביטען, אזוי ווי פון אלע וואלט פלוצים א שטאלענער פאנצער אראבגעפאלען.

מאריא איוואנאוונא איז בלאס געווארען, וואלאשין'ס אויגען האבען אנגעפאנגען קוקען מיט שרעק ווי א חיה, זארודין הויבט זיך לאנגזאם אויף פון שטול.

אין שטוב איז לעבעדיג געווארען.

— וואס האט איהר איצט געזאגט? פרעגט זארודין מיט א פערשטיק־טע שטימע, איך פערשטעה אייך נישט גוט, ער פיהלט ווי זיינע פיס ציטע־רען.

— פערשטעהט נור גוט וואס איך האב אייך געזאגט, — גאנץ איינפאך

איהר זייט דאַ איין איבעריגער, איהר וועט אונז די בעסטע טובה טאָהן, ווען איהר וועט וואָס פריהער אוועקגעהן פון דאַנען!

זאַרודין איז צוגעגאַנגען אַ טריט נעהענטער צו סאַניו׳ען און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

אַה! אַזוי גאָר! ... האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ פערשטיקטען ציטער־רענדיגען קול.

— געהט פון דאַנען! — זאָגט סאַניו האַרט און קורץ.

אין זיין קול איז געלעגען אַזאַ פעראַכטונג און אַ שרעקליכע וואָרנונג, אַז זאַרודין איז צוריק־געטראָטען און אַנשוויגען געוואָרען, דרעהענדיג משונה ווילד מיט די אויגען.

— אַזעלכעס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען, האָט שטיל אַ בורטשע געטהאָן וואָלאָשין און בעהאַלטענדיג זיין קאָפּ צווישען די אַקסעל, האָט ער זיך געווענדעט צום טיר.

אין דעם אויגענבליק איז לידאַ אַריינגעקומען.

זי האָט נאָך קיינמאָהל אַזוי שלעכט ניט געפיהלט ווי איצט, אַז זי האָט געהערט אַז זאַרודין איז געקומען צו איהר אין הויז זי האָט זיך געפיהלט אַזוי נידעריג קערפּערליך נידערגעשלאָגען, אַז זי האָט זיך נערוועז צו־וויינט און ווידער האָט זיך ערוועקט ביי איהר דער געדאַנק פון זעלבסט מאָרד.

— וואָס קען דאָס זיין?... וועט עס שוין קיינמאָהל קיין סוף נישט נעהמען?.... וועט יעדער האָבען דאָס רעכט מיך אַלע מאָל צו מאַטערען און פּלאָגען?....

אָבער אין גאָרטען איז געווען אַזוי העל און ליכטיג, דער הימעל איז געווען אַזוי בלוי, דאָס וואַסער ביים ברעג האָט געבליסטשעט אַזוי ריין און קלאָר, די ביהנען און די פייגעל לעבען אַזוי פריידליך און גליקליך צוזאַמען... דער הונד מיל, האָט זיך אַזוי צערטליך צו איהר געלאַשטשעט ... לידאַ איז געקומען צו זיך, זי דערמאָנט זיך, אַז שטענדיג האָבען די מענער תאווה׳דיג אויף איהר געקוקט, אינסטינקטיוו ערוועקט זיך אין איהר די פריהערדיג שטאָלצקייט.

— נו גוט, — טראַכט זי, וואָס געהט עס מיך אָן, איז ער דאַ, מעג ער זיין. איך האָב איהם פריהער ליעב געהאַט, איצט האָבען מיר זיך צושיידט: קיינער האָט נישט קיין רעכט מיך דערפאַר צו פעראַכטען ... ענטשלאָסען האָט זי זיך אומגעקעהרט און איז געגאַנגען אין הויז אַריין.

איהרע האָר זיינען נישט געווען צוזאַמענגעוויקעלט אין אַ קנויל איבערן קאָפּ, נאָר פערפלאָכטען אין צוויי צעפּ אַראָבהענגענדיג איבערן האַלז. אָנגע־

טהאַן אין אַן איינפאַך הויז קלייד.

ווען זי האָט אריבערגעטראָטען די שוועל פונ'ם צימער, האָט זי אַ פער־שטענדליכען שמייכעל געטהאַן צו איהר ברודער און געזאָגט אין אַ מיידעל־שען טאָן:

— דאַ בין איך! וואוהין ווילט איהר דען געהן? וויקטאָר סערגעייע־וויטש?... איך בעט אייך לייגט אוועק צוריק אייער הוט.

סאַנין שווייגט, און קוקט נייגעריג אויף זיין שוועסטער... וואָס איז מיט איהר, טראַכט ער זיך.

עפּעס אַן אונבעקאַנטע קראַפט, זיס און פרויענהאַפטס, ליעבליך און אָנ־גענעהם, איז אריינגעקומען אין צימער. עפּעס אַזוי ווי אַ חיה צעמעריין, געהט אריין אין שטייג פון ווילדע חיות, אַזוי האָט לידא אויסגעזעהן צווישען די מענער, זיי זיינען באַלד אַלע ווייך און שטיל געוואָרען.

— זעהט איהר... לידא פּעטראָוונאַ... האָט זארודין גענומען שטאַמלען.

ווי ער האָט אָנגעפאַנגעןריידען, האָט אויף לידא'ס פּנים אַ שיין געטהאַן אַ רחמנות'דיגער און הילפלאָזער אויסדרוק, זי האָט שנעל געוואָרפען אַ בליק אויף איהם, איהר האָט גענומען אונערטרעגליך עפּעס אין הארץ וועה־טהאָן, אַן עראינערונג פון פריהערדיגע גליקליכע מינוטען האָט אין איהר ערוואַכט, עס האָט זיך איהר געוואָלט אויף עפּעס האָפען... אָבער דער געדאַנק האָט באַלד אָבגעטראָטען איהר שטאָלצקייט איז צוריקגעקומען, עס האָט איהר אָנ־גענומען אַ חשק צו צייגען איהם, וואָס ער האָט פערלוירען אין איהר... ווי אָנציהענד שעהן זי איז נאָך אַלץ, ־נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי ליידעט אַזוי פיעל דורך איהם...

— איך וויל גאַרנישט זעהן, זאָגט זי מיט אַ טהעאַטראַלישען אויס־דרוק און פערמאַכט קאָקעטיש איהרע שעהנע אויגען.

מיט וואָלאָשין'ען איז עטוואָס זאָנדערבאַרעס געשעהן, די ווייכע וואָרימ־קייט וואָס איז געפלאָסען פון לידא'ס שעהנעם קערפּער, האָבען איהם אין גאַנצען ווי שכור געמאַכט... ער בעלעקט זיינע טרוקענע ליפּען מיט די שפּיץ צונג, זיינע אויגען ווערען קלענער, און עפּעס זיין גאַנצער קערפּער, ווערט צו־קראַכען פון ליידענשאַפט...

— אָבער איך בעט אייך, מאַכט מיך בעקאַנט מיט דעם הערען, זאָגט לידא קאָקעטיש, קוקענדיג צו זארודין'ען.

— וואָלאָשין, פּאַוועל לאַוויטש, שטעלט זארודין פאָר פערטיעפט אין דעם געדאַנק, אַז אַט די שעהנע רייצענדע מיידעל, איז געוועזן זיין געליעבטע און האָט צו איהם אַמאָהל געהערט...

לידא וווענדעט זיך צו איהר מוטער.

— מאַמע, ס'וואַרט ווער אויף אייך אין קאָרידאָר מען וויל מיט אייך רעדען.

דאָס האָט נאָך צייט.

— ענשולדיגט, ווענדעט זיך ווידער זארודין שמייכלענדיג צו לידא, — מיר האָבען אייך געוואָלט .... לידא הערט איהם נישט, זי ווענדעט זיך ווידער צו די מוטער.

— אָבער איך בעט אייך! זאָגט זי מיט טרעהרען אין איהר קול. מאַריא איוואַנאָוונא האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען.

זארודין און וואָלאשין האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, זיי האָבען פערשטאַנען, אַז אַוועקגעהן קענען זיי שוין נישט.

סאַנין איז געשטאַנען און שטאַרק געאָטהעמט מיט זיין נאָז. — מיינע הערען איך בעט אייך לאָמיר געהן אין גאָרטען, דאָ איז צו היים; פאַראויס איז זי געגאַנגען צו דער וואַראַנדע נישט אומקוקענדיג זיך, און עפּעס אַזוי פערכשוף'ט זיינען די מענער איהר נאָכגעגאַנגען. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי זי זאָל זיי געוועזן מיט איהר צאָפּ אַרומבינדען און מיט געוואָלד זיי שלעפּען ווי זי וויל ...

דער ערשטער איז וואָלאשין, ענטציקט און אָנגעצויגען געהט איהר נאָך, אַלץ אין דער וועלט האָט ער איצט פערגעסען, עס עקזיסטירט פאַר איהם קיין שום זאַך נאָר זי ... אַרויסקומענדיג אין גאָרטען, זעצט זיך לידא אויפ'ן שאַקעל־שטול נעבען דעם בוים, זי שטרעקט אויס איהרע קליינע פיס וואָס שטעקען אין דורכזועהענדיגע זאָקען.

צוויי „נשמות" קעמפּפען איצט אין איהר: איינער קוועלט איהר פאַר בושה און קרענקונג, און דער צווייטער מאַכט איהר, זי זאָל וואָס מעהר קאָקעטישע און אויפרייצענדע בעוועגונגען מאַכען, כדי זי זאָל שעהנער און ליידענשאַפטליכער אויסזעהן פיר אַנדערע ...

— נו פּאַוועל לאַוויטש, — ווענדעט זי זיך צו וואָלאשין'ען וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט אויף אייך אונזער קליין שטעדטעל?

וואָלאשין נעהמט זיך מיט אימפּעט רייבען זיינע פינגער, — אונגעפער אַזוי ווי אַ מענש זאָל קומען אין ווילדען וואַלד און זאָל פּלוצים דערזעהן די שעהנסטע בלום.

עס ענטוויקעלט זיך צווישען זיי אַ לייכטער געשפּרעך, וואו יעדער וואָרט איז פאַלש און ליגענד, נאָר דאָס וואָס זיי דערזאָגען נישט איז אמת, סאַנין מישט זיך נישט אין דעם געשפּרעך, דערפאַר אָבער, פערשטעהט ער דאָס וואָס

ווערט נישט געזאגט, די שטומע בעוועגונגען, די מינעס פון די געזיכטער, דאס מאכען מיט די הענד און די פיס דאס קלינגען און ציטערען פון זייערע שטי־מען ....

לידא ליידעט. וואלאשין שלינגט איהר מיט זיינע טהירישע אויגען ... און זארודין האסט איהם, סאנין'ען, לידא'ן און די גאנצע וועלט. ער ווינשט זיך, ער זאל שוין קאנען אוועקגעהן, אבער ער זיצט דאך; ער וואלט וועלען עפעס א נידעריגע זאך טהאן, אבער ער טהוט גארנישט, ער פעררויכערט זיך איין סיגארעט נאכ'ן אנדערען, און פלוצים וואלט זיך איהם וועלען, אז לידא זאל פאר אלעמען צייגען אז זי איז זיין געליעבטע געווען.

— אלזא, זאגט ווייטער לידא צו וואלאזשין'ען, — געפעלט אייך אמת'־דיג אונזער שטעדטעל? בעדויערט איהר נישט וואס איהר האט פערלאזען פעטערבורג?

— אויסער געוועהנליך פראכטפאל שעהן! ווי קען מען בענקען נאך פעטערבורג אין אייער אנוועזענהייט?... ענטפערט וואלאשין א מאכטאנדיג קאקעטיש מיט דיהאנד, און פערקוקט זיך מאדנע אויף לידא'ס בוזים ...

— איך בעט אייך רעדט אהן פראזען, בעפעלט לידא מיט א לעבענס־ווירדיגען טאן, עס קעמפפען אין איהר נאך אלץ די צוויי נשמות, איינע טרייבט איהר די רויטקייט אין פנים, און די אנדערע, שטרעקט איהרע ברוס־טען נאך שטארקער און שארפער קעגען וואלאשין'ס פרעכען בליק ...

זי טראכט זיך:

— — — דו מיינסט, אז איך בין אונגליקליך ... איך בין שוין אינגאנצען צובראכען, נו זעהזשע טאקע, אז ס'איז דאס געגענטהייל! איך דארף זיך פאר מיינע האנדלונגען ניט שעהמען, ווען איך זאל האבען טויזענדער מאהל מעהר און ערגערם געטהאן, דארף איך זיך אויך נישט שעהמען ...

— אך לידא פעטראוונא, מישט זיך זארודין אריין, — דאס איז זיכער נישט קיין פראזען.

— איך דענק, אז איהר האט עפעס געזאגט? זאגט לידא קאלט, ווענ־דענדיג זיך באלד צוריק צו וואלאשין'ען זאגט זי מיט איין פערענדערטען טאן:

— ערצעהלט איך בעט אייך עטוואס פון פעטערבורגער לעבען ... ביי אונז דא, לעבט מען דאך גארנישט, דא עקזיסטירט מען בלויז!...

— אונזער לעבען?— פרעגט פערטראכט וואלאשין, אה! דיעזעס בע־ריהמטע בעקאנטע פעטערבורגער לעבען!....

ער רעדט שטיל און שנעל; ער מאכט דעם איינדרוק, פון א קליינינקען, נארישען עוף וואס פלאמפעלט עפעס אין אן אונפערשטענדליכע שפראך.

— ווער קען וויסען .... טראכט ער, — אפשר .... מיט א געהיימער האפענונג קוקט ער אויף לידא'ס פנים, ברוסטען און אויף איהרע ברייטע היפטען .....

— איך קען אייך מיט מיין ערענווארט פערזיכערען, לידא פעטראוונא, אז אונזער לעבען איז ארעם און לאנגווייליג .... ביז היינט האב איך אליין געדענקט, אז ס'איז דארטען אינטערעסאנט, אבער היינט ... איהר פער־שטעהט ? .... וואו מען זאל נישט זיין, צו אין די הויפט־שטאדט אדער אין קלענסטען דארף .... איהר פערשטעהט ?

— אמת'דיג ? לידא פערמאכט האלבע אויגען.

— יא, דאס לעבען קען נאר דאמאלס אינטערעסאנט זיין, נאר מיט א שעהנע פרוי ! — אבער די פרויען פון די גרויסע שטעדט ... אך ! ווען איהר זאלט נאר קענען זעהן !.... ווייסט איהר, אז איך בין איבערצייגט, ווען ס'קען עטוואס די וועלט ראטעווען, איז עס נאר די שעהנהייט !.... דעם לעצטען זאץ בעטאנט ער שטארקער, ס'דאכט זיך איהם, אז ער וועט א בעסערען איינ־דרוק מאכען.

אויף זיין פנים לעגט זיך אן אונזיניגער הייסער אויסדרוק ; מיט א ציטערענדיגע שטימע קעהרט ער זיך אלץ אום צו דער טהעמא : „דאס ווייב“. זיין רעדען קוקט אויס, אזוי ווי ער זאל זי אין געדאנקען נאקעט אויסטהאן און פערגוואלדיגען ....

זארודין פיהל וואס עס קומט איצט פאר ביי וואלאשין'ען און ער ווערט פלוצלונג אייפערזיכטיג. זיין געזיכט ווערט רויט און ווידער בלאס, ער קען אויף קיין פלאץ נישט איינזיצען, ער הויבט זיך אויף, געהט ארום אין גארטען און נערוועז צופט ער די בלעטלעך פון די בוימער.

וואלאשין רעדט ווייטער :

— אונזערע פרויען פון די גרויסע שטעדט, זיינען בלויז אזוי ווי א קנויל שוואכע נערוועז ... מען קען אין זיי גארנישט געפינען וואס ס'זאל ווענען עהרפורכט איינפלוסען .... איהר פערשטעהט ? איך מיין נישט עפעס א ליידענשאפטליכען געפיהל .... נאר אמת'ע בעוואונדערונג, אזוי מען זאל זעהן א שעהנע סטאטוע פון א גרויסען קינסטלער־סקולפטור ... אזעלכעס קען מען ביי די פרויען פון דער גרויסער שטאדט קיין מאל נישט געפינען. דאס קען מען נאר אין די קליינע שטעדטלעך געפינען ; וואו די גאנצע ערד שמעקט נאך מיט יונג פרייליכקייט ;.... און די שעהנסטע בלומען קענען דארט וואק־סען !...

סאנין גלעט זיך נערוועז ביים האלז־און־נאקען, און לעגט איין פוס איבער'ן צווייטען.

— צו וואס דארפען די בלומען בליהען, אז עס האט נישט ווער עס זאל זיי אבריימען? פרעגט לידא מיט א סאטירישען שמייכעל... אהא! טראכט סאנין, דאס וויל זי.... גוט אזוי! גוט, טראכט ער.

— וואס מיינט איהר מיט דעם?— פרעגט וואלאשין.

— איך מיין איינפאך, ווער זאל אט די שעהנע בלומען, וואס וואקסען דא אבריימען? וואו זיינען די מענשען וועלכע מיר זאלען קענען פאר אונזערע העלדען מאכען? די לעצטע ווערטער האבען זיך פון איהר הארץ אונערוואַרטעט ארויסגעריסען און זיי האבען געקלונגען אויפריכטיג און ערענסט.

— איהר זייט אונבארימהערציג צו אונז, מישט זיך אריין זארודין, פערשטעהענדיג פאר וואס לידא רעדט אזוי.

— לידא פעטראוונא האט רעכט, שטימט וואלאשין צו, דערמאַנט זיך אבער אן עפעס און קוקט צו זארודין'ען.

לידא לאכט, און מיט איהרע אויגען אנגעפיהלט פון וועהטאג און ראכע קוקט זי אויף זארודין'ען.

וואלאשין פלאפּעלט ווייטער נאריש און אונפערשטענדליך, ער וויל איבערצייגען, ווען א שעהנע פרוי זאל געזעצליך נאקעט ארומלויפען אין גאס, וועט זי אויך נישט ביי קיינעם קיין שלעכטע געדאנקען ארויסרופען.....

אין זיין נערוועזען רעדען, האט זיך דערקענט, אז ער וואלט וועלען, אז לידא זאל דאס זיין ... און זי זאל זיך פאר איהם אויסטהאן נאקעט....

לידא צולאכט זיך כסדר, פיעל מאהל ענטפערט זי איהם, אבער יעדעס מאהל מיט מעהר טרעהרען אין איהר שטימע.

סאנין שטעהט פון דערווייטענס און הערט זיך צו אלעס רוהיג צו. זארודין, נישט קענענדיג מעהר אויסהאלטען די פלוצים'דיגע געפיהלען פון אויפערזוכט וואס איז איהם בעפאלען, רייסט זיך אוועק צוגעהן, ער פערשטעהט אלעס, וואס לידא מיינט, איהר לאכען, איהר בליק, דאס ציטערען פון איהרע פינגער, און אליין זעהט ער ווי זי רייסט פון איהם שטיקער, ער ווענדעט זיך צום אוועקגעהן.

— איהר ווילט שוין געהן? — פרעגט לידא.

וואלאשין־שמייכעלט נאריש, בייסט צוזאמען די ליפען און בעלעקט זיי מיט זיין דינע צונג.

— וואס זאל מען טהאן, זאגט ער, וויקטאר סערגעיעוויטש, געפינט נישט קיין אינטערעס אין אונזער געשפרעך, דאכט זיך, אז ער פיהלט נישט גוט.

וואַלאַשין'ען דאַכט זיך, אַז ער האָט געזיגט איבער זאַרודין'ען....

מען האָט זיך געזעגנט, און ווען זאַרודין האָט דערלאַנגט לידאַ'ן זיין האַנד, האָט ער שטיל צו איהר געזאָגט:

זיי געזונד מיין טייערע!

ער האָט אַליין נישט בעגריפען פאַר וואָס ער האָט דאָס געזאָגט, אָבער קיינמאָהל האָט ער לידאַ'ן אַזוי נישט געליעבט און געהאַסט צוזאַמען.

אין לידאַ'ס נשמה האָט זיך אַ וואונש אויפגעוועקט — אַ וואונש פון שטילער צאַרטער דאַנקבאַרקייט, פאַר דעם אַמאָליגען גענוס... אָבער באַלד ווערט ער פערלאָשען אין איהר, ווענדענדיג זיך צו וואַלאַשין'ען ענטפערט זי הויך.

אדיע! איך ווינש אייך גליק אויף אייער רייזע! פּאָעל לאַוויטש, פערגעסט נישט אָן אונז!

ס'הערט זיך נאָך ווי וואַלאַשין זאָגט ביים אוועקגעהן מיט אַ הויכען טאָן כדי מען זאָל איהם הערען:

דאָס איז אַ מיידעל... מען ווערט פער'שכור'ט פון איהר ווי פון דעם בעסטען וויין!

ווען ס'הערט זיך שוין מעהר נישט זייערע טריט, זעצט זיך לידאַ צוריק אויפ'ן שאַקעל־שטול, אָבער גאַנץ אַנדערש ווי פריהער, איצט זיצט זי איינגעבויגען און און ציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, זי פערשטעלט איהר פּנים מיט די הענד און צו־וויינט זיך ביטער.

קוקענדיג אויף זיין וויינענדיגע שוועסטער דערמאָנט זיך סאַנין אין אַ בילד וואָס ער האָט ערגעץ אין אַ פעלד צווישען קליינע קוסטעס אַן אונגליקליכעס פערפיהרטע בויערן מיידעל, מיט צוויי דיקע אראָפּגעלאָזטע צעפּ, פערשטעלט דאָס פּנים מיט די גראָבע לייווענטענע העמד־אַרבעל און וויינט. אַ געפיהל פון רחמנות ערוועקט זיך אין זיין ברייטע ברוסט.

— נו, וויין נישט! זאָגט ער צוגעהענדיג צו איהר און נעהמט זי ביי די הענד.

— לאָז מיך... ווי ענטזעצליך דאָס לעבען איז!.... לידאַ בויגט זיך נאָך טיעפער אַראָב ביז צו איהרע קניהען.

נאַרישקייטען! זאָגט סאַנין אַביסעל אויפגערעגט, פאַר אַזעלכע קלייניגקייטען דאַרף מען זיך גאַרנישט ערגערען.

— איז אמת נישטאַ.... קיין אַנדערע בעסערע מענשען?! פרעגט לידאַ מיט טרעהרען.

— זיכער נישט, סאַנין שמייכעלט ווידער, דער מענש איז קיינמאָהל —

זיכער נישט, ענטפערט סאַנין ווידער שמייכלענדיג, — דער מענש איז פון די נאַטור אַ חיה... אַז דו וועסט פון איהם קיין גוטעס נישט ערוואַרטען, וועט דיר דאָס שלעכטע פון איהם קיין שמערצען נישט פערשאַפען.

לידא האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ און געקוקט אויף איהר ברודער מיט איהרע שעהנע אויגען.

— און דו ערוואַרטעסט אויך נישט קיין גוטעס פון זיי?

— געוויס נישט, איך לעב נאָר פאַר מיר!

28-טעס קאַפּיטעל.

דעם צווייטען טאָג איז געקומען דונקא צו לויפען אַ באַרוועסע מיט אַ פערגליווערטען שרעק אין איהרע נאַרישע אויגען צו סאַנין'ען וואו ער איז געשטאַנען און האָט אויסגעריסען די שלעכטע גראָזען ביי די זייטען פון גאָרטען וועג און האָט צו איהם געשריגען אין אַ שפּראַך וואָס מען האָט איהר וואַרשיינליך אויסגעלערענט:

— וואָלאָדימיר פּעטראָוויטש, אַפּיציערען ווילען מיט אייך רעדען.

סאַנין האָט זיך נישט פערוואונדערט, ער האָט עס ערוואַרטעט, אַז זאַרודין זאָל איהם אַרויספאָדערן אויף אַ דועל.

— זיי דאַרפען מיט מיר זעהר נויטיג צו רעדען? האָט סאַנין געפרעגט אין שפּאַס.

אָבער דונקא, ווי עס שיינט, האָט זיך עפּעס שרעקליכעס פאָרגעשטעלט; זי פערשטעלט זיך נישט די אויגען מיט'ן אַרבעל, אַזוי ווי זי איז געוואָהנט, נאָר קוקט מיט רחמנות איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

סאַנין האָט אוועקגעשטעלט דאָס גראָב־אייזען נעבען אַ בוים, ער האָט פעררוכט דעם לעדערנעם פּאַס אַרום זיך, און וויגענדיג זיך איז ער אַריינ־געגאַנגען אין הויז.

— דאָס איז דאָס אָביסעל דומע חברה, אָביסעל אידיאָטען, האָט סאַנין געטראַכט איבער זאַרודין'ען און זיינע סקונדאַנטען. ער מיינט נישט מיט דעם זיי אין געדאַנק צו בעליידיגען, נאָר דאָס איז זיין ערנסטע מיינונג איבער זיי.

ווען ער איז געקומען אין קאָרידאָר, האָט ער געטראָפען לידאַ'ן, זי איז געשטאַנען ביי די טיר, איהר פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט און בלייך, פון איהרע אויגען האָט אַרויסגעקוקט אַ טיעפער שמערץ, זי האָט בעוואויגען מיט די ליפען, זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און האָט נישט געזאָגט, און דער

דאָזיגער מינוט, האָט זי געדענקט, אַז זי איז די אומגליקלעכסטע, שלעכטעסטע פרוי אויף דער וועלט.

אין גאַסט־צימער איז מאַריאַ איוואַנאָוונאַ געזעסן אויף אַ שטול אַ דערשלאָגענע, אויך אויף איהר פּנים איז געווען אויסגעדריקט שרעק און פערצווייפלונג, די הויב אויף איהר קאָפּ איז געהאַנגען אונבעהאָלפען אין איין זייט, זי האָט געקוקט אויף סאַנין׳ען מיט שרעקעדיגע אויגען, זי האָט אויך ווי לידאַ בעוואויגען מיט די ליפּען און האָט גאָרנישט געזאָגט.

סאַנין האָט שמייכלענדיג געקוקט צו איהר, ער האָט געוואָלט בלייבען שטעהן, איהר עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט זיך מיישב געווען אַז מען דאַרף נישט און איז געגאַנגען ווייטער.

נישט ווייט פון טיר זיינען געזעסן די צוויי אָפיציערן, טאַנאַראָוו און פאָן־דעייץ, זיי זיינען נישט געזעסן ווי געוועהנליך נאָר מיליטער־אַרטיג, די ברוסט אויסגעשטעלט און די פּיס צוזאַמענגערוקט, ווען סאַנין איז אריינגעקומען האָבען זיי זיך פּאַוואָלע אויפגעשטעלט נישט ווימענדיג ווי אַזוי ווייטער זיך צו פיהרען.

— גוט מאָרגען, מיינע הערען, — האָט סאַנין זיי בעגריסט צוגעהענדיג נעהענטער צו זיי.

פאָן־דעייץ איז אין דער מינוט געווען אין פערלעגענהייט, אָבער טאַנאַראָוו האָט גענומען סאַנין׳ס האַנד, זיך טיעף און שנעל פערנייגט, אַזש סאַנין האָט געזעהן זיין קאָרג מיט די קורץ־געשווירענע האָר.

— נו, — וואָס ווילט איהר מיר עפּעס שעהנעס דערצעהלען? פרעגט סאַנין, טראַכטענדיג ווי אויסערגעוועהנליך פּינקטליך דער נאַרישער אָפיציער קען די דומע צערעמאָניעס מאַכען.

פאָן־דעייץ האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט געוואָלט זיין לאַנג דאַרפּנים אַ רוהיג־קאַלטען אויסדרוק געבען, ער האָט עס אָבער נישט געקענט, און דער שטענדיג שווייגעדיגער טאַנאַראָוו האָט גענומען רעדען:

— אונזער פריינד, וויקטאָר סאַרגייאיטש זאַרודין האָט אונז בעערט מיט זיין פערטרויען, אין זיין נאָמען פון אייך אַן ערקלעהרונג צו פאָדערען.

די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פון טאַנאַראָוו׳ס מויל דייטליך און רוהיג.

— אהאַ! — זאָגט סאַנין אַביסעל שפּאַטיש, — דאָס איז שעהן פון אייך.

— יאָ, זאָגט טאַנאַראָוו מיט אַ פעסטען טאָן, — זאַרודין דענקט, אַז איהר האָט איהם זעהר נישט שעהן בעהאַנדעלט ...

— וואָסזשע דאַרף איך נאָך ערקלעהרען? שפּאַסט ווייטער סאַנין.

א ודאי איז עס אזוי ... כ'האב איהם גאנץ איינפאך געוואלט פון די טרעפּ אראבוואַרפען ...

— טאַנאַראַוו האָט זיך געגעבען מיה, ער זאָל סאַנין'ען פערשטעהן ס'איז איהם אָבער ניט געלונגען, ער זאגט ווייטער:

— יא,זארודין פערלאַנגט, אז איהר זאָלט די בעליידיגונגס־ווערטער צוריקציהען.

— יא, יא, האָט דער לאַנגער פאָן־דעריץ צוגעשטימט.

— ווי אזוי קען איך עס צוריקנעהמען ? פרעגט סאַנין, א ווארט איז דאָך נישט קיין פויגעלע ... פליהט עס פון מויל ארויס קען מען עס שוין צוריק נישט כאַפּען.

טאַנאַראַוו בלייבט א ווײלע שטיל און קוקט אויף סאַנין'ען, מיט א נישט פערשטענדליכען בליק.

— מיין גאָט, וואָס פאר צאַרענדיגע בליקען ער ווארפט אויף מיר, טראַכט סאַנין.

— מיר זיינען נישט אהער געקומען שפּאסען ... ברעכט טאַנאַראַוו אויס מיט א כעס, ווילט איהר צוריקנעהמען אייערע ווערטער, אָדער נישט ?

סאַנין שווייגט, וואָס פאר א פּאַסקודנער אידיאָט דאָס איז, טראַכט ער. און זעצט זיך אַוועק אויף א שטול.

— איך וואָלט אפשר מיינע ווערטער צוריקגענומען, ענטפערט סאַנין נאָך א ווײלע שווייגען, — כדי זארודין זאָל זיך בערוהיגען, וואָלט איך עס געטהאָן, פאר מיר האָט עס קיין שום בעדייטונג נישט, אָבער ערשטענס, איז זארודין דום און ער וואָלט עס אַנדערש פערשטעהן, ער וועט זיך פרעהען איבער מיר, ווייל ער האָט מיך בעזיעגט, און צווייטענס, האָב איך זארודין'ען פיינט און עס לוינט זיך מיר נישט מיינע ווערטער צוריק צו נעהמען ...

— אזוי !... האָט טאַנאַראַוו מיט כעס צווישען די צייהן ארויסגערעדט, פאָן־דעריץ האָט אויף איהם געקוקט דערשראָקען און דאָס לעצטע ביסעל רוידקייט איז פערשוואונדען פון זיין פּנים, ער איז געוואָרען געל און הילצער־רען.

— אויף אזא אופן — האָט טאַנאַראַוו געזאָגט שוין העכער מיט א סטראשענדיגען טאָן.

סאַנין האָט גענומען פּלוצים קוקען אויף טאַנאַראַוו'ס פון כעס צוזאַמענ־געצויגענעם שמאָלען שטערען אויף זיינע ענג־געפּאסטע הויזען, און האָט איהם נישט געלאָזט ווייטער רעדען.

— און אזוי ווייטער ... אזוי ווייטער ... איך קען דאָס אלץ, איך ווייס

דאָס אַלץ... איך וועל זיך אָבער נישט שלאָגען מיט זאַרודין'ען.

פאַן־דעריִיץ האָט זיך שנעל א קעהר געטהאָן; טאַנאַראָוו האָט זיך גלייך געשטעלט און קוקענדיג מיט פעראַכטונג אויף סאַנין'ען האָט ער געפרעגט בעטאָנענדיג יעדעס וואָרט:

— פ—אַ—ר וו—אַ—ס? אויס—וועלכען—גרונד?

— גאַנץ איינפאַך, ענטפערט סאַנין שמייכלענדיג, ערשטענס, ווייל עס ווילט זיך מיר נישט זאַרודין'ען טויטען, צווייטענס, און דאָס איז די הויפט זאַך, — ווייל עס געלוסט זיך מיר נישט פון איהם געטוידטעט צו ווערען.

— אָבער... פאַנגט אָן טאַנאַראָוו ווידער מיט א פערצויגענע מינע אויף זיין פּנים.

— נישטאָ קיין אָבער, אונטערברעכט איהם סאַנין, — איך וויל נישט און פערטיג! ער הויבט זיך אויף פון שטוהל, — זאָל איך אייך אפשר זאָגען די אורזאַכען, פאַר וואָס איך וויל נישט?... דאָס איז מיר נישט נויטיג... איך זאָג אייך, אז ניין! און דאָס איז שוין גענוג!

די טיעפע פעראַכטונג אויף א מענש וואָס וויל זיך נישט שלאָגען אויף א דועל, צומישט זיך ביי טאַנאַראָוו'ן מיט דער פעסטער איבערציינגונג, אז נאָר אן אָפיציער קען מוטהיג פערטיידיגען זיין עהרע, און עס וואונדערט איהם נישט, וואָס סאַנין וויל נישט אָננעהמען, פערקעהרט ער איז נאָך צו־פריעדען.

— דאָס איז שוין אייער זאַך, זאָגט ער, נישט בעהאַלטענדיג, די פער־אַכטונג צו סאַנין'ען,—אָבער אין דיעזען פאַל מוז איך אייך בעקאַנט מאַכען...

— אויך דאָס ווייס איך, — ענפערט סאַנין שמייכלענדיג, אָבער פון דעם גראַד, וואָלט איך זאַרודין'ען אָבגעטראַטען...

— וואָס מיינט איהר? — זאָגט טאַנאַראָוו לאַכענדיג און נעהמט זיך דאָס היטעל פונ'ם פענסטער.

— איך ראָט איהם, אז ער זאָל מיט מיר נישט טשעפּען, אז נישט, וועל איך איהם אַזוי צוקלאַפּען די ביינער, אז ער וועט מיר האָבען צו געדענקען...

— הערט נאָר אויס! רופט זיך פלוצלונג פאָן־דעריִיץ אָן, איך קען דאָס נישט ערלויבען... איהר מאַכט חוזק... בעגרייפט איהר אמת'דיג נישט, אז מען ענטזאָגט זיך פון א דועל... וואָס פאַר א בעדייטונג דאָס האָט? — דאָס איז... דאָס איז...

זיין פּנים איז איהם רויט געוואָרען, די פערלאָשענע אויגען זיינען שיער פון די לעבער ארויסגעשפּרונגען, און אויף זיינע ליפּען האָט זיך שוים בע־וויזען.

סאנין קוקט נייגעריג אויף זיינע ליפען און זאגט:

— און איהר האלט זיך נאך פאר טאלסטאיס אן אנהענגער?

פאן־דעייץ הויבט זיין קאפ אויף אין דער הויך און ציטערט.

— איך וואלט אייך געבעטען! זאגט ער בעז, אבער דאך אביסעל פער־שעהמט, פאר וואס ער מוז שרייען אויף אזא גוטען בעקאנטען מיט וועלכען ער האט ערשט נישט לאנג אזוי גוט פערבראכט.

— איך וואלט אייך געבעטען, אזעלכע בעמערקונגען נישט צו מאכען. זיי געהערען נישט אהער!

— גראד פערקעהרט! ענטפערט סאנין, זיי געהערען ד ו ק א אהער

— אבער איך בעט אייך... צושרייט זיך פאן־דעייץ היסטעריש און שפייעכץ שפריצט איהם פון מויל — דאס איז שוין גאר... מיט איין ווארט...

— נו, גענוג שוין, זאגט סאנין זיך אוועקרוקענדיג פון פאן־דעייץ. איהר קענט זיך דענקען וואס איהר ווילט, און זארודין׳ען מעגט איהר זאגען פון מיינעט־וועגען, אז ער איז א דומקאפ!

— איהר האט נישט קיין רעכט! צושרייט זיך פאן־דעייץ מיט א פער־צווייפעלטע שטימע.

— ס׳איז זעהר שעהן פון אייך, זעהר שעהן, שטימט טאנאראוו צו, קומט לאמיר געהן.

— ניין! איך געה נישט, שרייט פאן־דעייץ ווייטער, ווי וואגט ער... דאס איז... מען האט נאך אזעלכעס נישט געהערט.

סאנין קוקט אויף איהם א ווייליע, גיט א מאך מיט די האנד, און געהט ארויס פון צימער.

— מיר וועלען יעדער ווארט זארודין׳ען דערצעהלען! רופט איהם טאנאראוו נאך.

— זעהר שעהן, זעהר שעהן, דערצעהלט איהם אלעס, ענטפער סאנין נישט אומקוקענדיג זיך, און פערמאכט די טיר הינטער זיך.

— וואס פאר א דומע חברה, די דאזיגע אפיציערען זיינען, טראכט סאנין, — פון דעסטוועגען איז גענוג וועז איינער טוט זיך אן איין אפיציער־סקען מאנטעל .... און ווערט א גאנצער חכם. ... פפוי, טייפעל, שפייט ער אויס!

— וואלאדיא, רופט לידא איהם שטיל שטעהענדיג אויף די טיר פון איהר צימער.

וואס? פרעגט סאנין און בלייבט שטעהן.

— קום אריין צו מיר אין צימער... איך דארף דיך עפעס.

— סאניז געהט אריין אין לידא'ס צימער, דארט איז געװען טונקעל און גרין פון די בױמער װאס האבען געװאקסען בײם פענסטער, און א ריח פון פארפיום, פױדער און יונגע פרױענהאפטעס האט ארומגעשװעבט צװישען די װענט.

— װי שעהן בײ דיר איז! זאגט ער מיט א לײכטען זיפץ.

לידא איז געשטאנען מיט'ן פנים צום פענסטער צוגעקעהרט און אויף איהרע װײסע אקסלען און באקען האט זיך בעװאױגען דער גרינער שאטען װאס איז ארײנגעפאלען דורכ'ן פענסטער פונ'ם גארטען.

— נו, װאס װילסטו?— פרעגט סאניז צערטליך און װײך.

לידא ענטפערט נישט, נור אטהעמט שנעל און שװער.

— װאס איז מיט דיר?

— דו װעסט נישט... אויף דועל?... פרעגט לידא מיט א פערשטיקטע שטימע נישט אומקוקענדיג זיך.

— נײן, ענטפער סאניז קורץ.

לידא שװײגט.

— נו, װאס װילסטו נאך?

איהרע באקען האבען גענומען לײכט ציטערען, זי קעהרט זיך אום צו איהם און זאגט מיט א פערשטיקטע שטימע:

— דאס... דאס קען איך נישט בעגרײפען!

— אזױ?... ענטפערט סאניז שױן אביסעל געערגערט, — ס'טהוט מיר זעהר לײד, װאס דו קענסט עס ניט בעגרײפען!

דאס נידערטרעכטיגקײט, און דאס טעמפע דומהײט פון די מענשען, װאס אלע האבען, אזױ װי די גוטע, אזױ די שלעכטע, די שעהנע און די העסליכע, האט איהם מיעד געמאכט, ער האט זיך אומגעדרעהט און איז ארױסגעגאנגען.

לידא קוקט איהם נאך א װײלע, פלוצלונג נעהמט זי זיך מיט בײדע הענד בײם קאפ און װארפט זיך אויפ'ן בעט. איהר לאנגער טונקעלער צאפ צו־פלעכט זיך און צושפרײט זיך אויף די װײסע דעקע װי זײדענע שטרײפען. אין דער דאזיגער מינוט, איז לידא, שעהן, קרעפטיג, און בױגעדיג, און טראץ דעם װאס זי איז פערצװײפעלט און װײנט, איז זי װאונדערבאר לעבעדיג און יונג.....

דורכ'ן אפענעם פענסטער קוקט אריין, די זונען־שטראהלען דורכ־געװעבטע גרינקײט פונ'ם גארטען. דאס צימער איז פרעהליך און העל: — אבער לידא זעהט דאס אלעס ניט.

29-טער קאפיטעל.

א זעלטענער שטילער אבענד האט געהערשט איבער דער ערד, ער האט אויסגעזעהן אזוי ווי ער זאל געווען, פון ערגעץ א פערשלאפענער פונ'ם טיפען בלויען הימעל אראבגעקומען, און זיך צולייגט אויף דער גאנצער ערד. די זון איז שוין געווען אונטערגעגאנגען און דאך איז נאך ליכטיג געווען. די לופט איז געווען טרוקען, נאר אין די גערטנער איז שוין געפאלען א פייכטער טוי, ביסלעכווייז איז געווארען, שטיקענדיג און קיהל. איבעראל האבען ארומגעשוועבט פערשיעדענע טענער אזוי ווי אויף אונבעקאנטע פליגעל...

אהן א היטעל און אין זיין בלויען העמד, איז סאנין געגאנגען איבער די לאנגע זייטען־גאסען צום הויז וואו איוואנאוו האט געוואהנט.

איוואנאוו איז געזעסען ביים פענסטער צום גארטען און מיט אן ערנסטע מינע האט ער אנגעשטאפט ציגארעטען. זיינע לאנגע האר וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי שטרוי האבען אראבגעהאנגען פונ'ם קאפ און זיינע ברייטע פלייצעס האבען זיך יעדער ווייליע בעוואויגען.

— גוט'ן אבענד! — בעגריסט איהם סאנין, צוקומענדיג צום פענסטער

— דו ווייסט, מען האט מיך היינט אויפגעפאדערט צו א דועל.

— דאס איז גוט, ענטפערט איוואנאוו רוהיג, — פון וועמען און פאר וואס?

— פון זארודין'ען, כ'האב איהם פון הויז ארויסגעווארפען האט ער זיך געפונען בעליידיגט.

— אזוי, דו וועסט זיך טאקע שלאגען, נו, נעהם מיך פאר דיין סע־קונדאנט; זאלען זיי ביי מיין בעסטען פריינד די נאז אבשיסען.

— פאר וואס באלד דאס? די נאז איז זעהר א ניצליכער און שעהנער טייל פון קערפער. —

— איך וועל זיך גאר ניט שלאגען,— איך האב קיין חשק נישט דערצו...

— דאס איז אויך גוט, צו וואס זאל מען זיך שלאגען? ס'איז גארנישט בוטיג... מען דארף זיך נישט שלאגען! ...

— זעהסט דאך, מיין שוועסטער לידא מיינט אנדערש.

— ווייל זי איז א נארישע גאנז, — זאגט איוואנאוו מיט בעטאנונג,— וויפיעל דומהייטען ס'איז נאך איינגעווארצעלט אין יעדען מענש. ער שטאפט אן דעם לעצטען ציגארעט און פעררוויכערט איהם באלד, די איבעריגע סי־גארעטען לייגט ער אריין, אין א לעדערנע סיגארעטען טאש, בלאזט אב דעם שטויב פונ'ם טאבאק וואס ליעגט פערשפרייט איבערן פענסטער־ברעט און

שפּרינגט אַרויס דורכ'ן פענסטער.

— וואָס ווע‌לען מיר איצט אָנהויבן טהאָן ?— פרעגט ער סאַניז'ען.

— לאָמיר געהן צו סאָלאָווייטשיק'ן.

— אַך, זאָל איהם דער רוח נעהמען !

— פאַר וואָס ?

— איך האָב איהם נישט ליעב, ער איז אַ קריכער ווי אַ וואָרים.

— ער איז נישט ערגער פון אַלע אַנדערע, ס'מאַכט נישט ! לאָמיר געהן צו איהם.

— פון מיינט וועגען לאָמיר געהן, — שטימט איוואַנאָוו צו ווי אַלע מאָל צו סאַניז'ס פאָרשלאָג.

זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען דורך די גאַסען ביידע הויכע, שטאַרקע און פרעהליכע, ביידע מיט ברייטע פּלייצעס און פרייע שטימען — זיי האָבען אַזוי הויך גערעדט, אַזוי ווי אַ חוץ זיי וואָלט קיין מענש נישט עקזיסטירט מעהר.

סאָלאָווייטשיק איז אין דער היים נים געווען, דאָס הויז איז געווען פערשלאָסען, דער הויף לעער, און אַזוי ווי אויסגעשטאָרבען, נאָר דער הונט, סולטאַן, האָט געקלונגען מיט דער קייט וואָס ער איז געשטאַנען אָנגעבונדען.

— וואָס פאַר אַ פּוסטקייט דאָ איז, זאָגט איוואַנאָוו, לאָמיר בעסער געהן אויפ'ן בולוואַרד.

זיי געהען אוועק, פערמאַכענדיג דאָס קליינע טירעל פון פּאַרקאַן. סול־טאַן בילט אַ פּאָאַר מאָל זיי נאָך און זעצט זיך דערנאָך שטיל אוועק ביי זיין קאַנורע.

אין שטאָדט גאָרטען שפּיעלט ווי געוועהנליך מיוזיק, אויפ'ן בולוואַרד איז די לופט שוין קיהל, אַ מענגע שפּאַציערגעהענדע, מיט פערשיעדענע פרייען קליידער און הוט'ען געהען אויף און אָב, פערשווינדען באַלד צווישען די ביימער אין גאָרטען, און אַנדערע קומען אַרויס פון דאָרט.

סאַניז מיט איוואַנאָוו'ן געהען געאָרעמט דורכ'ן גאָרטען און זיי טרעפען סאָלאָווייטשיקען. ער געהט פערטראַכט אַרום צווישען די ביימער, זיינע הענד אויפ'ן רוקען און קוקט פערשטאַרט אויף די טריט פון זיינע פיס.

— מיר זיינען ערשט ביי אייך געווען — זאָגט סאַניז צו איהם. סאָלאָ־ווייטשיק שמייכעלט אונטערטעניג:

— אַך ! איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר וועט קומען... איך וואָלט געוועזן געוואַרט פאַר אייך. איהר פערשטעהט, כ'האָב זיך געוואָלט אַביסעל דורכגעהן...

זיינע אויגען האבען געגלאנצט און טרויעריג.

— קומט מיט אונז! זאגט סאנין, און דערלאנגט ליעבליך זיין ארעם.

מיט צופריעדענהייט לייגט סאלאוויטשיק זיין האנד אין סאנין׳ס ארים, מאכט א פרעהליך פנים, פעררוקט זיין הוט א הינטער, און געהט מיט א מינע, נישט ווי ער זאל בלויז האלטען סאנין׳ס ארעם, נאר אזוי ווי ער זאל עפעס טראגען א קאסטבארע זאך.

צווישען דעם מיליטער מיוזיק וועלכע זיינען געוועז רויט און פערשוויצט פונ׳ם בלאזען אין די מעשענע טרובעס, איז געשטאנען דער קאפעל־מייסטער און האט געמאכט מיט׳ן שווארצען שטעקעלע אין אלע זייטען. ארום זיינען געשטאנען אין געדיכטע רייהען, אונטער־אפיציערען, מיליטער שרייבערלעך, סטודענטען, יונגע־לייטלעך מיט הויכע שטיוועל און מיידלעך מיט פערשיע־דען פארביגע קליידלעך. אין די אלעען, זיינען געגאנגען עפעס אזוי טאנצענ־דיג איינס קעגען צווייטען; פארלעך. ארויף און אראב.

זיי האבען בעגעגענט, דובאווא, שאפראוו און יוריע, זיי האבען איינס צום אנדערען געשמייכעלט און זיך בעגריסט. סאנין, סאלאוויטשיק און איוואנאוו, זיינען נאך אמאל ארומגעגאנגען ארום גארטען, און ווידער זיי בע־געגענט, איצט איז מיט זיי אויך קארסאווינא געגאנגען, איהר הויכגעוואק־סענער שלאנקער קערפער, איז געוועזן אין א שעהן העל קלייד פערוויקעלט, פון דערווייטענס שוין האט סאנין צו איהר געשמייכעלט; אין איהרע אויגען האט זיך געשפיגעלט א קאקעטיש צופריעדענהייט.

— פאר וואס לויפט איהר עפעס אליין ארום? פרעגט דובאווא, קומט געהט מיט אונז צוזאמען.

— לאמיר געהן אויף א זייטען־וועג מיינע הערשאפטען, רופט זיך אן שאפראוו, דא איז צופיעל מענשען.

די לוסטיגע יונגע געזעלשאפט זיינען אריין אין א זייטיגע אלעע, און האבען דארט פול געמאכט די לופט מיט זייער רעדען און לאכען.

זיי זיינען אזוי געגאנגען ביז צום עק גארטען, און ווען זיי האבען זיך געוואלט אומקעהרען, איז זיי אנקעגען געקומען, זארודין, טאנאראוו און וואלאשין.

סאנין האט באלד בעמערקט, אז זארודין האט נישט ערווארטעט איהם צו בעגעגענען. און ער ווייסט נישט וואס פאר א מינע ער זאל מאכען, זיין שעהן פנים איז געווארען רויט, ער בעהערשט זיך און שטרעקט זיין קערפער שטארק אוים. טאנאראוו שמייכעלט ביטער.

— און דער דאַזיגער דומער לאַנגער נאַר איז נאָך אַלץ דאָ? האָט איוואַנאָוו געפֿרעגט סאַניו'ען ציינענדיג אויף וואָלאָשין'ען.

— יאָ, ער איז נאָך דאָ, צולאַכט זיך סאַניו.

זאַרודין האָט זיך אויסגעוויזען, אַז סאַניו לאַכט פֿון איהם, דאָס בלוט איז איהם אין פּנים אַריין, דער אָטהעם האָט איהם גענומען שטיקען; ער האָט זיך געפֿיהלט ווי פֿון עפּעס אַ שטאַרקע געהיימע קראַפֿט זאָל איהם רייסען צו סאַניו'ען. ער האָט זיך צו שיידט פֿון זיינע פֿריינד און איז גלייך צוגעגאַנגען צו סאַניו'ען.

— וואָס ווינשט איהר הער אָפֿיציער? — האָט סאַניו ערנסט געפֿרעגט, און בשעת מעשה האָט ער געקוקט אויף דעם דינעם רייט־בייטשעל וואָס זאַרודין האָט אין האַנד געהאַלטען. — — — אַך! וואָס פֿאַר אַ דומקאָפּ דאָס איז, האָט ער געטראַכט.

— איך האָב מיט אייך אַ פּאָאַר ווערטער צו רעדען, — האָט זאַרודין מיט אַ פֿערשטיקטע קול געזאָגט, — מיין אויפֿפֿאָדערונג האָט מען אייך איבערגעגעבען.

נאָך אַלץ קוקענדיג אויף דעם רייט־בייטשעל, האָט סאַניו לייכט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— יאָ!

— און איהר ווילט נישט אָננעהמען מיין פֿאָדערונג?.... ווי עס דאַרף אַ מענש וועלכער האָט אַ בעגריף פֿון עהרע צו טהאָן?...

זאַרודין זאָגט דאָס מיט אַ פֿערשטיקטען אָבער שטאַרקען טאָן, וואָס ער אַליין דערקענט זי שוין נישט, ער דריקט דאָס רייט־בייטשעל אין די הענד און קען זיך פֿון אָרט נישט ריהרען, עס דאַכט זיך איהם אַז די לופֿט אין גאַרטען איז מיט אַמאָל פֿערשטיקט געוואָרען.

— אַלע בלייבען שטעהן און הערען זיך צו צו זייערע ווערטער.

— דאָס איז דאָך אָבער... מישט זיך איוואַנאָוו אַריין און וויל זיך שטעלען צווישען סאַניו און זאַרודין'ען.

זעלבסטפֿערשטענדליך ענטזאָג איך זיך אָנצונעהמען אייער פֿאָדערונג, ענטפֿערט סאַניו מיט אַ זעלטענע רוהיגקייט און קוקט דעם אָפֿיציער גלייך אין די אויגען אַריין.

זאַרודין אָטהעמט שווער, אַזוי ווי ס'זאָל אויף איהם ליגען אַ שווערע מאַסע.

— צום לעצטען מאָל פֿרעג איך אייך: ווילט איהר מיין פֿאָדערונג נישט אָננעהמען?

סאַלאָווייטשיק קוקט דערשראָקען אויפ׳ן אפיציער... — ער וועט איהם שלאָגען, טראכט ער, און זיין גאַנצער קערפּער ציטערט.

דאָס האָב איך אייך שוין פריהער געזאָגט, ענטפערט סאַנין מיט דעם זעלבען רוהיגען טאָן ווי בעפאָר.

פאַר זאַרודין׳ס אויגען, האָט זיך אַלעס גענומען דרעהען, און אין דער־צייט ווי ער האָט געהערט הינטער זיך טריט און א געשריי פון א פרוי, האָט ער אומגעלומפערט הויך אויפגעהויבען דאָס רייט־בייטשעל.

אָבער אין דער זעלבער רגע, האָט איהם סאַנין, מיט זיין שטאַרקע מוס־קעלדיגע איינגעצויגענע האַנד געגעבען א זעץ אין פנים, פאַר זאַרודין׳ס אויגען זיינען פונקען געפלויגען.

— אזוי! האָט איוואַנאָוו נישט ווילענדיג אָבער צופריעדען א געשריי געטהאָן.

זאַרודין׳ס קאָפּ האָט זיך א בויג געטהאָן אויף אַ זייט און א כוואַליע בלוט האָט זיך גענומען גיסען פון זיין מויל און נאָז.

— אַ — אַ — אַ האָט זיך ארויסגעריסען א געשריי פון זאַרודין׳ס מויל, ער האָט פערלוירען דאָס רייט־בייטשעל, זיין היטעל און איז געפאַלען צו דער ערד. אַלעס איז אין זיין קאָפּ געוואָרען צושוואומען, נאָר די איינע ברענענדיגע פאַרשטעלונג האָט ער: אז אַליץ צו ענדע... און א געפעהרליכען שמערץ פיהלט ער אין אויג.

מענשען זיינען זיך פון אַלע זייטען צוזאַמענגעלאָפען, קאַרסאַווינא האָט געקוויטשעט, זיך מיט די הענד ביים קאָפּ אָנכאַפּענדיג, האָט זי פערמאַכט די אויגען.

יוריע און שאַפּראָוו, זעהענדיג פאַר זיך זאַרודין׳ען ליגענדיג צוזאַמענ־געדרעהט אויף דער ערד, זיינען מיט כעס צוגעלאָפען צו סאַנין׳ען, וואָלאשין, פערלוירענדיג זיינע ברילען, האָט גענומען לויפען איבער׳ן נאַסען גראָז און זיינע העלע הויזען זיינען שוואַרץ געוואָרען.

טאַנאַראָוו איז מיט צוזאַמענגעפרעסטע ציין און ציטערענדיג פאַר כעס צוגעלאָפען צו סאַנין׳ען; אָבער איוואַנאָוו האָט איהם אָנגענומען ביי די אַקסעל און האָט איהם א וואָרף געטהאָן אין א זייט ווי א באַל.

— לאָז איהם דאָך, לאָז איהם האָט סאַנין געזאָגט מיט עקעל, ער איז געשטאַנען ברייט פאַנאַנדער געשפּרייט די פיס, געאָטהעמט שווער און פון זיין שטערען האָט געקאַפּעט גרויסע טראָפּען שווייס.

זאַרודין האָט זיך וואַקלענדיג אויפגעהויבען און האָט עפּעס אונפער־

שטענדליכע זידעל ווערטער געזאגט געגען סאניז'ען, וועלכע האבען געקלונ־
גען נאריש און העסליך.

זיין לינקע באק איז שנעל געשוואלען געווארען, דאס אויג פערלאפען
און צוגעמאכט, פון זיין מויל און נאז האט געפליסט בלוט, זיינע צייהן
האבען געקלאפט און מיט'ן גאנצען קערפער האט ער געציטערט ווי אין א
פיבער; ער איז איצט גארנישט געווען עהנליך צו דעם שעהנעם עלעגאנטען
אפיציער פון פריהער. דער שרעקליכער זעץ פון סאניז'ען האט איהם פון
מענשליכקייט אין גאנצען בערויבט און האט איהם פערוואנדעלט אין עפעס א
שרעקעדיגע נארישע בריאה.

ער האט איצט קיין שום געפיהלען נישט געהאט, נישט ער האט גע־
וואלט אנטלויפען, און נישט זיך פערטהיידיגען. ער האט כסדר שטיקער
בלוט אויסגעשפייגען; מיט ציטערענדיגע הענד האט ער דאס זאמד פון זיינע
הויזען אבגעקלאפט, ער האט זיך אבער אויף די פיס נישט געקענט האלטען
און איז צוריק אומגעפאלען.

— ווי שרעקליך! ווי שרעקליך! — האט קארסאווינא פיעל מאל
שטיל צו זיך געמורמעלט און האט זיך געוואונשען שנעל אלס מעגליך פון
דאנען אוועקצוגעהן.

— לאמיר געהן, האט אויך סאניז געזאגט צו איוואנאוו'ן, ער האט
אוועקגעקוקט אין א זייט ווייל ס'איז איהם נישט געווען אנגענעהם צו קוקען
אויף זארודין'ען.

— לאמיר געהן סאלאווייטשיק, האט זיך סאניז געווענדעט צו זיין צוויי־
טען פריינד.

אבער סאלאווייטשיק האט זיך ניט געריהרט פון ארט, מיט ברייט אויס־
געגלאצטע אויגען האט ער געקוקט אויף זארודין'ען, אויף דעם בלוט פון זיין
פנים, און אויף דעם ווייסען רעקעל וואס איז געווען פערפלעקט מיט געלען
זאמד, ער האט געציטערט און עפעס אונפערשטענדליכעס געמורמעלט.

איוואנאוו וויל איהם מיט כעס מיטשלעפען, אבער ער האט זיך אן א
בוים אנגעכאפט און זיך נישט געלאזט. פלוצלונג האט ער זיך צו־וויינט און
געשריען:

— פאר וואס האט איהר דאס געטהאן?!.... פאר וואס?!

יוריע איז צוגעגאנגען צו סאניז'ען און געזאגט איהם אין פנים אריין.

— דאס איז נידערטרעכטיג.

— יא, נידערטרעכטיג, וואלט אבער געווען בעסער, ווען ער וואלט מיך

געוועז געשלאגען?

ער האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד און איז שנעל אוועק איבער דעם ברייטען וועג פונ'ם גארטען.

איוואנאוו קוקט אויף יוריע מיט פעראכטונג, פערדרויכערט זיך א סיגאַרעטעל געהט נאך סאנין'ען און מורמעלט אין זיך אריין:

— ווי נאריש און געמיין א מענש קען דאס זיין...

סאנין קוקט זיך שווייגענדיג אום צו איהם און ענטפערט גארנישט.

— ווי אמת'ע חיות... האט אויך יוריע געזאגט אוועקגעהענדיג פונ'ם פלאץ. כאטש דער געדאנקען איז געוועזן אזוי ווי אלע מאל, פערטראכט טונקעל און שעהן, אבער איצט, האט זיך יוריע'ן פארגעשטעלט, אז ער איז גאנץ אנדערש ווי די גאנצע וועלט, דאס געשעהענע האט דעם גארטען שמוציג און העסליך געמאכט...

שאפראוו אטהעמט שווער, קוקט זיך אום אין אלע זייטען דורך די ברילען, אזוי ווי ער זאל גלויבען, אז פון יעדען ווינקעל קוקט ארויס, דאס שרעקליך העסליכע געשעהענע.

30-טער קאפיטעל.

מיט אמאל האט זיך זארודין'ס לעבען מורא'דיג געענדערט. ווי לייכט און זארגלאז ס'איז פריהער געוועזן, אזוי אונערטרעגליך איז עס איצט געוואָרען, ס'האט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי ס'זאל געוועזן ווער פון זיין לעבען די לאבעדיגע צופריעדענע מאסקע ארונטער געריסען; און געבליבען איז נאר, עפעס א ווילדע מורא'דיגע חיה וואס רופט זיך לעבען...

ווען טאנאראוו האט איהם אויף א דראשקע אהיים געפיהרט, האט ער זיין שמערץ און שוואכקייט זיך נאך מעהר פארגעשטעלט ווי ס'איז אין דער אמת'ן געוועזן. ער האט זיך געשראקען די אויגען צו עפענען, ווייל ס'האט זיך איהם אויסגעוויזען: אז די בושה וועט אויף איהם ווי א הונגעריגע חיה קוקען, זיך רייצען מיט איהם, לאכען פון איהם און מיט די פינגער אויף איהם טייטלען.

אוים אלעס און אלעמען, אפילו אוים דעם מאגערען רוקען פון דראשקעפוהרמאן, אוים יעדען פערבייגעהענדען, פון יעדען פענסטער און אפילו פון טאנאראוו'ס האנד וועלכע האלט איהם צו, האט זיך איהם געדאכט, אז ס'קוקט ארוים פעראכטונג צו איהם.

דער געפיהל איז ביי איהם געווען אזוי שטארק, אזוי הארצרייסענדיג שמערצליך, אז ס'האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער וועט עס נישט אויסהאלטען.

איין זיין מות, האט ער זיך נישט געוואלט גלויבען, אז דאס וואס ס'איז געשעהן זאל אמת זיין; ס'האט זיך איהם געוואלט האפען; אז דאס אלעס איז גאר נישט געשעהן און אפשר איז עס איין גאנצען א טעות... מאנכעס מאל דאכט זיך זארודין'ען, אז ס'איז נישט אזוי געפעהרליך, ס'וועט אלעס פאריבערגעהן, אבער דער פאקט איז, אז ס'איז יא געשעהן... און וואס אמאל ווערט זיין נשמה, ענגער און ענגער פון פינסטערניש און פערצווייפלונג ארום־געהילט.... אייגענטליך טראכט זארודין, — האט זיין קערפער געדארפט זיך אין גאנצען אויפלעזען, נאכדעם ווי דאס אלעס שעהנע, עלעגאנטע און פרעהליכע, איז פערשוואונדען פון איהם. דארף ער זיין גאנצען לעבען נישט מעהר... ער לעבט אבער דאך! אהנמעכטיג און בעשמוצט... מאנכעסמאל, ווען די דראשקע האט זיך אין אן עק גאס אויסגעקירעוועט, האט זארודין געעפענט די אויגען, אונדורך זיינע פערלאפענע אויגען האט ער געזעהן, די בעקאנטע גאסען, הייזער, קירכען און מענשען־געשטאלטען. אלץ איז געווען ווי אימער, אבער פאר איהם מאכט דאס אלעס איצט א פרעמדען און פיינדליכען איינדרוק. די פערבייגעהענדע בלייבען שטעהן און קוקען איהם נאך. ער פערמאכט שנעל צוריק די אויגען, און פון שאנד און פערצווייפלונג פערליערט ער זיינע געדאנקען, עפעס דאס פאהרען דאכט זיך איהם דויערט אן אויביגקייט, עס ווייזט זיך איהם אויס, אז עס וועט קיינמאל צו קיין סוף נישט קומען... נאר שנעלער אהיים! טראכט ער פערצווייפעלט, אבער שטעלט ער זיך פאר ווי זיין דיענער, די ווירטין, די שכנים וועלען אויף איהם קוקען, און ער ווינשט זיך קיינמאל נישט אהיים צו קומען, ער זאל אזוי אייביג נאר פאהרען... און קיינמאל די אויגען נישט עפענען... טאנאראוו וואס איז שטענדיג געזעסען נעבען איהם און איהם צוגעהאלטען, האט זיך אויפגעגעסען פאר זארודין'ס שאנדע, און כדי די מענשען זאלען וויסען, אז נישט איהם האט מען געשלאגען נאר זארודין'ען, האט ער זיך בעמיהט פאר יעדען פערבייגעהער דאס צו ווייזען... זיין פנים איז געווען רויט און מיט שוויים בעדעקט; ער האט נישט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם... אנפאנגס האט ער גערעדט צו זארודין'ען און געפרואווט איהם טרייסטען, ער איז אבער באלד אנשוויגען געווארען און נאר מיט צוזאמענגעפרעסטע צייהן געטריבען דעם פוהרמאן ער זאל שנעלער פאהרען.

קוים וואס די דראשקע איז צום הויז צוגעפאהרען.

זארודין האט אליין נישט געקאנט דורכ'ן הויף געהן, טאנאראוו און דער דיענער האבען איהם כמעט ווי אריינגעטראגען אין הויז אריין, צו ס'איז נאך וועך געיועז אויפ'ן הויף, האט זארודין נישט בעמערקט. דיביידע האבען איהם אוועקגעלייגט אויפ'ן דיוואן און האבען אין אנפאנג נישט געוואוסט וואס זיי זאלען טהאן. זיי זיינען געשטאנען איבער איהם אזוי ווי משוגע און געקוקט אויף איהם מיט אפענע פייכטע אויגען. דאס האט זארודין'ען נאך מעהר שמערצען פערשאפט און ער האט זיך כמעט געשראקען אין זיין דיענערס פנים צו קוקען.

דער דיענער איז צוערשט געקומען צו זיך און האט זיך אנגעפאנגען ארומפארען ארום איהם, ער האט געבראכט ווארים וואסער און האט פאוואַלע ארום געוואשען זארודין'ס פנים און די הענד.

אבער אויף דעם סאלדאטס פנים איז קיין שום אויסדרוק פון שפאט ניט געווען, פערקעהרט, ס'האט אויסגעדריקט, רחמונת ווי פון אן אלטע גוטע פרוי.

— וואו איז עס דען געשעהן? האט ער געפרעגט טאנאראוו'ן מיט א ציטעריגען טאן — אך! דו ליעבער גאט! ווי איז דאס מעגליך!...

— דאס געהט דיך גאר נישט אן! האט זיך טאנאראוו צושריען מיט כעס, ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, גענומען זיך א סיגארעט און ער איז אבער באלד געבליבען שטעהן טראכטענדיג, צו זאל ער רויכערען אין זארודין'ס צימער... ער האט צוריק אריינגעלעגט דעם סיגארעט און דעם שאכטעל און איז געבליבען שטעהן פערטראכט.

— זאל איך אפשר ברייגנען דעם דאקטאר?— פרעגט דער דיענער בלייבענדיג סאלדאטען־ארטיג שטעהן.

— איך ווייס אמת'דיג ניט וואס מען זאל טהאן! ענטפערט טאנאראוו זיך די הענד רייבענדיג.

זארודין הערט זיך צו, צו דער פראגע און דערשרעקט זיך: נאך דער דאקטאר זאל זיין געשוואלען פנים זעהן...

— איך דארף.... נישט..... קיין דאקטאר! רעדט זארודין ארויס מיט אן אונגאטירליכע שוואכע שטימע און בעמיט זיך צו מאכען זיי גלויבען, אז אלץ איז צו ענד...

נאכדעם ווי מען האט פון זיין פנים דאס בלוט און דאס שמוץ אוועקגעוואשען, האט ער שוין אזוי שרעקליך נישט אויסגעזעהן.

מיט אביסעל נייגעריגקייט האט טאנאראוו געווארפען א בליק אויף איהם האט אבער באלד די אויגען אוועקגעכאפט, דער בליק האט זארודין'ען פאר

בושה שיער דערשטיקט פאַר פערצווייפלונג, ער האָט נאָך פעסטער דאָס פער־שוואָלענע אויג צוגעמאַכט און מיט א געבראָכענע שטימע געשריען:

— לאָזט מיך... לאָזט מיך אַליין!

טאַנאַראַוו, האָט פון דער זייט א קוק געטהאָן אויף איהם און פּלוצים מיט פעראכטונג און כעס געטראַכט:

— ער שרייט נאָך, ס'קומט נאָך איהם ארוים...

זארודין איז געבליבען ליגען שטיל, אונבעוועגליך מיט פערשלאָסענע אויגען.

טאַנאַראַוו האָט מיט די פינגער שנעל געקלאַפּט אין פענסטער, זיך גע־צופּט ביי די וואָנצען און האָט געקוקט אין גאַס אריין, ס'האָט זיך איהם גע־וואָלט אוועקגעהן, נישט מעהר זיין דאָ..

— ס'פּאַסט אָבער נישט, טראַכט ער, כ'וועל בעסער וואַרטען ביז ער וועט איינשלאָפען.

אזוי איז פערגאַנגען א פיערטעל שעה אָבער זארודין האָט זיך אַלץ נאָך געדרעהט אין אַלע זייטען, טאַנאַראַוו'ן איז געוואָרען אונערטרעגליך עקעלדיג, ענדליך איז זארודין געבליבען ליגען שטיל... דאַכט זיך, אז ער איז איינגע־שלאָפען!... טראַכט טאַנאַראַוו מיט א פאַלשען רחמנות־אויסדרוק און וואַרפט בגנבה א בליק צו זארודין'ען, ער איז אמת'דיג איינגעשלאָפען!...

וועלענדיג וויסען צו זארודין שלאָפט, פאַנגט ער אָן שטיל צו קלינגען מיט די שפּאָרען, זארודין עפענט אין דער מינוט די אויגען, און טאַנאַראַוו בלייבט אונבעוועגליך שטעהן...

זארודין פערשטעהט וואָס טאַנאַראַוו וויל טהאָן, אויך טאַנאַראַוו דער־פיהלט, אז זארודין ווייסט אַלעס וואָס עס קומט פאָר, ביי איהם אין הארצען, ער פערמאַכט שנעל צוריק זיינע אויגען און בלייבט ליגען אונבעוועגליך. איינ־געבויגען און שטיל גנב'ט טאַנאַראַוו זיך ארוים פון צימער, איינרעדענדיג זיך אז זארודין שלאָפט, אָבער וויסענדיג, אז זיי ווייסען ביידע, וואָס איצט איז געוואָרען צווישען זיי. ער פערמאַכט שטיל די טיר, און אַלעס וואָס האָט זיי פריהער אזוי שטאַרק און פריינטשאַפטליך פערבונדען איז אויף אויביג פער־שוואונדען...

זארודין אויך טאַנאַראַוו פיהלען אז צווישען זיי האָט זיך א פּוסטקייט אריינגערוקט, פון איצט אן וועט איינער פאַר'ן צווייטען נישט מעהר עקזיס־טירען...

אין קאָרידאָר האָט טאַנאַראַוו פריי אָבגעאָטהעמט און ס'איז איהם לייכ־

טער געוואָרען אויפ׳ן הארצען. ס׳טהוט איהם גאָר נישט באנק וואס צווישען איהם און זארודינ׳ען איז אלעס געוואָרען אויס.

— הער נור דו, — ווענדעט ער זיך איילענדיג צום דינער, איך געה איצט אוועק, דו זאָלסט אויפפאסען... אז ס׳וועט עפעס פארקומען... דו וועסט שוין וויסען... ניין?

— צו דיענען, הערר אָפיציער, — ענטפערט דער סאָלדאט דערשראקען.

— יאָ.. פערגעס נישט די קאָמפרעסען יעדעס מאָל צו טוישען.

ער געהט אַרונטער די שטיינערנע טרעפ און קוקט צופריעדען ארום זיך. ס׳איז שוין שטאָק־נאכט געווען, די גאסען זיינען לער פון מענשען און טאנאַראַוו פרעהט זיך, אז קיינער וועט זיין רויט פנים נישט זעהן.

ס׳קען מעגליך זיין, אז מען וועט מיך אויך אריינגעהמען אין דער גאנ־צער געשיכטע, טראכט ער פלוצים קומענדיג אויפ׳ן בולווארד. א קעלט געהט דורך זיין גאנצען קערפער.

אבער שליסליך, וואס האָב איך צו טהאָן מיט דער גאנצער געשיכטע, נעהמט ער זיך טרייסטען, ער בעמיהט זיך אלץ צו פערגעסען..

— פפוי! צום טייוועל, וואס פאר א נידערטרעכטיגע געשיכטע ס׳איז ארויסגעקומען, טראכט טאנאראָוו געהענדיג מיט ערגערניש, נאָר ער איז זיך אליין שולדיג, ווער האָט איהם געהייסען זיך חבר׳ן מיט אזא לומפען־געזינדעל! פפוי! ווי עקעלהאפט!

וואס מעהר ער טראכט וועגען דעם אלץ מעהר גלייכט ער אויס זיין ני־דעריגע פיגור און שטעלט העכער ארויס זיין ברוסט, ס׳דאכט זיך איהם איצט, אז ער וואָלט פון די גאנצע וועלט ראכע גענומען.

עס ווייזט זיך איהם אויס, אז יעדער פערבייגעהער קוקט אויף איהם מיט שפאָט און חוזק... ס׳דאכט זיך איהם, ווען איינער זאָל איהם דאס מינ־דעסטע וואָרט וועגען דעם געבען אָנצוהערען, וואָלט זיין גדולד געפּלאצט, ער וואָלט אַרויסגעצויגען זיין שווערד און יעדען צוהאקט אויף שטיקער, אבער די ווענינע מענשען וואס ער בעגעגענט, געהען איהם פערביי אפילו נישט רעכט קוקענדיג צו איהם.

קומענדיג א היים, ווען ער פאנגט זיך שוין אָן אביסעל צו בערוהיגען, דערמאנט ער זיך פלוצים, ווי איוואנאָוו האָט איהם א וואָרף געטהאָן.

— פארוואס האָב איך איהם נישט די צייהן אויסגעהאקט? א שאָד וואס די שווערד איז נישט שארף!... אז נישט... נאָך מעהר... כ׳האָב דאָך מיין רעוואָלווער אין קעשענע, אָט איז ער, איך וואָלט דאָך איהם געקענט ווי א

משוגענעם הונט דערשיסען... איך האָב גאַר געהאַט אינגאַנצען פערגעסען אין דעם רעוואָלווער.

...זיכער האָב איך אין איהם פערגעסען, אַז נישט וואָלט איך איהם ווי אַ הונט דערשאָסען, און אפשר איז טאַקע גוט אַזוי... כ'וואָלט דאָך אַ מערדער געווען... ס'איז דאָ אַ געריכט, און זיכער האָט איינער פון זיי אויך געמוזט האָבען אַ רעוואָלווער... זאָל עס דער רוח נעהמען, בעסער אַזוי... וועגען מיר וועט אַלעם ביסלעכווייז פערגעסען ווערען...

ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטען, נעהמט אַרויס דעם רעוואָלווער פון קעשענע און לעגט איהם אַריין אין שיפלאַד פון טיש.

— איך מוז נאָך היינט געהען צום פּאָלקאָווניק און איהם מעלדען, אַז איך בין אין דער געשיכטע נישט בעטייליגט געווען, בעשליסט טאַנאַראָוו, פערשליסענדיג דעם שיפלאַד.

אָבער נאָך מעהר ווילט זיך איהם איצט געהן אין קלוב אַריין, און דאָרט אַלעם דערצעהלען אלס איינער וואָס האָט אַליין צוגעזעהען די גאַנצע געשיכטע.

אין די העל־בעלייכטענדע מיליטער־קלוב־צימערען, וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטען פון דער טונקעלער שטאָדט, זיינען זיך די אָפיציערען צוזאַמענגעקומען און ליאַרעמדיג מיט אויפרעגונג גערעדט פון'ם צופאַל וואָס עס האָט זיך געטראָפען מיט זאַרודין'ען אין פּאַרק. אין הארצען זיינען זיי אַלע געווען צופריעדען, ווייל שטענדיג האָט זיי זאַרודין מיט זיין שעהנקייט און עליגאַנץ צו דער זייט געשטעלט.

מיט ברוטאַלער נייגעריגקייט האָבען זיי טאַנאַראָוו'ן אויפגענומען, ער איז פּלוצלינג געוואָרען דער העלד פון טאָג.

טאַנאַראָוו האָט פאַר די אָפיציערען דערצעהלט אַלעם מיט יעדער קליינינגקייט, ס'האָט זיך אין איהם ערוועקט אַ געפיהל פון ראַכע צו זיין פריהערינגען פריינד. שטענדיג האָט איהם זאַרודין געגעבען אָנצוהערען, אַז ער שטעהט נידעריגער פון איהם. איצט האָט ער אַלץ מיט אַ שטילע צופריעדענהייט דערצעהלט אַלעם.

אין צימער אויפ'ן דיוואַן איז זאַרודין געלעגען אַליין. דער סאָלדאַט איז שוין געוואָהר געוואָרען וואָס ס'איז מיט זיין הערר געשעהן, ער קוקט מיט רחמנות אויף איהם, ברענגט איהם וויין און פרעהט זיך שטיל וואָס זיין בעל־הבית מוז אין הויז בלייבען.

— זיין הויך־וואָוילגעבוירען, מעג דאָך אַביסעל וויין טרינקען, זאָגט ער שטיל מיט אַ מיליטערישע האַלטונג.

— ווי, וואָס? זאַרודין עפענט אויף די אויגען פערמאַכט זיי אָבער באַלד

און זאָגט שטיל מיט אַ צובראָכענעם טאָן:

— גיב — — מיר — — דעם שפּיגעל — — אָהער...

דער סאָלדאַט זיפצט שטיל, ברענגט איהם צו דעם שפּיגעל און לייכט איהם צו מיט אַ ליכט.

— נו, וואָס איז דאָרט צו זעהן, טראַכט ער מיט אַ רחמנות געפיהל.

זארודין האָט אַ קוק געטהאָן אין שפּיעגעל און פאַר שרעק האָט ער אַ גע־שריי געטהאָן, פון דעם שפּיעגעל האָט צו איהם אַרויסגעקוקט אַ בלוילין־רויט שוואַרץ פּנים, איין באַק מיט'ן אויג פערשוואָלען, איין זייט וואַנצע צוזאַמענ־געקלעבט און שטעכעדיג.

— נעהם אוועק דעם שפּיעגעל! — האָט ער אַ ברום געטהאָן און האָט זיך היסטעריש צוּוויינט.

— מיין ליעבער הערר! צו וואָס דאַרפט איהר זיך ערגערען, ס'וועט שוין ווידער צוריק גוט ווערען, טרייסט דער דינער מיט אַ רחמנות טאָן און דער־לאַנגט איהם אַ גלאָז וואַסער.

זארודין נעהמט דאָס גלאָז צום מויל, ער טרינקט אָבער נישט, דאָס וואַ־סער פערגיסט זיך איבער זיין ברוסט.

— געה צום טייוועל! — צושרייט ער זיך מיט כעס, אָבער דאָך פיהלט ער אין דער מינוט, אז דער סאָלדאַט איז דער איינציגער וואָס האָט אויף איהם רחמנות, אָבער דער געפיהל טרעט באַלד אָב פון איהם. דער אונער־טרעגליכער געדאַנק אז איצט האָט אפילו דער פּראָסטער סאָלדאַט אַ רעכט איהם צו בעדויערען, פערשאַפט איהם אויסערגעוועהנליכע שמערצען.

דער סאָלדאַט האָט אָנגעפאַנגען פינטלען מיט די אויגען און פיהלענדיג אַז ער וועט זיך באַלד צוּוויינען, איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך גע־זעצט אויף די שטיינערנע טרעפּ, דער הונט איז צו איהם צוגעשפּרונגען און ער האָט גענומען גלעטען זיין ווייכע פעל.

איבער'ן גאָרטען האָבען געפינקעלט די בלישטשענדיגע שטערען, דער הונט האָט זיין קאָפּ געלעגט אויף זיינע קניהען און געקוקט איהם אין די אוי־גען.

דער סאָלדאַט איז געוואָרען טרויריג אַזוי ווי ער זאָל עפּעס פיהלען אַן אונגליק קומען...

— אוי, איז דאָס אַ לעבען, אַ לעבען! טראַכט ער און פערבענקט זיך אַ היים אין זיין דאָרף.

זארודין ליעגט אויפ'ן דיוואַן, דריקט זיין קאָפּ קראַמפּפהאַפט צום אָנ־לעהן פון דיוואַן און פערגעהט אַזש פאַר ליידען, אפילו נישט פיהלענדיג ווי

דאָס הייסגעוואָרענע נאַסע האַנטוך האָט זיך זוּראָבגערוקט איבער זיין פּנים.

— נו, איצט איז צו אַלעם אַ סוף — טראַכט ער וויינענדיג, — צו וואָס איז אַ סוף? צו אַלעם, דאָס גאַנצע לעבען, אַלץ איז פערלוירען... פאַר וואָס? ווייל מען האָט מיך געשענדעט... ווייל מען האָט מיך געשלאָגען ווי אַ הונט. מיט דער פויסט אין פּנים אַריין... ביים מיליטער וועל איך שוין מעהר נישט קענען פערבלייבען...

זארודין האָט זיך מערקווירדיג און קלאָהר פאָרגעשטעלט ווי ער ליגט אין מיטען דער אַלעע פון'ם גאָרטען אויף אַלע פיער, ווי אַ צוטרעטענער וואָרים שטענדיג אויפ'ם ניי, שטעלט זיך דער מאָמענט פאַר איהם פאַר, יעדע קלענסטע איינצעלהייט זעהט ער פאַר זיך אַזוי ווי פון ערגעץ אַ שטאַרקע ליכט בעלויכטען, ער דערמאַנט זיך, אַז ער האָט געזעהען דאָס ווייסע קלייד פון קאַרסאַווינאַ, דאָס פערשאַפט איהם נאָך מעהר שמערצען...

— ווער האָט מיך דען אויפגעהויבען? טראַכט ער... ער שטרענגט זיך אָבער אָן נישט מעהר צו טראַכטען, ווענען גאַרנישט קלערען...

— איז דאָס געווען טאַנאַראָוו... אָדער אפשר דער פּאַסקודנע זשיד וואָס איז געגאַנגען מיט זיי. יאָ, נישט קיין אַנדערער ווי טאַנאַראָוו... אָבער וואָס איז דער אונטערשיעד... אין וואָס האַנדעלט עס זיך אייגענטליך? יאָ, אַז מיין גאַנץ לעבען איז פערדאָרבען, און איך קען שוין מעהר ביים מיליטער נישט בלייבען, אפשר איהם רופען אויף אַ דועל... אָבער ער וועט זיכער נישט וועלען געהן.. נו, וואָס וועט זיין? אפיציער וועל איך זיכער מעהר נישט זיין..

ער דערמאָנט זיך, ווי אָן ערוואַרטעט וואו ער איז אַליין געזעסען, האָט צוויי אַלטע פערהייראַטע אָפיציערען פון'ם אָפיציער-פּאָלק אַרויסגעוואָרפען, ווייל זיי האָבען זיך נישט געוואָלט שלאָגען.

— מיט מיר וועט מען אויך אַזוי טהאָן, מען וועט אפשר זיין העפליך, אָבער די האַנט וועט מיר קיינער נישט רייכען.. ס'וועט קיינער נישט שטאָלץ זיין ווען איך וועל איהם נעהמען אונטער'ן אָרעם... קיינער וועט מיך מעהר נישט מקנא זיין, אָבער דאָס איז נאָך דאָס קלענסטע, אָבער די שאַנדע! די שאַנדע! דאָס איז די הויפּטזאַך... און פאַר וואָס איז דאָס שאַנדע? ווייל מען האָט מיך געשלאָגען.. יאָ, ווען איך בין נאָך געווען אין קאַדעטען-קאָרפּס האָט מען דאָך מיך אויך געשלאָגען... דער דיקער, שוואַרצער, האָט מיר אַ צאָהן אויסגעשלאָגען... און ס'איז גאָר נישט געווען... שפּעטער האָבען מיר זיך ביי-דע מוחל געווען און מיר זיינען געבליבען די בעסטע פריינד... קיינער האָט מיך נישט פעראַכטעט...

פאַר וואָס זשע זאָל איצט אַנדערש זיין? איז עס דען נישט אַזוי ווי

דאמאלס? אויך דאמאלס האט געראָנען בלוט, אויך דאמאלסט בין איך אומ־געפאלען. פאר וואס זשע זאל איצט זיין אנדערש? פאר וואס?

אויף די אלע פראגען קען זארודין קיין ענטפער נישט געפינען, ער פיהלט נאר אז ער איז ביז איבער'ן קאפ אין א זומפ אריינגעפאלען, ער וועט נאך טיעפער זינקען, וואס וואלט געווען, ווען ער וואלט מיין אויפפאדערונג יא געווען אנגענומען... און טרעפט מיר מיט א קוגעל אין מיטען פנים? וואלט דען דאס זעלבע נישט געווען?! אבער דאמאלס וואלט מיך קיינער נישט פער־אכטעט... יעדער וואלט מיך נאר בעדויערט... וואס זשע איז דער חילוק צווי־שען א קויל אין א פויסט.. יא! וואס פאר אן אונטערשיעד.. וואס? פאר וואס?

זיינע געדאנקען האבען גענומען ארבייטען, געשפרונגען איינער נאכ'ן אנדערען, און אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה האט זיך גענומען עטוואס נייעס בעשאפען, אזעלכעס וואס איז דאכט זיך שוין אמאל געווען, אבער אין זיין אויבערפלעכליכען פוסטען אפיציערסקען לעבען, וואס איז נאר בעשטא־נען בלויז פון ליארעם און בערוישונג איז עס פערגעסען געווארען, איצט איז עס ארויפגעשוואומען, און דעם אונגליק וואס האט איצט געטראפען מיט איהם איז דער געדאנק געווארען שארפער און שטארקער.

איינמאל האט פאן־דעייץ זיך מיט איהם געשפארט וועגען דעם, אז איי־נער וואס קריגט א פאטש אויף די לינקע באק דארף ער די רעכטע אויך אונ־טערשטעלען, און דאס מאל איז ער אליין געקומען און האט געשריגען און גע־ליארעמט, פאר וואס סאנין האט נישט געוואלט אננעהמען זיין אויפפאדערונג צום דועל, ער איז געווען אויפגערעגט, געמאכט מיט די הענט: ס'טייטש, ווי אזוי ענטזאגט מען זיך פון א דועל? זיי אליין זיינען דאך שולדיג פאר וואס איך האב סאנין'ען געשמיסען מיט'ן בייטשעל, מיין גאנצע שולד ליעגט אין דעם וואס איך האב קיין צייט נישט געהאט איהם מכבד צו זיין.. אבער דאס איז דאך אונגערעכט.. אבער דאך איז עס א שאנדע... ביים מיליטער וועל איך שוין מעהר נישט קענען בלייבען...

זארודין נעהמט זיך אן ביים קאפ, דרעהט איהם אין אלע זייטען אויפ'ן קושען, און הערט זיך צו צו די שמערצען פון זיין פערשוואלענע אויג... פלוצים באפט איהם אן א שרעקליכער אויסגוס פון כעס:

— — — איך וועל איינפאך נעהמען א רעוואלווער און דעם הונט דער־שיסען! כ'וועל אין איהם אריינגאגען איין קויל נאך דער צווייטער, דערנאך וועל איך איהם מיט מיינע פיס טרעטען.. גלייך אויפ'ן פנים... די ציין, די אויגען...

מיט א נאסען שווערען קלאפּ איז דער קאמפּרעס ארונטערגעפאלען אויף דר'ערד. זארודין האט דערשראקען געעפענט די אויגען, און האט דערזעהן דאס טונקעל-בעלויכטענדע צימער, א שיסעל וואסער, דאס נאסע האנטוך און ביי דער זייט דאס שווארצע טרויעריגע פענסטער, וועלכעס קוקט אויף איהם אזוי געהיימניספאל און טרויעריג.

— — — ניין, אלץ איינס — טראכט ער, ס'וועט דאך גאר נישט העל־פען, ס'איז אלץ איינס, אלע האבען געזעהען ווי ער האט מיך אין פּנים אריין געשלאגען, ווי איך בין אויף אלע פיער ארומגעקראכען.. דער צושלאגענער. דער צושלאגענער! — איינעם איבער'ן פרעסער בעקומען... דאס איז שוין גענוג, מען קען עס נישט גוט מאכען, קיינמאל נישט! קיינמאל נישט! איך וועל שוין קיינמאל גליקליך נישט זיין...

ווידער איז עפּעס שארפעס און קלארעס געקומען איהם אין די געדאנ־קען: — — בין איך דען אמאל אמת'דיג געווען פריי... איך געה דאך טאקע איצט דורכדעם אונטער, ווייל איך בין קיינמאל נישט פריי געווען.. איך האב קיינמאל נישט מיר אליין געהערט, וואלט איך אליין דען געגאנגען צו א דועל? וואלט איך אליין וועלען איהם מיט'ן בייטשעל שלאגען?.. איך וואלט אויך נישט געווען געשלאגען געווארען... אלעס וואלט געבליבען אזוי שעהן און גליקליך... ווער און ווי אזוי איז עס אויסגעטראכט געווארען; אז א בעליי־דיגונג מוז מיט בלוט אבגעוואשען ווערען? יא, מיך האט מען יא מיט בלוט בעגאסען, מיט מיין אייגען בלוט.. וואס? איך ווייס נישט... פון'ם פאלק מוז איך אוועק...

די אהנמעכטיגע און ביטערע געדאנקען האבען זיך צייטענווייז גע־פּרואווט אויפהויבען, זיי זיינען אבער צוריקגעפאלען ווי א פויגעל מיט צו־בראכענע פליגעל, איין געדאנק האט געטריבען דעם צווייטען און איז ווידער געבליבען אומפ'ן זעלבען ארט ווי פריהער, אז ער קען שוין ביים מיליטער נישט פערבלייבען... ער איז אויף אייביג א געפאלענער...

פלוצלונג איז איהם א פיעבער בעפאלען, ער האט אנגעפאנגען צו פאנטא־זיערען, מיט אמאל דערזעהט ער פאר זיך צוויי פויערען, זיי זידלען און שלא־גען זיך... איינער גיט דעם צווייטען א זעץ איבער'ן קאפּ. יענער אן אלטער, פאלט צו דער ערד, דערנאך הויבט ער זיך אויף און אבווישענדיג זיך מיט'ן ארבעל דאס בלוט וואס רינט איהם פון נאז, זאגט ער צו יענעם:

— — אבער א נאר בליבסטו דאך...

יא, דאס האט ער א מאל געזעהן, ער דערמאנט זיך יעדער איינצעלהייט, ער זעהט פאר זיך א האלב טונקעל צימער א ליכט ברענט אויפ'ן טיש... דער־

נאך זעהט ער ווי די צוויי פויערען טרינקען צוזאמען „וואדקא".

דערנאך ווערט ער ווידער אזוי ווי צומישט, דאס צימער און דאס ליכט פערשווינדען פון זיינע אויגען, ער זעהט שוין גאר נישט... אבער צו טראכטען הערט ער נישט אויף... שפעטער, ווען דאס ליכט שווימט ארוים פון דער פינסטערניש, געלינגט עס איהם מיט מיה נאר דעם איינעם געדאנק פעסט צו האלטען... אז מיט אזא שאנדע קען מען ווייטער נישט לעבען.. אזוי, מוז איך טאקע שטארבען... איך וויל דאך אבער פארט נישט שטארבען... איך וויל דאך נישט... אהא! דער גוטער נאמען מיינער... אבער צום טייוועל! וואס געהט מיך דער גוטער נאמען אן, אז איך מוז שטארבען? ביים מיליטער קען איך דאך נישט בלייבען... ווי אזוי זשע קען איך ווייטער לעבען?

אזוי ווי עטוואס אונבעגרייפליכעס, טרויעריג און פרעמדעס האט זיך איהם זיין צוקונפט פארגעשטעלט.. פון אזא לעבען ענטזאגט זיך זארודין. און יעדעס מאל ווען דער געדאנק וויל איהם דאס לעבען שעהן און ערהאבען פארשטעלען, פאלט ער באלד צוריק און פאר איהם ווייזט זיך א פוסטער טיעפער אבגרונד...

די נאכט רוקט זיך וואס ווייטער. הינטער דעם טונקלען פענסטער לויערט א שווערע שטילקייט, עפעס אזוי ווי אין דער גאנצער וועלט ליידעט נאר א י י ן זארודין... אויפ'ן טיש ברענט דאס ליכט און דער געלער פלאם ווארפט א טונקעלען געלען שיין ארום זיך. זארודין קוקט מיט פיעבער און פערצווייפלונג אויפ'ן פלאם און בעמערקט נישט ווי דאס ליכט ווערט וואס אמאל קלענער און קלענער... זיין מוח האט זיך פערוועבט אין א ים פון טונקלע געדאנקען און ער קוקט אונבעוועגליך צום ליכט.

אין מיטען פון דעם כאאס פון עראינערונגען, פארשטעלונגען, געפיהלען און געדאנקען, איז איין געפיהל געווען צום שארפסטען; ס'האט זיין הארץ ווי מיט א מעסער געשניטען: דאס איז דער מורא'דיגער שמערץ אז ער וועט ערגעץ דארפען זיין אליין... אין א פערווארפען ווינקעל... דא וועלען טויזענדער מענשען לעבען, גליקליך און צופריעדען, שטיפען און לאכען. זיי וועלען ריידען אמאל אויך פון איהם — — — ער אבער וועט זיין אליין...

זארודין וויל זיך דערמאהנען עפעס אין א בעקאנטע פערזאן, איין געטרייען מענש... אבער אלע שטעלען זיך איהם פאר פאר שלעכטע פערדארבענע חיות... ער דערמאהנט זיך אין לידא'ס טרויעריגע לאגע...

ער שטעלט זיך זי פאר אזוי ווי ער האט איהר צום לעצטען מאל געזעהן, מיט גרויסע אויגען, וואס קוקען אזוי רחמנות'דיג, נישט זעהענדיג פאר זיך קיין שום לעבענס-פרייד, איהר שוואכער קערפער אין אהויז-קלייד

פערוויקעלט, איהר צאָפּ צוֹאוואָרפען, און איהר פּנים זעהט זיך נישט קיין נקמה געפיהל, קיין פעראַכטונג... אזוי לעבענס־מיעד שטעלט זי זיך איהם פאַר...

ער דערמאָהנט זיך אַז דער סצענע, ווען ער האָט אין דער צייט פון איהר אונגליק זיך אַבגעזאָגט פון איהר; דאָס רייסט איהם איצט אין זיין טיעפער נשמה אזוי ווי מיט צוואַנגען...

— — — זי האָט דאמאָלס זיכער געמוזט נאָך מעהר ליידען פון מיר, טראַכט ער, — און דאָך האָב איך זי פון מיר אַבגעשטויסען... איך האָב אליין געוואונשען אַז זי זאָל שטאַרבען, זי זאָל זיך דערטרינקען.

אזוי ווי צו אַ לעצטע רעטונג האָט זארודין אָנגעפאַנגען בענקען צו לידא'ן צוריק... איהרע לאַסקעס, איהר טהיילנאַהמע... ס'וואָלט איהם אפשר פון אונטערגאַנג געראַטעוועט. אָבער אין דער זעלבער מינוט דערמאָנט ער זיך אַז לידא וועט שוין קיינמאָל נישט קומען צו איהם, ווייל אַלץ איז צו ענדע... זיין צוקונפט איז אַ פּוסטער אַבגרונד...

זארודין פּרעסט זיין האַנד צום קאָפּ. ס'דאַכט זיך אַז אזוי וועט ער שוין אויף שטענדיג בלייבען... די אויגען געשלאָסען, די צייהן צוזאַמענ־געפּרעסט; באַלד, אָבער, נעהמט ער די האַנד פונ'ם פּנים אַוועק, זעצט זיך אויף; זיין קאָפּ שווינדעלט, אין מויל ברענט, הענט און פיס ציטערען ביי איהם. ער הויבט זיך אויף, געהט וואַקלענדיג צו צום טיש און זיין קאָפּ דריקט איהם שמערצליך שווער.

— — — אַלעס איז פערלאָרען — — — מיין לעבען, לידא —אַלעס...

ווי אַ בליץ האָט אַן אויגענבליק זיינע אויגען בעלייכטעט, ער פערשטעהט איצט אַז ער האָט אין זיין לעבען קיין שעהנעס, גוטעס און גליקליכעס נ י ש ט געהאַט. אַלץ איז געוועזען שמוציג, פאַלש און נאַריש; סהאָט גאָר קיינמאָל קיין זארודין נישט עקזיסטירט, וואָס זאָל האָבען אַן אמת'ן כאַראַק־טער, ס'איז נאָר געוועזען אַ מענש וואָס האָט נאָר שטענדיג אין נארישען לוק־סוס און אויסגעלאַסענהייט געלעבט. איצט ליידעט ער און איז אונגליק־ליך...

— — — איך קען נישט ווייטער לעבען, טראַכט זארודין רוהיג, — און אַ נייַ לעבען אַנצופאַנגען, מוז מען אַלעס פון פריהער אוועקוואַרפען, ווער־דען אַ גאַנץ אַנדערער מענש... דאָס קען איך נישט!... איך קען נישט...

זיין קאָפּ פאַלט איהם שווער אויפ'ן טיש, און ער קוקט פערשטאַרט אויף דעם ברענענדיגען ליכט, ווי עס ווערט צוקאַפּעט און טריפט אַרויף אויפ'ן לייכטער...

31־טעם קאפיטעל.

דעם זעלבען אבענד איז סאנין אליין געגאנגען צו סאלאווייטשיקען. איינזאם איז סאלאווייטשיק געזעסען אויף די שטיינערנע טרעפּ פונ׳ם הויז און האט געקוקט אין הויף אריין, טראכטענדיג, גאט ווייסט פון וואס.

די פערשלאסענע טויערען מיט די גרויסע פערראסטעטע שלעסער, די פערשטויבטע פענסטער פון דער מיהל, דער גרויסער לערער פּלאץ, זעהט אוים ווי א שטילער בית־הקברות, וואו דאס גאנצע לעבען פון אמאל איז אויסגעשטארבען.

סאנין איז ביים ערשטען קוק אויף סאלאווייטשיק׳ם פּנים געווארען פערוואונדערט: דער שטענדיגער אונטערטעניגער שמייכעל, וועלכער פלעגט זיך בעווייזען אויף סאלאווייטשיקס פּנים, האט זיך איצט נישט גע־זעהן, נאר זיינע שווארצע גרויסע אויגען האבען ערגעץ וואו געקוקט אין דער לופט און געטראכט.

— אה! גוט׳ן אבענד, האט ער געזאגט און האט גלייכגילטיג געדריקט סאנין׳ס האנד. ער האט זיך ווידער אומגעקעהרט צום טונקלען הימעל אונטער וועלכען די שווארצע דעכער פון די שפייכלער האבען אויסגעזעהן נאך שווארצער.

סאנין האט זיך אויך אוועקגעזעצט אויף די טרעפּ, האט זיך פערדרוי־בערט א ציגארעט און לאנג געקוקט אויף סאלאווייטשיק׳ן, טראכטענדיג אז אין איהם קומט עפּעס בעזונדערעס פאר:

— וואס טהוט איהר דא? פרעגט סאנין נאך א ווייל שווייגען. סא־לאווייטשיק ווענדעט זיך מיט זיינע טרויעריגע אויגען צו סאנין׳ן.

— אט אזוי בין איך דא... די מיהל איז געבליבען שטעהן. איך האב געארבייט אין קאנטאר, און איך האב דא געוואהנט... אלע זיינען שוין אוועק פון דאנען, נאר איך איינער בין געבליבען... איינער אליין...

— איז אייך נישט טרויעריג אליין דא צו וואהנען?

— וואס הייסט טרויעריג? — — — איז דען נישט אלעס אלץ איינס?...

ווידער איז שטיל געווארען. ס׳הערט זיך דאס קלינגען פונ׳ם הונט׳ס קייט.

— דא איז נישט טרויעריג... —רעדט ווייטער סאלאווייטשיק, — נאר דא, אין קאפּ, אין הארצען...

— וואס איז דען געשעהן? — פרעגט סאניו רוהיג.

— הערט מיך אוים. —סאלאווייטשיק האט גענומען העכער און לייר־דענשאפטליכער רעדען, — איהר האט געשלאגען א מענשען, און איהר האט זיין גאנצען לעבען צובראכען... איך בעט אייך, זייט נישט בייז וואס איך רעד אזוי צו אייך... אבער איך טראכט פיעל וועגען דעם. די גאנצע צייט זיץ איך דא און טראכט וועגען דעם. ס'איז מיר אויפ'ן הארצען טרויעריג געווארען... איך בעט אייך, ענטפערט מיר! אן אויגענבליק בעוויזט זיך א ביטערער שמייכעל אויף זיינע ליפען.

— פרעגט וואס איהר ווילט נאר. דענקט נישט אז איך וועל זיך געפינען בעליידיגט; פאר אן אויפריכטיגע פראגע — זיכער נישט. וואס איך האב געטאהן, האב איך געטאהן. ווען איך זאל דענקען אז דאס איז שלעכט געווען פון מיר, וואלט איך זיך נישט געשעהמט, איך וואלט זיך מודה געווען.

— איך וויל אייך פרעגען, האט סאלאווייטשיק גענומען רעדען אביסעל שטאמלענדיג, — ווען, למשל, איהר זאלט זיך ... פארשטעלען, אז איהר האט אפשר געטויטעט אט דיעזען מענש?...

— איך צווייפעל נישט אין דעם. אזא מענש ווי זארודין קען אנדערש נישט האנדלען ווי מיך אדער זיך צו טויטען... וואס מיך אנבעטרעפט... כיין, דער פסיכאלאגישער מאמענט איז פאראיבער; באלד אין יענער מינוט האט ער עס געדארפט טאהן... שפעטער אבער וועט ער קיין מוטה נישט האבען צו דעם... ער איז שוין אן אויסגעשפיעלטער... אלץ איז צו ענדע.

— און איהר קענט אזוי רוהיג איבער דעם רעדען?

— וואס הייסט רוהיג?... איך קען אפילו נישט צוזעהן ווי מען קוילעט א הוהן; בפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען א מענשען. דאס שלאגען אליין איז דאך פיינליך... אמת... דער געפיהל אז מען איז שטארק איז אפילו אנגענעהם... אבער דאך... ס'איז נאריש. ס'איז אויך געווען העסליך, וואס אלץ איז אזוי רויה און ווילד צוגעגאנגען; אבער מיין געוויסען איז רוהיג. אבער איך... ביי מיר איז דאס נאר געווען א צופאל. זארודין אליין איז שולדיג, ער געהט אויף אזעלכע וועגען, און ס'איז א וואונדער פאר וואס ער שלעפט נישט נאך אנדערע מענשען מיט זיך אין אבגרונד. אט דיעזע אפיצירלעך לערנען ווי אזוי מענשען צו טויטען, ווי אזוי זיין אייגענעם קערפער צו פאשען, און אליין בעגרייפען זיי נישט צו וואס זיי טהוען דאס. דאס זיינען משוגעים, אידיאטען, און ווען מען לאזט משוגעים אויף די גאסען ארומגעהן, שניידען זיי זיך אלע די העלזער ארונ־

טער... וואס בין איך שולדיג אז איך האב זיך געמוזט פאר אזא הונט פער־טהיידיגען.

— אבער איהם האט איהר געטויטעט, טענה'ט סאלאווייטשיק.

— פאר דעם זאל ער מיך פאר'ן ליעבען גאט פערקלאגען, פאר וואס ער האט אונזביידע אויף איין פלאץ צוזאמענגעבראכט און מיר האבען נישט געקענט איינער דעם אנדערן אויסווייכען.

— האט איהר דאך איהם געקענט איינפאך האלטען ביי די הענד, נישט איהם א זעץ טאהן אין פנים.

— ביי אזא פאל דענקט מען נישט נאך וואס מען קען טאהן... און וואס פאר א צוועק וואלט עס געווען געהאט? דאס געזעץ פון זיין נאריש־מיליטערישער לעבען האט פערלאנגט נקמה; איך וואלט דאך איהם נישט געקענט אייביג ביי די הענט האלטען. פאר איהם וואלט עס געווען א פרישע בעליידיגונג... נישט מעהר.

סאלאווייטשיק האט זיינע הענט צושפרייט און איז אנשוויגען געוואָרען.

די פינסטערניש האט זיך גערוקט אין אלע זייטען, די ברעגעס פון די שווארצע שפייכלער־דעכער האבען געוואָרפען טונקעלע שאטענס אויף דעם פוסטען הויף. שטילע טריט פון עפעס געהיימניספולע נאכט־געהער האבען זיך געהערט אונטער די שפייכלערס און האבען אויפמערקזאם געמאכט דעם הונט. ער איז ארויסגעקראכען פון זיין נארע און האט בייז געקלונגען מיט דער קייט.

— איהר מעגט זיין גערעכט, — האט זיך ווידער סאלאווייטשיק גע־ווענדעט צו סניז'ן, — ס'איז אבער נויטהיג געווען, און אפשר וואלט עס גאר בעסער געווען, ווען איהר וואלט פון איהם בעקומען א קלאפ...

— פאר וואס בעסער?... ס'איז קיין ערגערס נישטא ווי צו קריגען א זעץ פון יענעם. פאר וואס האב איך עס געזאלט טאהן־... אוים וועלכען גרונד?...

— ניין, איך בעט אייך, הערט מיך אוים... — לאזט איהם סאלאַ־ווייטשיק נישט אויסרעדען, — אפשר וואלט עס בעסער געווען...

— פאר זארודין'ען וואלט עס זיכער בעסער געווען...

— ניין, פאר אייך אויך. דענקט נאר...

— אך, סאלאווייטשיק, האט סאנין געענטפערט אביסעל אויפגערעגט.
— דאס איז אלץ נארישע, אלטע באבע־מעשות וועגען מאראלישען זיעג. און דערצו זיינען אט די מעשות אזוי אומגעלומפערט. דער מאראלישער

זיעג בעשטעהט נישט אין דעם, אז מען זאָל פאַר יענעם זיין באַק אויסשטע־לען, נאָר פאַר זיין אייגענעם געוויסען געערבט צו זיין. און ווי אזוי מען זאָל זיך דאָס רעכט פערשאַפען, איז קיין חילוק נישט... דאָס הייננט אָב פון צופאַל, פון די אומשטענדען. ס'איז נישטא עטוואָס שרעקליכערעס ווי שקלאַפעריי, און ווען א מענש בויגט און בוקט זיין קערפער פאַר יענעם, כדי די אזוי־גענאַנטע מאָראַל נישט צו פערלעצען, איז נאָך ערגער פון שקלאַ־פעריי...

סאָלאָווייטשיק נעהמט זיך פלוצים אָן ביים קאָפּ, אבער אין דער טונ־קעלהייט קען מען דעם אויסדרוק פון זיין פּנים נישט דערקענען.

— וואָס זאָל איך שוין זאָגען?... — רופט ער מיט א וויינענדיגע שטימע, — מיין שכל איז שוואַך, איך קען זיך גאָרנית ערקלעהרען, איך קען גאָרנישט פערשטעהען... איך ווייס נישט ווי אזוי מען זאָל לעבען.

— צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען!? לעבט אזוי ווי דער פויגעל פליהט: וויל ער אויפהויבען דעם רעכטען פליגעל, גוט, הויבט ער איהם אויף... וויל ער איבער א בוים אריבערפליהען, פליהט ער...

— יא, א פויגעל קען דאָס, ער האָט פליגעל; אבער איך, איך בין דאָך נישט מעהר ווי א מענש.

סאַניז צולאַכט זיך. זיין פרעהליך לאַכען פערשפּרייט זיך קלינגענדיג איבער אַלע עקען פון דעם טונקעלען הויף.

סאָלאָווייטשיק בלייבט שטיל א ווײַלע און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— ניין, זאָגט ער טרויעריג, דאָס איז נאָר בלויז ווערטער... איהר קענט מיך נישט לערנען ווי אזוי איך זאָל לעבען. קיינער, קיינער קען עס נישט.

— דאָס איז אמת, קיינער קען עס נישט. די קונסט צו לעבען איז אויך א טאַלאַנט... און ווער ס'האָט דעם טאַלאַנט נ י ש ט, דער מוז אונטערגעהן.

— איהר זייט איצט אזוי רוהיג, איהר רעדט אזוי ווי איהר וואָלט שוין אַלעס וויסען. און ... איך בעט אייך, זייט אויף מיר נישט בייז... זייט איהר אַלעמאָל אזוי געווען... כ'מיין, אזוי ווי איהר זיינט איצט... רוהיג... און שטאַרק?

— אָה ניין! — ענטפערט סאַניז שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — נישט אַלע מאָל בין איך אזוי געווען. אמת, רוהיג בין איך אַלע מאָל געווען, ס'איז אבער געווען צייטען וואָס איך האָב איבערגעלעבט די שרעקליכסטע צווייפ־לען, ס'איז אויך געווען א צייט ווען איך האָב מיט גרויס ערנסטקייט פונ'ם אידעאַל פון דעם קריסטליכען לעבען גע'חלומ'ט.

סאנין איז אנטשוויגען געווארען און האט זיך פערטראכט. סאלאַ־וויטשיק האט מיט אן אויסגעשטרעקטען האלז אויף איהם געקוקט, אזוי ווי ער זאל פון איהם עטוואס פאר זיך אונבעגרייפליכעס, זעהר וויכטיגעס ער־ווארטען.

— כ'האב אמאל געהאט א פריינד, א סטודענט פון מאטהעמאטיק, האט סאנין ווייטער אנגעפאנגען, — איוואן לאנדע האט ער געהייסען. ער איז געווען א וואונדערבארער מענש מיט א שטארקען ווילענס־קראפט, א קריסט נישט אוים פרינציפ נאר דורך זיין נאטור. אין זיין לעבען האבען זיך אלע קריסטליכע פראגען און פראבלעמען אבגעשפיעלט... אז מען האט איהם געשלאגען האט ער זיך נישט פערטהיידיגט, זיינע פיינד האט ער אלע מוחל געווען, מיט יעדען מענשען האט ער זיך ווי מיט זיין אייגענעם ברודער בעגאנגען... ער האט מיט קיין פרוי נישט פערקעהרט... איהר דערמאנט זיך אין סעמיאנאוו'ן?

סאלאוויטשיק שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא.

— סעמיאנאוו'ן איז דאמאלס זעהר שלעכט געגאנגען. ער האט דאמאלס אין די קרים געוואהנט. ס'איז איהם אזוי שלעכט געגאנגען, אז ער האט געטראכט וועגען זעלבסט־מארד. איוואן לאנדע איז דערפון געוואהר געווא־רען. ער האט זיך, נאטירליך, בעשלאסען די פערזונקענע נשמה סעמיא־נאוו'ס צו ראטעווען. נישט האבענדיג קיין געלד אויף הוצאות, קיינער האט איהם אויך נישט געוואלט בארגען, האט ער זיך געלאזט די 1000 ווערסט געהן צופוס, און ערגעץ וואו אויפ'ן וועג איז ער צוגרונד געגאנגען... ער האט לויט זיין פערשטאנד זיין לעבען פאר אן אנדערען אוועקגעגעבען.

פול בעגייסטערונג, מיט זיינע שווארצע אויגען קוקענדיג, רופט סאלאַ־וויטשיק:

— נו, וועט איהר דעם דאזיגען מענשען נישט אייער אנערקענונג געבען?

— א גאנצער שטרייט איז אין יענער צייט וועגען איהם געווען, — האט סאנין געענטפערט פערטראכט, — פילע האבען איהם פאר קיין אמת'ן קריסט נישט געהאלטען; אנדערע האבען געזאגט אז ער איז א שוואך־בייסטיגער געווען, ווייל ער האט נישט געקענט מיט אומשטענדען קעמפפען. איך אליין האב עפעס אנדערש אין איהם געזעהן. דאמאלס בין איך נאך אליין פון די נארישקייטען געווען פערבלענדעט. ס'איז אזוי ווייט געגאנגען, אז אמאל האט מיר א סטודענט א פאטש געגעבען, איך בין געפעהרליך אין כעס געווארען. לאנדע איז אבער געווען דערביי; ער האט אויף מיר רוהיג

און שטיל געקוקט... איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז דאַמאָלס געשעהן. איך האָב זיך אויפגעהויבען און שטיל אוועקגעגאַנגען...

אַנפאַנגס בין איך שטאָלץ געוועזן איבער דעם, דאָס הייסט, נאַריש שטאָלץ; און דאָך האָב איך אין הארצען געפיהלט א שרעקליכען האַס צו דעם סטודענט וואָס האָט מיך געפאַטשט, נישט ווייל ער האָט מיך געשלאָ־גען, נאָר ווייל מיין שטיל שווייגען האָט איהם פערגעניגען פערשאַפט. צו־פעליג האָב איך בעמערקט אין וואָס פאַר א פאַלשע, נאַרישע שטעלונג איך האָב זיך אריינגעוואָרפען. איך בין געוואָרען נאַכדענקליך, כ'בין גאַנצע צוויי וואָכען ארומגעלאָפען ווי משוגע, און האָב צום סוף אויפגעהערט מיין נאַרישען מאָראַלישען זיעג פאַר עטוואָס גרויסעס און שעהנעס צו בעטראַכ־טען. ביי דער ערשטער שלעכטער בעמערקונג פון דעם סטודענט, האָב איך איהם גוט די ביינער אָנגעבראָוען, אזש ער האָט זיך נישט געקענט ריהרען. צווישען מיר און לאַנדע'ן איז דאַדורך א ברוגז געוואָרען. איך האָב איהם בעדויערט, ווייל איך האָב איהם בעטראַכט פאַר א נאַרישען אָרעם־פער'־חלום'טען מענשען...

— אַה! וואָס רעדט איהר, — זאָגט סאָלאָוויטשיק, — קענט איהר זיך דען פאָרשטעלען ווי רייך זיין נשמה איז געוועזן!

— זיין גאַנץ לעבען איז געוועזן איינטאָניג, ווייטער נישט. דאָס גאַנ־צע גליק פון זיין לעבען איז בעשטאַנען אין דעם, יעדער אונגליק צוצונעהמען און זיך נישט אנטקעגען־צו־שטעלען. דאָס רייכטהום פון זיין נשמה, ווי איהר רופט עס, איז געווען, זיך אָבצוזאָגען פון אַלץ וואָס אין לעבען איז שעהן. ער איז געווען א בעטלער, ווייל ער האָט עס אַליין געוואָלט; א טרוימער, ווייל ער האָט דאָס אמת'ע לעבען נישט געקענט.

— איהר ווייסט גאָר נישט ווי איהר מוטשעט מיך, — זאָגט סאָלאָ־וויטשיק, מאַכענדיג אומגעלומפּערט מיט די הענט.

— וואָס פאַר א היסטערישער חברה־מאַן איהר זייט, סאָלאָוויטשיק.

— בעמערקט סאַנין פערוואונדערט, — איך דערצעהל אייך גאַרנישט אזא אויסערגעוועהנליכעס, אדער האָט זיך די דאָזיגע פראַגע מיט זעהר פיעל שמערצען אין אייך איינגעגעסען?

— זעהר... זעהר... ענטפערט סאָלאָוויטשיק מיט א זיפץ, — איך טראַכט און טראַכט... אזש מיין קאָפּ טהוט מיר וועה, איז דאָס אַלעס געוועזן א טעות?... איך זיץ אזוי ווי אין א פינסטער צימער און קיינער קען מיר נישט זאָגען, וואָס איך מוז טאָהן. צו וואָס לעבט דער מענש? זאָגט איהר עס מיר!

— צו וואס? דאס ווייסט קיינער נישט.

— איז גאר קיין מעגליכקייט ניט פארהאנען אין די צוקונפט א שעה־נער לעבען זיך צו שאפען, כאטש די קומענדע דורות זאלען א גאלדענע צייט האבען.

— ס'וועט קיינמאל קיין גאלדענע צייטען נישט זיין; ס'קען נאר דאמאלס צו דעם קומען, ווען דאס לעבען און די מענשען וועלען זיך אוים־בעסערען ... אבער צו דעם וועט עס קיינמאל נישט קומען ... פערבעסע־רונגען קומען זעהר לאנגזאם, זיי געהען אויף נישט בעמערקבארע טרעפ ארויף, דער מענש זעהט נישט, נאר אויף דעם טרעפעל וואס ער שטעהט און דאס נעקסטע. איהר און איך לעבען איצט נישט אזוי ווי די רוימישע שקלאפען אדער ווי די ווילדע אין דער שטיין־צייט, דורכדעם פיהלען מיר גאר נישט דאס גליק פון אונזער קולטור. אויך דער מענש פון די קומענדע דורות, וואס וועט אפשר אין א בעסערע צייט לעבען, וועט קיין אונטערשיעד נישט וויסען צווישען זיינעם און זיין פאטער'ס, צווישען זיינעם און זיין עלטער־זיידען'ס לעבען. די צוקונפטיגע דורות וועלען אין יענע צייטען, אויך מיט'ן לעבען נישט צופריעדען זיין... אמת'ער גליק וועט קיינמאל נישט עקזיסטירען...

— נו, איז אלעס פוסט? ... פרעגט סאלאווייטשיק פערצווייפעלט, — איז גאר אמת'ע גליק נישט פארהאן?

— איך גלויב, אז נישט.

— נו, און אייער פריינד לאנדע? ... איהר האט דאך אליין געזאגט....

— איך האב מיין פריינד ליעב געהאט ... אבער נישט ווייל ער האט אזא לעבען געפיהרט.... נאר ווייל ער איז געווען אן אמת'ער מענש, ער איז זיך געגאנגען אויף זיין וועג און האט זיך פאר קיינעם נישט אנגעשראקען ... פאר מיר איז ער ווערט געווען, אזוי ווי ער איז געווען, אבער מיט זיין טויט איז אויך זיין ווערטה פערשוואונדען.

— גלויבט איהר דען נישט אז אזעלכע מענשען פערעדלען דאס לע־בען? ... זיי קריגען דאך אמאל אנהענגער אויך...

— ערשטענס, צו וואס דארף מען איינגאנצען דאס לעבען צו פערעדלען? און, צווייטענס, קען מען אזעלכע מענשען נישט נאכגעהן ... אזא לאנדע מוז געבארען ווערען ... יעזוס איז געווען גרויס, שעהן, זיינע אנהענגער, די קריסטען, זיינען גארנישטען ... זיי האבען די ריינע קריסטליכע אידעע אין א טויטע „דאגמא" פערוואנדעלט.

כאגין איז געווארען מיעד ווייטער צו רעדען און ער איז אנשווייגען

נעוואָרען. אַלץ אַרום איז געווען שטיל, נאָר ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די בלישטשענדיגע שטערען אין דער הויך רעדען צווישען זיך.

פּלוצלונג האָט סאָלאָווייטשיק אָנגעפאַנגען עפּעס טרויעריג און שטיל צו מורמלען.

— וואָס איז? פרעגט סאַניז דערשראָקען.

— איהר מוזט מיר זאָגען... וואָס דענקט איהר... ווען אַ מענש ווייס נישט וואו צו געהן... און שטענדיג נאָר, דענקט ער און דענקט... ליידעט, אַלעס איז איהם שרעקליך און אונבעגרייפליך. אפשר איז פאַר אַזאַ מענשען בעסער ער זאָל שטאַרבען...

— אַזוי האָב איך אויך געדענקט, רופט סאָלאָווייטשיק, ער כאַפּט זיך פּלוצים אָן אין סאַניז'ס האַנד און זיינע אויגען קוקען אַרום אַזוי ווי אוים שוואַרצע לערע לעכער.

— איהר זייט אַ טויטער מענש, זאָגט סאַניז, אויפהויבענדיג זיך, — און פאַר אַ טויטען איז בעסער דער קבר... זייט געזונד סאָלאָווייטשיק.

סאָלאָווייטשיק, דאַכט זיך, הערט איהם נישט, ער זיצט אונבעוועגליך ווי אַ שוואַרצער שאָטען פון אַ אָבגעשטאָרבען פּנים...

סאַניז שטעהט נאָך אַ ווײלע שווייגענדיג, דערנאָך דרעהט ער זיך אַוועק פון איהם און געהט אַוועק. בייט טירעל בלייבט ער נאָך אַביסעל שטעהן און הערט זיך איין. אַלץ איז שטיל. סאָלאָווייטשיק'ן קען ער קוים בע־מערקען; עפּעס אַ שטילע שרעק בוירעט זיך איין אין סאַניז'ס האַרץ.

— גאַנץ גלייך, — טראַכט ער, — עהדער אַזוי צו לעבען איז שוין בע־סער דער טויט... ס'וואָלט אַזוי אויך געווען געקומען, ווען נישט היינט וואָלט געווען מאָרגען... ער געהט שנעל אַוועק.

ווען סאַניז איז אויפ'ן בולוואַרד געקומען, הערט ער פון דערווייטענס אונרוהיגע, זאָנדערבאַרע שטימען. עמיצער לויפט שנעל אין דער פינסטער־ניס און ווײנט לויפענדיג.

אַ טונקעלע געשטאַלט בעוויזט זיך און קומט וואָס אַמאָל נעהענטער צו איהם. נישט וויסענדיג פאַר וואָס, איז סאַניז'ן ווידער געוואָרען טרוי־עריג אויפ'ן האַרצען.

— וואָס האָט פּאַסירט? פרעגט סאַניז הויך.

דער לויפענדער בלייבט אַן אויגענבליק שטעהן און קוקט אויף סאַניז'ן מיט אַ דערשראָקען נאַרישען סאָלדאַטען־פּנים.

— וואָס איז געשעהן? פרעגט סאַניז נאָך אַמאָל אויפגערעגט.

דער סאלדאט מורמעלט עפעס צווישען די צייהן און לויפט ווייטער. די נאכט און די שטילקייט האבען איהם פערשלונגען.

— אבער דאס איז דאך זארודין׳ס דינער, פאלט סאנין׳ן איין. א שאר־פער גליהענדער געדאנק גיט א בליץ אין זיין מוח: זארודין האט זיך דער־שאסען...

ער פיהלט א לייכטע קעלט אין זיינע שליפען. א מינוט לאנג קוקט ער ווי פערשטארט אין די פינסטערע נאכט אריין, און עס ווייזט אויס אז אין דעם שטארקען מענשען געהט אן א קורצער, שטילער, אבער שרעקליכער קאמפף...

די גאנצע שטאדט איז אין א שלאף פערוויעגט. די טרעפ פון די הייזער אין גאנצען וויים, און די בוימער שווארץ... אזוי ווי אנגעשטרענגט קוקען די טונקעלע פענסטער אין די גאס אריין און וואכען איבער די שטילע פינס־טערנים.

מיט אמאל גיט סאנין א דרעה מיט׳ן קאפ, שמייכעלט ערנסט און קוקט אין די לופט.

...איך בין נישט שולדיג אין דעם! זאגט ער הויך, — איינער מעהר, אדער ווייניגער... אלץ איינס. מיט פעסטע שטארקע טריט איז ער ווייטער געגאנגען.

32-טעס קאפיטעל

אזוי שנעל ווי אלע נייעסען ווערען אין א קליין שטעדטעל באלד בע־קאנט, אזוי שנעל איז בעקאנט געווארען אז דעמזעלבען אבענד האבען זיך צוויי מענשען דאס לעבען גענומען.

יוריע סווארשיטש איז דאס געוואר געווארען פון איוואנאוו׳ן, וואס איז געקומען צו איהם. ער האט זיך ערשט געהאט פון א לעקציע צוריקגע־קעהרט און האט זיך געשטעלט מאהלען ליאליע׳ס בילד. ליאליע איז גע־זעסען אין א לייכטע העלע בלוזקע, מיט א נאקעט העלזעל און דורכזיכטיגע נאקעטע הענט. די זון האט געווארפען בונטען שטראהלען איבער׳ן גאנצען צימער און האט גאלדיג געמאכט די געקרויזטע זיידען־האר פון איהר קאפ. ליאליע האט איצט אויסגעזעהן ריין, לוסטיג, ווי א גאלדען פויגעלע.

— גוטען טאג, בעגריסט איוואנאוו, א ווארף טהוענדיג זיין הוט אויפ׳ן טיש.

— א... וואס פאר א נייעס ברענגט איהר עפּעס? פרעגט יוריע און שמייכעלט צו איהם פריינדליך. יוריע איז היינט געווען א צופריעדענער, ווייל ער האט דאך געפונען א פּאאר לעקציעס און ער דארף נישט מעהר זיין אנגעוויזען אויפ'ן פאטער'ס לאסקעס און קען איצט זיין אייגענער בעל־הבית זיין. אויך דער איינפלוס פון דער יונגער שעהנער ליאלע, וואס מאכט יעדען גליקליך ווען מען איז נאהענט צו איהר.

— זעהר פיעל נייעס, ענטפערט איוואנאוו מיט א בעשטימטען אויס־דרוק אין זיינע גרויע אויגען; איינער האט זיך דעם קאפּ צושאסען, דער אנדערער האט זיך אויפגעהאנגען און דעם דריטען האט דער רוח גענומען, ווייל ער האט פיינט געהאט ווייבער.

— וואס הייסט דאס?... פרעגט יוריע און קוקט אויף איוואנאוו'ן פערוואונדערט.

— בערוהיגט אייך, דעם דריטען האב איך אליין צוגעלעגט כדי ס'זאל זיין מעהר עפעקטען, אבער צוויי האבען זיך טאקע אמת'דיג אויף יענער זייט איבערגעפּעקעלט... א מזל דארף מען האבען! לעצטע נאכט האט זיך זארודין דערשאסען, און איצט האב איך געהערט, אז סאלאווייטשיק האט זיך אויפגעהאנגען... איהר פערשטעהט, דאס איז די גאנצע מעשה...

— דאס איז דאך אבער נישט מעגליך! שפּרינגט ליאלע אויף א דער־שראקענע און דאך מיט בלישטשענדיגע אויגען.

— איהר מאכט שפּאס?

יוריע לעגט שנעל אוועק דאס פּינזעל מיט'ן פארבען־ברעטעל און געהט צו צו איוואנאוו'ן.

— ווער דענקט איצט פון שפּאסמאכען? — איוואנאוו בעמיהט זיך ווי תמיד א פילאזאפיש־גלייכגילטיגען אויסדרוק צו מאכען, אבער דאך בע־מערקט זיך עטוואס טרויעריגעס אין איהם צו דערקענען...

— פאר וואס האט זיך זארודין געשאסען? ווייל סאנין האט איהם געשלאגען?... און סאנין ווייסט דאס?... פרעגט ליאלע די פראגען מיט אמאל און דריקט זיך צו צו־איוואנאוו'ן.

— יא, סאנין ווייסט עס שוין, ענטפערט איוואנאוו.

— און וואס זאגט ער?.. פרעגט יוריע נישט ווילענדיג.

איוואנאוו ציהט מיט די אקסעל, און ער ווערט אויך איצט אויפגערעגט.

— גארנישט, וואס זאל ער דען זאגען, איז ער דען פערענטוואָרטליך פאר יעדען נאר... ענטפערט איוואנאוו שוין אביסעל געערגערט.

— אבער ווי עס זאל נישט זיין, איז ער דאך פארט די אורזאכע פון

זארודין׳ס טויט. בעמערקט ליאַלע מאַכענדיג דערביי אַן ערנסטע מינע.

— און ווען אפילו שוין יאָ... ווער האָט געהייסען דעם אידיאָטישען אָפיציער קריכען אין פייער... סאַניִן איז אין דעם אין גאַנצען אונשולדיג. ס'איז טאַקע אמת׳דיג צום בעדויערען, עס מוז אָבער אויף די רעכענונג אויף זארודין׳ס דומהייט צוגעשריעבען ווערען.

— נו, די אורזאַכען ליגען פיעל טיעפער — זארודין האָט געלעבט אין אַ בעזונדערען קרייז ...

— און ווען יאָ, ווער איז שולדיג אַז זארודין האָט געלעבט אין אַזאַ אידיאָטישען קרייז אַז ער האָט זיך געמוזט זייערע נאַרישע רעגעלען אונטער־ווארפען, דאָס בעווייזט נאָך מעהר אַז ער איז געווען אַ פשוט׳ער עזעל.

יוריע איז אַנשווייגען געוואָרען; מעכאַניש האָט ער זיך גענומען רייבען זיינע פינגער, כאָטש ניט וויסענדיג פאַר וואָס, איז איהם פיינליך געווען אַזוי צו רעדען וועגען אַ טויטען.

— נו, גוט, רופט זיך אָן ליאַלע צוזאַמענציהענדיג איהרע אויגען בּרעמען, אויף זארודין׳ען בעגרייף איך שוין ... אָבער סאַלאָווייטשיק .. פאַר וואָס האָט ער דאָס געטהאָן?... אויף איהם האָב איך זיך אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט.

— גאָט ווייס עָס... ענטפערט איוואַנאָוו, — ער איז אַלעמאָל געווען אַ צומישטער, ער איז קיינמאָל קיין גאַנצער מענש נישט געווען.

אין דער מינוט זיינען אָנגעקומען ריאַזאַנצעוו און קאַרסאַווינע, ער און אַ וואָגען און זי צופוס, זיי האָבען זיך צוזאַמען געטראָפען לעבען הויז, פון באַלקאָן האָט זיך שוין געהערט, די פערוואונדערטע פרעגעדיגע שטימע פון קאַרסאַווינע און דעם פרעהליך־שפּאַסיגען טאָן פון ריאַזאַנצעוו ווי ער איז שטענדיג געוואָהנט צו רעדען אין דער געגענוואַרט פון שעהנע פרויען.

קאַרסאַווינאַ איז צו ערשט אריינגעקומען, זי איז געווען נערוועז:

— אַנאַטאָלי פּאַוולאָוויטש קומט איצט פון דאָרט, האָט זי בעמערקט נאָך ביי דער טיר שטעהענדיג.

ריאַזענצעוו האָט נאָכדענקענדיג פערמאַכט די טיר, און מיט זיין געוואָהנט צופריעדענע מינע האָט ער זיך אַ סיגאַרעט פערדרויכערט.

— נאַ, דאָס איז שעהנע זאַכען, זאָגט ער, אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך דאָס צימער אָנגעפיהלט מיט זיין געזונטע שטימע און זיין פרעה־ליכקייט.

— אויף אַזאַ אָרט ווען ביי אונז אין שטאָדט באַלד קיין יונגער נישט בלייבען ...

קאַרסאַווינאַ האָט זיך שווייגענדיק אַוועקגעזעצט און איהר שעהן פּנים איז געווען פערשטיינערט.

— נו, לאָזט שוין אַמאָל הערען, בעמערקט איוואַנאָוו צו ריאַזענצעוו.

ריאַזענצעוו האָט געמאַכט איין ערנסטען פּנים און האָט אָנגעפאַנגען דערצעהלען:

— ווען איך בין נעכטען אָבענד פון'ם קלאַב אַרויסגעגאַנגען, איז פּלוצים מיר אַנטקעגען געלאָפען זאַרודין'ס דיענער, און מיט אַ וויינענדיגע שטימע האָט ער מיר דערצעהלט, אַז זיין הויך־וואויל־געבוירענער הער אָפיציער, האָט זיך דערשאָסען. איך בין גלייך אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָשקע און אַהין געלאָפען. איך בין אַהין געקומען איז כמעט אַ גאַנצער פּאָלק סאָלדאַטען שוין דאָרט געווען. ער איז געלעגען אויפ'ן בעט, זיין ראָק צוקנעפּעלט...

— און וואו האָט ער זיך געשאָסען? פרעגט ליאַלע נייגעריג הענגענדיג זיך אויף ריאַזענצעווס אָרעם.

— אין קאָפּ... די קויל האָט זיין גאַנצען מוח צושמעטערט און איז דערנאָך אין באַלקען אַריינגעלאָפען.

— פון אַ ברויניניג? — פרעגט יוריע אינטערעסירט.

— יאָ, פון אַ ברויניניג: אַ העסליך בילד, די גאַנצע וואונד איז מיט בלוט בעשפּריצט, זיין פּנים אין גאַנצען צוריסען, ס'איז שרעקליך דאָס אָנצוקוקען... די וואונד פון סאַנין'ס קלאַפּ זעהט זיך ביי איהם שטאַרק אָן... ריאַזאַנ־צעוו האָט ווידער פרעהליך אַ ציה געטהאָן מיט זיינע אַקסעל, — סאַנין איז אַ געזונדטער חברה־מאַן.

— אַ ודאי איז ער אַ שטאַרקער יונג. שטימט איוואַנאָוו צופריעדען צו.

— ס'איז העסליך, בעמערקט יוריע, טרייסלענדיג זיך פאַר עקעל.

קאַרסאַווינאַ וואַרפט אויף אַ זייטיגען בליק און זאָגט שטיל: — סאַנין איז ניט שולדיג... ער האָט דאָך נישט געקענט וואַרטען ביז זאַרודין זאָל איהם דערלאַנגען...

— אמת, גיט זיך ריאַזענצעוו אַ קרים,— אָבער באַלד אַזוי צו שלאָגען... זאַרודין האָט דאָך איהם אויף אַ דועל אַרויסגעפאָדערט...

— וואונדערבאַר! — אמת'דיג וואונדערבאַר! גוט איוואַנאָוו אַ מאַך מיט די פּלייצע.

— ניין, אייגענטליך, איז אַ דועל אַ נאַרישקייט, בעמערקט יוריע פער־טראַכט.

— זיכער איז אַ דועל נאַריש,— שטימט צו קאַרסאַווינע.

אויף יוריען מאַכט עס אָבער דעם איינדרוק, אַזוי ווי קאַרסאַווינע איז

צופריעדען וואס מען פערטהיידיגט סאניןעץ דאס מאכט איהם גלייך בייז,— אבער אויך אויף אזא אופן איז עס נישט מעהר ווי א פאסקודנע... בעסטא־לישע האנדלונג, בעמערקט ער אויפגערעגט.

— אמת, נאר א חיה קען אזוי האנדלען, — שטימט ריאזאנצעוו צו.

קוקענדיג אויף דעם צופריעדענעם זאטען פנים פון ריאזענצעוו'ן, טראכט זיך יוריע: — אז אויך ער איז נישט ווייט פון א בעסטיע...

קארסאווינע בעמערקט אז יוריע איז געערגערט ווייל זי פערטהיידיגט סאניןעץ, שטימט זי צו צורסאנין'ס מיינונג. כאטשע טיעף אין הארצען, געפעלט איהר סאנין'ס קראפט און מוטה...

ווען אבער ריאזענצעוו האט גענומען פערטהיידיגען דעם שטאנדפונקט פון „דועל" פון דער קולטורעלער זייט, האט עס קארסאווינע און יוריע שוין נישט געפעלען.

איוואנאוו איז זאגאר בייז געווארען, און האט מיט כעס גענומען שרייען:

— דענקט איהר נאר, וואס פאר א שעהנע הויכע שטופע די ציוויליזאציע האט דאס דערגרייכט... א דועל! ס'איז ערלויבט; ביי יענעם אראצושיסען דעם נאז, אדער אן אייזערנעם שטעקען אין בויך אריינרוקען... זעהר שעהן! זעהר א שעהנע קולטור.

— און מיט'ן פויסט אין פנים אריין איז שעהנער?

— א ודאי איז שעהנער!... און בעסער אויך!... פון א זעץ אין פנים קען גארנישט געשעהן! דאס פנים ווערט טאקע געשוואלען, ס'געהט אבער באלד אב...

— דאס איז ווי אזוי מען פאסט עס אויף. אבער עס האנדעלט זיך דא נישט וועגען דעם.

— אין וואס דען האנדעלט עס זיך? פרעגט איוואנאוו פערקרימענדיג מיט פעראכטונג זיינע גראבע ליפען. —נאך מיין אנזיכט נאך, דארף מען זיך איבערהויפט נישט צושלאגען, צו וואס פאר אלדע רוחות, דארף מען דאס?... אבער ווען שוין יא שלאגען, זאל מען זיך וועניגסטענס נישט פאר קאליקעס מאכען... דאס איז דאך קלאהר ווי דער טאג.

— ער האט איהם שיער אן אויג אויסגעהאקט, בעמערקט ריאזענצעוו איראניש, ער האט איהם טאקע נישט געמאכט פאר קיין קאליקע, דאס איז אמת, אבער איהר וועט מיר ערלויבען, ער האט דאך איהם באלד אן אויג אויס־געזעצט.

— הם... ברומט איוואנאוו, ס'איז טאקע שלעכט ווען מען שלאגט יענעם אויס אן אויג, אבער מען קען דאך לעבען אהן אן אויג אויך, פיעל ערגער איז

אבער, ווען מען שיסט יענעם א קויל אין קאפ אדער מען שטעכט אריין א שווערד אין בויך אריין...

— זארודין איז דאך אבער דורכדעם צו גרונד געגאנגען....

— נו, דאס איז שוין געווען זיין אייגענער בעשלום

יוריע האט גענומען דרעהען מיט'ן קאפ: — איך וועל אייך זאגען גאנץ אפען, פאר מיר פערזענליך איז די דאזיגע פראגע נאך נישט פערענטפערט. איך ווייס אליין נישט ווי אזוי איך וואלט געהאנדעלט, ווען איך בין אויף סאניו'ס פלאץ, צו געהן זיך דועלירען, דאס איז זיכער א נארישקייט, אבער שלאגען זיך מיט די פויסט, איז נאטירליך אויך נישט שעהן.

— אבער וואס זאל איינער טהאן, אז ער ווערט צו דעם געצוואונגען ?

יוריע ציהט צוריק מיט די אקסעל, אלע שווייגען.

— צום בעדויערן איז נאר סאלאוויטשיק, בעמערקט ריאזענצעוו, נאך א ווילע שווייגען: אבער זיין צופריעדענער אויסדרוק אויפ'ן פנים, פאסט זיך נישט צו זיינע ווערטער.

אלע האבען זיך פלוצים דערמאנט אז וועגען סאלאוויטשיק'ען האבען זיי נאך אבער גארנישט גערעדט און ס'איז זיי געווארען אונאנגענעהם.

— ווייסט איהר וואו ער האט זיך געהאנגען, האט ריאזענצעוו גאנץ רוהיג גענומען דערצעהלען, — הינטערען שפייכלער אויף דער הינטישער קאנורע... ער האט דעם הונד פריי געלאזען און האט זיך אויף דיזעלביגע קייט אויפגעהאנגען.

אין דערזעלבער מינוט האט עס אבגעקלונגען ביי קארסאווינע און ביי יוריען אין די אויערען, סאלאוויטשיקס דינע שטימע : — סולטאן... שטיל...

— איהר פערשטעהט, ער האט א צעטעלע איבערגעלאזט, איך האב עס איבערגעשריבען, ס'איז דאך עפעס די לעצטע ווערטער פון א פריינד.— זאגענדיג דאס האט ריאזענצעוו ארויסגענומען דאס נאטיץ ביכעל פון קעשענע און האט געלעזען :

— — — צו וואס זאל איך לעבען, ווען איך ווייס אליין נישט ווי אזוי מען דארף לעבען, אזעלכע מענשען ווי איך קענען פאר די מענשהייט קיין גליק נישט ברייגגען ...

אין צימער איז פלוצים שטיל געווארען, אפילו דעם אטהעם האט זיך יעדער בעמיהט איינצוהאלטען. ס'האט זיך געדאכט אזוי ווי עפעס א טרויעריגער שאטען איז דורכ'ן צימער דורכגעפלויגען, קארסאווינעס אויגען האבען זיך מיט טרעהרען אנגעפיהלט, ליאלעס פנים איז רויט געווארען, אזוי ווי זי

זאָל זיך יעדער רגע צו־רווינען און יוריע איז מיט א קראנהאפטיגען שמייכעל צום פענסטער צוגעגאנגען.

מעכאַניש האָט זיך ריאזענצעוו צוגעזעצט: — און ווייטער גאַרנישט.

— וואָס זאָל דען ווייטער זיין ? פרעגט קאַרסאווינע מיט ציטערענדיגע ליפּען.

איוואנאוו איז אויפגעשטאַנען האָט זיך גענומען די שוועבעלעך פון טיש און געמורמעלט:

— זעהט איהר, דאָס איז א קאַפּיטעל נאַרישקייט נישט מעהר...

— ווי שעהמט איהר אייך נישט אזוי צו רעדען, צוקאָכט זיך קאַרסאווינע יוריע האָט מיט עקעל א קוק געטהאָן אויף איוואנאוו'ס גלייכע פלאַקסענע האָר, און האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צום פענסטער.

— אָט זעהט איהר, האָט ווידער ריאזענצעוו גענומען רעדען מיט א צו־פריעדען פּייערל אין די אויגען, — אָט דער סאָלאָווייטשיק, איך האָב איהם שטענדיג בעטראַכט אלס א גאַרנישט, א אידליק.. פון דעסטוועגען זעהט איהר. צייגט ער זיך־גאָר אַנדערש, א הויכער אידעאַליסט ... ער האָט געזעהן אז ער קען פאר די מענשהייט גאַרנישט נוצען ... נו איז ער ... איהר פערשטעהט... ס'איז גאָר קיין העכערס נישט פאַרהאַנען ווי זיך צו וועלען אויפאָפּפערען פאַר די וועלט...

— נו, ער האָט זיך דאָך גאַרנישט פאַר די וועלט געאָפּפערט, בעמערקט איוואנאוו, און ביי זיך טראַכט ער: — דער דאָזיגער חברה־מאן איז דאָך גע־ווען א פּשוט'ער בהמה.

— דאָס איז גלייך ... עס פיהלט זיך, אז ער האָט זיך געוואָלט אויפ־אָפּפערען...

ס'איז נישט גלייך, ענטפערט איוואנאוו איינגעשפּאַרט — ער איז מעהר נישט געווען ווי א צוקראַכענע נשמה ... דאָס אַלץ...

זיין מערקווירדיגער האַס צו סאָלאָווייטשיק'ען האָט אויף אַלעמען שלעכט געווירקט, קאַרסאווינע האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו יוריען און איהם געזאָגט אין אויער ווי א געהיימניס:

— איך געה אוועק, איך קען עס איינפאַך נישט אויסהאַלטען, עס עקעלט מיך פון איהם.

— יא, שאָקעלט יוריע מיט'ן קאָפּ, ער איז א רויער מענש.

נאָך קאַרסאווינע זיינען ליאַלע און ריאזענצעוו אויך אוועק געגאַנגען. איוואנאוו האָט זיך פערטראַכט, שווייגענדיג האָט ער אויסגערויכערט איין סיגאַרעט, געוואָרפען א בייזען בליק אין א ווינקעל פון צימער און איז אויף

אוועק. ווען ער איז אין גאַס געקומען און געהענדיג נאָך זיין געוואָהנהייט מיט די הענד געשאָקעלט, טראַכט ער אויפגערעגט און בייז:

— די דאָזיגע דומע נאַרישע פּאַסקודניאַקעס, רעדען זיך איין, אַז איך פערשטעה נישט, וואָס מען מיינט געפיהלען... איך פערשטעה בעסער פון זיי... איך וויים, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע ליעבע ווי אַ מענש זאָל זיין לעבען פאַר'ן צווייטען מקריב זיין. אָבער זיך אויפצוהענגען, ווייל מען טויג נישט צו די מענשען, דאָס איז אַן אמת'ער אונזין... איוואַנאָוו האָט אָנגעפאַנגען נאָכצודענקען, פון די פיעל ביכער וואָס ער האָט געלעזען, און ער האָט דאָרט גענומען זוכען אַז עס זאָל איהם ערקלעהרען סאָלאָווייטשיקס האַנדלונג אַזוי ווי ער וויל... זיין מוח האָט געאַרבייט אָנגעשטרענגט, און די מחשבות האָבען זיך אַזוי מיט די געדרוקטע געדאַנקען פון די ביכער צוזאַמענגעפלאָכטען, אַז ער האָט באַלד נישט געוואוסט וועלכע זיינע אייגענע זיינען און וועלכע פון די ביכער וואָס ער האָט געלעזען ...

ווען ער איז אַהיים געקומען האָט ער זיך אויפ'ן בעט געלייגט, די לאַנגע פיס אויסגעשטרעקט און ווייטער גענומען קלעהרען, ביז ער איז ענדליך איינגעשלאָפען. ערשט שפּעט אין אָבענד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

33-טעם קאַפּיטעל.

ווען מען האָט זאַרודין'ען, אונטער די טענער פון מיליטער מיוזיק צו זיין אייביגער רוה געפיהרט, איז יוריע געשטאַנען ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויף דער טרויעריגער פּראָצעסיאָן, די שוואַרץ בעקליידעטע פערד, האָבען געפיהרט דעם שוואַרצען טויטען-וואָגען, אויף די טרונע איז געלעגען ווי פער'יתום'ט דאָס אָפיציערסקע היטעל, ס'איז געווען פיעל בלומען, פערטראַכטע שעהנע פרויען און טרויעריגע מיוזיק....

אין אָבענד פו'נם זעלבען טאָג, איז יוריע'ן געווען בעזונדערס טרויעריג אויפ'ן הארצען. פאַרנאַכט איז ער לאַנג געגאַנגען מיט קאַרסאַווינע שפּאַצירען, ער האָט אַלץ געקוקט אויף דיזעלבע, הערליכע פערליעבטע אויגען, ער האָט בעטראַכט איהר וואונדערבאַרען קערפּער וואָס האָט זיך געצויגען צו איהם... און דאָך איז איהם אפילו דאָס צוזאַמענזיין מיט איהר אויך שווער געווען. — ... ווי מערקווירדיג און שרעקליך איז דאָס אַלעס, זאָגט ער אַזוי ווי צו זיך און קוקט אַנגעשטרענגט צו דער ערד, — אָט האָט דיעזער זאַרודין אויפגעהערט צו לעבען. ער איז געווען אַן אָפיציער, שעהן, יונג און אַהן זאָר־

גען: מען האט געקענט דענקען, אז ער וועט אזוי אייביג לעבען, אז דער שרעק פונ'ם לעבען, די ליידען און טויט, עקזיסטירט גארנישט פאר איהם, אז דאס אלעס איז מיט איהם גארנישט פערבונדען... פלוצלונג קומט אן אן איינציגער טאג, און צורייבט איהם אויף שטויב... ער האט נאר דורכגעלעבט א שטיקעל טראגישען מאמענט און שוין;... ער עקזיסטירט נישט מעהר און וועט שוין קיינמאל נישט עקזיסטירען... נאר בלויז זיין היטעל זעהט זיך נאך אויפ'ן דעקעל פון זיין טרונע...

יוריע איז אנשוויגען געווארען און ווידער געקוקט מיט א געשפאנטען בליק צו דער ערד; קארסאווינע געהט מיט לייכטע טריט נעבען איהם הערט זיך מיט אויפמערקזאמקייט צו איהם צו און צופט שטיל מיט איהרע רונדע הענד די שפיצען פון איהר ווייסען שירעם.

זי דענקט איצט נישט וועגען זארודין'ען, נאר זי איז צופריעדען וואס זי געהט אזוי נאהענט נעבען יוריען. אונבעוואוסט ווארפט זי זיך אונטער זיין טרויעריגע שטימונג און כדי איהם צו געפעלען, מאכט זי א טרויעריג פנים און געהט נעבען איהם מיט לאנגזאמע מיעדע טריט.

— יא, ס'איז געווען זעהר טרויעריג דאס אלעס צו זעהן... און נאך מעהר די טרויעריגע מיוזיק...

— איך בעשולדיג גארניט סאנין'ען, האט יוריע פלוצים א זאג געטהאן

— ער האט נישט געקאנט אנדערש האנדלען, אבער דאס איז שרעקליך, וואס די דאזיגע צוויי מענשען האבען זיך אויף אזא טרויעריגען אופן צוזאמענגעטראפען... דער איינער אדער דער אנדערער האט געמוזט דעם וועג אבטרעטען... ס'איז אבער שרעקליך וואס דער צופעליגער זיעגער בעגרייפט נישט ווי שוידערליך זיין זיעג איז... ער האט א מענשען פון דער ערד אבגעווישט — און איז נאך גערעכט...

— זיכער איז ער גערעכט... קארסאווינע וואס האט זיך צו דעם גאנצען רעדען פון יוריע זיך נישט צוגעהערט, איז פון זיינע לעצטע ווערטער, אויפגעלעבט געווארען, אזש איהרע ברוסטען האבען זיך גענומען בעוועגען.

— ניין, איך זאג אבער, אז דאס איז שרעקליך; אונטערברעכט זי יוריע מיט א געפיהל פון האס און אויפערזוכט, ווארפענדיג א בליק אויף איהר אויפגעלעבט פנים און הויכע ברוסטען.

— פאר וואס דען? פרעגט קארסאווינע אונשולדיג און צומישט, ווי מיט עפעס א בלאז זיינען איהרע אויגען פערלאשען געווארען און איהר פנים איז רויט געווארען.

— ווייל פאר יעדען אנדערען מענש, וואלט דאס געווען דער גרעסטער

שמערץ און צווייפעל, די שרעקליכסטע געוויסענביסע וואלט יעדער געהאט... אבער ביי סאניו'ען, זעהט זיך גארנישט אן ... ער מאכט זיך גארנישט פון דעם ... אזוי ווי עס וואלט גארנישט געשעהן ... ער גיט זיך בלויז א זאג... „ס'טהוט מיר זעהר לייד, אבער איך בין נישט שולדיג"... האנדעלט זיך דא נאר, צו מען איז שולדיג ארער ווער ס'איז גערעכט ?...

— אין וואס דען האנדעלט זיך ? פרעגט קארסאווינע נישט ענטשלאַ־סען, שטיל און קוקענדיג צו דער ערד, קענטיג אז זי שרעקט זיך, זי זאל יוריע'ן נישט בייז מאכען.

— איך וויים נישט אין וואס עס האנדעלט זיך, אפשר גאנץ פשוט: דער מענש האט ניט קיין רעכט, א ווילדע חיה צו זיין ! רופט יוריע אויפ־נערעגט מיט א טאן אין וועלכען ס'דערקענט זיך אז ער ליידעט ...

לאנג געהען זיי אזוי שווייגענדיג, קארסאווינע ליידעט וויסענדיג אז זי האט זיך יוריע פרעמד געמאכט, און אין אויגענבליק, דאס ליעבע ווארימע באנד וואס האט זיי פערבונדען טיעף אין זייערע נשמות צוריסען ... יוריע פיהלט אויך, אז נישט אזוי דארף ער רעדען צו איהר; א שווערער וואלקען לייגט זיך אויף זיין הארץ.

ער געזעגענט זיך מיט איהר, און לאזט איהר איבער, שמערצליך אונ־בעפריידיגט און אין נישט שולדיגע קרענקונג.

ער בעמערקט אויף איהר ווי צומישט און בעליידיגט זי איז, אבער נישט וויסענדיג פאר וואס האט ער פערגעניגען פון איהר קרענקונג, אזוי ווי איינער וואס וויל נקמה האבען פון זיין געליעבטע וועלכע האט איהם א סך שמערצען פערשאפט...

אין דער היים פיהלט ער זיך אונערטרעגליך שלעכט, ביים אבענד־עסען, דערצעהלט איהם ליאלע, אז ריאזענצעוו האט געהערט ווי מען האט סאלא־ווייטשיקען פון שטריק אבגעשניטען ווי די גאסען יונגען האבען געשריגען: „א זשיד האט זיך אויפגעהאנגען....

ניקאלאי יעגאראוויטש האט זיך צולאכט און געהייסען ליאלע זאל נאכ־אמאל דאס ליעדעל זינגען: „דער זשיד האט זיך אויפגעהאנגען": דער זשיד האט זיך אויפגעהאנגען"...

יוריען האט דאס לאכען פון זיין פאטער נישט געקענט פערנעהמען, ער איז אוועק אין זיין צימער און האט זיך אוועקגעזעצט קארעגירען די פעה־לערען פון זיינע שילערס שרייבען, און האט געטראכט דערביי מיט אויסער־געוועהנליכען האס: וואס פאר א מאסע טהירישע ווילדקייט ליעגט נאך אין

די מענשען, דער אלטער נאר האט זיך צולאכט... לוינט זיך צוליידען און קעמפפען אט פאר די מענשליכע חיות?.....

אבער אין זעלבען אויגענבליק האט ער דערפיהלט, אז ער האט נישט קיין רעכט אזוי צו בעאורטיילען די מענשען, ער פערשעהמט זיך פאר זיינע אייגענע אויפרעגונג.

— אין דער אמת'ן זיינען זיי דאך נישט שולדיג... זיי ווייסען דאך נישט וואס זיי טהוען... נאר וואס איז דער חילוק צו ווייסען אדער נישט אבער איצט זיינען זיי חיות... ער בעמיהט זיך ער זאל וועגען דעם מעהר נישט דענקען, און סאלאווייטשיק'ס בילד טרעט ווידער אויף פאר זיינע אויגען...

— ווי עלענד דער מענש איז ... אט האט דיעזער עלענדער סאלאווייטשיק געלעבט, האט אין זיך געהאט א ברייט גרויס הארץ וואס האט געפיהלט פאר אלע מענשען און האט זיך פאר יעדען געוואלט אפפערען און קיינער ... אפילו אויך איך האב איהם קיין אויפמערקזאמקייט נישט געשענקט ... פאר וואס? נאר ווייל ער האט עס נישט געקענט אויסדריקען ... אפשר האט ער נישט פערשטאנען... ער האט זיך שטענדיג געאיילט, יעדען געוואלט העלפען, און גראד אין דעם איז געלעגען זיין איבערגעגעבענהייט זיין ליעבע צו אלעמען ... ער איז געווען א הייליגער... און מיר אלע האבען איהם פאר א נאר געהאלטען ...

דער געפיהל פון שולד גענגען סאלאווייטשיקען, האט איהם גענומען פלאגען, ער האט די ארבייט אוועקגעלייגט אן א זייט און איז לאנג ארומגעגאנגען אין צימער אויף און אב פערטיעפט אין טרויעריגע געדאנקען, ער האט זיך ווידער אוועקגעזעצט ביים טיש און האט זיך גענומען בלעטערען די ביבעל, ער האט אויפגעמישט די שטעלע וואו ער האט תמיד געלעזען די בלעטלעך זיינען געווען צוקנייטשט און די שפיצען אבגעריבען;

„צופעליג זיינען מיר געבוירען געווארען, מיר וועלען שפעטער מעהר נישט זיין אזוי מיר זיינען נאר קיינמאהל נישט געווען; דער אטהעם אין אונזערע נאזלעכער איז פארע און דאס ווארט איז א פונק אין די בעוועגונגען פון אונזער הארץ“.

„ווען דאס לעבען ווערט אויסגעלאשען ווערט אונזערד קערפער שטויב, און די נשמה צופליהט אין די לופט“.

„אונזער נאמען וועט מיט דער צייט פערגעסען ווערען, קיינער־וועט אונזערע טהאטען נישט דערמאנען; און אונזער לעבען וועט פערגעהן ווי א וואלקען און ס'וועט צורונען ווערען ווי א נעבעל פון די זונען שטראהלען“.

„ווייל אונזער לעבען איז נישט מעהר ווי א וואנדערער שאטען, און עס

איז נישטאָ פאַר אונז קיין צוריק-קומען פון׳ם טויט, ווייל עס ליגט דאַרויף אַ זיעגעל און קיינער קומט נישט צוריק“.

יוריע האָט אויפגעהערט לעזען, ווייל ער האָט געוואוסט וואָס ווייטער דאָרט שטעהט. „אַז עס האָט נישט קיין זין וועגען טויט צו טראַכטען, נאָר מען דאַרף געניסען דאָס לעבען אַזוי ווי מען געניסט פון די יוגענד“.

דאָס אָבער קען יוריע נישט בעגרייפען, ווייל ער שטעלט נישט צופריע־דען זיינע טרויעריגע קראַנקהאַפטע געדאַנקען...

— ווי אמת, ווי שרעקליך ווי אונבעגרייפליך דאָס איז, טראַכט יוריע, מיט מיה פרואווט ער זיך פאַרשטעלען ווי זיין נשמה וועט זיך נאָך זיין טויט צושטרייען, ס׳איז איהם אָבער אונמעגליך... דאָס איז שרעקליך... אָט זיץ איך דאָ... אַ לעבעדיגער... וואָס בענקט נאָך לעבען און גליק און לעז אליין פון איין אונפערמיידליכען טויט, וועלכער מוז קומען... און איך קען אפילו נישט פראָטעסטירען!...

די דאָזיגע געדאַנקען האָט שוין יוריע פיעל מאָל דורכגעטראַכט, ער איז שוין מיעד געוואָרען קלעהרענדיג וועגען דעם, ער פערשטעהט נישט, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי און עס מוטשעט און מאַטערט איהם.

ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענד אין די האָר און לויפט ארום פערצווייפעלט אין צימער אַזוי ווי אַ ווילדע חיה אין שטייג. מיט פערמאַכטע אויגען און אַ שטאַרקע מיעדקייט אין האַרצען ווענדעט ער זיך עפּעס צו אַ „וועזען“... מיט צאָהרען אָבער אָהן קראַפט, מיט האָס אָבער אויך מיט אַ שטילען פער־ביסענע בעטען, זוכט ער עמיצען וואָס זאָל איהם העלפען:

— גאָט!... וואָס האָט דער מענש געטהאָן, וואָס דו לאַכסט אַזוי פון איהם?! פאַר וואָס בעהאַלסט דו זיך פאַר איהם, ווען דו ביזט אין אמת׳ן דאָ?! פאַר וואָס האָסטו אַזוי איינגעריכטעט, אַז איך, ווען איך װ י ל אין דיר גלויבען, זאָל איך נישט קענען אין מיין „גלויבען“ גלויבען? ווען דו זאָלסט מיר אפילו ענטפערען, וואָלט איך אויך נישט געגלויבט אַז דו ענטפערסט מיר, נאָר אַז איך אַליין בין דאָס, מיין פאַנטאַזיע...

ווען איך האָב אַ רעכט צו לעבען, פאַר וואָס נעמסטו מיר דאָס רעכט אוועק וואָס דו האָסט מיר אַליין געגעבען?! אויב דיר איז נויטיג אונזער ליידען, אוים ליעבע צו דיר, מיר ווייסען דאָך אָבער נישט וואָס ס׳איז נויטיגער, דער בוים אָדער דער מענש... אפילו פאַר אַ בוים איז דאָך דאָ אַ האָפענונג... ווען מען האַקט איהם אפילו אוים, בלייבען וואָרצלען, ער קאָן ווידער וואַקסען... ווידער לעבעדיג ווערען... אָבער דער מענש, אַז ער שטאַרבט, ווערט ער פערשוואונדען!...

ווען איך זאל זיך אוועקלייגען אוןנישט מעהר אויפשטעהן, וועט קיינ־מאל, קיינער נישט וויסען וואס ס'וועט ווייטער מיט מיר געשעהן... קען זיין אז איך וועל אפשר אויפ'סניי ערגעץ לעבען, אבער איך וועל דאך פון דעם נישט וויסען!... ווען איך זאל כאטש וועניגסטענס וויסען, אז אין מיליאנען, מיליארדען יאהרען ארום וועל איך ווידער לעבען, וואלט איך אלע די דאזיגע טויזענדער יאהרען געווארט אין דער אייביגער פינסטערניש...

ער פאנגט ווידער לעזען אין דער ביבעל:

„וואס האט דער מענש פון אלע זיינע ארבייטען וואס ער האט געטהאן אונטער דער זון?

„איין דור פערגעהט דער צווייטער קומט אן, און די ערד בלייבט אין אלע אייביגקייטען".

„די זון געהט אויף און געהט אונטער, זי לויפט צו דעם זעלבען פלאץ וואו זי איז אויפגעגאנגען".

„דער ווינד קומט פון צפון געהט צו דרום און דרעהט זיך ווידער צוריק צו צפון פון וואנען ער איז געקומען".

„וואס ס'איז דא, איז שוין אמאל געווען, און דאס זעלבע וועט אויך שפעטער זיין... וואס מען טהוט, איז שוין געטהאן געווארען, און ס'וועט ווייטער אויך געטהאן ווערען... ס'איז נישטא קיין נייעס אונטער דער זון...."

„מען געדענקט נישט די וואס פריהער זיינען געווען, אויך ווייסט מען נישט פון די וואס שפעטער וועלען קומען, און די שפעטערע וועלען נישט גע־דענקען וואס איצט זיינען דא".

„איך דער פרעדיגער, בין געווען קעניג איבער ישראל אין ירושלים".

— איך דער פרעדיגער בין געווען „קעניג" האט יוריע מיט א הויכע בענקענדיגע שטימע וועלכע איז איהם אליין געווען אונבעקאנט, ווידערהאלט, ער האט זיך דערשראקען פאר זיין אייגענעם קול און האט זיך דערשראקען אומגעקוקט, צו ס'האט נישט ווער געהערט, דערנאך האט ער גענומען פאפיער און האט אנגעהויבען מעכאניש מיט אן אונבעקאנטען רצון פון זיין אינער־ליכע נשמה צו שרייבען ד א ס וואס איז תמיד אין זיין קאפ געלעגען.

„איך הויב אן צו שרייבען די דאזיגע שריפט וואס וועט זיך מיט מיין טויט ענדיגען"...

— פוי, ווי נאריש און געשמאקלאז דאס איז! האט ער מיט עקעל אויס־גערופען און האט העפטיג דאס פאפיער פון זיך אוועקגעשטויסען, אזש ס'איז אראבגעפאלען פון טיש און דערהערענדיג זיך אין דער לופט איז עס אויף די פאדלאגע געפאלען.

— און סאַלאָווייטשיק... אַט דער קליינער אַרעמער יונג, האָט נישט געזאָגט, אַז ס'איז נאַריש און געשמאַקלאָז ווען ער איז צו דער איבערצייגונג געקומען, אַז ער פערשטעהט נישט דאָס לעבען.

יוריע בעמערקט דערווייל נישט, אַז ער געהמט זיך אַלס ביישפּיעל אַזאַ מענש וועלכען ער רופט אַליין „קליינער אַרעמער יונג".

— נו, וואָס איז... איך פיהל אַז מיין ענדע וועט אויך זיין אַזוי ווי זיינע, ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג!... פאַר וואָס ס'איז נישטאָ... אפשר ווייל?...

יוריע איז געבליבען שטעהען... איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער פערשטעהט שוין אַלעס, אַט האָט ער ערשט די גאַנצע לעבענס־פּראָבלעם אַזוי קלאָר אין קאָפּ געהאַט, אָבער איצט געפינט ער נישט קיין ווערטער ווי אַזוי זיינע פראַגען צו ענטפערען.

זיין נשמה איז מיט אַמאָל געוואָרען שוואַך; אַ געדאַנק איז אַרונטער געפאַלען און איז פערשוואונדען.

— אונזין! אַלץ איז אונזין צושרייט זיך יוריע מיט כעס. דער לאָמפּ האָט שוין כמעט געהאַלטען ביים אויסגעהן, דאָס קליינע פייער'ל וואָס האָט נאָך געברענט, האָט קוים בעלויכטען יוריע'ס פּנים.

— פאַר וואָס בין איך נישט געשטאָרבען דאַמאָלס ווען איך בין אַ קינד געוועז? און איך בין אויף לונגען אַנציגדונג קראַנק געוועז? וואָלט איך דאָך איצט געוועז אַזוי רוהיג...

אין דער זעלבער רגע, שטעלט זיך איהם דאָס בילד פאַר, אַז ער וואָלט דאַמאָלס געוועז געשטאָרבען, וואָלט איך נישט געוועז געזעהן דאָס וואָס ער האָט געזעהן און דערלעבט... — ניין, דאָס וואָלט פּונקט געוועז אַזוי שרעקליך..

יוריע האָט פעררייסען דעם קאָפּ אין דער הויך און איז אויפעשפּרונגען:

— מען קען דאָך אַזוי משוגע ווערען!

ער איז צום פענסטער צוגעגאַנגען און האָט עס געוואָלט אויפמאַכען, אָבער דער לאַדען האָט זיך פעסט געהאַלטען אויף דעם אייזערנעם שטענגעל, ער האָט מיט אַ בלייפעדער, דאָס שטענגעל אַרויסגעדריקט און דאָס פענסטער האָט זיך געעפענט, אַ ריינע זעהר קלאָהרע לופט האָט זיך דורכ'ן פענסטער אריינגעשטופּט.

אַזוי ווי פערשטאַרק קוקט יוריע אויפ'ן הימעל, אויף וועלכען ס'זעהט זיך שוין די מאָרגען רויטקייט, ריין און קיהל איז דער מאָרגען, אויף איין זייט איז דער הימעל מיט אַ שטאַרקער ראָזאָווע קאָליער איבערצויגען... די זיעבען שטערען פון'ם גרויסען בער, זיינען שוין פערשוואונדען איינציגווייז. דער

גרויסער, צערטליך־בלויער, קריסטאל מארגענשטערען שטראלט שטיל מיט א העלען פייכטען גלאנץ אין דער מארגענדיגער דעמערונג אריין. א שארפער קיהלער ווינד קומט אן פון מזרח, ווי א ווייסער נעבעל־שלייער זעהט אויס דער טוי וואס פאלט אויף די בוימער און גראז... איין שטערען נאכ'ן אנדערען ווערט בלאס און פערשווינדעט ערגעץ אין דעם טיעפען ים־בלויקייט... און אין דער לופט שוועבט ארום א שטילער, צארטער, זילבער־קלאנג.

אלץ איז אזוי שעהן און שטיל, אזוי ווי די פערליעבטע ערד וואלט זיך אין גאנצען נאקעט אויסגעטהאן, און זיך פארבערייט מיט שטילען גליק, די שטראהלען פון דער זון, וועלכע וועלען באלד געבוירען ווערען, צו עמפפאנגען.

יוריע האט זיך שלאפען געלעגט, אבער דאס ליכט האט איהם געשטערט... און די ווילדע צומישטע געדאנקען האבען גענומען ארום־טאנצען אין זיין קאפ; ער איז שווער איינגעשלאפען.

34-טעס קאפיטעל.

אין פריהען מארגען ווען די זון האט קוים וואס נעהאט אויפגעשיינט און איהרע ערשטע שטראהלען אויף דער ערד געווארפען, זיינען סאנין און איוואנאוו געגאנגען פון שטאדט ארויס.

פון דער זון האט דער טוי געגלאנצט און געפינקעלט ווי פייערלעך; אין שאטען האט דאס פון טוי בעדעקטע גראז אויסגעזעהן גרוי, אין ביידע זייטען וועג אונטער די דארע אלטע ווערבעס זיינען פרומע פויערים און פויערטעס צום קלויסטער געגאנגען, זייערע ווייסע און רויטע קאפ־טיכלעך, די לאפטשעס קליידער און העמדער, האבען פערשיעדען־פארביג געגלאנצט אנטקעגען די זון.

פונ'ם קלויסטער האט זיך געהערט א גלאקען געקלאנג, אין דער מארגענ־דיגער שטילקייט האבען די טענער פריש און שטארק אין דער לופט געקלונגען און זיי האבען זיך ערגעץ פערשפרייט ווייט, ווייט אין די וועלדער. פונ'ם וועג האט זיך געהערט א הארטער קלינגען פון א וואגען גלעקעל און צווישען זיי האט זיך אריינגעמישט דאס הויכע ריידען פון די פרומע געהער.

— מיר זיינען צו־פריה פון די פעדערען ארויסגעקראכען, בעמערקט אי־וואנאוו.

סאנין קוקט זיך פרעהליך אום, — אמת, מיר האבען צייט דעם טאג אבצווווארטען.

זיי זעצען זיך אוועק נעבען א פארקען און מיט גרוים פערגעניגען רויבערען זיי די סיגארעטען.

די בויערן וועלכע זיינען אונטער זייערע וועגען אין שטאדט אריין געגאנגען האבען זיך אויף זיי אומגעקוקט, די פרויען און די מיידלעך וואס האבען זיך אין די לערע וואגענס געשאקעלט האבען געלאכט און געקוקט אויף זיי. איוואנאוו האט זיי קיין אויפמערקזאמקייט נישט געשענקט, נאר סאנין האט געשמייכעלט צו זיי.

ס'איז געווארען הייס.

ענדליך איז פון שענקעל וואס איז נישט ווייט געשטאנען, איז ארויסגעקומען דער בעל־הבית און האט זיך געשטעלט אויף די, שטיינערנע־טרעפ. א הויכער מאן אהן א רעקעל, קלינגענדיג מיט די שליסעל, האט די טיר אויפגעמאכט, א פרוי מיט א רויט קאפ־טיכעל איז נאך איהם אריינגעגאנגען.

— אהא, דעם וועג האט מען שוין פאר אונז פריי געמאכט, בעמערקט איוואנאוו פרעהליך.

זיי זיינען אריינגעגאנגען האבען געקויפט שנאפס, און ביי דער זעלבער פרוי מיט'ן רויטען קאפ־טוך האבען זיי גרינע אוגערקעס געקויפט.

— אהא, פריינד, דו ביזט מסתמא רייך געווארען, האט איוואנאוו בעמערקט זעהענדיג ווי סאנין נעהמט ארויס א טייסטער מיט געלד.

— דאס איז אן אויפגאב ! צו לאכט זיך סאנין, פאר מיין מאמע פאסט עס נישט אפילו, אבער איך האב זי נישט געפאלגט און איך האב זיך פערדונגען צו א פערזיכערונגס אגענט פאר א שרייבער, מיט אמאל האב איך זיך ערווארבען קאפיטאל און מיין מוטערס פעראכטונג.

— איצט וועט זיך פיעל בעסער געהן, בעמערקט איוואנאוו ווען זיי זייענען צוריק אויפ'ן וועג ארויסגעקומען.

— נו, ווי וואלט געווען אז מיר זאלען די שטיוועל אויסטון ?

— דאס קענען מיר טהאן.

זיי האבעןביידע די שטיוועל אויסגעטהאן און זיינען געגאנגען בארוועס ווייטער, זייערע פיס זיינען טיעף אין ווארעמען זאמד פערזונקען ; און האבען זיך דערפרישט נאכ'ן דריקען פון די ענגע שטיוועל, דער ווארעמער זאמד האט זיך דורכגעשאטען דורך די פינגער, ער האט אבער נישט געריבען די פיס, נאר אזוי ווי צערטליך געגלעט.

— א מחיה ! האט סאנין אויסגערופען מיט פרייד.

די זון האט גענומען שיינען אלץ שטארקער און שטארקער. פאר זיי ערשיינען ווייטע ווייטקייטען. אלץ איז קלאר און בלוי, אויף די טעלעגראפען

קלעצער וואס זיינען געשטאנען נעבען די שינעס פון א באן־וועג, האט דער דראט געזונגען, אויבען זיינען געזעסען שוועלבעלעך און האבען קאקעטיש אראבגעשווישטשעט צו זיי, א באן־צוג איז דורכגעלאפען, און די פערשיעדענ־פארביגע וואגאנען האבען געגלאנצט מאדנע, דורך די פענסטער האבען זיך געזעהן מיעדע פערשלאפענע פנים'ער, אויף דער הינטערשטער פלאטפארם זיינען געשטאנען צוויי יונגע מיידלעך און געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף זייערע בארוועסע פיס, סאנין האט געשמייכעלט צו זיי ארומטאנצענדיג אויפ'ן זאמד.

זיי זיינען פערבייגעגאנגען א פעלד וואו דאס גראז איז געווען געדיכט און פייכט, ס'איז אויך געווען אנגענעהם מיט בארוועסע פיס צו געהן.

— וואונדערליך־שעהן, האט איוואנאוו בעמערקט.

— אמת'דיג, ס'איז גארנישט קיין נויטווענדינקייט צו שטארבען, האט סאנין צוריק בעמערקט.

איוואנאוו האט א קוק געטהאן אויף איהם פון דער זייט, ער האט גע־וואוסט אז סאנין דארף זיך יעצט אן זארודין'ען דערמאנען, כאטשע ס'איז שוין א לאנגע צייט פון זיין טויט פערבייגעגאנגען. סאנין אבער האט זיך נאר פון זארודין'ען נישט דערמאנט, איוואנאוו'ן האט עס אביסעל פערדראסען פון דעסטוועגען געפעלט איהם סאנין אזוי אויך.

נאכ'ן פעלד, איז ווידער דער וועג געקומען, מיט וועגען פון פויערן און לאבענדיגע פרויען און מיידלעך. דערנאך זיינען בוימער, וואסערלעך און ענד־ליך האבען זיי דעם קלויסטער דערזעהן. פון וואנען ווי א גרויסער גאלדערנער שטערען האט דער צלם ארויסגעגלאנצט.

ביים ברעג זיינען געשטאנען פערשיעדען פארביגע שיפלעך. פויערן אין וועסטליך מיט פארביגע העמדער זיינען נעבען זיי געזעסען, און נאך א לאנגען פרעהליכען דינגען זיך האבען סאנין און איוואנאוו ביי זיי א שיפעל גענומען.

איוואנאוו האט גענומען די וועסלעס און סאנין האט זיך געזעצט ביים רודער, דאס שיפעל האט גענומען לייכט און שנעל נעבען די ברעגעס ארומ־שווימען, באלד איז אין א שאטען פערשוואונדען, און באלד איז עס ווידער ארויסגעקומען, הינטער דעם שיפעל האבען זיך געצויגען זילבערנע וועלען אזוי ווי שטרייפען. איוואנאוו האט שנעל און גוט גערודערט מיט גלייכע און שטארקע בעוועגונגען, דאס שיפעל האט זיך בעוואויגען ארויף און אראפ. אפטמאל האבען די וועסלעס מיט גערויש פערטשעפעט די צווייגען פון די בוי־מער און זיי האבען זיך גענומען שאקלען איבער די טונקעלע טיעפעניש פונ'ם טייך.

סאַניו האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ שטאַרקען וואָרף געטהאָן אויפ׳ן רודער, אַזש דאָס וואַסער האָט אין דער הויך אויפגעשפּריצט.

איינמאָל האָט זיך דאָס שיפעל פערקירעוועט אין אַ שמאָלען דורכגאַנג, וואו ס׳איז געווען קיהל און טונקעל. דאָס וואַסער איז דאָרט געווען ריין און קלאָהר אַז ס׳האָט זיך אַזש פון דער טיפעניש געזעהן די געלע זאַמד — שטיינער און די פיש ארומלויפען.

— דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ, זאָגט איוואַנאַוו און זיין קול קלינגט לוסטיג צווישען די קוסטעס מיט אַ ווידער קול. קרעכצענדיג האָט ער דאָס שיפעל אַ שטויס געטהאָן צום ברעג, און איז מיט איין שפּרונג פון שיפעל ארויסגעשפּרונגען.

— „אויף די ערד לעבט דער מענש" האָט ער גענומען זינגען מיט אַ באַסען שטימע אַזש די לופט האָט געציטערט. לאַכענדיג איז סאַניו אויך ארויסגעשפּרונגען פון שיפעל און האָט בעמערקט:

— אַ בעסערען פּלאַץ וואָלט אפילו גאָט אליין נישט געפונען.

— צו־וואָס דאַרף מען לאַנג זוכען, רופט איוואַנאַוו ארויסנעהמענדיג פון שיפעל שנאַפּס, ברויט און נאָך אַנדערע קליינע פּעקלעך. ער האָט אַלעס צוגעטראָגען צו אַ קליין בערגעל אונטער דעם שאָטען פון אַ גרויסען בוים, און האָט אַלעס אויפ׳ן גראָז אוועקגעלייגט.

— נו, זיי ביים טייוועל צו גאַסט, בעמערקט איוואַנאַוו.

— און זאָל עס דיר שמעקען ווי איהם, ענטפערט סאַניו.

— נישט אַלעס איז פּאָלקאָם, זאָגט איוואַנאַוו, מיר האָבען אַ גלעזעל פערגעסען.

— אַ שאַד, אמת׳דיג אַ שאַד, נאָר לאָמיר זיך נישט מאַכען דערויס מיר וועלען זיך שוין אליין אַ גלעזעל בעשאַפען.

און נישט לאַנג טראַכטענדיג, האָט זיך סאַניו ארויפגעדראַפּעט אויף אַ בוים, האָט אויסגעקליבען אַ ווייכע גרינע צווייג, האָט עס אָבגעשניטען און עס אַראָבגעוואָרפען.

איוואַנאַוו האָט זיך דערווייל אויסגעשטרעקט אויפ׳ן רוקען און לייכט זיין אָטהעם ציהענדיג האָט ער ארויף געקוקט צו סאַניו׳ען.

סאַניו איז פון בוים אַרונטערגעשפּרונגען, און האָט גענומען די צווייג אויסהוילען אכט געבענדיג ער זאָל די שאָלעכץ נישט צו שניידען האָט ער אַ שעהן גלעזעל געמאַכט.

— ברודער, רופט זיך איוואַנאַוו צוקוקענדיג זיך צו סאַניו׳ס ארבייט, שפּעטער וויל איך זיך באָדען.

זיי זעצען זיך אויפ'ן גראז און פאנגען אן מיט אפעטיט דעם שנאפס צו טרינקען און די גרינגע זאפטיגע אוגערקעס צו עסען.

— איך קען שוין לענגער נישט אויסהאלטען, ברודער, זאגט איוואנאוו, ס'איז מיר היים, איך מוז זיך באדען. ער ווארפט פון זיך אראב די קליידער, און נישט קענענדיג שווימען זוכט ער זיך אויס נישט קיין טיעף ארט און געהט אין וואסער אריין.

סאנין קוקט צו איוואנאוו'ן מיט א שמייכעל, מיט א שנעליגקייט ווארפט ער פון זיך די קליידער אראב, מיט א געשריי שפרינגט ער אריין אין טיעפען וואסער און לאזט זיך שווימען אין דער ברייט פון טייך.

— וועסט דערטרונקען ווערען, שרייט איוואנאוו, זיכער — וועסט דער־טרונקען ווערען.

— האב נישט קיין מורא, ענטפערט סאנין לאבענדיג צוריק, — ברודער! איך האב פיינט אונטער צו געהן ...

זייערע פרעהליכע שטימען טראגען זיך הויך און מיט פרייד איבער'ן טייך און די פעלדער. דערנאך געהען זיי ארויס פון וואסער און נאקעט קייק־לען זיי זיך איבער'ן פייכטען גראז.

— הערליך! זאגט איוואנאוו שטעלענדיג זיך מיט זיין פייכטען שטאר־קען, נאקעטען רוקען קעגען דער זון.

— לאמיר דא צוויי ביידלעך אויפשטעלען.

— א, צום טייוועל מיט דיביידלעך! ס'איז אזוי אויך גוט, אט די אלע זאכען פון ציוויליזאציאן האבען מיר שוין לאנג דערעסען ...

— האהא! טריק־בריק! שרייט איוואנאוו לוסטיג און מאדנע טאנ־צענדיג ארום דעם גראז.

סאנין שטעלט זיך איהם אנטקעגען, לאכט מיט'ן גאנצען הארץ און פאנגט אן אויך צו טאנצען.

זייערע נאקעטע קערפער גלאנצען אקעגען דער זון, און זייערע מוסקלען בעוועגען זיך שנעל און העפטיג אונטער זייער שטארקע דיקע הויט.

אף... אטהעמט שווער איוואנאוו, און הערט אויף טאנצען, סאנין טאנצט נאך א ווייל אליין דערנאך שטעלט ער זיך אויפ'ן קאפ און מאכט פערשיידענע בעוועגונגען מיט די פיס.

— געהסט אהער! אז נישט וועל איך אויסטרינקען דעם גאנצען שנאפס — רופט צו איהם איוואנאוו.

זיי טהוען זיך צוריק אן די קליידער, לעגען זיך ווידער אוועק אויפ'ן גראז און טרינקען אויס דעם גאנצען שנאפס.

— איצט וואָלט גוט געווען קאַלט ביער, בעמערקט איוואַנאָוו, אַזוי ווי פער'חלום'ט.

— לאָמיר צופאָהרען קויפען. — געהט עס !...

געיועטענדיג זיך ווער ס'וועט פריהער קומען צום שיפעל לויפען זיי ביידע שפּריגגען כמעט צוזאַמען אַריין אין שיפעל און פאָהרען שנעל אַוועק פון דאַנען.

— ס'איז שטיקענדיג, זאָגט סאַנין זיך לעגענדיג אויפ'ן רוקען און פערמאַכט די אויגען פאַר דער זון.

— מיר וועלען באַלד רעגען האָבען, בעמערקט איוואַנאָוו, — אָבער צום טייוועל גיה דאָך צום רודער.

— דו וועסט שוין אַליין אויך פערטיג ווערען.

איוואַנאָוו שפּריצט אויף איהם מיט א וועסעל, און די העלע צאַרטע טראָפען פאַלען אויף איהם אַזוי ווי גלאַנצענדיגע פּערעל.

— א דאַנק דיר פאַר דעם אויך ! זאָגט סאַנין.

ווען זיי זיינען פערבייגעפאָהרען א קליינעם גרינעם אינזעל, האָבען זיי דערהערט לוסטיגע קולות, און פרעהליכע פרויען געלעכטער, ס'איז א יום־טוב געווען, זיינען זעהר פיעל מענשען געקומען פון שטאָדט אהין זיך באָדען.

— מיידלעך באָדען זיך, זאָגט איוואַנאָוו.

— לאָמיר א קוק טהאָן, בעמערקט סאַנין.

— זיי וועלען דערזעהן.

— ניין מיר וועלען זיך דאָ אָבשטעלען און זיך דורכ'גנב'נען שטיל צווישען די בוימער.

— אֵך, לאָז זיי דאָך, זאָגט איוואַנאָוו רויטווערענדיג.

— מיר וועלען יאָ געהן, שפּאַרט זיך סאַנין, — מען דאַרף קיין שום זאַך נישט פערזאַמען ...

— ס'איז אָבער נישט אָנשטענדיג, זאָגט איוואַנאָוו ציהענדיג שפּאַטיש

— פאַר וואָס איז עס נישט אָנשטענדיג ?

— דאָס זיינען זיכער זעהר יונגע מיידלעך, יונגע פרויען ... ווירקליך ס'איז נישט שעהן.

— דו דומקאָפּ ! רופט סאַנין לאַכענדיג, אָבער אין האַרצען ווילט זיך דיר ...

— יאָ, ווען ס'איז יונגע מיידלעך ... זיכער ... ס'איז אינטערעסאַנט.

— נו לאָמיר געהן.

— אָבער לאָז אָב בעסער.

פוי! רופט סאניז, ס'איז נישטא קיין איין מאן, וואס זאל נישט וועלען זעהן א שעהנע נאקעטע פרוי... און זיכער איז נישטא קיין איינציגער וועל־בער האט שוין אמאל נישט אזעלכע געזעהן...

— דאס איז אמת... אבער ווען דו ביזט אזא פרייער מענש, לאמיך זעהן גיה אהין גאנץ אפען, דו בעהאלסט דאך דיך אויך...

— אזוי איז פיעל אינטערעסאנטער, מיין פריינד, ענטפערט סאנין מיט א גנב'שען שמייכעל.

— ס'זאל דיך טאקע אנגעלוסטען... אבער איך ראטה דיך זאלסט זיך בעסער צוריקהאלטען.

— אפשר צוליעב דער אונשולד?...

— אפשר!...

— נארישקייטען — אפשר! קיין אפשר איז ביי דעם זיכער נישטא.

— זאל זיין אזוי.

— זעהסטו דאך, אז אזא אונשולד איז שוין ביי אונז זיכער נישטא...

— ווען דיין אויג פערפיהרט דיך, זאלסטו עס אויסרייסען, בעמערקט איוואנאוו.

— רעד נישט קיין נארישקייטען, פלוידער נישט נאך יוריעס ווערטער, ווען גאט האט דיך אויגען געגעבען, זאלסטו זיי נישט ארויסרייסען.

איוואנאוו ציהט שמייכלענדיג מיט די אקסעל.

— נו ברודער — בעמערקט סאנין צופיהרענדיג דאס שיפעל צום ברעג, — ווען דו וועסט זעהן א נאקעטע פרוי און ס'וועט דיך גארנישט אויפרעגען, דאן וואלסטו ווירקליך געווען אן אונשולדיגער מענש, איך וואלט געווען דער ערשטער דיך צו בעוואונדערען, אמת, איך וואלט עס דיר נישט נאכגעמאכט, ס'קען זיין איך וואלט דיך געהייסען אריינזעצען אין א משוגעים הויז, נאר ווען דו וועסט יא אויפגערעגט ווערען... נאר דו וועסט מיט געוואלד זיך צווינגען איינצוהאלטען... דאן — איז דיין גאנצע אונשולד קיין פרוטה נישט ווערטה...

— דאס איז אמת, אבער ווען דער מענש, זאל זיך אליין נישט קענען צוריקהאלטען, וואלט ער גרויסע צרות אנגעמאכט.

— וואס פאר א צרות? ווען אפילו די תאוה ברענגט מיט זיך צרות, איז אויך קיינער נישט שולדיג.

— ריכטיג, ריכטיג, שטימט איוואנאוו צו, — דו דארפסט מיר ווייטער נישט ערקלעהרען.

— נו, געהען מיר!

— בין איך דען געווען דאַנגענן ?...

— א דומקאָפּ ביזטו. זעה, געה שטילער, בעמערקט סאַנין לאַכענדיג. האַלב קריכענדיג זיינען זיי דורכגעקראָכען די גערדיכטע קוסטעס.

— זעה נאַר ברודער, — רופט איוואַנאָוו איבעררעשט.

— עס מוזען זיין מיידלעך פון די בעסערע געזעלשאַפט; מען דערקענט עס אַן די פאַרביגע קליידער, בלוזקעס און די הוטעלעך, וואָס ליגען אויפ'ן גראָז. אייניגע זיינען אין וואַסער, בעשפריצען זיך איינר אַנדערע און דאָס וואַסער גיסט זיך ווייך און צאַרט אויף די רונדע אַקסלען, הענד און ברוסטען.

איינע פון זיי, שלאַנק און שטאַרק, פון די זונען שטראַלען אין גאַנצען אַרומגענומען, שטעהט אויפ'ן ברעג און לאַכט, פונ'ם לאַכען בעוועגט זיך איהר הערליך געשניצטער קערפּער און די יונגע מיידעלשע ברוסטען.

— א ! ברודער ! זאָגט סאַנין בעגייסטערט.

איוואַנאָוו ווייכט דערשראָקען צוריק.

— וואָס איז דען ? וואָס שרעקסטו זיך ?

— שטיל ... דאָס איז קאַרסאַווינע.

— ווירקליך ?... און איך האָב זי גאַרנישט דערקענט.

— טיאַ... בעסמאַקעוועט זיך איוואַנאָוו מיט עפּעס א ליידענשאַפטליכען נאַרישען שמייכעל.

די מיידלעך האָבען זיי דערהערט, און אפשר אויך דערזעהן, ס'האָט אויס־געבראָכען צווישען זיי א ליאַרעם און א געלעכטער. קאַרסאַווינע, האָט זיך א דערשראָקענע א בויגזאַמע זיי אַנטקעגען א וואָרף געטהאָן אינ'ם דורכזיכטי־גען וואַסער, אויבען איז נישט מעהר פערבליבען ווי איהר שעהן ראָזע פּנים און די שוואַרצע בלישטשענדיגע אויגען.

פערפּלאָנטערענדיג זיך כסדר אין די צווייגען, האָבען סאַנין און איוואַ־נאָוו גליקליכע און אויפגערעגטע גענומען לויפען צוריק.

— אַך, ווי הערליך איז אויף דער וועלט ! רופט סאַנין פרעהליך שטרע־קענדיג זיין שטאַרקען קערפּער האָט ער זיך הויך צוזונגען: עפּעס א בעקאַנטע ליעד.

פון הינטער די בוימער, האָט זיך נאָך לאַנג געהערט, א הויכער, שעה־מעוודיגער, פרעהליכער געלעכטער פון די מיידלעך, זיי האָבען זיך געשעהמט און דאָך גליקליך געווען ...

— ס'וועט באַלד זיין א שטורעם, זאָגט איוואַנאָוו קוקענדיג אויפ'ן הימעל — די בוימער ווערען שוין טונקעל און די שאָטענס פערשטעלען שוין באַלד די גרינע פעלדער, לאָמיר לויפען ברודער:

— וואו אהין ? פון א שטורעם קען מען נישט אנטלויפען, שרייט סאנין צוריק.

שטיל און אהן א ווינטעל רוקט זיך דער וואלקען אויפ'ן הימעל און בע־דעקט איהם וואס א מאהל מעהרער, באלד ווערט ער וואס אמאל מעהר גרוי ווי בליי, אלץ ארום ווערט שטיל און אין דער גאנצער לופט הענגט א שמעקע־דיגע טונקעלהייט.

— דאס וועט אונז ביז צו די הויט נאס מאכען, בעמערקט איוואנאוו. לאמיר זיך כאטש פאר צרות פעררויכערען סיגארעטען.

א שוואכער פייער'ל פון א שוועבעלע האט זיך אנגעצונדען, און דער פער־וואלקענטע גרויע טונקעלהייט האט דאס פייער'ל מאדנע אויסגעזעהן, ס'איז א שטארקער ווינד אנגעקומען און האט דאס פייער'ל מיט זיך מיטגעריסען; אויפ'ן שיפעל האט זיך אנגעקלאפט א שווערער טראפען רעגען, און דער צוויי־טער איז געפאלען אויף סאנין'ס נאז. מיט אמאל האט אנגעפאנגען גיסען א שטארקער רעגען און מיט אמאל איז אלץ שווארץ געווארען. דער רעגען האט גענאסען אזוי ווי מיט עמערס און האט מיט זיין קלאפען אלץ ארום פער־שטומט.

— אויך דאס איז שעהן, זאגט סאנין, רייבענדיג די אקסעל היין און הער כדי די העמד זאל זיך נישט אנקלעפען.

— שלעכט איז עס גרארע נישט, ענטפערט איוואנאוו און זיצט אבער ווי א נאסער הונד.

די וואלקען זיינען זיך נישט צוגאנגען אבער דער רעגען איז שוואכער געווארען, די לופט איז געוועז שטיקענדיג און ערגעץ וואו הינטער דעם וואלד האט זיך א בליץ דערזעהן.

נו, לאמיר אהיים פאהרען, יא פרעגט איוואנאוו.

פון מיינעט וועגען, זאל זיין א היים ... מיר איז נישט קיין חילוק.

זיי זיינען ארויסגעפאהרען אויפ'ן ברייטען וואסער וואו עס האט איבער דעם געהאנגען שווערע שטיקער וואלקען, עס האט וואס אמאל מעהר געבליצט און עס האט זיך געדאכט, אז דער הימעל ווערט צושפאלטען, ס'האט כמעט אויפגעהערט רעגענען, די לופט איז געווארען טרוקען ; אבער דער שטורעם האט זיך נאך געפיהלט אין דער לופט, שווארצע פייגעל זיינען שנעל געפלויגען הין און צוריק און נאהענט צו דער וואסער פלעכע, די בוימער זיינען געשטא־נען טונקעל און אונבעוועגליך און האבען זיך לייכט אבגעטיילט פון די גרויע בלייערנער לופט ארום.

אף—אף ! האט איוואנאוו שווער דעם אטהעם געצוינגען.

ווען זיי זיינען איבער'ן נאסען זאמד געגאנגען וואס האט זיך פון'ם רעגען צוזאמענגעקלעפט, איז אלץ הינטער זיי געבליבען שטיל און טונקעל.

— נו, איצט וועט זיך ערשט אנפאנגען.

די וואלקענס זיינען וואס אמאל נידעריגער און נידעריגער אראבגעזונקען; זיי זיינען שוין כמעט אויף דער ערד געלעגען.

פלוצים האט ווידער דער ווינט מיט פרישע קראפט גענומען רייסען, ער האט געטראגען שטויב און בלעטער אין דער הויך, עס האט אנגעהויבען שטארק בליצען און א שרעקליכעם דונערען האט פול געמאכט די לופט.

— אהא — הא — הא !... האט סאניז גענומען רופען וועלענדיג איבערשרייען די צורייצטע דונערען.

ער האט אפילו זיין אייגען קול נישט געהערט.

ווען זיי זיינען אויפ'ן פעלד געקומען האט געהערשט פאלשטענדיגע פינסטערניש, נאר ווען ס'האט א בליץ געגעבען, האבען זיך זייערע געשטאלטען בעמערקט אבגעטיילט פון זאמד.

— אה — אה— אה — האט סאניז ווידער גענומען שרייען.

— וואס איז ? האט איוואנאוו מיט אלע זיינע קרעפטען געשריען צוריק. ס'האט א פינקעל געטהאן א בליץ און ער האט דערזעהן סאניז'ם שטראהלענדע אויגען.

קיין ענטפער האט איוואנאוו נישט געהערט און ער האט זיך אביסעל גענומען שרעקען פאר'ן שטורעם.

ווען ס'האט ווידער א בליץ געגעבען, האט סאניז, פיהלענדיג אין זיך א שטראם פון קראפט און לעבען, פערשפרייט זיינע שטארקע הענד און מיט זיין גאנצע ברוסט האט ער לאנג, הויך און גליקליך געשריען אנטקעגען דעם דונער וואס איז מיט א כעס'דיגען ברומען זיך געקייקעלט פריי און שטארק פון איין עק הימעל צום צווייטען.

35טעם קאפיטעל

די זון האט געשיינט העל אזוי ווי אין פריהלינג אבער אין די לופט, האט שוין געהאנגען די שטילקייט פון הערבסט, א שטיל הערבסט ווינטעל האט ארומגעשוועבט צווישען די בוימער פון וועלכע די געלע בלעטער האבען אראבגעגלאנצט, טשוויטשערייען פון איינצעלנע פייגעלעך האט זיך געהערט פון צווישען די צווייגען און עס קלינגט אזוי געבראכען און בענקענדיג מיט א

שרעקען פאר'ן אנקומענדען ווינטער, א זומען פון גרויסע אינזעקטען הערט זיך צווישען די הויכע אבער שוין נישט גרינע גראזען. עס זעהט זיך שוין נישט מעהר קיין בליהמעלע און קיין גרינע גראז וואס זאלען פריש מאכען די לופט.

יוריע געהט לאנגזאם אויפ'ן גארטען וועג און קוקט מיט ווייט - אויפ־געריסענע אויגען און טיפען נאכדענקען אויף אלעם ארום זיך, אויף די געלע בלעטער וואס ליגען פערשפרייט צווישען די בוימער, אויפ'ן פערקלערטען הערבסט הימעל און אויף דעם גאנצען שטילען גארטען, אזוי ווי ער זאל עס איצט זעהן צום לעצטען מאל, כדי ער זאל זיך גוט נעמען אין די געדאנקען אריין און קיינמאל נישט פערגעסען.

עפעס איין שווערער טרויער האט זיך געלעגט אויף זיין הארץ. די אור־זאך פאר וואס, האט ער אליין נישט געוואוסט, שטענדיג דאכט זיך איהם, אז עס וועט עפעס וואונדערבארעס געשעהן, אזעלכעס וואס האט געקענט זיין און ס'איז דאך קיינמאל נישט געווען און ס'וועט קיינמאל נישט קומען. מיט יעדער רגע ווערט עס אלץ ווייטער און ווייטער פון איהם.

א שמערצליכער געפיהל רוימט איהם איין, אז דאס אלעס איז נאר דורך זיין אייגענע שולד אזוי געווארען, אפשר איז דאס געווען זיין יוגענד, דאס יונגע גליק, וועלכעס ער האט נישט געקענט בעגרייפען, און דאס וועט שוין קיינמאהל נישט צוריק־קומען ... אפשר איז דאס די געוואלטיג גרויסע מענשען בעפרייענדע אידעע, אין וועלכע ער איז אמאל געווען טהעטיג און איז פלוצים אוועק פון איהר ... און דאך פון וואנען דיעזע טרויעריגע בענקעניש קומט צו איהם, קען יוריע נישט בעגרייפען ...

ער איז איבערצייגט, אז אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה זיינען אזעל־כע קרעפטען פערבארגען, אז ער וואלט די גאנצע וועלט געקענט איבערקעה־רען, ער איז זיכער: אז ער וואלט געקענט א נייע וועלט, א בעסערע וועלט שאפען, פון וואנען ער איז אזוי זיכער, האט ער זיך אליין נישט געקענט ער־קלעהרען: ער וואלט זיך אויך געשעהמט דאס פאר ווענען צו דערצעהלען. און דאך איז ער ווי א שוואכענקע פליעג פון וועלכע מען האט די פליגעל אראבגעריסען ...

— וואס קען איך טהאן? .... וואס זאל איך טהאן? פלאגען איהם שטענדיג די פראגען.

אין דעם אויגענבליק דאכט זיך איהם, אז שטעהט דא ערגעץ נישט ווייט פון איהם, א שטארקער שעהנער מענש, פול מיט גייסט און פערשטאנד און קוקט אויף איהם ווי אויף א פעראורטיילטען צום טויט ...

ער בעמערקט אַבער באַלד, אַז אין דעם געדאַנק ליגט פּוסטקייט, און פון דיזער פּוסטקייט געהט ארוים דער וואונש, אז ס'זאָל ווער זעהן און פערשטעהן, ווי יוריע שוואראשיטש איז שעהן אין דער פּאָזע, טראכטענדיג אזעלכע גע־דאַנקען, וועלכע שטעהען העכער פון'ם לעבען ... ער דערטאַפּט זיך אַבער באַלד ביי זיין עגאָאיסטישען פערלאַנג און פערשעהמט זיך.

— איז דאָס ניט גאַנץ גלייך, אויב איך וועל שטאַרבען אלס א פּאַלקס בעפרייער, אַלס גרויסער געלערנטער, אַדער אַלס טיעפזינדיגער שריפט־שטעלער, אַדער גאָר אַלס א פּשוט'ער, נאַרישער טרויעריג געפּלאַגטער רוסי־שער אינטעליגענט ... אַלעס איז דערזעלבע אונזין ... טראכט יוריע טרויע־ריג און געהט צום הויז.

אין דעם דורכזיכטיגען שטילען נייעם טאָג, דורך וועלכען עס קען זיך אפילו הערען די מענשליכע געדאַנקען און בעמערקען דאָס לאַנגזאַמע אָב־שטאַרבען פון יעדער זאַך וואָס פערגעהט; איז איהם וואָס אַמאָל שווערער געוואָרען אויף זיין הארצען.

... אָט איז ליאַלע, טראכט יוריע דערזעהענדיג זי ארומלויפען צווישען די בוימער, די גליקליכע ליאַלע לעבט ווי א שמעטערלינג נאָר מיט'ן היינטיגען טאָג, דאַרף גאָרנישט, פערלאַנגט גאָרנישט, נאָר איהר ביסעל גליק ... אַך, ווען איך זאָל אויך אזוי קענען לעבען!

נאָר דיעזער געדאַנק האָט נאָר פון אויבען אויף אין זיין מוח דורכגע־שוועבט, ער האָט איהם אַליין גענומען פערשטויסען פון זיך, זיין גייסט, זיין טרויער, זיינע שמערצען וואָס ער ליידעט, זיינען ביי איהם אזוי זעלטען טייער און ער וואָלט זיי זיכער נישט געוואָלט פערטוישען מיט ליאַלע'ס שמעטער־לינג־לעבען.

— יוריע, יוריע, — רופט איהם ליאַלע מיט א קלינגענדיג קול אזוי ווי זאַנגענדיג. זי קומט נעהענטער צו איהם צו, און דערלאַנגט איהם שטיל מיט א שמייכעל א שמאַלע ראָזיגע קאָנווערט. — פאַר דיר זאָגט זי געהיימנוספּול.

— פון וועמען? פרעגט יוריע אונפריינדליך.

— פון סאַניטשקא קאַרסאַווינע, ברודעריל, ערקלעהרט זי גראַזשענדיג צו איהם מיט'ן פינגער.

יוריע ווערט שרעקליך רויט. ס'דאַכט זיך איהם, אז דעם שמאַלען קאָ־לירטען קאָנווערט וואָס שמעקט פון פּאַרפיום; ליגט עפּעס נאַרישעס, און מיט'ן ערהאַלטען פון דעם דאָזיגען בריוועל מאַכט ער זיך אַליין לעכערליך. מיט אַמאָל נעהמט ער זיך צוזאַמען און קוקט אויף אַלע זייטען מיט שטעכענער בליקען.

ליאלע געהענדיג אין זיין זייט בעמערקט גאָרנישט זיין אויפגערעגטקייט. מיט א בעזונדערע בעגייסטערונג ווי אלע סענטימענטאַלע יונגע מיידלעך קוקענדיג מיט ענטציקען אויף איהר פערליעבטען ברודער דערצעהלט זי איהם פליסטערענדיג, ווי שטאַרק זי האָט ליעב קאַרסאַווינע און פרייד זיך אז ער וועט מיט סאַניטשקא אַמאָל חתונה האָבען.

דאָס אונגליקליכע וואָרט „חתונה" שפּיגעלט זיך אָב אין יוריעס פּנים ער ווערט נאָך שטאַרקער רויט און אין זיינע אויגען בליצט אויף א צאָרען־פייער'ל.

... ס'אַן אמת'ער קליינשטעדטעלדיגער ראָמאַן, טראַכט ער, מיט ראָזאָווע בריוועלעך, די שוועסטער אלס פערמיטלערין, א געזעצליכע חתונה, א הויז ווירטשאַפט א ווייב מיט קינדערלעך, דאָס אלעס זעהט פאַר איהם אויס, אזוי באַנאַל, אזוי קלעגליך און וואַכענדיג אזש א שרעק כאַפּט איהם אָן.

— אַך, לאָז מיך צופריעדען מיט דיינע נאַרישקייטען, איך דאַרף דאָס אלעס נישט! זאָגט ער צו ליאלע מיט אַן אויפגערעגטע שטימע.

ליאלע פיהלט זיך געקרענקט.

— וואָס שפּיעלסט דו קאָמעדיע?... ביזטו פערליעבט, נו, וואָס שאַט עס דען, איך קען עס נישט פערשטעהן, פאַר וואָס איהר אלע ווילט זיך מאַכען פאַר גרויס־אַרטיגע העלדען.

זי הויבט אונטער אביסעל איהר קלייד, צייגט איהרע דורכזיכטיגע זאָקען און ווי א בעליידיגטע פּרינצעסין לויפט זי צוריק אין הויז אריין:

יוריע קוקט איהר בייז נאָך, ווערט נאָך מעהר רויט, ער רייסט אויף דעם קאָנווערט און לעזט.

„יוריע ניקאָלאַיעוויטש, אויב איהר ווילט און קענט, קומט היינט אין קלויסטער, איך וועל זיין דאָרט מיט מיין טאַנטע, זי וועט היינט בייטען און וועט אזוי שנעל נישט ארויסקומען, מיר איז שרעקליך לאַנגווייליג, איך וויל מיט אייך איבער פיעלע זאַכען רעדען, קומט! ס'איז אפשר נישט ריכטיג וואָס איך שרייב צו אייך, אָבער קומען מוזט איהר.

יוריע האָט אלעס פערגעסען וואָס ער האָט פריהער געטראַכט, דעם לעצ־טען זאַץ האָט ער געלעזען מיט א מאָדנער אויפרעגונג און אויסערגעוועהנליכע פרייד. אין דעם קורצען זאַץ האָט זיך פאַר איהם אָבגעשפּיגעלט דאָס יונגע אונשולדיגע ריינע מיידעל, וועלכע איז אזוי שטאַרק און נאַאיוו אין איהם פערליעבט, זי פיהלט אויך, אז ער האָט איהר ליעב, און נישט קענענדיג מעהר מיט זיך קעמפּפען, שרייבט זי עס איהם גאַנץ אָפען „אז ער מוז קומען צו איהר... ער מוז.... זי וועט זיך אין זיינע אָרעמס וואַרפען, דער געדאַנק אז ער

וועט ארומנעהמען איהר יונגען שעהנעם קערפער, מאכט אויפציטערען זיין גאנצע נשמה ... שוין איצט פיהלט ער די נאהענטקייט פון איהר יוגענדליכען ריינעם קערפער, דעם געשמאק פון איהרע האר, איהרע דערשראקענע, גליק־ליכע אויגען וואס זיינען אנגעפיהלט מיט גלאנציגע פערל'דיגע טרעהרען. עס ווילט זיך איהם איראניש שמייכלען עס געלינגט איהם אבער נישט, אלץ ווערט פערטרונקען אין א דארשטיגען פערלאנגען נאך גליק ... ס'דאכט זיך איהם אז ער איז אזוי ווי א פויגעל און ער פליהט ארום איבער די שפיצען פון די בוימער, אזוי הויך — הויך — פערגאסען מיט שטראהלען פון דער זון, אזש ביז צווישען די בלויע הימלען.

דעם גאנצען טאג איז איהם אויפ'ן הארצען געווען ליכטיג און גוט, אין זיין קערפער האט ער דערפיהלט א שטארקע קראפט און יעדער בעוועגונג האט איהם פערשאפט פערגעניגען.

כדי ער זאל נישט דארפען איבער'ן זאמד געהן, האט ער פארנאכט גע־נומען א דראזשקע און איז געפאהרען צום קלויסטער, אונבעוואוסט שעמט ער זיך פאר דער גאנצער וועלט און דאך שמייכעלט ער צו אלעם. קומענדיג צום טייך איז ער אריין אין א שיפעל און א שטארקער בויער האט איהם צוגעפיהרט צום קלויסטער.

יוריע האט נאך אלץ נישט געקענט פערשטעהן וואס אייגענטליך ער לעבט איצט איבער, ערשט דאן ווען דאס שיפעל איז ארוים אויף דעם בריי־טען טיפען וואסער, האט ער דערפיהלט אין זיין נשמה, אז ער איז גליק־ליך און דאס גליק האט איהם געבראכט די ראזאווע פערפיומירטע קליינע קאנווערט...

אין גרונד גענומען איז דאך עס גאנץ גלייך, טראכט יוריע — זי לעבט דאך אין אזא קרייז. איז עס א קליינשטעדטעלדיגער ראמאן... גוט, זאל עס זיין.

מיט א ריטמישען איינטעניגען גערויש איז דאס וואסער געלאפען נע־בען שיפעל, דער גרינער בארג מיט זיין ברייטען אייגענארטיגע טונקעלע פייכטקייט, איז וואס אמאל מעהר פאר איהם אויסגעוואקסען, דאס שיפעל איז צוגעקומען צום ברעג, יוריע איז ארויסגעשפרונגען פון'ם שיפעל און געעבנדיג דעם בויער א האלבען רובעל איז ער ארויפגעגאנגען צום קלויס־טער.

דער שטילער אווענד האט זיך שוין פערשפרייט איבער'ן וואלד, פון דער ערד האט זיך אויפגעהויבען א פער'חלום'טע פייכטקייט, די געלע בלעטער האבען זיך אין דער טונקעלהייט נישט געזעהן און דער וואלד האט אויס־

נעזעהען זומערדיג, גרין און געדיכט. אין דער הויף ארום דעם קלויסטער האט נאך הייליגער, ריינער און שטילער אויסגעזעהן.. די טאפאלעס זיינען געשטאנען גלייכע און שטרענגע, אזוי ווי צום בעטען; צווישען זיי האבען ארומשפאצירט לאנגע, שווארצע מאנאכען אזוי ווי טונקעלע ביינאכטיגע שאטענס, און די טונקעלע עפענונגען פון די קלויסטער טורמעס האבען ביי די הייליגע בילדער קליינע לעמפלעך געברענט. אן אונבעקאנטער אנגע־נעהמער ריח האט זיך ארומגעטראגען אין דער לופט.

— אה, גוטען אווענד סווארשיטש — האט עמיצער הינטער איהם א געשריי געטהאן.

יוריע האט זיך שנעל אומגעקוקט און האט דערזעהן, שאפראוו, איוואנאוו, סאנין און פיאטר איליטש. פרעהליך זיינען זיי אלע ארומגעגאנגען אין הויף פון קלויסטער. די מאנאכען האבען אויף זיי בייז געקוקט.

— מיר ריכטען זיך אויף גרויסארטיגעס — האט שאפראוו געזאגט צו־געהענדיג צו יוריע און קוקענדיג איהם דורך די ברילען פריינדליך אין די אויגען אריין.

— דאס איז זעהר שעהן — האט יוריע געצוואונגען געמורמעלט.

— אפשר וועט איהר זיך אויך בעטייליגען.

— ניין, איך דאנק, איך בין דא נישט אליין.

— נו, וואס מאכסטו פאר אן אנשטעל, מיט איינפאכער גוטמוטיגקייט און אנגענומען יוריע פאר די האנט — קום מיט מיט אונז!

יוריע האט זיך אביסעל אונפריינדליך איינגעשפארט, אוןביידע האבען זיך קאמיש איינער דעם אנדערען געשלעפט אין פערשיעדענע זייטען.

— ניין, ביי גאט, איך קען נישט! אפשר שפעטער וועל איך צו אייך קומען, — האט יוריע געענטפערט. איהם האט זיך פארגעשטעלט, אז דאס שלעפען איז נישט טאקטיש.

— נו, גוט — האט איוואנאוו געזאגט — מיר וועלען אויף דיר ווארטען, אבער זאלסט זיכער קומען.

— גוט, גוט...

זיי זיינען לאבענדיג און מאדנע מיט די הענט שאקלענדיג אוועקגעגאנגען. אויפ'ן הויף איז ווידער געווארען הייליג און שטיל. יוריע האט מיט שפאט און מורא געמישט, אראבגענומען זיין היטעל און איז אריינגעגאנגען אין קלויסטער.

באלד ווי ער איז נאר אריינגעקומען, האט ער אין דער טונקעלהייט דערזעהן קארסאווינא אין איהר גרויען יאקעט און אין א רונדען שטרוי־

היטעלע, דאס הארץ האט אין איהם געגומען ציטערען, און דאס ציטערען איז פּלוצלינג געווען צו א שרעק פון א פויגעל אדער א קאץ איידער זי וויל א שפּרינג טהאן.

אלעס אין איהר האט זיך איהם אויסגעוויזען וואונדערליך שעהן, דער זשאקעט, דאס היטעלע, איהרע שווארצע האר וואס האבען זיך אויף איהר האלז אין א קניפּ פערשלונגען, זי האט אויסגעזעהען ווי א גימ־נאזיסטקע ביי אזא ענטוויקעלטע ערוואקסענע מיידעל, האט דאס יעדען איינעם פער'כשופ'ט...

זי האט דערפיהלט אז יוריע איז נאהענט צו איהר. זי האט זיך אומגע־קוקט און אין איהר שווארצע אויגען האט זיך אנגעשפּיגעלט א דערשראָ־קענער פרייד.

— גוט'ן אווענד, — בעגריסט ער זי מיט אן איינגעהאלטענעם קול אבער דאך אביסעל צו הויך פאר אזא פּלאץ. אין דעם זעלבען אויגענבליק קען ער זיך נישט בעשליסען צי עס פאסט זיך דא איהר די האנד צו רייכען. די בעט־ערינס וואס זיינען געשטאנען נאהענט צו זיי, האבען זיך אומגעקוקט, פון זייער פרומען בליק איז יוריע נאך מעהר צומישט געווארען.

ער איז רויט געווארען. קארסאווינא האט פערשטאנען זיין פערלעגענ־הייט, און איז איהם מיט א מוטעריך געפיהל געקומען צו הילף. זי האט גאנץ שטיל געשמייכעלט צו איהם און מיט איהרע שווארצע אויגען צו איהם געוואונקען, אז ער זאל שווייגען.

יוריע האט זיך גליקליך געפיהלט און האט געשוויגען.

זי האט אויף איהם מעהר נישט געקוקט און האט זיך אפּט גע'צלם'ט, אבער יוריע האט די גאנצע צייט געוואוסט, אז זי פיהלט זיין נאהענטקייט און דאס האט געשאפען צווישען זיי א געהיימניספולען בונט, זייערע הער־צער האבען האסטיגער געשלאגען, און אלץ האט פאר זיי אויסגעזעהן וואונ־דערליך און הייליג...

דער אלטער גלח אויף די בימה, די פלאמענדיגע ליכטער, די בעטענדיגע און זינגענדיגע מענשען, די שווערע זיפצען און די שטילע טריט ביים איינ־גאנג, האט יוריע בעטראכט מיט שטרענגע פערליעבטע אויגען, זיין הארץ וואס האט אזוי גוט געפיהלט, האט געוואלט געגען דער פערגליווערטער היי־ליגקייט פראטעסטירען, אבער ער איז שטיל געבליבען.

אונבעוועגליך איז ער געשטאנען און געקוקט אויף איהר ווייסען האלז וואס האט ארויסגעגלאנצט פון הינטער איהרע שווארצע האר, אויף איהר ווייכע בויגענדיגע טאליע וואס האט זיך לייכט אנגעזעהן דורך דעם גרוי־

עם יאקעט, און עס איז איהם געווען אזוי גוט... און דאס קלאפען פון זיין הארץ האט זיין גאנצע נשמה ציטערען געמאכט... ער האט זיך געוואונשען אז ער זאל אזוי אייביג קענען שטעהן... יעדער זאל עס זעהן.

כאטש ער האט אין גאר נישט געגלויבט, נישט אין זינגען און נישט אין בעטען, האט ער דאך עפעס צו אלעם פריינדליך געפיהלט. שטיל אין זיך הויבט ער אן צו פערגלייכען דאס איצטיגע פיהלען מיט זיינע גראנ־קען פון דער פריה. ווי ווייט דאס איז איינס פון אנדערען...

— אלזא, מען קען דאך גליקליך זיין? — פרעגט ער שמייכלענדיג שטיל. און באלד ענטפערט ער זיך. — זיכער! אלעס וואס איך האב איבער'ן טויט געטראכט, דער זינלאזיגקייט פון לעבען, דאס פעהלען פון א ריכטיגען צוועק אין לעבען, דאס מעג זיך אלעס אמת זיין, פון דעסטוועגען קען מען גליקליך זיין! איך בין גליקליך! און גראד א דאנק די דאזיגע וואונ־דערבארע יונגע מיידעל, וועלכע איך האב ערשט נישט לאנג גאר נישט גע־קענט...

איהם איז געקומען א קאמישער געדאנק אין קאפ אריין. קען זיין ווען זיי זיינען נאך קליינע קינדער געווען, האבען זיי זיך ערגעץ בעגעגענט, גע־שפיעלט צוזאמען, נישט וויסענדיג, אז זיי וועלען זיך ליעב האבען און זי וועט אלע געהיימניסע פון איהר קערפער פאר איהם ענטדעקען...

דער לעצטער געדאנק איז געקומען אין קאפ גאנץ אונערווארטעט און ער האט זיך פערשעמט, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער געפיהלט אזוי גוט... אזוי פריי... אז ער איז ביז אין די ווארצלען פון זיינע האר רויט געווארען און ער האט זיך געשראקען א קוק צו טהאן אויף קארסאווינא.

קארסאווינא, וועלכע האט זיך אין זיינע געדאנקען א נאקעטע פארגע־שטעלט, איז געשטאנען ליעבליך און ריין פאר איהם און האט אהן ווער־טער צו גאט געבעטען, אז יוריע זאל איהר אזוי צערטליך און טיעף ליעב האבען ווי זי האט איהם ליעב...

פון איהר ריינקייט האט זיך א דינער שטראם צו איהם געווארפען, און די שמוציגע געדאנקען זיינען פערשוואונדען פון איהם, זיין נשמה איז גע־ווארען שטיל און ריין...

טרערען פון ליעבע און שטילען גליק זיינען איהם געקומען אין די אויג־גען, ער האט אויפגעהויבען זיין בליק און האט דערזעהן דאס הייליגע בילד ארומגערינגעלט מיט פייערלעך פון א סך ליכט איבער דעם בילד דעם צלם, און ער רופט אין די געדאנקען מיט א געפיהל וואס ער האט שוין לאנג פער־געסען:

— גאָט! ווען דו עקזיסטירט זאָלסטו געבען אַז דאָס מיידעל זאָל מיך אייביג ליעבען און איך זאָל זי אייביג אַזוי ריין ליעבען אַזוי ווי איצט...

ער האָט זיך פערשעהמט פאַר זיין פּלוצים'דיגען בעטען און האָט גע־שמייכעלט.

— ס'איז דאָך פאַרט אַזוי.. טראַכט ער.

— לאָמיר אַרויסגעהן, — האָט קאַרסאַווינא שטיל צו איהם אַ שעפּטש געטהאָן.

זיי זיינען מיט שטילע טריט אַרויסגעגאַנגען, אין האַרצען ביי זיי איז געווען פריעדען און גליק... ס'האָט זיך אויסגעוויזען אַז זיי טראָגען מיט זיך מיט אַלץ וואָס איז הייליג און צופרידען.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען דאָס טיהרעל פון דער הינטערשטער זייט קלויסטער און אַרויסגעקומען אויפ'ן באַרג. דאָרט איז קיינער נישט גע־פען; די אַלטע ווייסע מויער מיט די טורעם'לעך האָט זיי אָבגעשיידט פון אַלע מענשען...

הינטער איהרע פיס האָבען געקניסטערט די אַראָבגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער און אונטען האָט זיך דערזעהן דער גלאַנצענדיגער טייך. די גרינע פעלדער שפּרייטען זיך אויס אין אַלע זייטען און ווערען פערלוירען ערגעץ אין דער ווייטקייט.

שווייגענדיג זיינען זיי צוגעקומען צום עק באַרג און זענען געבליבען שטעהן נישט וויסענדיג, וואָס זיי זאָלען טהאָן. זיי האָבען זיך פאַר עפּעס געשראָקען נישט וויסענדיג פאַר וואָס... עפּעס פעהלט זיי די קראַפט, עטוואָס איינס פאַר'ן אַנדערען צו זאָגען דאָס וואָס זיי פיהלען.

אָבער קאַרסאַווינא האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, און פּלוצים נישט ערוואַרטענדיג גאַנץ איינפאַך, האָבען זיך זייערע ליפּען צוזאַמענגעטראָ־פען..

זי איז געוואָרען טויט בלאַס, יוריע האָט איהר שווייגענדיג אַרומגענומען. צום ערשטען מאָל האָט ער געפיהלט איהר וואַרעמען וואַכען קערפּער אין זיינע אָרעמס.

אַרום זיי איז שטיל געוואָרען, זי האָט זיך אויסגעוויזען וועט אין דער דאָזיגער הייליגער גליקליכער מינוט, שטיל אָבשטאַרבען...

אין זייערע אויערען קלינגט עטוואָס, יוריען איז עס פאַרגעקומען אַז ערגעץ וואו אַן אונזיכטבאַרע גלאָק קלינגט צו דער פייערונג פון זייער צוזאַמענקור־

פּלוצים רייסט זיך קאַרסאַווינע אוועק פון איהם, שמייכעלט גליק־

ליך צו איהם און אנטלויפט. מיין טאנטע וועט מיך זוכען, איהר זאלט וואר־טען דא, איך וועל באלד צוריקקומען.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גראז און האט א פיהר געטהאן מיט'ן האנד איבער די האר.

— ווי נאריש און גוט דאס איז — טראכט ער מיט א גליקליכען שמייכעל, ציהט מיט די אקסעל אוןווארפט אוועק אלע געדאנקען, פון צווייפעל און ליידען, וואס ער האט פריהער געהאט...

קארסאווינא איז צוגעלאפען צום גארטען־טהירעל און בלייבט נאך א מאל שטעהן. איהר הארץ קלאפט שטארק און איהר פנים ברענט, זי דריקט איהר האנד שטארק צו איהר בעוועגענדע לינקע ברוסט און לעהנט זיך אויף א מינוט אן ביי די וואנט. דערנאך הויבט זי אויף איהרע שעהנע אויגען, קוקט זיך ארום פערוואונדערט אין אלע זייטען, הויבט אביסעל אויף דאס שווארצע קליידעל און לויפט מיט שנעלע טריט איבער'ן וועג צום גאסט־הויז שרייענדיג צו איהר אלטע טאנטע וואס איז געזעסען אויף די שטיינערנע טרעפ און גע־ווארט אויף איהר.

אט בין איך דא! טאנטע, אט בין איך דא!

36טעס קאפיטעל

ס'איז וואס אמאל מעהר טונקעל געווארען, פון די וויטע פעלדער הערט זיך דאס הירזשען פון פערד און א טרויריג פייפען פון ערגעץ א פאסטוך פייפעל.

יוריע זיצט נאך אלץ אויפ'ן בארג אוןווארט אויף קארסאווענא. מע־באניש צעהלט ער די פייערלעך וואס ער זעהט פון דערווייטענס זיך אנצינ־דען.

— איינ, צוויי דריי... ניין נאך איינס, גאנץ אונטען ס'איז קוים צו זעהן... דארט אין עק... ווי א קליינער שטערען...

דארט זיצען איצט גרויסע מענשען, בוירען, די וואס זיינען אויף די נאכט־פאשע ארויס, קאכען אויפ'ן פעלד קארטאפעל... רעדען צוזאמען, דאס פייערעל ברענט לוסטיג, קנאקט, פלאמט אויף...

פון דאנען אבער זעהען זיך די פייערלעך קוים... אט, אט דאכט זיך ווערען זיי פערלאשען.

ס'איז איהם שווער געוואָרען איבער עטוואָס וויכטיגעס צו דענקען. ער איז געזעסען אַזוי לאַנג נישט ריהרענדיג זיך פון'ם אָרט. ער פיהלט אַז אין זיין קערפּער זאַמעלט זיך צונויף אַן אונבעוואוסטע קראַפט, אַזוי ער זאָל זיך פאַר עפּעס פּאַרבייטען און נישט וויסענדיג צו וואָס, ער פיהלט נאָך אַלץ דעם דרוק פון'ם ווייכען יונגען קערפּער פון קאַרסאַווינאַ און דעם ברענענדיגען קוש פון איהרע הייסע פוכקע ליפּען. פון צייט צו צייט, זאָגט ער צו זיך, אָבער פאַר וואָס קומט זי נישט? פאַר וואָס קומט זי נישט?

זיין האַרץ ציטערט, בלייבט אַ רגע שטיל און קלאַפּט ווייטער שטאַרק... זיינע נערוועז ווערען געשפּאַנט און זיין קערפּער ווערט פריש און ליידענשאַפטליך...

אַזוי זיצט ער וואַרטענדיג מיט פולער געשפּאַנטקייט זיך צוהערענדיג צו דעם ווייטען הירזשען פון די פערד, דאָס געשריי פון די גענז ערגעץ אויפ'ן טייך און די טויזענדער אויסגעמישטע טענער פון'ם וואַלד וואָס ציטערען אין די הויכקייט פון דער לופט.

ענדליך דערהערט זיך שטילע שנעלע טריט און אַ רוישען פון אַ קלייד. ער פיהלט אפילו נישט אומקוקענדיג זיך, אַז זי איז דאָס... זיין גאַנצער קערפּער גליהט און ציטערט פון ליידענשאַפט, און דאָך שרעקט ער זיך און איז נישט פעהיג זיך צו בעוועגען. פּלוצלונג דרעהט ער זיך שנעל אום, שליסט זי אין זיינע אָרעמס און טראָגט זי מיט אַן אונבעוואוסטע קראַפט איבער'ן גראָז אַרונטער...

— מיר וועלען פאַלען! — זאָגט קאַרסאַווינע שעהמענדיג און גליקליך.

ווידער פרעסט ער איהר קערפּער שטאַרק צו זיך. אַט דאַכט זיך איהם, איז זי גרויס, שטאַרק ווי אַ גאַנצע פרוי, און אַט איז זי אַ קליין זיס מיידעלע. דורכ'ן קלייד דערפיהלט ער מיט זיין האַנט איהר רונדע פיס; ער ווערט דערשראָקען און צומישט פון דער בעריהרונג...

אונטען צווישען די בוימער איז שוין גענצליך טונקעל; יוריע לעגט איהר אויפ'ן גראָז און זעצט זיך נעבען איהר. ער געפינט איהרע ווייכע הייסע ליפּען און ליידענשאַפטליך קושט ער איהר אונאויפהערליך. זיינע קושען גיסען זיך אַריין אין איהר קערפּער אַזוי ווי גליהענדעס אייזען...

עס איז אַ מאָמענט פון ווילדער משוגעת און וועלכע בלויז די ווילדע טיערישע קראַפט האָט נאָר צו שאַפען... קאַרסאַווינע ווערט זיך נישט, נור ציטערט, ווען יוריעס האַנט הויבט פרעך אויף איהר קלייד...

— דו ליעבסט מיך.. אמת'דיג? — פרעגט זי מיט אַ ציטערענדיגע

שטימע. דער שטילער טאָן פון איהר שטימע קלינגט אזוי וואונדערליך און געהיימניספול, אזוי ווי די שטילע טענער פון'ם שטומען וואלד...

פלוצלונג פרעגט זיך יוריע דערשראָקען:

— וואָס טהו איך איצט?

אין זיין ברענענדיגען מוח איז מיט אמאָל אלעס קלאָר געוואָרען, אלץ איז מיט אמאָל געוואָרען קאלט און פוסט.. ס'איז געוואָרען בלאס און העל ווי א ווינטער־טאָג אין וועלכען ס'איז נישטאָ קיין לעבען און קיין קראפט.

זי עפענט איהרע העל געוואָרענע אויגען און ציהט זיך צו איהם, מיט א טרויעריגע שטומע פראגע... נור פלוצים דערזעהט זי אלעס מיט פלינקע ברייט געעפענטע אויגען. זי פיהלט ווי זיינע בליקען עסען זיך איין אין איהר נאַקעטען קערפער, מיט אונערטרעגליכע בושה לאָזט זי צוריק ארונטער איהר קלייד און זעצט זיך אויף...

א ים מיט צומישטע געדאנקען און געפיהלען פלאָנטערען זיך אין יור־ריעס מוח, איצט זיך אבשטעלען, דאכט זיך איהם איז אונמעגליך, ער וועט זיך נאָר לעכערליך מאכען.. נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט פרואווט ער זי ווידער אויפ'ן גראז אוועקצולעגען, אבער איצט ווערט זי זיך שוין מיט איהר גאנצער קראפט. זיי רייסען זיך אזוי א קורצע צייט, אבער אין דעם זעלבען אויגענבליק ווי קארסאווינע איז שוין מיעד געוואָרען און האט זיך שוין איהם געוואָלט איבערגעבען... לאָזט ער איהר אָב, קארסאווינא אָטעמט שווער און אבגעבראכען אזוי ווי א געהעצטע שעפעלע, ווען דער וואָלף יאָגט עם נאָך... א מינוטען לאנגע, שווער שטילע פויזע האט איינגעטרעטען. דערנאָך זאָגט ער צו איהר פלוצים:

— זייט מיר מוחל.. איך בין... ווי משוגע...

יוריע האָט פערשטאנען, אז נישט דאָס האָט ער געדאַרפט זאָגען, אז דאָס וועט זי נאָך מעהר בעליידיגען... א שוויים בעדעקט זיין פנים פון ליידענשאפט מיעד געוואָרענעם קערפער, זיינע ליפען מורמלען כמעט ווי אָהן זיין ווילען. עפעס פון דעם וואָס ער האָט היינט געזעהן... איבער זיינע גע־פיהלען צו איהר, איבער די געדאנקען און צווייפעל וואָס מאַטערען איהם שטענדיג... אבער אין דער מינוט, דאכט זיך איהם, אז אלץ וואָס ער זאָגט, איז נאַריש, אוננאַטירליך און פאלש... מיט אמאָל האקט ער אב, און אליין פיהלענדיג, אז ער וואלט וועלען זי זאָל אוועקגעהן, ווייסט ער נישט וואָס ער זאָל טאָן...

וואהרשיינליך לעבט זי אויך דורך דאָסזעלבע, פאַר אַן אויגענבליק האלט זי איין איהר אָטעם, דערנאָך זאָגט זי שטיל און מיט מורא:

— איך האָב קיין צייט נישט מעהר... איך מוז געהן...

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? — פרעגט זיך יוריע און אַ קעלט נעהט דורך זיין גאַנצען קערפּער.

זיי שטעהען ביידע אנוַי פון גראַז. קוקען אָבער נישט איינס אויף אַנדערען. מיט דער לעצטער אַנשטרענגונג אומצוקעהרען צוריק דאָס פריי־העריגע נעהמט ער זי שוואַך ארום... ביי איהר האָט זיך ווידער דערוועקט אַ מוטערליכע נייגונג, ס'דאַכט זיך איהר, אַז זי איז שטאַרקער פון איהם; מיט איהר ווייכען קערפּער דריקט זי זיך צו צו איהם, שמייכעלט צו איהם צערטליך און קוקט פערליעבט גלייך איהם אין די אויגען.

— צום ווידערזעהן, טייערער! קומט מאָרגען צו מיר, — זאָגט זי שמייכלענדיג.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער איהר לאַנג נאָכגעקוקט און זיך צוגעהערט צו איהרע שטילע טריט. ער האָט זיך אַנגעזוכט זיין היטעל וואָס איז געווען פול מיט ערד און בלעטער, האָט עס אָנגעטהאָן און איז געגאַנ־גען צום גאַסט־הויז אויסווייכענדיג די וועג וואו קאַרסאַווינא איז געגאַנגען.

...יאַ, טראַכט ער געהענדיג אין דער פינסטער, איז עס דען אונבעדינגט נעטיג געווען דיזע ריינע אונשולדיגע מיידעל צו בעשמוצען... ענדיגען אונ־זער צוזאַמען זיין ווי עס וואָלט אַן אַנדערער לומפּ געענדיגט? גאָט! מיין גאָט! ס'וואָלט געווען נידערטרעכטיג!... גוט, וואָס איך האָב קיין מוטה ניט געהאַט דערצו... ווי אונערטרעגליך און עקעלהאַפט דאָס איז געווען.. מיט אַמאָל, נישט קיין וואָרט רעדענדיג... ווי אַ חיה... און עקעל האָט ער איצט דערפיהלט צו דעם פריהעריגען געשעהענעם...

אָבער אין זיין נשמה האָט זיך נישט בערוהיגט, ס'האָט עפּעס געצווי־גען, געריסען, אַ צאַרן, און אונגעהייערע אויפרעגונג צו זיך אליין.

— ווי אונגאַטירליך איך האָב זיך אויפגעפיהרט... טראַכט ער, און עס דאַכט זיך איהם אַז זיינע העגט און פיס שלעפּען זיך נאָך נישט נאָרמאַל ווי אַלע מאָל, עפּעס פּלאָנטערען זיי זיך... זיין היטעל מוז ליגען אויף זיין קאָפּ ווי עפּעס אַ שאַנד־היטעל!...

— וואָס האָב איך געטהאָן? וואָס האָב איך געטהאָן? בין איך דען אמת'דיג פעהיג נאָך ווייטער צו לעבען?! פרעגט ער זיך מיט אַ פּלוצים'די־גע פערצווייפלונג...

37טעם קאפיטעל.

אין דעם ברייטען קארידאר פון'ם גאסט־הויז נעבען קלויסטער האט זיך ארומגעטראגען א געשמאק, פון ברויט, ווייהרויך און פון סאמאוואר, א הויכער שטארקער מאנאך איז טראגענדיג דעם סאמאוואר פערביינעגאנגען פערביי יוריען.

— פאטער'ל — האט זיך יוריע געווענדעט צום מאנאך, פערשעהמענדיג זיך פאר זיין ארט רעדען.

— וואס וועט ער זאגען? — האט דער מאנאך געפרעגט רוהיג.

— ס'דארף ביי אייך דא זיין א קאמפאניע פון שטאדט.

— זיי זיינען אין צימער נומער זיבען, זייט אזוי גוט און געהט דא ארויף אויפ'ן קליינעם באלקאן, — האט דער מאנאך שנעל געענטפערט אזוי ווי ער זאל האבען געווארט אויף דער פראגע.

יוריע האט געעפענט די טיר צום צימער נומער זיבען, אין דעם גרויסען צימער איז געווען טונקעל פון'ם געדיכטען רויך פון טאבאק און ציגארעטען. אבער הינטער דעם באלקאן איז געווען העל און ליכטיג, פלעשער האבען געקלונגען, מענשען האבען זיך בעוועגט, געשריגען און געלאכט.

— דאס לעבען איז אן אונהיילבארע קראנקהייט! — האט יוריע געהערט שאפראוו'ס שטימע.

— און דו אליין ביזט אן אונהיילבארער דומקאפ, — האט איוואנאוו מיט א שטארק געלעכטער געענטפערט צוריק. — קוקט נאר איך בעט אייך וויפיעל פראזען ס'שיט זיך פון איהם ארויס.

ווען יוריע איז צו זיי ארויסגעקומען, האבען זיי איהם אלע אויפגענומען מיט שמחה און שיכור'ע קולות. שאפראוו איז אויפגעשפרונגען און האט שיער נישט דאס טישטוך פון טיש מיטגעשלעפט. ער האט איהם אנגענומען ביי די הענט און האט מיט ליעבליכקייט געזאגט:

— דאס איז אבער שעהן, אז איהר זייט געקומען, דעם בעסטען דאנק, ביי גאט!... אין דער אמת'ן, זעהר גוט...

יוריע האט זיך געזעצט צווישען סאנין און פיאטר איליטש און זיך ארומגעקוקט. דער באלקאן איז געווען העל בעלויכטען פון צוויי לאמפען און א לאמפטערען, ס'האט זיך אויסגעוויזען אז הינטער דעם באלקאן שטעהט א הויכע שווארצע וואנט.

פערשיעדענע פליגעלעך און שמעטערלינגען זיינען געקומען צו פליהען

פון׳ם וואלד און האבען ארומגעשוועבט ארום די ליכט; יוריע האט אויך זיי געקוקט און איז געווארען טרויריג.

— — — מיר מענשען זיינען אויך אזוי, טראכט ער — מיר פליהען אויך צום פייער, יעדער נייע אידעע וואס גיט נאר א בלישטש, פליהען מיר ארום איהר. מיר צושלאגען זיך די פליגעל און מיר שטארבען מיט פיעל ליידען... מיר דענקען אז די אידעע איז דער איינציגער אויסדרוק פון׳ם וועלט־דרצון, און מיר פערברענען נאר אונזערע מוחות ביי איהר...

— נו, לאמיר אויסטרינקען! — רופאט סאנין מיט א פריינדליך קול און דערלאנגט יעדען די פלאש.

— גוט, — זאגט יוריע טרויריג, טראכטענדיג דאביי אז די בעסטע זאך איז אפשר טאקע נאר טרינקען. זיי קלאפען אן די גלעזער און טרינקען.

דער שנאפס האט זיך יוריען אויסגעוויזען, איז אזוי ווי ביטערער גיפט, מיט אן עקעל און ציטערען האט ער גענומען צובייסען, אבער אויך פון דעם איז נישט גוט געווארען.

— ניין, איך מוז פון דאנען אוועק! זאגט ער צו זיך, אבער ווי זאל איך געהען? ס׳איז דאך איבעראל דאס זעלבע... פון זיך אליין קען מען נישט אנטלויפען... ווען א מענש וואקסט אריבער זיין אייגען לעבען, וועט ער זיך אין ערגעץ נישט און מיט קיין איינציגער זאך בעפרידיגען, מעג עס זיין דא אין קליינעם שטעדטעל אדער אין פעטערבורג, אומעדום דאסזעלבע... אומעדום...

— נאך מיין מיינונג נאך, איז דער מענש פאר זיך א גארנישט! — האט הויך געשריגען שאפראוו.

יוריע האט זיך פערקוקט אויף שאפראוו׳ס נארישען פנים מיט די ברייטע לעז, און א טראכט געטהאן: אט אזא מענש איז טאקע א גאר נישט..

— דער אינדיווידיום איז א נול... האט שאפראוו ווייטער געשריגען. — — נאר די מאסע, אט די מאסע וואס מיר אינטעליגענטען רופען „גולם" און פון וואנען דער אינדיווידיום טיילט זיך אב. אט זיי זיינען א שטארקע קראפט, קעגען וועלכע מיר איינצעלנע שוואכע גארנישטען קענען זיך נישט אנטקעגען שטעלען...

— אבער אין וואס בעשטעהט די קראפט פון דער מאסע? — האט בייז געפרעגט איוואנאוו זיך אנלעהנענדיג מיט זיינע עלענבויגען אין טיש.

— צו קעמפפען געגען דער הייננטיגער ארדענונג.. איז טאקי אמת, דארף מען האבען די שטארקייט פון דער מאסע, אבער פאר דעם אייגענעם פערזענליכען גליק, קען די מאסע גאר נישט העלפען...

— אהא, איהר זייט אן „איבער מענש"... איהר דארפט האבען א בע־זונדערען פערזענליכען גליק... אבער די מענשען פון דער מאסע, דער פראס־טער המון, דענקען אנדערש, זיי גלויבען אז נור אין'ם קאמפף פאר'ן אלגע־מיינעם גליק קען מען אליין אויך גליקליך זיין, אין דעם זיעג פון א אידעע ליגט דאס אמת'ע גליק...

— און ווען א אידעע איז א פאלשע?

— דאס איז אלץ איינס — ענטפערט שאפראוו שאקלענדיג שטארק מיט'ן קאפ — מען דארף נאר גלויבען..

— שפיי דארויף, בעמערקט איוואנאוו מיט פעראכטונג. — יעדער מענש גלויבט, אז דאס וואס ער טהוט, איז דאס וויכטיגסטע און דאס נויטיגסטע, אין דעם גלויבט אפילו דער דאמען־שניידער. דו וויסט עס אליין אויך, נאר דו האסט עס אודאי פערגעסען, און ס'איז די פליכט פון דיינע פריינד דיך דאס צו דערמאנען..

יוריע קוקט אויף איוואנאוו'ס פער'שיכור'טען בלאסען פנים מיט אן אינערליכען האס.

— און אין וואס, נאך אייער מיינונג, ליגט דאס גליק פון די מענ־שען? — פרעגט ער פערקרומענדיג די ליפען.

— זיכער נישט אין דעם, אז מען זאל דעם גאנצען לעבען לאנג קלאגען, אכצען און קרעכצען ווי א קלאג־פרוי, און אויף יעדער טריט זאל מען זיך פרעגען: אט האב איך א נאס געטהאן... האב איך עס געדארפט טהאן? וועט עס קיינעם נישט שאדען? האב איך מיט דעם ניסען געטהאן מיין פפליכט צו דער מענשהייט?...

יוריע האט אין איוואנאוו'ס קאלטע אויגען בעמערקט א האס צו זיך און ער האט א ציטער געטהאן ביי דעם געדאנק, אז איוואנאוו מאכט זיך לוסטיג איבער איהם.

— נו, דאס ווילען מיר נאך זעהן, טראכט ער.

— דאס איז אבער נישט קיין פראגראם, — ערקלערט ער און גיט זיך די מיה צו מאכען א פעראכטענדיג פנים.

— און איהר דארפט אונבעדינגט א פראגראם? איך, וואס איך וויל... וואס איך קען, דאס טהו איך.. אט דאס איז דער בעסטער פראגראם..

— דאס איז א שעהנער פראגראם! — קאכט זיך שאפראוו — נישטא וואס צו זאגען...

יוריע האט געשוויגען און נאר א ציה געטהאן מיט די אקסעל.

א צייט לאנג זיינען אלע געזעסען שווייגענדיג און געטרונקען... דערנאך

וועגדעם זיך יוריע צו סאגין'ען און האט אנגעפאנגען צו רעדען פון דעם וואס ער האט פאר'ן בעסטען געהאלטען, נישט קוקענדיג צו איוואנאוו'ן האט ער אבער געוואלט אז ער זאל הערען. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער דארף נאר זאגען פון דעם וואס ער דענקט איז ריכטיג, און קיינער וועט איהם נישט ענטקעגען זיין.. אבער צו זיין ערשטוינען ווי נאר איוואנאוו האט זייגע ערשטע ווערטער געהערט, „אז א מענש דארף נישט לעבען אהן א גאט, ער קען אהן קיין גאט נישט לעבען, און ווען ער פערליערט איינעם זאל ער זיך אן אנדערען ארויסזוכען, כדי דאס לעבען זאל איהם נישט זיין זינלאז"... האט ער אנגעפאנגען שרייען: — מיר האבען שוין דאס געהערט! די מעשה'לע איז נאך פון קאטערינעס צייטען...

יוריע אכטעט נישט אויף איוואנאוו'ס אריינמישען זיך, נאר רעדט ווייטער און ענטוויקעלט זיין אידעע, פון דער דיסקוסיע מיטגעריסען, פיהלט יוריע גאר נישט, ווי ער אליין פאנגט אן גלויבען אין דעם, וואס ער אליין האט ערשט היינט אין דער פריה געצווייפעלט און ער פערטיידיגט מיט זיין גאנצען הארץ דאס וואס איז ביז יעצט ביי איהם אין הארצען נישט אמת געוועזן...

שאפראוו הערט זיך צו איהם צו מיט פולע בעגייסטערונג.

סאגין שמייכעלט צו איוואנאוו'ן און זאגט ביי יעדען געדאנק וואס יוריע פיהרט אויס, און ס'דאכט זיך איהם אז ס'איז געוועזן אריגינעל.

— אויך דאס האבען מיר שוין געהערט...

יוריע ווערט ענדליך אויפגערעגט.

— איהר הערט, זאגט ער מיט כעס — אט דער זאץ: „אז דאס האט מען שוין געהערט" איז זעהר לייכט צו זאגען, אז מען ווייסט נישט וואס צו ענטפערען, איז די בעסטע און לייכטסטע זאך צו זאגען „שוין געהערט" און איך וועל זאגען: אז איהר האט גאר נישט געהערט!...

איוואנאוו איז בלאס געווארען, די אויגען זייגען איהם געווארען מיט כעס אנגעפילט.

— ס'קען זיין — זאגט ער קוקענדיג אויף יוריען מיט שפאט, אפשר האבען מיר טאקע נישט געהערט. אט פון די אלע שעהנע אידעען, וועלכע איהר האט דא צוזאמענגעפלוידערט, אז מען קען נישט לעבען אהן גלויבען אין א גאט... און פון דעם ארעמען קליינעם מענשעלע וואס לעבט אויף דער ארעמער ערד... ס'קען מעגליך זיין... יעדען זאץ בעטאנט איוואנאוו מיט שפאט און פליצים שרייט ער מיט כעס: — איהר וואלט בעסער עפעס נייעס אויסגעטראכט!

יוריע פיהלט אז אין איוואנאָוום ווערטער איז פערהאַנען אמת, ער דערמאַנט זיך מיט אַמאָל וויפיעל וויסענשאַפטליכע ביכער ער האָט שוין דורכשטודירט, „דעם אנאַרכיזמוס", „מאַרקסיזמוס", „אינדיווידואַליזמוס", די אידעע איבער'ן „איבערמענש", דעם אמת'ן קריסטענטום, דעם מיסטישען אַנערכיזם און נאָך פיעלע, פיעלע אַנדערע אידעען. אין דער אמת'ן האָבען שוין אַלע דאָסזעלבע געלעזען און וויסען פון אַלעס, אָבער דאָס האַלט איהם נישט אויף, ער זאָל ווייטער נישט רעדען.. ער רעדט ווייטער מיט שאַרפ־קייט און איבערצייגונג.

איוואַנאָוו איז געקומען אין כעס אריין, ער איז געוואָרען פשוט שרעק־ליך. זיין פּנים איז געוואָרען נאָך בלאַסער, די אויגען האָבען זיך מיט צאָרען אָנגעפאַנגען בּעווענען, און זיין שטימע איז געוואָרען ווילד און גראָב.

סאַנין האָט זיך אריינגעמישט:

— אָבער הערט דאָך ענדליך אויף, מיינע העררען, ווערט אייך נישט לאַנגווייליג אָט די דאָזיגע נאַרישע דעבאַטע? מען קען דאָך קיין מענש נישט האַסען, ווייל ער דענקט אַזוי ווי ער וויל.. אַזוי ווי ער פערשטעהט..

— דאָס איז אָבער מעהר קיין דענקען נישט, דאָס איז פּוסטע נאַריש־קייטען. שווינדעל! — שרייט איוואַנאָוו, אָט וויל איינער צייגען, אַז ער דענקט טיעפער און בעסער ווי אַלע אַנדערע.. און צום סוף איז עס גאָר נישט!

— הערט נאָר, — רופט סאַנין הויך און שטרענג. ווען איהר ווילט זיךביידע שלאָגען, זאָלט איהר אַרויסגעהן אין גאַס און דאָרט זאָלט איהר עס טהאָן ווען עס געפעלט אייך, אָבער איהר האָט דאָך קיין רעכט נישט אונז אַלע צו צווינגען אייערע נאַרישע צאַנקערייען צוצוהערען.

איוואַנאָוו און יוריע זיינען שטיל געוואָרען, זייערע פּנים'ער זיינען גע־ווען רויט און פערשוויצט און האָבען אויסגעמידען זיך אָנצוקוקען איינס ס'אַנדערע, א גאַנץ לאַנגע צייט האָט געהערשט פּיינליכע שטילקייט, דער־נאָך האָט פּיאָטר איליטש אָנגעפאַנגען טרויריג צו זינגען:

„אפשר וועט מען אַמאָל אויף אַ שטילען בערגעל,
רוסלאַנד'ס בר־מנן בעגראַבען...

— זאָרג נאָר נישט ברודער, — בעמערקט איוואַנאָוו — מען וועט שוין רוסלאַנד אין די ריכטיגע צייט בעגראַבען.

— זאָל זיין ווי עס וויל — זאָגט פּיאָטר איליטש נאָכגעבענדיג. — ער שטעלט אוועק זיין גלאָז, גיסט עס אָן מיט שנאַפּס און דערלאַנגט עס יוריען:

— הערט אויף צו דענקען און טרינקט בעסער.

— אמת! זאָל אַלעם דער רוח נעהמען! — זאָגענדיג דאָס טרינקט יוריע דאָס גאַנצע גלאָז שנאַפּס אויס.

אין דעם זעלבען מאָמענט דערפיהלט ער אַ פערלאַנג, אַז איוואַנאָוו זאָל זעהן זיין איצטיגען העלדענטהאַט און ער וועט איהם אכטען און דרך ארץ האָבען פאַר איהם. דאַמאָלס וועט ער איהם אויך ליעב האָבען, אָבער איוואַ־נאָוו האָט גאָר נישט געקוקט אין זיין זייט. יוריע האָט גענומען טרינקען איין גלעזעל נאָך'ן אַנדערען.

— בראַוואָ! יוריע ניקאָלאַיעוויטש! בראַוואָ! ביי גאָט! — האָט שאַפּראָוו גענומען שרייען.

פון דיעזען לויב־געזאַנג האָט זיך יוריע געפיהלט פערשעמט.

יוריע האָט זיך בעמיהט צוריקצוהאַלטען דעם שנאַפּס וואָס איז איהם געקומען אין מויל אריין, ס'האָט איהם אָנגעפאַנגען ביים האַרץ צו עקלען און אַ שווינדער האָט זיין גאַנצען קערפּער אָנגענומען, נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט האָט ער אָנגעפאַנגען צו ריהרען די עסענס וואָס זענען אויפ'ן טיש געלעגען. ער האָט עפּעס געפונען און האָט עס אָבער געלאָזט ליגען, ס'האָט איהם פון אַלץ געעקעלט אזוי ווי פון גיפט.

— יאָ, אזעלכע מענשען, היט מיך זיי „מענשען" אַנצורופען, הערט יוריע ווען ער קומט ווידער צו זיך, ווי פּיאָטר איליטש זאָגט מיט זיין באַס־שטימע.

— דו היטסט דיך פאַר דעם... בראַוואָ אַנקעל פּיאָטר! — בעמערקט איוואַנאָוו.

— יאָ, איך היט מיך. איין מענש מוז... וואָס איז מיט אייך? — פרעגט יוריע ציטערענדיג פון שכירות.

— איך... זיכער... איך בין אַ גענעראַל, דאָס הייסט אין מיין נשמה.

— בראַוואָ! — שרייט איוואַנאָוו מיט ענטציקען, — ערגעץ אין וואַלד איז פאַר שרעק אַ פויגעל פון בוים אַרונטערגעפאַלען.

— אָבער נאָר אין דער נשמה... נישט מעהר, — בעמערקט יוריע מיט פעררדרום פאַר וואָס אַלע מאַכען זיך לוסטיג איבער איהם.

פּיאָטר איליטש קוקט אויף איהם פון אויבען אַראָב.

— אזוי דאַרף עס זיין... ווען אפילו אין דער נשמה... איז שוין גענוג... דאָס איז אויך עפּעס ווערט... איינער איז אַלט, אַ שיכור, און אָרעם ווי איך... דער איז אַ גענעראַל אין די נשמה, אַז אַנדערער איז יונג, שטאַרק, רייך און איז אַ גענעראַל אין לעבען אויך. יעדען קומט דאָס זייניגע... אָבער די מענ־

שען וועלכע וויינען שטענדיג און זיינען שרעקענדיג, די וויל איך קיין „מענשען" נישט אנרופען...

יוריע האט עפעס געענטפערט, אבער אין ליארעם און לאכען איז עס פערלוירען געגאנגען.

— איך בין שוין גענוג בעטרונקען, טראכט ער, איך דארף מעהר נישט טרינקען.

זיין קאפ דרעהט זיך איהם... די פייערלעך פון די לאמפען און לאמפטערן טאנצען פאר זיינע אויגען, ארום איהם איז אלעס פינסטער, אויך די קולות דרינגען אריין אין זיין אויער אזוי ווי פערשטיקט, כאטש יעדער רעדט הויך פערשטעהט ער נישט קיין איינציג ווארט.

— דו זאגסט א חלום? — פרעגט פיאטר איליטש.

— אין דער אמת'ן אן אינטערעסאנטער חלום — ענטפערט איוואנאוו.

— יא, די חלומות זיינען אלע מאל אינטערעסאנט...

— זעהסטו, ווען איך האב מיך געכטען שלאפען געלעגט... יא — — האב איך גענומען א ביכעל צו לעזען, איך האב מיר געוואלט אביסעל מיין קאפ אויסרייניגען... אין דעם ביכעל איז געווען עפעס פערשיעדענע נאריש־קייטען און צרות. ס'איז עפעס דארט געשטאנען ווי איינער דעם צוויי־טען פערשילט, מיט האס און צארען...

איך האב געלעזען און געלעזען, אז יעדער מענש מוז נאר אין איהם גלוי־בען... און ווער עס גלויבט נישט אין איהם, דער זאל פערשאלטען ווערען... כ'האב דאס ביכעל אוועקגעווארפען און האב אנגעפאנגען טראכטען, אויב ס'איז אמת וואס מען קען זיך פארשטעלען, וואס קען פון מיר ווערען וואס איך גלויב אין גאר נישט... ביי דעם בין איך איינגעשלאפען. מיר האט זיך גע־חלום'ט, אז דאס רעכטע אויג איז קיין אויג נישט, נאר דער פאפסט פיוס דער צעהנטער און דאס לינקע אויג איז דער גרויסער מוזעלמאנישער פאטריארך פון קאנסטאנטינאפאלביידע פערשילטען זיי זיך איינס ס'אנדערע... כ'האב זיך ביי דעם אויפגעכאפט, צום טייוועל! האב איך געדענקט — אין וועל־כען גאט זאל מען גלויבען?

— נו, ווייטער ביזטו שוין נישט געשלאפען? — פרעגט סאנין.

— אין גענענטהייל ברודער... איך בין ווידער איינגעשלאפען.

— נו, וואס איז געווען?

— מיין נשמה האט דערנאך איבערהויפט נים קיין רוה געהאט, עפעס א הויז איז געשטאנען פאר מיינע אויגען, אבער נישט אונזערס נאר א גאנץ אנדערעס. אין די גרויסע צימערען בין איך ארומגעלאפען פון איין עק צום

צווייטען און דו, אָנקעל פּיאָטר, ביזט אויך ערגעץ געווען נאָהענט, איהר פערשטעהט, ער האָט גערעדט און איך האָב געהערט אבער געזעהן האָב איך איהם נישט, אָבער פערשטאַנען האָב איך איהם... ער האָט געבעטען עפּעס צו ווּעמען. קען זיין צו גאָט... זיין קול האָט געקלינגען ווי פון א קעבין... ס'האָט זיך מיר געדאכט אז ערגעץ וואו אין קיך, ליגט די קעבין און בעט... — איך האָב דאָס געבעט נישט פערשטאַנען, אָבער א מענש וואָס האָט א ריין הארץ... פערשטעהט איהר, א ריין הארץ... כ'האָב געהערט, אז אינ'ם געבעט האָט זי... די קעבין, פּיאָטר איליטש... אָדער ביידע צוזאמען, די גאַנצע מענשען דער־מאָנט... אבער דאָס איז גאָר נישט געווען... נאָר ווען זי האָט דיך, מיך און סאנין'ען דערמאנט, האָב איך דערפּיהלט, אז עס מוז עטוואָס אונגע־וועהנליכעס געשעהן... נישט אומזיסט בעטען דאָך די אלע פּראָסטע מענשען, פון זייט די וועלט איז בעשאפען... האָט זיך מיר דאמאָלס געדאכט, אז עס קען אַנדערש נישט זיין, נאָר גאָט האָט זיך צו דער קעבין — פּיאטראַי־ליטש בעוויזען, און ער — די קעבין איז שוין איצט גאָר נישט, ער איז צו־שווימען... אבער רעדען רעדט ער ווייטער... ס'האָט זיך צו איהר עפּעס וואָס בעוויזען, זאָל עס נישט זיין גאָט, אָבער עפּעס איז עס דאָך... ס'ווילט זיך אין עפּעס גלויבען... אבער וואו איז ער — די קעבין — פּיאָטר איליטש? זאָל ער שוין מעהר נישט עקזיסטירען? איך בין געוואָרען אונרוהיג... זאָל דאָס גאָר נישט זיין? ווערזשע בעט דאָרט ערגעץ אינ'ם ווינקעל פון'ם צימער? אפשר איז דאָס גאָר א מויז וואָס קראַצט דאָרט ערגעץ? זי גריזשעט, גרי־זשעט און איז צופריעדען וואָס זי האָט שוין באלד א לאָך דורכגעגריזשעט... א שווערעניש האָט זיך געלעגט אויף מיין הארץ... די מויז האָט נאָך אלץ געגריזשעט... לאַנגוויילינג און צום טאָקט... ביי דעם האָב איך זיך אויפגע־כאַפּט...

— וואָלסט נאָך געווען אביסעל געשלאָפען, לאכט סאנין.

— יא, שפּעטער האָב איך עס אליין איינגעזעהן, אז א מויז האָט ערגעץ דאָס האָלץ פון די פּאָדלאָגע געגריזשעט, כאָטש איוואנאָוו האָט דאָס געזאָגט מיט א שמייכעל, פונדעסטוועגען האָט זיך דערקענט אז דער חלום האָט אויף איהם א שווערען איינדרוק געמאכט און טיעף אין זיין נשמה עפּעס אן אונבע־גרייפליכען שרעק אריינגעיאגט, ער האָט ביטער געשמייכעלט און ווידער זיך גענומען צום ביער.

אלע האָבען געשוויגען און די פינסטערניש פון'ם דרויסען האָט זיך גע־דאכט רוקט זיך נעהנטער צו צום באַלקאָן; ס'איז קיינער שוין מעהר ניט פרעה־ליך, געווען, אלעמען איז געוואָרען מיט אמאָל לאַנגוויילינג. דער

אונבעגרייפליכער חלום האט אזוי ווי דינע שפּיזען אין זייערע הערצער אריינגעדרונגען.

— יא, — רופט זיך אן פּיאטר איליטש, — איהר זייט אלע קלוג... קלוג ווי דער טייוועל... אבער עס עקזיסטירט עטוואס... עס עקזיסטירט... איהר קענט עס נישט, ס'איז דאך אבער דא... עס רעדט צו אייך!

— אפשר יא — בעמערקט סאנין און אויף זיין פּנים דערקענט זיך, אז ס'איז איהם לאנגווייליג, גענעצענדיג הויבט ער זיך אויף פון טיש, פערדרייבערט זיך א ציגארעט און געהט ארויס.

סאנין געהט אויפ'ן הויף פונ'ם גאסטהויז, די מילדע זומער־לופט דערפרישט זיין דערהיצטען קערפּער.

ווי א גאלד־איי איז די לבנה ארויסגעשוואומען פון הינטער די וואלד־בוימער און האט מיט א גאלדען ליכט די שווארצע ערד בעשאטען, פון הינטער דעם גארטען האט זיך געפּיהלט א געשמאק פון בארנעס און פלוימען און דאס ווייסע הויז פונ'ם צווייטען גאסט־הויז האט ארויסגעגלאנצט צווישען זיי. א בעלויכטען פענסטער האט איהם העל אנגעקוקט.

אין דער פינסטערניש האט ער דערהערט שטילע טריט פון באָרוועסע פיס, סאנין האט קוים אין דער פינסטער דערקענט א שאטען פון א קליינעם אינגעל.

— וואו געהסטו? — פרעגט ער דעם אינגעל.

— צו פרייליין קארסאווינא — — — די לעהרערין.

— צו וואס? סאנין דערמאנט זיך ווי שעהן זי האט אויסגעזעהן דאמאלס ווען ער האט זי געזעהען ביים טייך נאקעט ענטקעגען די שטראהלען פון דער זון.

— איך מוז צו איהר א צעטעל טראגען, — ענטפערט דער אינגעל.

— אהא, נו, מוזט דו שוין געהן צום צווייטען גאסט־הויז. זי מוז אודאי דארט זיין.

דער אינגעל האט גענומען לויפען מיט זיינע בארוועסע פיס אזוי ווי א קליין חיה'לע און איז באלד אין דער פינסטער צווישען די קוסטעס פערשוואונדען געווארען.

סאנין איז לאנגזאם איהם נאכגעגאנגען און האט איינגעאטעמט מיט זיין שטארקע ברוסט די לופט פונ'ם גארטען.

ער איז צוגעקומען צום צווייטען גאסטהויז, א שטרייף ליכט פאלט אויף איהם דורכ'ן פענסטער און בעלויכט זיין נאכדענקליכעס רוהיגעס גע־זיכט. ביי דעם ליכט פונ'ם פענסטער האט סאנין דערזעהן גרויסע בארען

אויף א בוים. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿיס און האָט איינע אָבגעריסען. דורכ׳ן פענסטער האָט ער קאַרסאַווינא דערזעהן.

אין געדאַנקען פערזונקען האָט קאַרסאַווינא געקוקט אויף דער ערד, זיכער טראַכט זי איצט פון עפּעס שעהנעס און גוטעס, איהרע אויגען־ברע־מען האָבען געציטערט און א שמייכעל איז געווען צוגאָסען אויף איהרע ליי־פּען.

דער שמייכעל האָט סאַנין פערכשופ׳ט, עפּעס אן אונבעגרייפליכע לייי־דענשאַפט דריקט אויס איהר שמייכעל.

קאַרסאַווינא טראַכט איבער דעם וואָס ס׳איז מיט איהר היינט געשעהן, ס׳האָט איהר צוגלייך געדריקט ביים האַרצען און זיס געווען.

— מיין גאָט, — פרעגט זי זיך מיט א ריינעם געפיהל אזוי ווי פון ערשט אן אויפגעעפענטע בלום, בין איך ווירקליך שוין אזוי פערדאָרבען...

מיט טיעפער פרייד דערמאָנט זי זיך, ווי זי האָט געפיהלט אין די מי־נוטען, ווען זי האָט זיך שוין געוואָלט יוריען איבערגעבען...

— מיין געליעבטער, שעפּטשעט זי שטיל און פיהלט ווי היים עס ציהט זי צו איהם...

סאַנין האָט ווידער דורכ׳ן פענסטער געזעהן ווי איהרע אויגען־ברעמען ציטערען און אויף איהרע ליפּען בעוועגט זיך דער פערכשופ׳טער שמיי־כעל.

די פאַסקודנע רויהע סצענע וואָס ס׳איז דערנאָך געווען, וויל זי זיך גאָר נישט דערמאָנען, עפּעס א געהיימע בעוועגינג רייסט זי אוועק פון דער סצענע...

עס קלאַפּט ווער אין טיהר.

— ווער איז דאָרט ? — פרעגט קאַרסאַווינא דעם קאָפּ אויפהויבענדיג.

— איך האָב א בריעף צו אייך, — הערט זיך א קוויטשעדיג קול׳כעל פון הינטער דער טיהר.

קאַרסאַווינא וואַרפט אויף זיך אַרויף א טוך און מאַכט אויף די טיהר. דער באָרוועסער אינגעל קומט אריין ביז צו די קניהען מיט בלאָטע בע־שפּריצט און נעהמט זיך דאָס היטעל אַראָפּ.

— דאָס פריילין האָט אייך דאָס בריוועל צוגעשיקט — זאָגט דער אינ־געל דערלאַנגענדיג איהר א פערמאַכטען קאָנווערט.

קאַרסאַווינא עפענט די קאָנווערט און לעזט וואָס דובאָווא שרייבט איהר:

„זאַניטשקא ! ווען ס׳איז דיר מעגליך, זאָלסטו נאָך היינט קומען צוריק אין שטאָדט אריין, דער שול־אינספּעקטאָר איז אָנגעקומען, ער

וועט מאַרגען ביי אונז זיין, און עס וועט נישט גוט זיין אז דו וועסט נישט זיין".

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט איהר די אַלטע טאַנטע.

— אַלא שרייבט... אז דער שול־אינספּעקטאר איז געקומען. דאָס אינגעל שטעהט און רייבט איין פוס אין צווייטען:

— דאָס פריילייַן האָט אָנגעזאָגט, אז איהר זאָלט זיכער קומען.

— נו, וועסטו פאָהרען? — פרעגט די טאַנטע.

— ווי אַזוי קען איך אַליין געהן אין אַזאַ פינסטערניש?

— די לבנה שיינט דאָך, — מישט זיך אריין דאָס אינגעל — ס'איז ליכטיג אין דרויסען.

— אודאי מוזטו געהן, אז נישט וועסטו ערגערניש האָבען.

— נו, יא, איך וועל געהן — זאָגט קארסאווינע שאָקלענדיג ענטשלאָסען מיט'ן קאָפּ.

זי האָט אויף זיך שנעל אַרויפגעצויגען די קליידער, אנגעטהאָן דעם הוט און איז צוגעגאַנגען צו דער טאַנטע.

— צום ווידערזעהן, טאַנטע.

— צום ווידערזעהן קינדעלע. יעזוס זאָל זיין מיט דיר.

— דו וועסט אויך מיט מיר צוריקגעהן אין שטאָדט אריין? — פרעגט קארסאווינא דעם אינגעל.

דאָס אינגעל דרעהט זיך אין אַלע זייטען און רייבט איין פוס אין צווייטען.

— איך בין אַהער געקומען צו מיין מוטער, זי וואַשט דאָ ביי די מאַנאַכען די וועש.

— אָבער ווי אַזוי זאָל איך אַליין געהן, גרישאַ?

— נו גוט, איך וועל מיטגעהן מיט אייך, —ענטשליסט זיך דאָס אינגעל און וואַרפט צוריק די האָר פון קאָפּ.

זיי געהען אַרוים אין גאָרטען, די בלויע מילדע לופט גלעט צאַרט דערזעהענדיג פלוצים סאַניַן'ען פאַר זיך.

— איך בין דאָס, — מעלדעט זיך סאַנין מיט אַ שמייכעל.

קארסאווינא רייכט איהם אין דער פינסטער די האַנט און סאַנין פיהלט ווי זי ציטערט.

— זעהט נאָר ווי דאָס פריילייַן שרעקט זיך — בעמערקט גרישאַ מיט שטאָלצקייט ער האָט זיך נישט דערשראָקען.

קארסאווינא שמייכעלט.

— ס'איז גארנישט — פערזוכט זי זיך צו פערענטפערען.
— וואו ווילט איהר דען געהן?
— צוריק אין שטאדט, טאקע דורכדעם האט מען צו מיר דאס אינגעל געשיקט.
— אליין וועט איהר געהען?
— ניין, איך געה מיט איהם — צייגט קארסאווינא אויפ'ן אינגעל, ער וועט זיין מיין קאוואליר.
— איך בין א קאוואליר, — איבער'חזר'ט גרישקא צופריעדען און קלאפט מיט די פיס.
— און וואס טהוט איהר דא? — פרעגט קארסאווינא סאנין'ען.
— מיר האבען דא אביסעל גע'שיכור'ט, — ערקלעהרט סאנין.
— ווער — מיר?
— שאפראוו, סוואראשיטש און איוואנאוו.
— אויך יוריע איז געווען מיט אייך? — פרעגט זי מיט א בענקענדיג קול.
— נו, וואס איז?...
— אט אזוי, איך האב איהם דא אליין געטראפען — ענטפערט זי רוים ווערענדיג. — אדיע, צום ווידערזעהן!
סאנין האלט א ווייל'ע איהר האנט.
— וועט איהר מיר ערלויבען, אז איך זאל אייך אריבערפיהרען דעם טייך? צו וואס דארפט איהר געהען צו פוס ארום און ארום?
— ניין, צו וואס זאלט איהר אייך בעמיהען — בעמערקט זי שעמעוו־דיג.
— זאל ער אייך איבערפיהרען מיט'ן שיפעל, צו פוס צו געהען, איז זעהר נישט גוט, ס'איז גרויסע בלאטעס, — בעמערקט גרישקא מיט שטאלץ וואס ער ווייסט אלץ.
— נו גוט, איצט קענסטו געהן צו דיין מאמע.
— וועט איהר דערנאך נישט מורא האבען אליין צו געהן איבער'ן פעלד? — פרעגט גרישקא.
— איך וועל זי ביז צו דער שטאדט בעגלייטען, — בעמערקט סאנין.
— און אייערע פריינט וואו לאזט איהר איבער? — פרעגט קארסא־ווינא.
— זיי וועלען דא שיכור'ן ביז טאג, א חוץ דעם, האבען זיי מיר שוין דערעסען.

— נו, ווען איהר ווילט אַזוי גוט זיין... דו קענסט געהן גרישקאַ.

— צום ווידערזעהן פרייליין, אַ גוטע נאַכט.

דער אינגעל איז ווידער ערגעץ צווישען די קוסטעס פערשוואונדען. קאַר־סאַווינאַ איז געבליבען אליין מיט סאַנין'ען.

— גיט מיר אייער האַנט, אַז נישט קענט איהר זיך נאָך פון באַרג אַראָב־גליטשען.

קאַרסאַווינאַ גיט איהם איהר האַנט. זי פיהלט ווי זיינע מוסקלען בעווע־גען זיך שטאַרק אונטער זיין דינעם העמד. זיי געהען דורכ'ן וואַלד ביז צום טייך, נישט ווילענדיג שטויסען זיי זיך אַן איינס ס'אַנדערע און דערפיהלען די וואַרעמקייט פון זייערע קערפּער. אין וואַלד הערשט אַ פינסטערניש אַזוי ווי ס'וואָלט שוין פון אייביג אַזוי געווען. און עס דאַכט זיך אַז קיין בוימער איז גאַרנישט פאַרהאַן, נאָר עפּעס אַ געדיכטער שאָטען פון פינסטערניש.

— אַ, ווי פינסטער!

— ס'מאַכט נישט, זאָגט סאַנין נאָהענט צו איהר אויער, און זיין שטימע ציטערט אַביסעל.

— ביינאַכט ליעב איך דעם וואַלד נאָך מעהר, אין דעם נאַכטיגען וואַלד פערלירען די מענשען זייערע געוועהנליכע פּנים'ער, זיי ווערען געהיימניס־פולער, דרייסטער און אינטערעסאַנטער...

די ערד בעוועגט זיך אונטער זייערע פיס און מיט מיהע מוזען זיי זיך איינס ס'אַנדערע האַלטען כדי נישט צו פאַלען.

דורך די טונקעלהייט, דורך דעם צודריקען צו סאַנין'ס שטאַרקען קער־פער, דורך די נאָהענטקייט צו אַזאַ שטאַרקען מאַן, וועלכער האָט איהר שוין פון שטענדיג געפאַלען, פיהלט קאַרסאַווינאַ אַן אונבעקאַנטע אויפרעגונג. זי ווערט רויט און איהר האַנט ברענט אין סאַנין'ס אָרעם. אָפט צולאַכט זי זיך, און איהר לאַכען קלינגט הויך און קורץ.

אונטען איז ליכטיגער. איבער'ן טייך שיינט רוהיג די לבנה. די קיהל־קייט פון'ם וואַסער שלאָגט זיי אין פּנים אריין און דער טונקלער שווערער וואַלד ווערט הינטער זיי פערשוואונדען אין דער פינסטערניש.

— און וואו איז אייער שיפעל?

— אָט איז עס!

אין דער צייט ווען סאַנין טשעפּעט צו די רודערס צום שיפעל, איז קאַר־סאַווינאַ מיט איהרע הענט ביי דער טאַליע האַלטענדיג צוגענאַנגען צום שטיי־ער און האָט זיך אוועקגעזעצט. מיט אַמאָל איז זי געוואָרען פאַנטאַסטיש בע־לויכטען פון דעם זילבערנעם שיין פון דער לבנה.

סאַנין גיט אַ שטויס דאָס שיפעל און שפּרינגט אַריין, דאָס שיפעל האָט מיט אַ שטילען געראַוויש זיך אַ גליטש געטהאָן איבער'ן זאַמד און איז מיט אַ קלאַפּ אַריין אין טייך איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ לאַנגע גלייכע כוואַליע.

— לאָזט, איך וועל רודערען, — זאָגט קאַרסאַווינא וועלענדיג ווייזען איהר שטאַרקע קראַפט וואָס בעהערשט איהר איצט. — איך האָב ליעב אַליין צו רודערען.

— גוט, זעצט אייך דאָ אַהער, — רופט סאַנין שטעהענדיג אין דער מיט שיפעל.

ווידער געהט זי לייכט און פלינק איבער די בענק פון'ם שיפעל, פערביי איהם, בעריהרענדיג קוים מיט די שפּיצען פון איהרע פינגער זיין אויסגע־שטרעקטע האַנט, סאַנין קוקט מיט אויפמערקזאַמקייט אויף איהרע פולע קערפּער און איהר בריסט בעריהרט קוים זיינע, ער פיהלט דעם פרישען געשמאַק פון איהר יונגען מיידלישען קערפּער...

דאָס שיפעל שווימט איבער'ן שטילען טייך, אַרום זיי שפּיגעלט זיך אָב דער בלויער הימעל און עס דאַכט זיך אַזוי ווי דאָס שיפעל פליהט אין דער לופט! קאַרסאַווינא זיצט גלייך, בעוועגט די רודער לאַנגזאַם, דאָס וואַסער קלאַפּט אַזוי ווי צום טאַקט און איהרע ברוסטען בעוועגען זיך שטיל און אויפ־געדעגט.

סאַנין זיצט אָנגעלעהנט צום שטייער. פערקוקט זיך אויף איהרע ברוסטען וואו עס וואָלט אַזוי גוט געווען אוועקצולעגען דעם ברענענדיגען קאָפּ, אויף איהרע רונדע ווייכע הענט וואָס וואָלטען זיך אַזוי קרעפטיג און צערטליך אַרומגעלעגט אַרום האַלז... אויף איהר יונגען זיסען קערפּער, וואָס וואָלט זיך וועלען אַזוי ווילד און אַלץ פערגעסענדיג אַרומנעהמען און צודריקען...

די לבנה וואַרפט איהר העלען שיין אויף איהר ווייס פּנים, אויף די שוואַרצע ברעמען, אויף איהרע ברענענדיגע אויגען, שווימט איבער איהר ווייסע בלוזקע וואָס בעהאַלט אַזוי סודות'דיג איהרע רונדע ברוסטען, אויף איהר קלייד וואָס הילט איין איהרע פולע רונדע פיס, סאַנין קוקט אויף איהר און איהם דאַכט זיך, אַז ער שווימט אַזוי ווייט — ווייט מיט איהר ערגעץ אין אַ מערכען־לאַנד. ווייט פון די פּראָסטע נאַרישע מענשען, ווייט פון די אָנגענו־מענע נאַרישע מנהגים און אומגעלומפּערטע געזעצען...

— ווי שעהן ס'איז היינט — זאָגט קאַרסאַווינע זיך אומקוקענדיג אין אַלע זייטען.

— יאָ, ס'איז שעהן! — ענטפערט ער שטיל.

זי צולאַכט זיך פּלוצים...

— עפעס ווילט זיך מיר, כ'וויס אליין נישט פאר וואס, דעם הוט אוועקוואַרפען, די האָר צופלעכטען און אזוי זיצען ווי א וואסער מיידעל...

— זעהר גוט, טהוט דאָס! — זאגט סאנין נאָך שטילער.

— זי פערשעמט זיך און בלייבט זיצען שטיל.

אויפ'ם ניי האָט גענומען שוועבען פאר איהר נשמה עראינערונגען, ארויס געריסען פון דער טונקעלער סודות'דיגער נאכט. ס'איז איהר געוואָרען פיינ־ליך און דאָך אנגענעהם זיך ארומצוקוקען.

ס'דאכט זיך איהר, אז סאנין מוז וויסען וואס אין איהר קומט איצט פאָר. דורכדעם ווערט איהר געפיהל נאָך רייכער, נאָך שטארקער...

א נישט איינהאלטענדיגער, קוים איהר אליין בעקאנטער פערלאנג בע־מעכטיגט זיך איהר צו צייגען סאנין'ען, אז זי איז נישט אזא צוריקגעהאל־טענע שעהמעוודיגע מיידעל אזוי ווי תמיד, אז זי קען זיך אויך אפילו נאקעט און אונפערשעמט בענעהמען... דער דאָזיגער געדאנק בעריהרט איהר פריידיג און איהר הארץ קלאפט לייכטער...

— קענט איהר שוין לאנג יוריע? — פרעגט זי פלוצים מיט אן אונ־רוהיגע שטימע.

— ניין, — ענטפערט סאנין, — צו וואס פרעגט איהר?

— אט אזוי... נישט אמת, ער איז א שעהנער גוטער מענש.

איהר שטימע קלינגט כמעט קינדעריש, אזוי ס'בעט עפעס ביי א גרויסען מענשען, וועלכער קען איהר גלעטען און שטראפען, אז ער זאל איהר עפעס צו־ליעב טהאָן.

סאנין קוקט אויף איהר שמייכלענדיג און ענטפערט שטיל — יא!

קארסאווינא פערשטעהט פון זיין שטימע, אז ער שמייכעלט און זי ווערט איינגאנצען רויט.

— ניין, אמת'דיג... ער איז א מאָדנער... אזא... ער האָט ווארשיינליך פיעל געליטען אין זיין לעבען...

— קען זיין! אז ער איז אונגליקליך, דאָס איז זיכער... נו, און איהר האָט אויף איהם רחמנות?...

— געוויס! — זאָגט קארסאווינא מיט א געמאכטען קינדערישען טאָן.

— יא, דאָס פערשטעהט זיך, נאָר איהר פאסט אויף דאָס ווארט „אונ־גליקליך" עפעס גאנץ אנדערש. איהר דענקט דאָך זיכער נישט, אז א מענש וואס זיין נשמה איז קיינמאָל נישט צופריעדען און דענקט אלעס נאָך, איז נישט איינפאך אונגליקליך אז מען זאל דארפען אויף איהם רחמנות האָבען, נאָר ער איז עטוואָס גאנץ אנדערש, א בעזאָנדערער, העכערער, שטארקערער

מענש פון אלע... דאס אייביגעם ווענען און מעסטען יעדער זאך אין'ם לעבען. דאכט זיך אייך איז עפעס שעהנעם און הויכעס, און עס גיט אויך דאס רעכט דעם יעניגען, צו שטעלען העכער זיין אייגענעם איך פון אנדערע! דאס הייסט נישט קיין רחמנות, פריילייין, נאר נאך מעהר, דאס איז: אכטונג און ליעבע...

— אבער וואס קען מען דען טהאן אנדערש? — פרעגט זי נאאיוו.

זי האט נאך קיינמאל נישט מיט סאנין'ען פיעל גערעדט, נאר זי ווייסט אז ער איז א גאנץ אנדערער אריגינעלער מענש און אין זיין נאהענטקייט פיהלט זי עטוואס נייעס אינטערעסאנטעס וואס רעגט איהר אויף.

סאנין רעדט ווייטער לאבענדיג:

— ס'איז געווען א צייט ווען דער מענש האט געפיהרט אן אייגפאך חיה'ש לעבען, נישט זיך קיין רעכנונג אבצוגעבען, וואס ער פיהלט און טהוט. דערנאך איז געקומען די צייט פון פערנונפט-פערשטאנד. דאס ערשטע איז געווען אבצושאצען צו דענקען איבער יעדען געפיהל און וואונש פון'ם לעבען. מען מוז פריהער בעטראכטען, נאכדענקען וואס מען געהט טהאן, זעהן צו מען האט עס רעכט צו טהאן... אויף דיעזער שטופע שטעהט אויך יוריע סווארא־שיטש: ער איז דער איינציגער אנהענגער פון א צייט וועלכע איז שוין לאנג פערזונקען. ער האט אין זיך ארייגעזויגען דעם אמאליגען פערשטאנד פון מענשליכע ענטוויקלונג, ביז ס'האט זיין גאנצע נשמה פער'סמ'ט. ער קען קיין אנדער לעבען נישט, נאר דאס איינציגע... אלץ וואס ער טהוט, קלעהרט ער אויב ס'איז גוט אדער שלעכט... ס'איז ביי איהם כמעט געקומען צו לעכער־ליכע איבערטרייבונג... ווען ער איז אין דער פארטיי אריינגעטרעטען, האט ער געצווייפעלט צו ס'איז נישט אונטער זיין כבוד צו בעלאנגען צוזאמען מיט די אלע אנדערע... זייט ער איז ארויסגעטרעטען פון דער פארטיי, טראכט ער שטענדיג, אויב ער האט נישט נידעריג געהאנדעלט; וואס ער האלט זיך ווייט פון דער בעוועגונג... אייגענטליך זיינען אזעלכע מענשען פערהאנען א סך. זיי זיינען די מאיאריטעט... יוריע איז נאר מיט דעם אן אויסנאהם, וואס ער איז געבילדעטער, אינטעליגענטער פון אלע, ער איז נישט אזוי דום אז דער קאמפף אין איהם זאל זיין לעכערליך, נאר פיעל מאל נעהמט עס אן טראגישע פאר־מען... ערגעץ א נאוויקאוו ווערט גאר פעט פון זיינע ליידען און צווייפלען ווי א חזיר אין שטאל... אבער יוריע, טראגט אין זיין נשמה א נארישען אבער אן אידעאליסטישען קאמפף...

סאנין הערט פלוצים אויף ווייטער צו רעדען, ווייל ס'דאכט זיך איהם, אז זיין פראסטע שטימע און איינפאכע וואכעדיגע ווערטער פעריאגען דעם כשוף פון דעם איצטיגען מאמענט; דאס וויל ער נישט, ער שווייגט שטיל, קוקט

אויף קארסאווינא, אויף איהרע שווארצע אויגען... און אויף איהרע הויכע שעהנע ברוסטען...

— איך פערשטעה נישט — רופט זיך אן קארסאווינא, איהר רעדט פון יוריע, אזוי ווי ער זאל אליין שולדיג זיין אין דעם, וואס ער איז אזוי און נישט אנדערש... ער האט זיך דאס נישט אליין גענומען; ווען א מענש איז פון לע־בען נישט בעפרידיגט, דאמאלס שטעהט ער העכער פון'ם לעבען...

— א מענש קען קיינמאל נישט שטעהען העכער פון'ם לעבען. ער איז בלויז א קליין טיילעכעל פון לעבען... דאס טיילעכעל קען טאקע אמאל זיין אונבעפרידיגט, אבער די אורזאכען ליגען אין זיין אייגענער פערזאן. ער קען עס אפשר נישט, אבער ער האט מורא זיך צו נעהמען אזוי פיעל פון דעם ריי־כען לעבען וויפיעל ער דארף. איינער איז זיין גאנצען לעבען ווי אין א גע־פענגנים איינגעשפארט, אנדערע האבען מורא ארויסצופליהען פון זייער שטייג, אזוי ווי א פויגעל וואס איז שוין לאנג געוואוינט צו זיין דארט פער־שפארט... דער מענש קען אזוי לאנג זיין פערבונדען פון נשמה און קערפער, ביז ער צורייסט זיי נישט, נאר דער טויט קען זיי צושיידען... אבער ער אליין קען זיי אויך צורייסען... דורך נארישע וועלט-אנשויאונגען און ווילדע בעגרי־פען... מיר האבען די פערלאנגען פון אונזער קערפער געשטעמפעלט מיט בע־טיאליטעט, אונזערע קערפערליכע געפיהלען, ליידענשאפטען, רופען מיר טי־ריש... מיר פאנגען זיך אן מיט זיי צו שעמען, מיר פערהילען זיי מיט נארישע פארמען און מיר פערשאפען אונז בלויז אן איינזייטיגער עקזיסטענץ...

די דאזיגע וואס האבען א שוואכען כאראקטער, לעבען אזוי ווי אין קייטען געבונדען, די שטארקערע וואס פערשטעהען שוין יא אז אזא אנשויאונג איז פאלש און פיהלען זיך דאך געבונדען, זיינען מארטירער...

דער אונטערדריקטער ווילען וויל זיך ארויסרייסען פון דער פערשלא־סענהייט, דער קערפער פערלאנגט פריידען, גליק און קוועלט זיך אליין. זייער גאנץ לעבען בלאנדזשען זיי ארום ווי בלינדע, כאפען זיך אן אין יעדער שטרוי־עלע וואס דאכט זיך זיי אז ס'איז אן אידעאל, מאכען זיך אליין אן צרות, מאטערען זיך ביז צום טויט זיי האבען מורא פאר'ן לעבען און פאר זייערע גע־פיהלען...

— יא, יא, אזוי איז עס! — רופט זיך אן קארסאווינא מיט אונערוואר־טעטע שטארקייט.

א מאסע נייע אונערווארטעטע געדאנקען פילט אן איהר נשמה, מיט איהר בלישטשענדיגע אויגען קוקט זי זיך ארום אין דער שעהנער, קרעפטיגער נא־טור, וואס איז אויסגעגאסען אויף דעם שטילען טייך, אין טונקעלעם וואלד,

אין דער טיעפקייט פון בלויעם הימעל מיט די פערטראכטע זילבערנע לבנה און א שטראם פון אונבעקאנטע קראפט צוגיסט זיך אין איהר קערפער און נשמה.

ס'האט איהר גענומען בעהערשען א געפיהל פון שטארקייט, א געפיהל, וועלכער איז איהר שוין בעקאנט... „זי ליעבט און שרעקט זיך", א געפיהל פון קראפט און בעוועגונג — וואס זוכט גליקליך צו זיין..

— איך חלום שטענדיג פון יענער גליקליכער צייט — זאגט סאנין נאך א ווייל"ע שוויינען, — ווען ס'וועט צווישען דעם מענש און דעם גליק גאר ניט שטעהן, ווען דער מענש וועט זיך פריי אהן מורא אלע פערגעניגענס איבער־געבען...

— נו, און וואס וועט דאמאלסט זיין? ווידער בארבאריזם?..

— ניין, דאס קען נישט זיין, יענע צייט ווען דער מענש האט נאר גע־לעבט פאר זיין קערפער, איז טאקע געווען בארבאריש, גראב און ארעם... אבער איצטער, ווען אונזער קערפער האט זיך דער נשמה אונטערגעווארפען און האט זיינע געפיהלען זיינע פערלאנגען אין א ווינקעל פערשטופט, איז אויך נאריש און שוואך... אבער דער מענש האט נישט אומזיסט געלעבט; ער וועט זיך נייע לעבענס־בעדינגונגען בעשאפען... וואו ס'וועט שוין מעהר קיין פלאץ נישט זיין, נישט פאר ווילדע בעסטיאליטעט און נישט פאר שרעקענ־דיגע אבזאגעכצען...

— זאגט מיר, איך בעט אייך... — פרעגט קארסאווינא אונערוואַרטעט — איז ביי דער ליעבע אויך דא פליכטען?

— ניין, — ענטפערט סאנין. — די פליכטען וואס זיינען דא ביי די ליע־בע האבען די מענשען אליין אויף זיך ארויפגעלעגט, דורך די נארישע איי־פערזוכט... און די אייפערזוכט האט זיך געשאפען דורך דעם שקלאפישען גע־פיהל... יעדער פארם פון שקלאפעריי נעמט בייזעס מיט זיך מיט... די מענ־שען דארפען די ליעבע פריי געניסען... אהן מורא און אהן בעשרענקונג... נאר דאמאלס וועלען זיך די פארמען פון ליעבע פערברייטערען און דאס לעבען וועט ווערען א פרייעס, א קייט פון גליקליכע פאסירונגען. איבעררואשונגען און זיסע בעגעגענישען...

— איך האב דאמאלס נישט מורא געהאט... טראכט קארסאווינע מיט שטאלץ און קוקט פלוצים אויף סאנין'ען אזוי ווי זי זאל איהם צום ערשטען מאל זעהן.

גרויס און שטארק זיצט סאנין ביים שטייער פון שיפעל און קוקט אויף איהר מיט זיינע גרויסע טונקעלע אויגען; זיינע ברייטע פלייצעס זיינען אונ־

בעוועגליך אזוי ווי פון אייזען אויסגעגאסען. קארסאווינא האט גענומען טראכ־טען, אז פאר איהר זיצט איצט א גאנצע וועלט מיט אונבעקאנטער קראפט און געפיהלען און אין איהר האט זיך א וואונש דערוועקט, די דאזיגע קראפט צו בעריהרען...

— ער איז דאך אינטערעסאנט, בעוועגט זיך ליכט אין איהר קאפ, זי שמייכעלט גנב'יש צו זיך אליין און עפעס א שטעכיגע אויפרעגונג מאכט ציי־טערען איהר גאנצען קערפער...

סאנין אויך דערפיהלענדיג דורך קארסאווינאס לייכטען ציטער, וואס עס געהט אין איהר פאר, אטעמט שטארק און קרעפטיג.

די רודערס האבען זיך פערטשעפעט אין די גראזען פון א שמאלען דורכ־גאנג און זיינען ארויסגעפאלען פון איהרע הענט. אויך איז איהר הארץ, האט זיך איהר געראכט איז עפעס ארויסגעפאלען...

— איך קען נישט ווייטער... דא איז שווער, זאגט זי אזוי ווי זי זאל זיך שולדיג געפינען, און איהר שטימע קלינגט אב אין דעם שמאלען דורכ־גאנג אזוי ווי דאס רוישען פון וואסער כוואליעס.

סאנין הויבט זיך אויף און געהט צו איהר צו.

— וואוהין ווילט איהר געהען? — פרעגט זי מיט אונפערשטענדליכען שרעק...

לאזט מיך, איך וועל פיהרען...

קארסאווינא איז אויפגעשטאנען און האט געוואלט געהען צום אנ־דערען זייט פון שיפעל. דאס שיפעל האט זיך געגעבען א שאקעל, און נישט וועלענדיג פאלען האט זי זיך אנגעכאפט אין סאניז'ען, איהרע ברוסטען האבען זיך צו זיין קערפער צוגעדריקט... אין דעם זעלבען מאמענט, נישט ווי־סענדיג אליין וואס זי טהוט און נישט גלויבענדיג אין אזא מעגליכקייט איז זי אזוי געבליבען שטעהן, זי צודריקענדיג צו איהם. אין איין מינוט האט סא־נין דערפיהלט די פער'כישוף'טע נאהענטקייט פון דער שעהנער יונגער מיי־דעל. זי. פערשטעהענדיג זיין געפיהל האט מיט איהר גאנצען וועזען דער־פיהלט זיין פערלאנג... זיין שטארקייט האט איהר פער'כשוף'ט און נישט בעגרייפענדיג וואס זי טהוט איז זי געבליבען שטעהען אזוי ווי שיכור...

—אהא־א־א! — האט זיך ארויסגעריסען פון סאנין'ס ברוסט א ברום ווי פון א לייב... מיט א שמערצליכע ליידענשאפט האט ער זי ארומגענומען און אזוי זי צו זיך געדריקט, אזש זי האט זיך אריבערגעבויגען איבער'ן שיפעל און אינסטינקטיוו האט זי אנגעכאפט איהר אראבגעפאלענעם הוט און די האר.

דאָס שיפעל האָט זיך נאָך שטארקער געשאָקעלט, און די כוואליעס האָבען שטיל געקלאפּט אין די ברעגעס.

— וואָס טהוט איהר ? ! שרייט זי מיט אַ שוואך קול, לאָזט מיך אָב ! אום גאָטעס ווילען, וואָס טהוט איהר ? !... זי שעפּטשעט שטיל אזוי ווי אהן אן אָטהעם, און רייסט זיך פון זיינע ארעמס מיט איהר גאנצען כח.

מיט אַ מורא'דיגע קראפט, כמעט צוקוועטשענדיג איהר ווייכע רונדע ברוסטען דריקט סאנין זי צו זיך...

ס'איז איהר געוואָרען שטיקענדיג.. אלעס וואָס ס'איז צווישען זיי ווי אַ וואנט געשטאַנען, איז פּלוצים פערשוואונדען...

ארום איז שטיל. א גרוף פון וואסער און גראז שוועבט ארום זיי. אזוי ווי אַ פיבער־קאלט און היים פיהלט זיך ארום, פלוצים לאָזט זי אראָב איהרע הענט, זי פיהלט אז זי ווערט אליין פון עפּעס אן אונבעקאנטער קראפט צו־געצווינגען... בלייבט ליגען אויפ'ן באָדען פון שיפעל נאר נישט זעהענדיג, נישט פערשטעהענדיג, גיט זיך איבער דעם שטארקען מענשליכען ווילען, מיט שמערצען און פיינליכען גענוס.

38סטעס קאַפּיטעל.

ס'האָט אזוי לאנג געדויערט, ביז זי איז צו זיך געקומען... זי פערקוקט זיך אויף די ליכטיגע פלעקען וואָס די לבנה ווארפט אויפ'ן שווארצען וואסער. זי קוקט אויף סאנין'ס פּנים מיט אונפערשטענדליכען בליק, זעהט אז זי ליגט האלב אויסגעצויגען אין שיפעל, ער האלט זי אין זיינע שטארקע ארעמס אזוי ווי זיין אייגענע... און איהר נאַקעטע קניה רייבט זיך אין דעם ראנד פון'ם שיפעל. זי פאנגט אן שטיל צו וויינען... זי רייסט זיך נישט ארויס פון זיינע הענט און גיט זיך איהם וויטער איבער... אזוי ווי פריהער...

אין איהרע טרעהרען איז געלעגען טרויער איבער עטוואס וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען. ס'איז געלעגען אַ שרעק און אַ רחמנות צו זיך אליין און אַ שוואכע צערטליכקייט צו סאנין'ען, וואָס האָבען זיך נישט פון פערנונפט אָדער פון הארץ גענאָסען, נאָר זיי זיינען געקומען פון דער טיעפע־ניש פון איהר יונגען קערפער, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל די קראפט און די טיעפקייט פון גענוס דערפיהלט... דאָס שיפעל האָט זיך לאנגזאם בע־וואויגען.

סאנין האט זי אויף די הענט גענומען און האט איהר געזעצט אויף זיינע קניהען. זי איז געזעסען פערלארען און הילפלאז אזוי ווי א קליין מיידעלע.

אזוי ווי אין חלום הערט זי, אז ער וויל זי בערוהיגען. ער זאגט צו איהר „דו" זי האט דערפון פערגעניגען... זיין שטימע איז צערטליכקייט און אי־בערגעבענהייט...

— איך וועל זיך דערנאך דערטרינקען, טראכט זי צוהערענדיג זיך צו זיי־נע ווערטער, אזוי ווי ס'וואלט ווער געפרעגט: פאר וואס זי האט עס געטהאן?

— וואס זאל איך איצט האן? פרעגט זי פלוצים און לאזט ארונטער איהר קאפ.

— דאס וועלען מיר זעהן... — ענטפערט סאנין.

זי וויל פון זיינע קניהען ארונטערגעהען, אבער ער ציהט זי ווידער צו זיך און לאזט נישט, זי בלייבט זיצען.. ס'דאכט זיך איהר אליין, אז זי דארף אויף איהם נישט בייז זיין...

די פינסטערניש פון'ם ברעג קוקט אהער אזוי שרעקליך, עפעס אזוי ווי א מורא'דיגער אבגרונד, זי האט נישט מעהר קיין קראפט, קיין ווילען זיך צו דערמאנען, אז זי האט אן אנדערען ליעב, זי זאל ווידער ווערען אזא פרייע לוסטיגע מיידעל, און דעם וואס ער האלט איהר אויף די קניה זאל זי אוועק־שטויסען פון זיך... זי לאזט זיך פון איהם קושען.. גיט זיך איהם מיט א בע־וואוסטלאזען ברענענדיגען חשק ווידער איבער... פיעל מינוטען קומט עס איהר פאר, אזוי ווי זי זאל גאר נישט זעהן, נישט הערען, און נישט פיהלען... זיין יעדער בעריהרונג אויף איהר נאקעטען קערפער, מישט זיך ביי איהר צוזא־מען מיט עקעל און מיט א ברענענדיגע ליידענשאפט...

די פערצווייפלונג וואס לעגט זיך אויף איהר הארץ, מורמעלט צו איהר שטיל:

— ... איצט איז אלץ איינס, אלץ איינס... און ס'ווילט זיך איהר וויסען, וואס נאך וועט אט דער שטארקער קראפט־מענש מיט איהר טהאן....

שפעטער, ווען סאנין האט איהר אבגעלאזען, און גענומען פיהרען דאס שיפעל זיצענדיג נעבען איהר, האט זי האלב פערמאכט די אויגען, כאטש זי האט זיך בעמיהט דאס לעבען פון זיך אבצוזאגען, פונדעסטוועגען האט זי גע־פיהלט ביי יעדען בעריהרונג פון זיינע עלענבויגען איהר יונגע ברוסטען, עפעס א מאדנעם הייסען פערלאנג, שטענדיג איהם צו געהערען... שטענדיג צו זיין אונטער זיין קראפט...

שטיל איז דאס שיפעל צוגעפאהרען צום ברעג... די שיין פון דער לבנה

איז שוין שוואַך געווען. אויף מזרח זייט האָט זיך שוין דער טאָג דורכגעבראָכען.

— זאָל איך אייך אַ היים בעגלייטען? — פרעגט סאַנין שטיל.

— ניין, איך וועל אליין... — ענטפערט קאַרסאַווינע אַזוי ווי מעכאַניש.

סאַנין האָט איהר גענומען אויף די הענט און האָט זי אַרויסגעטראָגען פון שיפעל. ער איז נאָך אינגאַנצען געווען פער'כשוף'ט פון דעם שטאַרקען גענוס און ליבע צו איהר, איידער ער האָט זי אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט, האָט ער זי נאָכאַמאָל צו זיך צוגעדריקט און געקושט איהר ווייכע פוכקע ליפּען.

קאַרסאַווינא האָט זיך געוואַקעלט, זי האָט נישט געקענט אויף די פיס שטעהען.

— אַ, דו שעהנהייט, דו! — האָט סאַנין געזאָגט מיט זיין גאַנצע ליידענשאַפט און צערטליכע געפיהלען צו איהר.

זי שמייכעלט צו איהם מיט שטאָלצקייט.

סאַנין נעהמט אַן איהרע הענט און ציהט זי צו זיך.

— גיב דו מיר איינמאָל אַ קוש!

— איצט איז דאָך אַלץ איינס — — אַלץ איינס טראַכט זי, פאַר וואָס זאָל ער מיינען אַז ער דאַרף רחמנות האָבען אויף מיר... זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און איהם צערטליך און הויך געקושט...

— נו, זיי געזונט, מיין טייערער! — האָט זי שטיל געשעפּטשעט נישט ווי סענדיג אליין וואָס זי זאָגט.

— ליעבסטע, טייערעסטע, זיי נישט בייז אויף מיר, — האָט סאַנין שטיל זיך געבעטען.

ווען זי איז אַוועק וואַקלענדיג זיך ביים געהען האָט סאַנין איהר טרויריג נאָכגעקוקט, און אַ שמערצליכער געפיהל האָט איהם אָנגעכאַפּט, דערמאָנענדיג זיך, וויפיעל שמערצען זי וועט אין דער צוקונפט דאַרפען ליידען, און פון וועלכע, ער דענקט, זי וועט זיך נישט קענען אַרויסרייסען...

איהר פיגור איז באַלד אין נעפעל פערשוואונדען. ווען סאַנין האָט זי שוין מעהר נישט געזעהן, איז סאַנין מיט איין שפרונג אין שיפעל אַריינגעשפרונגען, מיט קראַפט די רודעס גענומען און איז ווייט — ווייט אין טייך פערשווימען...

קומענדיג אין ברייטען וואַסער, האָט ער די רודער אין וואַסער אַריינגעוואָרפען, זיך געשטעלט אויף די באַנק, זיך אויסגעשטרעקט מיט זיין גאַנצען

קערפער. צושפרייט ווייט פון זיך זיינע שטארקע הענט און האט הויך און פריי א געשריי געטהאן אנטקעגען דעם אנקומענדיגען מארגען...

דער וואלד און דער טייך האבען איהם מיט א ווידער־קול אבגעענטפערט.

39טעס קאפיטעל

ווי נאר קארסאווינא האט זיך אין בעט געלעגט איז זי באלד איינגעשלא־פען, אזוי ווי ס'וואלט איהר ווער מיט א קלאפ אין קאפ אוועקגעלעגט. און נאך א קורצען און שווערען שלאף האט זי זיך גאנץ פריה אויפגעכאפט, איהר גאנצער קערפער איז געוועז קראנק און קאלט ווי א מת. די פערצווייפלונג האט איהר נישט צו רוה געלאזט, פאר קיין איין מינוט האט זי נישט פערגע־סען וואס ס'איז מיט איהר געשעהן. זי האט זיך שארף ארומגעקוקט אויף יע־דער זאך, אזוי ווי זי זאל וועלען געפינען צי ס'איז עפעס נישט אנדערש גע־ווארען.

אבער ליכטיג און רוהיג ווי יעדען אין דער פריה, האבען געקוקט אויף איהר די הייליגע בילדער פון'ם ווינקעל. די פענסטער, די פאדלאגע, דאס מע־בעל און אויך דובאוואס בלאנדער קאפ, וואס ליגט, שלאפט געשמאק אין צווייטען בעט, אלעס איז געוועזן אזוי איינפאך ווי תמיד, נאר איהר צוקנייטשט קלייד, וואס זי האט נאכלעסיג אויפגעהאנגען אויף דער שטול האט זיך איהר געדאכט, אז ס'דערצעהלט עפעס...

די רויטקייט פון איהרע באקען וואס זי האט בעקומען פון'ם שלאף זיי־נען וואס אמאל געווארען בלאסער, איהרע שווארצע ברעמען האבען זיך פון דער בלאסקייט נאך מעהר דערקענט, און זי האט אויסגעזעהען אזוי ווי ביים נעכטיגען-אווענט ווען די לבנה האט איהר בעשיינט.

מיט א מערקווירדיגער קלאהרקייט האט אין איהר קראנקען מוח ווידער אנגעהויבען ערשיינען, אלץ וואס מיט איהר איז געשעהן, און העלער פון אלעם זעהט זי, ווי זי לויפט גאנץ פריה פערשלאפען איבער די נאך שטילע גאסען פון פאר־שטאדט. די זון וואס האט ערשט געשיקט איהר ערשטע שטראהלען איבער די דעכער פון די הייזער און לייכט איהר בלענדענדיג אין די אויגען אריין, די פערשלאסענע לאדענס פון די פענסטער, דאכט זיך איהר, קוקען אויף איהר בייז, איינצעלנע דורכגעהענדע קוקען זיך אויף איהר אום מיט א פערוואונדערטען בליק, אזוי לויפט זי בעגלייט פון די ערשטע שטראלען פון דער

ערשט־אויפגעגאנגענע זון און פערפלאנטערט זיך אפּט אין איהר לאנגען קלייד קוים האלטענדיג אין איהר האנט דאָס גרינע פלאשענע האנט־טעשעל. ווי א פערברעכערין לויפט זי נעבען די פארקאנס און איהרע פיס ציטערען...

ווען אפילן אין דיעזען מאָמענט וואלט זיך די גאנצע מענשהייט איהר אנטקעגען געשטעלט, איהר בעליידיגט מיט א בייטש איהר לייב צוריסען, וואלט עס איהר אויך גלייבגילטיג געווען. זי וואלט גאר נישט געקוקט, נאר זי וואלט אזוי אונטער פעראכטונג און שלאגען ווייטער געגאנגען.

נאך זייענדיג אין פעלד, ווען דאָס שלאגען פון די רודערס אויפ'ן וואַסער, זיינען ווי אין אן נעפעל פערשוואונדען, האָט זי א שווערע פערצווייפלונג אנגעכאפּט, זי האָט געשריען, און לאזענדיג פאלען איהר האנט־טעשעל האָט זי זיך ביים קאָפּ אנגעכאפּט...

פון דאמאלס אן לעבט זי נאר אונטער א שרעק פון שאנדע און בעליידיגונג פון אנדערע, איהר אייגענער ווילען איז זייט נעכטען נאכט נאך דעם געשעהענעם, פערשוואונדען. זי איז שוין מעהר נישט געווען נאר עפּעס א קראנקע, צרה'דיגע בעשעפעניש ווי זי איז נאך קיינמאל נישט געווען...

און דאך קען זי זיך נישט ערקלערען, ווי אזוי עס איז געשעהן, האָט זי זיך אזוי ווייט געקענט פערגעסען?

קערפערליך און גייסטיג צובראכען איז זי פון בעט ארויס און האָט זיך אנגעטהאן, ביי יעדער בעוועגונג דובאוו'ס איז א קאלט איבער איהר גאנצען קערפער דורכגעגאנגען.

זי האָט זיך ביים פענסטער געזעצט און האָט מיט א פערגליווערטען בליק געקוקט אין גארטען אריין.

ווי א שווארצער נערוויש פליהען די געדאנקען דורך איהר מוח, אזוי ווי א ווינט וואלט זיי געיאגט, אזוי ווי ס'וואלט ווער געוואלט אזוי ווי א בוך אויפמאכען, דארט ארייגקוקענדיג וואלט איהם א שרעק אנגעכאפּט.

איהר יונגעס שטארקעס לעבען וואָס איז געווען מיט העלע זונען־שטראהלען בעלויכטען איז מיט אמאל פערשוואונדען. שווארצע טרויריגע בילדער האָבען זיך פאר איהרע אויגען געמאלען... א שווארצער געדאנק פון זעלבסטמאָרד האָט גענומען נאגען איהר מוח, א ליידענשאפטליכע בענקעניש נאך דער ריינער טרייער ליעבע צו יוריע האָט איהר הארץ גענאגט; אבער איבער אלעם האָט איהר געשראקען, דער שרעק פאר די שאנדע פון איהרע פיעלע בעקאנטע און אונבעקאנטע מענשען.

באלד האָט זי געטראכט, זי זאל צו יוריען געהן, זיך פאר זיינע פיס ווארפען, אין איין אויגענבליק איהר גאנץ לעבען איהם אוועקגעבען, דערנאך

זאָל זי ערגעץ פערשווינדען וואו קיינער — קיינער זאָל איהר נישט געפינען... דערנאָך דערשרעקט זי זיך פאר דעם געדאנק זיך צוזאמענטרעפען מיט יוריע... און זי ווינשט זיך, אז זי זאָל תיכף שטארבען, נישט אמאָל פון אָרט זיך אויפ־הויבען... אָט אין דער מינוט, גאנץ פשוט, זי זאָל אויפהערען צו לעבען... דער־נאָך דאכט זיך איהר פּלוצים, אז ס'איז אפשר מעגליך אלעס זאָל צוריק גוט ווערען, די נעכטיגע נאכט קען דאָך אמת'דיג גאָר נישט האָבען געווען... פער־געסען אין איהר... — אָבער ווי א ווילדער געשריי בליצט דורך איהר נשמה, די ערינערונג פון איהר נאקעטען קערפּער... דער שווערער מענליכער קער־פּער... דער שטעכיגער זיסער שמערץ, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט איהר אלעס געמאכט פערגעסען... ס'איז אמת! שוידערליך אמת! שרייט עס אין איהר נשמה, א צומישטע, א פערטויבטע אהן בעוועגונג און געדאנקען, פאלט זי מיט איהר ברוסט צו צום פענסטער־ברעט.

דערווייל איז אויך דובאווא אויפגעשטאנען, זי האָט בעמערקט גלייך די אויפגערעגטע בעוועגונגען פון איהר פריינדין.

— א, דו ביזט שוין אויפגעשטאנען? דאָס איז דאָך עפּעס אונגעוועהנ־ליכעס פון דיר.

ווען קארסאווינא איז גאנץ פריה א היים געקומען, האָט דובאווא האלב שלאָפענדיג זי געפרעגט: „וואָס זעהסטו עפּעס אויס אזוי פערדרעהט?" זי איז אָבער גלייך צוריק איינגעשלאָפען, איצט אָבער פיהלט דובאווא, אז עפּעס איז געשעהן מיט איהר.. און אין העמד און באָרוועס איז זי צוגעגאנגען צו איהר פריינדין:

— וואָס איז דיר? פעהלט דיר עטוואָס? — פרעגט זי צערטליך און בעזאָרגט אזוי ווי א שוועסטער.

קארסאווינא האָט א ציטער געטהאָן אזוי ווי זי וואָלט ערוואַרט פון אי־מיצען א קלאַפּ, אָבער איהרע ליפּען האָבען זיך צוזאמענגעצויגען מיט א פאל־שען שמייכעל, און מיט א טאָן וואָס האָט זיך איהר אליין געדאכט אז ער ··· א פרעמדער האָט זי געענטפערט:

— ס'איז מיר גאָר נישט! גאָר נישט! איך האָב גאָר ווייניג געשלאָפען.

אזוי האָט קארסאווינא געזאָגט דעם ערשטען ליגענד און האָט מיט אמאָל פערניכטעט דעם רעסט פון דער פריהערינגער, פרייער אונשולדיגער מיידעל... וואָס איז אמאָל געווען...; איצט איז זי אַ אַנדערע... און די אנדערע איז א ליגנערין, בעשמוצט און שרעקענדיג...

אין דער צייט ווען דובאווא האָט זיך געוואשען און אנגעטהאָן, האָט אויף איהר קארסאווינא בעהאלטען אויף איהר געקוקט, און עס קומט איהר פאָר,

אז איהר פריינדין איז ריין, אונשולדיג, הייליג, אבער זי איז בעשמוצט צו־טרעטען ווי א שמוציגער שרץ.... און דער דאזיגער געפיהל איז אזוי שטארק געווען, אז ס'האט זיך איהר גערדאכט, אז דארט וואו דובאווא שטעהט איז העל ריין און ליכטיג, און דאס ווינקעל ווי זי איז טונקעל און שמוציג... זי דער־מאנט זיך ווי שטאלץ זי האט זיך געפיהלט וויסענדיג אז זי איז שעהנער, יונ־גער און פרישער פון איהר פריינדין; אבער איצט... איצט... וויינט עס אין איהר נשמה.

דאס אלעס האט זיך אין איהר טיעפער נשמה בעוואויגען, אבער אזוי איז זי געווען רוהיג כמעט לוסטיג, זי האט אנגעטהאן איהר שעהן בלוי קלייד, גענומען זיך דעם הוט מיט'ן שירעם און איז מיט געוועהנליכע טריט אזוי ווי אלע מאל געגאנגען אין שולע. דארט האט זי נעהאט צו טהאן ביז מיטאג, דערנאך איז זי א היים געגאנגען.

אויפ'ן וועג האט זי זיך צוזאמענגעטראפען מיט לידא, סאנין'ס שוועס־טער, די בײדע יונגע שעהנע מיידלעך האבען זיך אוועקגעשטעלט בעשיינט פון די שטראהלענדע זון, געשמייכעלט מיט זייערע ליידענשאפטליכע ליפען, האבען זיי גערעדט פון פערשיעדענע קלייניגקייטען.

ביי לידא אין הארצען האט זיך ווידער ערוועקט א קראנקהאפטער האס צו דער גליקליכער זארגלאזער קארסאווינא, און קארסאווינא האט ווידער מקנה געווען לידא'ן, ווי גליקליך, ווי שעהן, ווי לוסטיג און אונשולדיג זי איז...

איינע אין די אנדערע האט געזעהען א שרעקליכע אונגערעכטיגקייט.

— — — איך בין דאך בעסער פון איהר... פאר וואס איז זי גליקליך און איך אונגליקליך?... — האט יעדע בעזונדער געטראכט.

נאכ'ן מיטאג האט קארסאווינא גענומען א בוך, האט זיך ביים אפענעם פענסטער געזעצט און האט ווידער ארויסגעקוקט צו דעם ליכטיגען ווארעמען גארטען.

דער ערשטער שארפער שמערץ איז געווען פאראיבער און אין איהר נשמה איז אלץ פערשווימען אין א גלייכגילטיגע מיעדקייט...

— נו, זאל זיין אז איך וועל אונטערגעהן... אזוי איז מיר בעשטימט... איך וועל שטארבען... — רעדט זי צו זיך אפאטיש.

זי האט געזעהן סאנין'ען אנקומען, זי האט איהם פריהער בעמערקט וואו ער איז.

ער איז געגאנגען שטאלץ און רוהיג דורכ'ן גארטען, האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האט געגלעט יעדער צווייגעל אזוי ווי ער זאל זיי וועלען בע־גריסען.

אויפכאפענדיג זיך און צודריקענדיג דאס בוך צו איהר ברוסט, קוקט זי פערשטארט אויף סאנין׳ן ביז ער איז צום פענסטער צוגעקומען.

— זאל דיך גאט גריסען — זאגט ער און דערלאנגט איהר די האנט.

און איידער זי האט נאך צייט געהאט צו קומען צו זיך פון איהר שרעק ווען זי האט איהם געזעהן אנקומענדיג, האט סאנין נאך אמאל געזאגט:

— נו, זאל דיך גאט גריסען! האב איך געזאגט, זיין שטימע האט אזוי שטארק געקלונגען, אז קארסאווינא האט געפיהלט זי זאל א געשריי טהאן און ערגעץ אנטלויפען, אזוי ווי א בערויבטע. אבער פערלירענדיג איהר ווילען האט זי געענטפערט שטיל:

— גוטען טאג...

נאך דעם ענטפער האט זי געפיהלט, אז ער איז שטארקער פון איהר און ער קען מיט איהר טהאן וואס ער וויל.

סאנין האט זיך אנגעלעהנט אויפ׳ן פענסטער און געזאגט:

— קומט אויף א מינוט ארויס אין גארטען... מיר מוזען איבער איינינע זאכען עפעס רעדען.

קארסאווינא איז אויפגעשטאנען, און אין גאנצען אין דער מאכט פון אן אונבעגרייפליכע קראפט, האט זי נישט געוואוסט, וואס זי זאל טאן, וואוהין און ווי אזוי זי זאל געהן...

— איך וועל אויף אייך ווארטען, — בעמערקט סאנין.

זי האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

מיט לאנגזאמע רוהיגע טריט איז סאנין אוועקגעגאנגען פון פענסטער.

קארסאווינא האט זיך געשראקען איהם נאכצוקוקען, א פאר סעקונדען לאנג איז זי געשטאנען אזוי ווי אונבעוועגליך, איהרע הענט האט זי געהאלטען שטארק צוזאמענגעשלאסען, דערנאך האט זי פלוצים זיך גענומען איילען און מיט שנעלע טריט אפילו דאס קלייד אביסעל אויפהויבענדיג עס זאל איהר נישט שטערען ביים געהען, איז זי ארויס אין גארטען.

דער גאלדענער שיין פון דער זון, און דער גלאנץ פון די געלע בלעטער, האבען דורכגעדרונגען דעם גאנצען גארטען, פון דערוויטענס האט זי שוין דערזעהן סאנין׳ען, ער איז געשטאנען אין מיטען וועג און האט געשמייכעלט צו איהר.

אונטער זיין בליק איז דער גאנג איהר געווארען שווער, איהר דאכט זיך, אז דאס קלייד פערפעהלט גאר נישט פאר זיינע אויגען.. אז יעדער בעוועגונג פון איהר נאקעטען קערפער, וועלכער איז איהם שוין נישט פרעמד, מוז ער איצט זעהן... א געפיהל פון הילפלאזיגקייט און פערשעהמטקייט האט זיך

אין איהר אזוי געשטארקט אזש זי האט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר'ן גארטען און די ליכטיגקייט... כמעט לויפענדיג איז זי אזוי נאהענט צוגעגאנגען צו איהם אז ער האט איהר גאנצען קערפער נישט געקענט יעהן.

ער האט זי גענומען ביי די הענט, האט איהר געפיהרט טיעף צווישען די געדיכטע בוימער פון גארטען, האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטאם פון אן אבגעהאקטען אפעל־בוים, און האט זי גענומען צו זיך אויף די קניהען...

פון דער זייט קוקט ער אויף איהר אראבגעבויגענעם צארטען פראפיל, אויף איהר רונדע פלייצע, וואס לעהנט זיך אן אזוי ווייך און שוואך צו זיין שטארקע ברייטע ברוסט, און דאך פאסען זיי זיך איינס צום אנדערען... נישט ווילענדיג פיהלט ער עפעס אן ענטציקענדע בערוישונג צו איהר געטליכער שעהנקייט, ער בויגט זיך אביסעל איין און קושט איהר קלייד, פון וועלכען עס פיהלט זיך איהר צארטער ווייכער קערפער... זי ציטערט, אבער ציהט זיך נישט צוריק... ער בעזיעגט איהר מיט זיין קראפט און זיכערהייט, און זי איהם מיט איהר צערטליכקייט און שעהנהייט...ביידע שרעקען זיך איינס פאר'ן אנדערען... סאנין וויל איהר זאגען פיעלע צערטליכע בערוהיגענדע ווערטער, אבער ער דענקט אז ביים ערשטען קלאנג פון זיין שטימע וועט זי זיך בעליידיגען, ער שווייגט, זי הערט זיך איין צו זיין שטארקען אטעמען...

— וואס וויל ער... טראכט זי — וואס וועט ער איצט טהאן... וויל אפשר ווידער דאסזעלבע...? ניין, ניין! איך וועל זיך פון איהם אויסרייסען...! איך וועל אנטלויפען...

— זינאטשקא — האט ענדליך סאנין זיך אנגערופען. — זיין שטימע האט אזוי צערטליך און מאדנע געקלינגען, וואס האט זיך נאך קיינמאל פון סאנין'ען נישט געהערט. קארסאווינא קוקט אן אויגענבליק אין זיין פנים, דער־זעהט זיינע גלאנציגע אויגען וואס קוקען אזוי ענטציקט און צוריקגעהאלטען צו איהר, זי דערשרעקט זיך... אבער צו דער זעלבער צייט פיהלט זי אינס־טינקטיוו, אז ער איז גאר נישט אזוי שרעקליך, אז אין דעם מאמענט האט ער פאר איהר מעהר מורא ווי זי פאר איהם... אן עהנליכקייט צו א מייד־לישער גייגעריגקייט בעוועגט זיך עפעס אין א ווינקעלע פון איהר נשמה און פלוצים שעהמט זי זיך שוין נישט מעהר און פיהלט זיך זאגאר גוט זיצענדיג אויף זיין שויס....

— איך אליין ווייס נישט וואס מיט מיר איז... — זאגט סאנין. — אפשר בין איך געגען אייך זעהר שולדיג און איך וואלט נישט געדארפט אהער קו־מען. אבער איך קען אייך נישט אזוי לאזען... איך וויל אזוי אז איהר זאלט מיך פערשטעהן... איהר זאלט מיך נישט האסען... נישט פעראכטען... וואס

האב איך געקענט טהאָן... ס'איז געווען אַ מאָמענט ווי איך האָב געפיהלט, אַז צווישען אונז איז די שיידע־וואַנט איינגעפאַלען, און איך האָב געוואוסט ווען איך זאָל דעם מאָמענט דורכלאָזען, וועט ער זיך שוין נישט צוריקקערען אין מיין גאַנצען לעבען וועל איך שוין אַזאַ מאָמענט נישט האָבען.. איך האָב אייך אַנגעטראָפען, איך האָב געפיהלט אַז קיינמאָל וועל איך אַזאַ געגוס נישט קענען האָבען... נו, איז עס געשעהן... איהר זייט דאָך אַזוי שעהן... אַזוי יונג...

קאַרסאַווינאַ שווייגט, איהר דורכזיכטיגעס אויער וואָס איז פערדעקט געווען ביז אין דער העלפט מיט איהרע שוואַרצע האָר, איז געוואָרען רויט, און די אויגען־ברעמען האָבען געציטערט.

סאַנין האָט ווייטער גערעדט מיט אַ שטילען עטוואָס ציטערענדיגען קול פון דעם אונגעהייערען גליק, וואָס זי האָט איהם געגעבען, און די דאָזיגע איינ־ציגע נאַכט וועט פאַר איהם זיין שטענדיג ווי אַ פער'כשוף'טע לעגענדע... פון זיין טאָן דערקענט זיך אַז ער ליידעט פאַר וואָס ער קען איהר נישט זאָגען אַזעלכעס, אַז זי זאָל שוין מעהר נישט טרויעריג זיין, וואָס זאָל איהר גליקליך מאַכען...

— איהר ליידעט, און נעכטען איז עס געווען אַזוי שעהן.. — רעדט סאַ־נין ווייטער. — אָבער די דאָזיגע ליידען קומען נאָר דורכדעם ווייל דאָס לעבען איז אַזוי נאַריש אויפגעבויט, די מענשען אַליין האָבען בעשטימט אַ צעהנטען פאַר אַ קרבן פון זייער גליק... ווען מיר זאָלען אָבער אַנדערש לעבען, אמת פריי... וואָלטען מיר די דאָזיגע נאַכט... ביידע נישט פערגעסען... דער גליק־ליכער געגוס.... וואָלט קיינמאָל נישט פון אונזער זכרון ארויס...

— ווען — יאָ, ווען נאָר... — האָט קאַרסאַווינאַ שטיל געזאָגט און האָט געשמייכעלט פאַר זיך.

אַזוי ווי ס'וואָלט פּלוצים די זון אויפגעגאַנגען, אַזוי ווי די פויגעל וואָל־טען אָנגעפאַנגען צו זינגען, דאָס גראָז צו רוישען; אַזוי איז געוואָרען ליכטיג און וואַרעם אויף דער נשמה פון איהר שמייכעל, ס'האָט אָבער מעהר נישט געדויערט ווי אַן אויגענבליק, ס'איז ווידער פערשוואונדען...

פּלוצים האָבען אין קאַרסאַווינאַס נשמה אויפגעלעבט צוריסענע בילדער פון איהר צוקונפט. זי האָט פאַר זיך דערזעהען ליידען, צרות, שפּאָט און פער־אַכטונג, אַלע איהרע בעקאַנטע קעהרען זיך פון איהר אָב מיט עקעל, זינלאָזע בילדער האָט געגומען פאַר איהר טאַנצען אַ ווילדען שפּאָטישען טאַנץ... אַ שרעק האָט ארומגענומען איהר נשמה און האָט ארויסגערופען אַ האַס.

— געהט אוועק! פערלאָזט מיך... רופט זי. זי ווערט בלאַס, זי פער־בייסט איהרע ליפען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט בעשטראָפען פאַר איהר

פריהעריגען שמייכעל, רייסט זיך אוועק פון זיין ברוסט און שטעלט זיך אויף.

א שווערער געפיהל פון מאכטלאָזיגקייט בעהערשט סאַנין'ען, ער פיהלט אז ווערטער בלויז קענען איהר נישט טרייסטען פון די ליידען און שאנדע וואס זי פיהלט איצט. זי האט רעכט צו זיין אין כעס, עס ליגט נישט אין זיין מאכט די וועלט אנדערש צו מאכען... און אראָבצונעהמען פון איהר מיידלישע שוואכע פלייצעס די לאסט פון שאנדע און שפאט וואס זיינען אויף איהר ארויפגעפאלען אהן איהר שולד. נאר בלויז ווייל זי איז שעהן און יונג, פאר א מאמענט טראכט ער, ער זאל איהר זיין נאמען געבען, מיט איהר חתונה האבען... אבער עפעס האלט איהם צוריק פון דעם... דאס איז צו קליינליך, ס'דארף עפעס אנדערש געטהאן ווערען...

— גוט, זאל דאס לעבען געהן זיין גאנג, טראכט ער.

זי איז געשטאנען נאהענט צו איהם, איהרע הענט ארונטערגעלאזט, איהר קאפ וואס איז געווען אזוי ווי מיט א קרוין פון וואונדערשעהנע האר בעדעקט, האט זי געהאלטען איינגעבויגען, זי איז געווען אין געדאנקען פערזונקען און אויף איהר שטערען האט זיך א קנייטש דורכגעשניטען.

— איך וויים, — האט ווייטער סאנין געזאגט — איהר ליעבט יוריע שוואראשיטש און אפשר טאקע דורכדעם ליידעט איהר אזוי פיעל.

— איך האב קיינעם נישט ליעב — ענטפערט זי צוזאמענדריקענדיג איהרע הענט שטארק.

אויף איהם פנים האט זיך מיט שארפע שטריכען אזוי ווי א פיזישער וועהטאג, אויסגעדריקט דאס בעוואוסטזיין פון איהר שולד צו יוריע אין הילפ־לאזע פערצווייפלונג....

אין איהר נשמה איז אויפגעגאנגען אן אונגעהייערע שווערע פראגע, וואס איז געווען איבער איהרע כוחות צו פערענטפערען:

— — — ווי איז דאס מעגליך, צוזאמען צו פערבונדען — — — — איך האב אזוי שטארק געליעבט יוריע, איך ליעב איהם נאך איצט, אז מיין הארץ ווערט צוריסען אין שטיקער, אז איך קען שוין פאר איהם נישט זיין אזוי ריין און אונשולדיג ווי פריהער... אלץ ווערט אין מיר טונקעל... אזוי ווי דער טויט... איך האב דאך יוריע אזוי אמת'דיג געליעבט... פאר וואס האב איך עס געטהאן? פאר וואס?...

— איך בין אליין שולדיג, — זאגט צו זיך קארסאווינא. איך בין א העס־ליכע צולאזענע בעשעפעניש...

און בעסטען וואלט זי זיך איצט צו־וויינט, בעשטראפט איהר ווייסען

העסליכען קערפער, וואס האט דאס געטהאן... מיט א בייטש שטיקער געריסען...

און אוינגנבליק האט זיך איהר געדאכט, אז זי וועט דאס שרעקליכע נישט אריבערטראגען, זי מוז שטארבען... אבער באלד פערשווינדעט ווידער דער געדאנק, און לאזט נאר איבער אין איהר הארץ א האפנונגסלאזען שטילען טרויער.

פלוצים זאגט צו איהר סאנין מיט א בעזונדערען בעטענדיגען טאן:

— איך בעט אייך, געדענקט מיך נישט צום שלעכטען... איהר זייט איצט נאך אזוי וואונדערשעהן ווי פריהער... דעם מאן, וועלכען איהר וועט ליעבען, וועט איהר קענען דאסזעלבע גליק געבען ווי איהר האט מיר געגעבען... ביין, נאך א גרעסערעס... א פיעל גרעסער גליק... ווייל איהר וועט איהם ליעב האבען... אמת׳דיג, איך ווינש אייך נישט קיין בייז, איהר זאלט שטענדיג גליקליך זיין!... דאס בעסטע... דאס העכסטע גליק זאלט איהר האבען... איך וועל אייך קיינמאל נישט פערגעסען... ווי... נעכטען... בלייבט געזונד! און ווען איך וועל איינמאל פאר אייך עפעס קענען טהאן... זאלט איהר מיר זאגען... בלויז זאגען... איך וועל אפילו מיין לעבען פאר אייך אוועקגעבען... ווען ס׳זאל נאר אייך קענען העלפען...

גאנץ שטיל האט קארסאווינא אויף איהם געקוקט, איהר האט עפעס אין הארץ אנגעפאנגען וועה צו טהאן...

— אפשר וועט אלעס פאראיבערגעהן, האט זי געטראכט. אין דעם מאמענט האט זיך איהר געדאכט, אז ס׳איז נישט אלעס אזוי שרעקליך, זי קוקט אויף איהם ווייך און צערטליך, און ס׳דאכט זיך איהר, אז זי איז עפעס זעהר נאהענט פערבונדען מיט איהם, אז זיי וויסען בשותפות עפעס אזעלכעס, וואס קיינער יועט עס קיינמאל נישט וויסען, און איהר נשמה וועט שטענדיג זיך דערמאנען אין איהם...

— נו, זייט געזונד — ענטפערט קארסאווינא מיט קלינגענדיגע ווייכע מיידלישע שטימע.

פרייד און צערטליכקייט האט בעלויכען סאנין׳ס פנים.

זי האט איהם דערלאנגט די האנט, און זיי האבען זיך געקושט איינפאך און ווארעם אזוי ווי שוועסטער און ברודער.

זי האט איהם בעגלייט ביז צום טויער, און האט לאנג נאכגעקוקט... דערנאך איז זי צוריקגעגאנגען אין גארטען און האט זיך געלעגט אויפ׳ן גראז מיט די הענט הינטער איהר קאפ.

אהן גערדאנקען און אהן געפיהלען, מיט פערשלאָסענע אויגען איז זי גע־לעגען און א ריינער גערדאנק האט אין איהר מוח אויפגעשיינט.

— — — אלץ וועט פאראיבערגעהן... זי וועט ווייטער זיין די לוסטיגע, שעהנע און גליקליכע מיידעל ווי פריהער...

א פינסטערער געדאנק וועגען יוריע קומט איהר אין קאפ אריין — — — צי זאל זי איהם דערצעהלען וואס מיט איהר איז געשעהען, אדער נישט, עס פער־שאפט איהר נייע שרעקען... נייע שאנדע... אבער זי זאגט זיך גלייך: ניין! איך וועל איבער דעם מעהר נישט טראכטען... איך וועל נישט מעהר נאכ־דענקען... זאל קומען וואס עס וויל...

זי איז ווידער געבליבען ליגען אין א צושטאנד פון עפעס ערוואַרטענדעס.

פיערציגסטער קאפיטעל

אין דעם זעלבען טאג איז יוריע שפעט אויפגעשטאנען. ער איז געווען אין א גערדריקטער שטימונג. אין מויל איז איהם נישט גוט געווען פון'ם ביינאכטיגען צופיעל טרינקען, און דער קאפ האט איהם וועה געטהאן. אנ־פאנג האט ער זיך אין גארנישט געקענט דערמאנען, נאר בלויז אין דעם שרייען מיט דעם קלאפען פון די גלעזער, די בלאסע פייערלעך פון די לאמפען און די פריהמארגענדיגע ליכטיגקייט. דערנאך דערמאנט ער זיך, ווי שאפראוו און פיאטר איליטש זיינען אריינגעגאנגען וואקלענדיג פון שכורות אין צימער און ער מיט איוואנאוו'ן וואס זיין פנים איז בלאס געווען פון צופיעל שנאפס, זיינען נאך געבליבען זיצען אויף'ן באלקאן און לאנג נאך גערעדט... וואס זיי האבען גערעדט, האט ער שוין נישט געוואוסט.

דאכט זיך, אז זיי האבען זיך געקריגט, איוואנאוו האט איהם בעוויזען, אז אזאלכע מענשען ווי ער טויגען צו גאר נישט. זיי האבען מורא פאר'ן לעבען, זיי וואגען נישט צו נעהמען דאס וואס ס'איז דא אינ'ם לעבען; פאר אזעלכע איז דאס בעסטע אז זיי זאלען פערשווינדען פון דער ערד גאר נישט איבערלאזענדיג נאך זיך... און עטליכע מאל האט ער געזאגט: „אזאלכע מענ־שען צו דופען, וועל איך מיך היטען" „דאס איז קיין מענשען נישט" — זאגענ־דיג דאס האט ער זיך צולאכט ווילד אזוי ווי ער וואלט וועלען יוריען אין זיין לאכען דערטרינקען.

יוריע האט זיך נישט געפיהלט בעליידיגט פון דעם לאכען, נאר ער האט

זיך פעראינטערעסירט צו הערען וואס יענער האט געזאגט. ער איז איבער־הויפט איינגעגאנגען דארויף, אז זיינע איבערלעבונגען זיינען נישט געווען אינ־טערעסאנט און האט דאגעגען בעהויפטעט, אז אזאלכע מענשען ווי ער פיה־רען עפעס א גאנץ בעזונדערען לעבען. ענדליך האט ער צוגעגעבען אז עס וואלט געווען בעסער ער זאל אונטערגעהן...

יוריעס שטימונג איז געווען אויסערגעוועהנליך טרויריג. ער האט זיך דאמאלס געוואלט צוואויינען, ס'האט זיך איהם געוואלט פאר איוואנאוו'ן אלעס דערצעהלען, אפילו דאס וואס ער האט אין דעם אוונד איבערגעלעבט מיט דער שעהנער קארסאווינא, אבער איוואנאוו איז געווען צופיעל שיכור און האט זיך נישט צוגעהערט צו איהם.

א יוואנאוו איז דערנאך ברומענדיג ארויסגעגאנגען אין הויף, מיט אמאל זיינען זיי פלוצים אלע פערשוואונדען געווארען. ארום איהם איז געווארען פוסט. ער איז אליין געבליבען אויפ'ן באלקאן, און זיין בעטרונקענהייט איז אלץ געווען פאר איהם אזוי ווי פערנעפעלט; ער האט נאר בלויז בעמערקט דאס שמוציגע טישטוך פון'ם טיש, גלעזער און שטיקלעך ציגארעטען.

יוריע איז געזעסען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און האט זיך געפיהלט אזוי ווי איינער וואס איז פון דער גאנצער וועלט פערלאזען.

דערנאך איז איוואנאוו צוריקגעקומען און האט מיט זיך מיטגעבראכט סאנין'ען וואס איז ערגעץ אויף א צייט געווען פערשוואונדען.

סאנין איז געווען פרעהליך אויסגעניכטערט און פול מיט לעבען. ער האט געקוקט אויף יוריע, באלד מיט רחמנות און באלד מיט שפאטישע בליקען. דערנאך דערזעהט ער זיך אויף א שיפעל, די זונען־שטראהלען ברענען איהם די אויגען, דער קאפ שמערצט איהם שטארק און ס'ווערט איהם עקעלדיג...

— — — דער טייוועל זאל עס וויסען, ווי נידערטרעכטיג דאס איז, טראכט איצט יוריע, נאך טרינקען האט מיר געפעהלט, אבער נאכדעם ווען ער האט פון זיך די אלע שמוציגע עראינערונגען אראבגעווארפען פון זיך, האט ער זיך נישט ווילענדיג דערמאנט, וואס מיט איהם האט פאסירט פריהער... אין וואלד... מיט קארסאווינא.

אין איין מאמענט איז אלעס פאר זיינע אויגען געשטאנען: דער שטילער סודות'דיגער וואלד, די טיעפע שטילע פינסטערניס צווישען די בויגער, די פראכטפאלע זילבערנע ליכט פון דער לבנה, דער ווייסער קיהלער קערפער פון קארסאווינא, איהרע געשלאסענע אויגען... זיין ליידענשאפטליכען פער־לאנג... וואס האט שיער נישט משוגע געמאכט...

די דאזיגע עראינערונג מאכט אויפציטערען זיין גאנצען קערפער עפעס

און אונבעקאנטער שמערץ שטעכט זיינע שלייפען און פרעס זיין הארץ צו־זאמען. יעדער איינצעלהייט דערזעהט ער פאר זיך, ווי ער האט זיך משוגע צו דער ערד געווארפען; — זי האט זיך געוועהרט, זי האט איהם צוריקגע־שטויסען, זיך אויסגעריסען פון איהם, אם ענדע האט ער אליין דערקענט, אז ער וויל איינענטליך גאר נישט טהאן... ער וויל פון איהר גאר נישט... פון דעסטוועגען האט ער זי אלץ נישט אבגעלאזט...

די דאזיגע אלע געדאנקען האבען געמאכט ציטערען אלע זיינע נערוועז; די ליכט פון'ם טאג האט ער פעראכטעט, ער וואלט זיך בעסער געוואלט ערגעץ אין א טונקעל וויגקעל בעהאלטען, אין דער ערד זיך בעגראבען, כדי זיין שאנ־דע אליין נישט צו זעהען... אבער דאך אין נעקסטען מאמענט האט ער זיך געזוכט צו איבערצייגען, אז דאס אלעס איז נישט געווען, ווייל די שטארקע ליידענשאפט האט איהם געטריבען דאצו. נאר ס'איז געווען נידעריג און העס־ליך וואס ער האט איהר געוואלט צווינגען זי זאל זיך איהם אונטערגעבען.

אבער א נייע פראגע, א פיעל שמערצליכערע, שטעהט פאר איהם אויף:

— וואס טהוט מען ווייטער?

אויס דעם ווירוואר פון די פערשיעדענע געדאנקען און וואונשען, טיילט זיך אב וואס אמאל מעהר, דער איינציגער וואונש:

— מען מוז אלעס צורייסען...

זי בעקומען און מיט איהר זיך אביסעל שפיעלען! דערנאך זי אוועק־ווארפען, דאס קען איך נישט... איך בין נישט אזא מענש, צו טיעף פיהל איך פרעמדע ליידען און איך קען קיינעם קיין צרות נישט פערשאפען...

— אפשר חתונה האבען מיט איהר?

שוין דער געדאנק אליין „חתונה האבען" דאכט זיך איהם איז באנאל און לעכערליך, אזא מענש ווי ער, שטענדיג נישט צופריעדען, תמיד פער־טיעפט אין אויסערגעוועהנליכע געדאנקען, אייביג פערצווייפעלט, קען קיין פאמיליען־לעבען נישט פיהרען... קען קיין היים זיך נישט בויען.. ער קען זיך נישט פיהרען ווי אלע אנדערע מענשען, פיהרען א קליינבירגערליך לעבען...

— — — הייסט עס, מען דארף זי פערשטויסען, אוועקגעהן פון איהר...

אבער איהר בילד, וועלכעס ער וויל איצט אוועקלאזען פון זיך, ווייזט איהם אויס אזוי ווי ער זאל וועלען אוועקווארפען דאס העכסטע גליק...

זיך אבזאגען פון איהר, אז אזוי ווי ער זאל עפעס פון זיין הארץ ארויס־רייסען, ער וועט בלייבען מיט בלוטיגע וואונדען, די ליכטיגקייט וועט פער־שווינדען, זיין נשמה וועט ווערען פוסט... זיין קערפער וועט ווערען שוואך.

— אבער איך ליעב דאך זי! — זאגט צו זיך יוריע מיט אן אויסגוס

פון שמערץ. ווי איז דאָס מעגליך, אַז איך אַליין זאָל וועלען מיך אייגען גליק צושטערען... ווי אונזיניג, ווי משוגע דאָס איז...

— אבער וואָס דען זאָל איך טהאָן?... חתונה האָבען?...

ווידער קען יוריע בלויז נאָר דעם געדאַנק פון „חתונה האָבען" צום קאָפּ זיך נישט צולאָזען. ס'איז נישט פאַר מיר, טראַכט ער און ווערט טרויעריג.

כדי נישט ווייטער נאָך צוקלערען, זעצט ער זיך צום טיש און נעהמט אייניגע בלעטלעך אויף וועלכע ער האָט געמאַכט פערשיעדענע נאָטיצען פון קהלת און ליינט:

„אויף די וועלט איז נישטאָ קיין גוטעס און קיין בייזעס, אַזוי זאָגען „אייניגע.

„וואָס ס'איז נאַטירליך דאָס איז גוט, גוט און גערעכט איז דער מענש מיט זיינע פערלאַנגען.

„אבער אייגענליבע און ליגען איז דאָס אַז מען זאָגט:

„אַלץ איז נאַטירליך, קיין זאַך ווערט נישט געבוירען פון גאָר נישט „אַלץ האָט אַן אָנפאַנג.

„אַזוי זאָגען אַנדערע.

„דאָס איז גוט וואָס ס'קומט פון גאָט, זאָגען די דריטע;

„אבער אויך דאָס איז נאַריש און ליגען, ווייל ווען

„ס'איז דאָ אַ גאָט און אַז אַלץ קומט פון איהם... קומט די

„זינד און דאָס שלעכטע אויך פון איהם.

„דאָס איז גוט וואָס ברענגט דעם מענשען גוטעס, אבער איז דען דאָ „אַזעלכעס? וואָס ס'איז פאַר איינעם גוט, איז פאַר'ן צווייטען שלעכט. „דעם קנעכט איז גוט ווען ער ווערט פריי און דעם בעל־הבית געפעלט די „קנעכטשאַפט, ער וויל שקלאַפען האָבען.

„דער רייכער וויל אייביג רייך בלייבען, דער אָרעמער וויל דעם רייכענס „אונטערגאַנג.

„אַ פערליעבטען אַז די פרוי וואָס ער ליעבט זאָל איהם אויך ליעב „האָבען און ווען זי שענקט איהם שוין זיין ליעבע וויל ער, אַז ער אַליין „זאָל זי האָבען...

„דער לעבעדיגער וויל נישט שטאַרבען, דער נייגעבוירענער וויל אַז אַלע „זאָלען שטאַרבען נאָר ער זאָל בלייבען.

„די מענשען ווילען אַז די חיות זאָלען אַלע אונטערגעהן,

„און די חיות ווילען אַז די מענשען זאָלען שוין מעהר נישט זיין.

„אַזוי איז אַלעס אויף דער וועלט, אַזוי וועט עס זיין ביז אייביג, אין

„אלע ציימען, קיינער וויל נישט אז דאס גוטע וואס ער האט, זאל אן
„אנדערער אויך האבען.

„די מענשען דאכט זיך אז דער אמת איז נאר גוטעס צו טהאן, אז גוטעס
„איז בעסער ווי בייזעס און האס, אבער דאס אלץ איז פערבארגען, ווען
„ס'איז דא „שכר ועונש" איז טאקע בעסער פאר דעם מענש גוטעס צו
„טהאן, ווען אבער נישט, איז פיעל בעסער ער זאל זיין קורץ לעבען מיט
„פערגעניגען דורכלעבען...

„אט נאך א ביישפיעל פון א ליגען וואס עקזיסטירט ביי די מענשען:
„איינער וואס אפפערט זיין לעבען פאר אנדערע, ווערט איהם פערשפראָ־
כען: דיין גייסט וועט דיך איבערלעבען, ווייל דורך זיינע מעשים וועט ער בליי־
בען אייביג זיין נאמען צווישען די מענשען.

„דאס איז אויך ליגען און נאריש:

„ווייל מיר ווייסען, אז פונקט אזוי ווי דער גייסט פון גוטען, פון בעשאַ־
פען, בלייבט נאך זיין טויט, אזוי בלייבט דער גייסט פון בייזען און צושטע־
רען אויך.... און וועלכעס ס'וועט אמאל צוריק אויפשטעהען, דאס ווייסט
קיינער נישט.

— נאך איינס:

„מענשען דענקען וואס עס וועט זיין נאך זייער לעבען, ווען זיי וועלען
שוין דא מעהר נים זיין, זיי ווילען גוטעס טון. זייערע קינדער זאלען די
גוטע פרוכטען אבערייסען....

— דאס איז אויך ליגען און נאריש.

„ווייל מיר ווייסען נישט וואס ס'וועט זיין נאך אונז, מיר קאנען זיך
גאר נישט פארשטעלען ווי אזוי דערנאך וועט זיין: די שפעטערע דורות
נאך אונז, קענען מיר נישט ליעבען און נישט האסען פונקט אזוי ווי מיר
קענען די דורות פאר אונז נישט ליעבען און נישט האסען, דער באנד פון די
ציימען איז צוריסען.

„מען זאגט; לאמיר באלד באשאפען די מענשען ביי די קוואל פון פרייד
און טרויער און יעדען איינטיילען גלייך.

דאס איז אויך ליגען און נאריש.

„פרייד און טרויער, שמערץ און גענוס, נעמט זיך דער מענש אליין,
און ווען די חלקים זיינען נישט גלייך, איז ווייל די מענשען זיינען נישט גלייך,
זייער מאס איז נישט גלייך, זייערע הערצער וועלען אייביג נישט גלייך זיין...

— גאות זאגט: ס'איז דא גרויסע און קליינע צווישען די מענשען.

—„איך זאָג: אז יעדער מענש איז פאַר זיך אליין, אז — אויפגאנג און אונטערגאַנג, א שטויבאַלע און א גאַנצע וועלט.

— מען זאָגט:

„אז גרויס איז דער מענשליכער שכל.

— אָבער דאָס איז אויך ליגען און נאַריש.

„ווייל שכל איז בעשרענקט, אין דער גרויסער אונענדליכער וועלט, קען דער מענש ניט וויסען וועלכעס ס'איז שכל אָדער משוגעת.... דעם מענשענס געדאַנקען זיינען בעשרענקט אין דער גרויסער אונבעשרענקטער וועלט...

„וואָס ווייסט דער מענש ? . . .

„אָדם הראשון האָט אויך געוואוסט, וואָס ער זאָל עסען אָדער טרינקען. ער האָט אויך געוואוסט וויאזוי ער זאָל זיך קליידען, ער האָט געוואוסט ווי־אזוי ער זאָל די פאַרט־פלאַנצונג פון זיין מין צו דערהאַלטען. מיר ווייסען דאָס אַלעס אויך.

„אָבער אָדם האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טון כדי נישט צו שטאַר־בען און נישט מורא האָבען. אויך מיר ווייסען דאָס נישט. . .

„פיעלע וויסענשאַפטען און ערפינדונגען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען נאָר ווי אזוי דאָס לעבען און גליק פון די מענשען פול צו מאַכען, האָט נאָך קיינער נישט ערפינדען.

„דער מענש האָט שטענדיג געזוכט זיין קערפער פון טויט צו ראַטעווען. און וואָס זעהען מיר: האָט מיט א פראָסטען שטעקען קין דער'הרג'ט הבל'ן און האָט מען דען מיט דעם זעלבען שטעקען, דעם ערשטען מענש, אָדם'ן וועלכען גאָט אליין האָט בעשאַפען נישט געקענט הרג'נען ? משתלח האָט לענגער געלעבט פון אַלע מענשען און דאָך איז ער געשטאָרבען.

„איוב איז געווען גליקליכער פון אַלעמען; צום סוף איז אויף איהם די ערגסטע צרות געקומען . . .

„און וועט נישט יעדער מענש, צו ער איז גליקליך אָדער אונגליקליך מוזען שטאַרבען ? . . . איצט ווען די מענשען זיינען אזוי ווי געטער פון וויסענשאַפט, קעניג און שקלאַף, אַלע וועלען שטאַרבען . . . . אַלע וועלען די ווערים עסען . . .

א קאַלטער געפיהל איז דורכגעלאָפען איבער יוריעס קערפער. ער זעהט פאַר זיך א גאַנצע מאַסע ווייסע ווערים וואָס שוויבלען און גריבלען אונטער דער ערד, גריזשען זיין לייב.

— דאָס איז דאָך אַלעס אמת! קלאַפּט עס אין זיין מוח.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט לאַנג אָהן א צוועק ארויס־

געקוקט אין גארטען, וואו די דורכגעננגע זיינען געווען פערשאָטען מיט א ים פון געלע בלעטער וואס דער ווינט האט אראבגעיאגט פון די בוימער און נאך פיעלע אנדערע אבגעשטאָרבענע בלעטער פאלען אראב, טויטע רויטע פאר־בען האבען בעדעקט דעם גאנצען גארטען. בלעטער שטארבען אב . . . אלעס שטארבט ביי דעם שטילען רוהיגען שיין פון טאָג.

די דאָזיגע רוהיגקייט קען יוריע נישט בעגרייפען, לעבענס ווערען פער־לארען און אלע בלייבט רוהיג אזוי ווי פריהער... ער פיהלט א האס צו דעם שטילען צושטערער וואס רופט זיך טויט.

— דאָ שטארבט אלעס, דאָך שטראלט נאך די זון, פיעלע געהען אונטער פערשוואונדען און אנדערע לעבען ווייטער פרעהליך און צופריעדען . . . .

— פאר וואס איז דאס ? פאר וואס איז דאס ? פרעגט ער זיך מיט ביטערקייט.

א ים מיט געדאנקען יאגען זיך אין זיין קאפ, זיי בלייבען א ווייל־ע הענגען אין דער לופט און לייגען זיך באלד שווער אויף זיין נשמה. אן אויסערגעוועהנליכער צארען כאפט איהם אן, ס'דאכט זיך איהם, אז ער ווערט דערשטיקט ווערען.

הינטער דעם פענסטער פערשפרייט זיך דער גאלדענער גארטען און הינטער דעם גארטען שפיעלט זיך דער גריען־בלויער הערבסט הימעל אין'ם טייך, הינטער דעם טייך ציהען זיך אזוי ווי א פערשיעדען פארביגע נעץ די פעלדער, און ווייט ווייט נאך די פעלדער שלענגעלט זיך ווידער א וואסער'ל.

— — — וואלד בוימער שפיגלען זיך אין דעם וואסער'ל, דערנאך ברענעס... איינצעלנע בוימער . . . שמאלע וועגעלעך

— — — — רוה און שטילקייט — — — — —

דארט ערגעץ געהט איינער שטיל אליין.

41 טעס קאפיטעל.

דער שוכור'ער קירכען־זינגער פיאטר איליטש, געהט שטיל פאר זיך. ווען עס קומט דער הערבסט, און די טייל שטאָדט וואו די דאטשעס שטעהען, ווערט לער און פוסט אזוי ווי עפעס א פערלאזענע קירכען ־ הויף, דאמאלס ווערט אלעס שעהנער און פרעכטיגער, די פלייטלאך פון די גערטנער, זעהען אויס העכער און שטארקער, אויף די לעהרע בלומען־בייטען שטעהען

איינזאַם אין די רייהען די לערע שטעלאַך און קוקען פּערטראַכט אין דער וועלט אַריין, ס'איז איבעראַל שטיל, די פּערשלאָסענע טיהרען און פענסטער פון די הייזער, קוקען אַרויס די שטילקייט פון די גערטנער פּערטראַכט און סודות־דיג עס וויל זיך גלויבען, אַז טאַקע אַליין נאָר די „הערבסט שטילקייט" איז דאָס וואָס לעבט איצט דאָ אין דער איינזאַמקייט.

פּיאָטר איליטש געהט מיט פּערגעניגען אויף די פּערלאָזענע וועגען און קלאַפּט מיט'ן שטעקען צווישען די געלע אָראַבגעפאַלענע בלעטער.

ווען ס'איז דאָ פול מענשען און ליאַרעם, קומט פּיאָטר איליטש קיינמאָל נישט אַהער, ער פיהלט אינסטינקטיוו ווי אָרעם אַלט און נישט אַנזעהבאַר ער איז, און די מענשען שטערען איהם מיט זייער לאַכען, ליאַרמען און פרעה־ליכקייט צו קוקען אויף דעם וואָס איז נאָר פאַר איהם אינטערעסאַנט.

ער געהט פּערביי די דאַטשעס, זעצט זיך אַוועק אויף אַ פּערלאָזענע באַנק און קוקט לאַנג אין די לופט, ביז דער הימעל הויבט אָן טונקעל צו ווערען.

דערנאָך געהט ער אַרונטער צום טייך, קוקט אויפ'ן שטומען וואַסער, לעגט זיך אויף דעם טרוקענעם גראָז, הערט זיך צו צו די שטילע געשפּרע־כען פון דער ערד... און אָטהעמט רוהיג איין די שמעקענדיגע הערבסט־לופט.

ביז אויף די ווילדעסטע ערטער פּערקריכט ער זיך, וואו דער טייך מיט'ן באַרג קומען זיך צוזאַמען. ער שטעלט זיך פאַר, אַזוי ווי דער באַרג וויל דעם טייך דערשטיקען, נאָר ס'איז איהם נאָך נישט געלונגען. דער טייך לאַכט פון'ם באַרג, ער ציטערט כמעט אונטער זיין בלויען־זילבערנעם לאַ־כען. דער באַרג שטעהט פינסטער, די בוימער רוישען, אַפּטמאָל בויגען זיך די בוימער צום וואַסער צו, בעהאַלטען אַ ווייזע זייערע נאַקעטע צווייגען אין דעם שטילען לאַכענדיגען מויל פון'ם טייך.

די וועלען שפּיעלען זיך אין פאַרבען. פּיעלע זיינען בלוי פון'ם הימעל אַנדערע גרין פון די בערג. עס דאַכט זיך, אַזוי ווי ס'וואָלט ווער איילענדיג דאָס וואַסער דורכגעפלויגען, און דאַרויף געהיימניספולע שריפטען געשרי־בען... ער שרייבט, מעקט זיי אויס און שרייבט ווידער...

וואָס די דאָזיגע שריפטען דערצעהלען, דאָס קען קיינער נישט לע־זען... אָבער פּיאָטר איליטש וואָס שטעהט שטונדען לאַנג און קוקט אויף זיי, דרינגט עס איהם אַלעס אַריין טיעף אין הארצען. פאַר איהם זעהט דאָס אַלעס אויס אַזוי ווי דער פּערלאָשענער סוף פון'ם מענשליכען לע־בען...

דער וואלד, טייך, פעלדער און די ערד גיבען איהם אזאלכעס וואס זיין גאנצעס פער'שיכור'טעס לעבען גיט איהם נישט, אין יעדער ווינקעלע פון זיין נשמה ווערט אנגעפילט... ביי אזאלכע שפאצירגאנגען ווערט דאס אויסזעהן פון'ם אלטען קירכען-זינגער פיאטר איליטש, פערטראכטער און שעהנער.

ווען ער קומט צוריק און טרעפט וועמען פון זיינע בעקאנטע, דער־צעהלט ער איהם, וואס ער האט געזעהן, און נישט קענענדיג אלעס איבער־געבען אזוי ווי ער וואלט וועלען, זאגט ער שטאמלענדיג:

— יא, אין ווינטער... איז דאכט הערליך! — גאנץ שטיל — אזוי —

— — די שנעעלעך פאלען אין די לופט, וואקלען זיך און גלאנצען... פא־לען אויף די פעלדער... די זינגער זינגען...! זינגען! אזוי שעהן! אזוי הערליך!...

ווען ער איז נאר פריי פון זארג, האט א שטיק ברויט מיט שנאפס און איז געזונד. דאמאלס פיהרט ער זיין לעבען אמ* הערליך און שעהן. ער איז גליקליך.

42 טעס קאפיטעל

יוריע איז נאך אלץ געשטאנען ביים פענסטער און גערעדט מיט בי־טערקייט צו זיך:

— — — הערבסט... שוין הערבסט... דערנאך קומט ווינטער — שנעל... דערנאך וועט ווידער ווערען פריהלינג, זומער, ווידער הערבסט... ווינטער, פריהלינג, זומער.. אזוי געהט עס אייביג אהן א סוף... און וואס וועל איך אט די גאנצע לאנגע צייט טהאן? דאסזעלבע וואס איצט!

ער לאכט ביטער.

...אין בעסטען פאל וועל איך אינגאנצען ווערען ווי א תם, כ'וועל גאר נישט טראכטען און אזוי וועט קומען די אלטקייט און דער טויט!

ווידער האבען זיך גענומען גערדאנקען טראגען אין זיין קאפ; ווי זיין לעבען איז זיך אזוי פערביי־געגאנגען, און אייגענטליך איז גאר נישטא קיין אינטערעסאנט לעבען... יעדער דאזיין מעג זיין דאס און דאס גרעס־טע, איז איבערגעשוואומען פון לאנגווייליגקייט, האט זיינע טרויעריגע צייי־טען ביז עס נעהמט זיך צוזאמען פון ביסלעך און שטריכעלעך צו א גאנצעס און צום סוף ווערט עס לאנגווייליג און טרויעריג... ער דערמאנט זיך ווי

זיין אַמאָליגער קאַמפּף פאַר אַ בעסערען מענשליכען דאַזיין איז געווען פאַר איהם אַזוי אינטערעסאַנט, אַלעס איז געווען פאַר איהם ניי און העל־דיש... און אַלץ איז פערביינגעגאַנגען, זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט, אַזוי ווי אַלעס וועט זיך אויסלאָזען מיט טויט און פערשווינדען..

...— אייביג, אייביג וועט אַזוי זיין, טראַכט ער.

— וואָס איז העלדען־טהאַטען?... אַז אַלץ ענדיגט זיך מיט טויט... ער פרעסט צוזאַמען די הענט — בעסער שוין גלייך צו ענדיגען און פער־שווינדען... ענדיגען אַהן שרעק און ליידען! נאָר אין ד ע ם קען נאָך ליגען דער ווערט פון'ם לעבען...

טויזענדער העלדישע טהאַטען, איינער גרעסער פון אַנדערען, שטעלען זיך פאַר איהם פאַר, אָבער פון איבעראַל קוקט אַרויס דער טויט...

יוריע פערמאַכט די אויגען, ער זעהט פאַר זיך אַ פּעטערבורגער פריה־מאָרגען, נאַסע ציגעל־מויערן... אַ תליה, וואָס זעהט זיך קוים דורכ'ן נעפּעל פון די פריה־מאָרגענדיגע לופט... אַ מענשליכער העלד הענגט אויף איהר...

אַ בעסטיע ־ פּנים מיט אַ רעוואָלווער אויסגעצויגען געגען אַ פּריי־הייטס־קעמפּפער.. אַ קנאַל פון אַ שאָס און בלוט פליסט אויף די שטיינער פון גאַס...

די נאַגייקע שלאָגט איבער'ן קאָפּ און רוקען.. איבער'ן נאַקעטען קער־פּער...

אויף מיט דעם מוז מען זיך רעכענען, אָדער קען מען דאָס גלייכגילטיג צוזעהן?

יוריע לאָזט טרויעריג אַרונטער די הענט.

די העלדען־טהאַטען ווערען בלאַס, פערזונקען און צורינען אין'ם נע־בעל... שוין זייער שטעלע ערשיינט פאַר איהם אַלעס נאַריש און לעכערליך — אַלע די דאָזיגע גרויסע העלדישקייטען זיינען חלומות און פאַנטאַ־זיען...

— — — אוים וועלכען גרונד זאָל איך לאָזען מיין קערפּער שענדען און צום טויט פיהרען, נאָר ווייל די אַרבייטער זאָלען אַמאָל אין דעם צוויי און דרייסיגסטען יאָהר־הונדערט, נישט ליידען קיין מאַנגעל אין נאַהרונג און אין געשלעכטליכען גענוס! זאָל זיי אַלע דער טייוועל נעהמען אַלע אַר־בייטער און נישט אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט!...

—... ווען ס'זאָל מיך נאָר ווער וועלען דער'הרג'נען... טראַכט ער שטיל, אַט אַזוי אונערוואַרטעט, פון הינטען, כדי איך זאָל זיך אויף מיין טויט נישט ריכטען...

פוי, טייוועל, וואָס פאַר אַ דומהייטען קומען מיר אין קאָפּ אריין! און פאַר וואָס אַן אַנדערער?... פאַר וואָס איך נישט אַליין? בין איך דען ווירקליך אַזאַ גאָרנישט, אַליין מיר דאָס לעבען צו נעהמען... ווען איך ווייס קלאָר, אַז דאָס לעבען ברענגט נאָר ליידען און צרות? פריהער אָדער שפּעטער מען מוז דאָך שטאַרבען צו מען וויל אָדער נישט! וואָס פאַר אַן אָרט איז דאָס צו צעהלען די טעג פון'ם לעבען אַזוי ווי גראָשענס...

יוריע זעהט ביי זיך אַליין אויס קליין און שפּאַטיש.

— — — ניין, ברודער, ס'איז נאָר בלויז געזאָגט, דו וועסט עס נישט אויספיהרען, צום דענקען, גריבלען און פערצווייפלונג פערשטעהסטו דיך שוין גוט, קומט אָבער עטוואָס אויסצופיהרען... צו האַנדלען... איז גאָר נישט... ניין גיב דיר נישט קיין מיה...

אַ לייכטע שרעקענדיגע נייגעריגקייט דרענגט זיך אין יוריעס האַרץ.

— — — אפשר זאָל איך נאָך אַמאָל פּרואָווען? נישט ערענסט — נאָר אַזוי צום שפּאַס! נישט גלייך זיך... נאָר פּשוט אַזוי פּרואָווען... ס'איז דאָך אַלע מאָל אינטערעסאַנט... ער זאָגט עס זיך אַזוי ווי ער זאָל זיך וועלען פאַר וועמען ענטשולדיגען.

אַרויסנעהמענדיג דעם רעוואָלווער פון טיש־קעסטעל, שעהמט ער זיך פאַר זיך אַליין, דער געדאַנק, אַז דובאָווא שאַפּראָוו, סאַנין און מעהר פון אַלעמען קאַרסאַווינא וועלען ערפאַהרען וואָס פאַר אַ נאַרישע פּראָבעס ער האָט געוואָלט איבער זיך מאַכען, וועלען זיי איהם אויסלאַכען.. דאָס שרעקט איהם, נאָר אויסגעלאַכט זאָל ער נישט ווערען...

בעהאַלטען ווי אַ גנב לייגט ער אריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע און געהט אַרויס אויף'ן באַלקאָן וואָס געהט צום גאָרטען. אויף די טרעפּ ליגען צעוואָרפען דאַרע בלעטער, יוריע ריהרט זיי אָן מיט די שפּיצען פון די שיך, עס הערט זיך אַ שטיל געררויש פון זיי, און ער ברומט עטוואָס שטיל אין זיך אריין.

ליאַלע וואָס איז מיט'ן שירם און אַ בוך פון'ם גאָרטען צום הויז גע־נאַנגען הערט זיך איין איהם ברומענדיג.

— וואָס פאַר אַ מעלאָדיע ברומסטו? — פרעגט זי איהם — זי איז געווען גליקליך, זי האָט זיך מיט ריאַזאַנצעוו'ן ביים טייך צוזאַמענגעטראָ־פען און איז געוואָרען פריש און בעוועגליך פון זיינע קושען. קיינער האָט

זיי נישט געשטערט, ווען און וואו זיי זאָלען זיך טרעפען, אבער בעהאַל־טען, אין׳ם שטילען גארטען, איז דאָס קושען אינטערעסאנטער און ס׳האָט אין איהר אויפגעוועקט נייע פערלאַנגען...

— דו ברומסט אַזאַ טרויעריגע מעלאָדיע, אַזוי ווי דו זאָלסט דיין יוגענד צום קבר טראָגען. — בעמערקט זי צו יוריע.

— נאַרישקייטען! — ענטפערט יוריע בייז, אָבער פון דיעזער מי־נוט אָן פיהלט יוריע, אַז עס וועט עפּעס אָנקומען אַזאַלכעס וואָס איז שטאַרקער פון איהם...

ווי אַ חיה וואָס האָט פאַר׳ן טויט מורא, האָט ער אָנגעפאַנגען לויפען כדי ערגעץ אַן אָרט צו געפינען. אין הויף געפינט ער נישט... ער מוז צוגעהן צום טייך.. אויף וועלכען ס׳שווימען געלע בלעטער מיט זילבערנע זונען־שטראַהלען. ער וואַרפט אריין אַ דינע צווייג אין וואַסער און קוקט לאַנג אויף איהר ווי זי שווימט פון אויבען און מאַכט רעדלעך אויפ׳ן וואַסער, דערנאָך געהט ער צוריק צום הויז, ער דערזעהט ווי די לעצטע צו־טרעטענע בלומען אייגזאַם און טרויעריג אַראָבהענגענדיג פון די בלומען־בייטען. ער שטעלט זיך אָב אַ ווייַלע, און לויפט ווידער נישט וויסענדיג פאַר וואָס צוריק טיעף אין גאָרטען אריין.

אויך דאָרט איז אַלעס ווי אויסגעשטאַרבען. די צווייגען שטאַרטשען אַרוים אַזוי ווי לאַנגע, שוואַרצע דאַרע הענט... נאָר איין בוים איז נאָך גריז, דער אייכען־בוים וואָס טראָגט אויף זיך מאַיעסטעטיש די נאָך שעהנע גרינע בלעטער, וואַרפט דעם שאָטען אויף אַ באַנק, אויף וועלכע עס זיצט אַ גרויסע קאַץ און וואַרעמט זיך אין דער זון.

יוריע גלעט צערטליך מיט ליעבע די קאַץ, און פיהלט אַז טרעהרען שטיקען איהם אין האַלז...

—...דאָס גאַנצע לעבען פערלוירען... דאָס גאַנצע לעבען פערלוירען...— זאָגט ער מעכאַניש און יעדעס וואָרט שניידט איהם אין האַרץ אַזוי ווי אַ מעסער.

—...ס׳איז דאָך אָבער אַלעס אומזין, איך האָב דאָך מיין גאַנץ לעבען פאַר מיר... איך בין דאָך ערשט זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט! — רופט ער אין די געדאַנקען. אויף אַ מינוט לאָזט איהם דער געפיהל פון פערצווייפ־

לונג אב, און ער בעפרייט זיך אזוי ווי א פליעג פון א נעץ פון שפינוועב־בעכץ...

— ס'איז דאך אבער גאר קיין חילוק נישט וויפיעל איך בין אלט... אויב כ'האב נאך לאנג צו לעבען... די הויפטזאך איז וואס איז דער געדאנק פון'ם לעבען?...

פלוצים דערמאנט ער זיך אין קארסאווינא, נאך די נעכטיגע פאסירונג קען ער זיך שוין מיט איהר קיינמאל נישט צוזאמען טרעפען... ער וואלט איהר וועלען נאך אמאל זעהן, דאס איז אבער אונמעגליך... ער שטעלט זיך פאר זיין ערשטע בעוועגונג מיט איהר... זעלבסטפעראכטונג שטייגט אין זיין קאפ און הארצען... און אויף־ס'ניי ערוועקט זיך אין איהם דער געדאנק, אז דער טויט איז דאס בעסטע...

— — פון'ם לעבען צוגעסען... לאנגווייליג, עלענד — — — — איבער־ריגענס, איך ווייס נישט מעהר וואס, אבער בעסער דער טויט איידער זי נאך אמאל זעהן!...

נו, איז זי אויף אייביג פון זיין לעבען פערשוואונדען, ס'איז געוועזן א מאל אן אויפגערעגטער אויגענבליק... די נאהנטקייט פון א שעהנע פרוי... איצט איז עס אוועק און קומט נישט מעהר צוריק...

ער שטעלט זיך פאר דאס לעבען פון זיין צוקונפט, נישט קיין ליכט, נישט פינסטערניש... נאר עפעס אזוי, פוסט, לאנגווייליג... לאנגווייליג און לאנגווייליג...

— — — בעסער דער טויט!

מיט שווערע טריט געהט דער קוטשער פאר איהם פערביי מיט אן

עמער פול וואסער, אויך אין עמער ליגען טויטע־בלעטער...

דאס דיענסטמיידעל שטעהענדיג אויפ'ן באלקאן ווינקט און רופט איהם עפעס, אין אנפאנג פערשטעהט ער נישט וואס זי וויל פון איהם, זיין גאנצער „איך" פיהלט ער איז עפעס ווייט ווייט אוועקגעצויגען פון דעם אלעם וואס ער זעהט דא, צום סוף הערט ער אז זי רופט איהם ער זאל אריין־נעהן מיטאג עסען.

— — — גוט, גוט, — ענטפערט ער איהר פון דערווייטענס.

— — — געהען מיטאג עסען ? — פרעגט ער זיך דערשראקען — מי־טאג עסען געהן ! און אלעם וועט ביים אלטען פערבלייבען... ווייטער לעבען... ווידער יאמערען... ווידער זוכען א צוועק... נישט געפונען... זיין עלענד... מיט מיינע גערואנקען... מיינע געפיהלען. ניין, ניין ! ס'מוז באלד געשעהן ! אז נישט... כ'זאל צום מיטאג עסען געהן !... — דערנאך וועט קיין צייט נים זיין...

א מערקווירדיגע איילעניש האט איהם אנגעכאפט, זיין גאנצער קער־פער ציטערט ווי אין פיבער, זיינע נערווען ציהען זיך איין אזוי ווי שארפע דראטען...

דאס לעבען מאלט זיך פאר איהם אזוי ענטזעצליך שרעקענדיג. אזוי מורא'דיג העסליך... עס מוז שוין געשעהן !.. טראכט ער.

דאס דיענסטמיידעל שטעהט נאך אלץ אויפ'ן באלקאן האלטענדיג די הענט אונטער דעם ווייסען פארטוך ווארט זי פאר איהם.

יוריע פער'גנב'עט זיך שנעל אונטער'ן בוים, כדי דאס מיידעל זאל איהם נישט זעהן, און קוקענדיג אויב זי בעמערקט נישט, נעהמט ער ארויס דעם רעוואלווער, שטעלט איהם צו צו זיין ברוסט, און אזוי ווי מעכאניש דריקט ער אב א שאס...

— — — עפעס א מין שווינדעל אין קאפ פיהלט ער, ער זעהט נאך דעם בוים... דעם בלויען הימעל, די קאץ... ווי זי אנטלויפט פאר שרעק... און שוין... ס'דאכט זיך איהם ער פאלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס דיענסטמיידעל איז מיט אן אויסערגעוועהנליכען געשריי אריינ־געלאפען אין הויז.

און יוריע פיהלט אזוי ווי אין חלום, אז א סך מענשען שטעהן ארום איהם. מען גיסט איהם קאלט וואסער אויפ'ן קאפ... אויף'ן שטערען קלעבט עפעס א בלאט וואס שטערט איהם שרעקליך... עמיצער וויינט און שרייט:
— יוריע, יוריע ! פאר וואס האסטו דאס געטהאן ? פאר וואס ? דאס דאכט זיך איהם וויינט ליאלע...

אין דעם זעלבען מאמענט עפענט ער די אויגען און פאנגט אן ווילד ווי א חיה צו קלאפען מיט די הענט און פים און שרייען :

— א דאקטאר! רופט א דאקטאר!.. שנעלער!

אבער מיט אן אונגליקליכען דערשרעק פיהלט ער, אז אלץ איז צו ענ־דע... אז ס'וועט שוין גאר נישט העלפען... די בלעטער וואס ליגען אויף זיין שטערען, דאכט זיך ווערען וואס אמאל שווערער און שווערער.. זיי דריקען זיין קאפ צוזאמען... ער ציהט דעם האלז, ער זאל קענען דורך די בלעטער דורכ־קריכען... אבער די בלעטער וואקסען... זיי ווערען וואס אמאל גרעסער און מעהרער... זיי צו־וואקסען זיך שנעל אין אלע זייטען... אלץ ווערט פער־דעקט...

...ווייטער פערשטעהט יוריע גאר נישט וואס ס'געהט אין איהם פאר...

43טעם קאפיטעל

אלע די וואס האבען געקענט יוריע שאווראשיטש, און די וואס האבען איהם נישט געקענט, ווער ס'האט איהם ליעב געהאט און ווער נישט, אויך אזעלכע וואס האבען קיין מאל נישט געדענקט וועגען איהם — — — די אלע האבען איהם בעדויערט ווען ער איז געשטארבען.

קיינער האט נישט געקענט בעגרייפען, פאר וואס ער האט זיך דאס לעבען גענומען, פונדעסטוועגען איז יעדער געווען ביי זיך איבערצייגט אז יעדער האט איהם פערשטאנען און געוואוסט די אורזאך.

דער דאזיגער זעלבסט־מארד האט געמאכט א וואונדערבארען איינ־דרוק, ער האט אויסגעזעהן שעהן... און דיזע שעהנקייט האט געבראכט טרעהרען, בלומען און שעהנע רעדען.

ביי די לויה איז קיינער פון זיינע קרובים נישט געווען. יוריעס פאטער האט בעקומען א הארץ־שלאג און ליאלע איז נישט אבגעטראטען פון זיין בעט.

נאר ריאזענצעוו איז געווען און ער האט אלעס אראנזשירט. נאך טרויעריגער האט די לויה אויסגעזעהן דורך די עלענדקייט אפילו נאך יוריעס טויט...

פּיעל שעהנע הערבסט־בלומען האָט מען איהם געבראַכט...

ווען מען איז מיט די טרונע דורכגעגאַנגען דובאָוואס און קאַרסאַווינאַס וואָהנונג, האָבען זיך דיביידע מיידלעך אויך אַנגעשלאָסען צו דער לויה.

קאַרסאַווינא האָט אויסגעזעהן הילפלאָז און צובראָכען, אַזוי ווי מען זאָל זי פיהרען צום טויט... כאָטש זי האָט געוואוסט אַז יוריע האָט נישט געוואוסט וואָס ס'איז געשעהן צווישען איהר און סאַנין'ען, פונדעסטוועגען האָט זי זיך נישט געקענט בעפרייען פון'ם געדאַנק, אַז דאָס געשעהענע האָט אַ געהיימע פערבינדונג מיט יוריעס טויט... יז האָט גענומען די שולד אויף זיך... זי האָט זיך געפיהלט אַלס דאָס אונגליקליכסטע בעשעפעניש אויף דער גאַנצער וועלט... אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוויינט, זי האָט אַרומגענומען דעם טויטענס בילד, געקושט עס און געדריקט עס צו איהר ברוסט... און ווען ס'איז געקומען דער מאָרגען, האָט זיך איהר ליעבע צו יוריע פערוואַנדעלט אין אַ האַס צו סאַנין'ען...

ווען זי האָט זיך ביי דער לויה צוזאַמענגעטראָפען מיט סאַנין'ען האָט ער איהר אויסגעוויזען העסליך ווי אַ חיה, אַלעס וואָס סאַנין האָט צו איהר גערעדט אַמאָל איז איהר איצט פאָרגעקומען פאַלש און לומפּיש, זיך אַליין האָט זי בעטראַכט פאַר אַ געפאַלענע, אַ געזונקענע, ווייל זי האָט פערקערט מיט אַזאַ העסליכע חיה... זי איז פערזונקען אין אַ זומפּ פון וועלכען זי וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אַרויס.

ווען סאַנין איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט איהר די האַנט געריכט, האָט זי קוים בעריהרט זיין האַנט און האָט געקוקט אויף איהם מיט עקעל און שרעק און האָט זיך באַלד פון איהם אַבגעקעהרט.

סאַנין האָט פערשטאַנען איהר בליק, האַלטענדיג איהר קאַלטע האַנט האָט ער פערשטאַנען, אַז פון איצט אָן וועט ער איהר זיין אַ פרעמדער, ער האָט אַ קרים געטאָן מיט זיינע ליפּען, האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און איז צוגעגאַנגען צו איוואַנאָוו'ן וואָס איז הינטער אַלעמען געגאַנגען פער־טראַכט מיט זיינע אַראָבהענגענדיגע געלע האָר.

— הער נאָר ווי פּיאָטר איליטש שטרענגט זיך אָן ביים זינגען, — האָט סאַנין בעמערקט.

פון דערווייטענס האָט זיך געהערט דער טרויער געזאַנג פון'ם קירכען כאָר, די באַסען שטימע פון פּיאָטר איליטש האָט געציטערט אין די לופט און האָט זיך אַרויסגעהערט מעהר פון אַלעמען.

— די גאנצע געשיכטע איז פשוט צום שטוינען — האָט איוואנאָוו בעמערקט, אין גרונד גענומען, איז ער דאָך געווען אַ שמאַטעוואַטע מענש... פונדעסטוועגן, זעהסטו, צו דעם האָט ער געהאַט מוטה...

— איך בין איבערציינט — ענטפערט סאנין, אז אַ רגע פריהער, האָט ער נישט געוואוסט צו ער וועט זיך שיסען... פונקט אַזוי ווי ער האָט גע־לעבט אַזוי איז ער געשטאָרבען...

— דאָס קען זיך אמת זיין, אָבער זיין פּלאַץ האָט ער דאָך געפונען..— בעמערקט איוואנאָוו צופריעדען, וואָס ער פערשטעהט ד אָ ס וואָס אנ־דערע ווייסען נישט...

אויפ'ן בית הקברות איז שוין געווען איינגאַנצען הערבסט, די בוימער זיינען געשטאַנען בענאַסען ווי מיט אַ רויטען און גאָלדענעם רעגען, נאָר פון איינצעלנע ערטער האָט פון צווישען די געלע בלעטער ארויסגעגלאַנצט גרינע גראָז, אויף די שטושעשקעס זייַען פון'ם ווינט געווען צוזאַמענגע־הייפט אין גאַנצע קופּעס, און דער בת־הקברות האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי ער זאָל זיין פול מיט געלע טייכען. די צלמים האָבען געגלאַנצט ווייס, שוואַר־צע און גרויע מצבות האָבען פון אַלע זייטען ארויסגעקוקט, און איינזאַם וויינ־טעלע האָט ארומשפּאַצירט צווישען די קברים און ס'האָט זיך געדאַכט אַזוי ווי ס'זאָל עמיצער יללה'דיג וויינען.. שטיל האָבען זיך די בוימער געשאָקעלט און געוואָרפען מיט געלע בלעטער פון אַלע זייטען, ערגעץ פון וואַנען, האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער יאָמערט: — „בלעטער פאַלען.. בלעטער שטאַר־בען...

די שוואַרצע ערד האָט פערשלונגען יוריען און האָט זיך פערמאַכט; נעבען קבר זיינען לאַנג געשטאַנען מענשען, האָבען געקוקט מיט בענקענדע פראַגענדע נייגעריגקייט און קוקען אין זייערע פינסטערע צוקונפט... איינִי־גע זינגען קלאָג־ליעדער.

אין דעם שרעקליכען אויגענבליק ווען דאָס דעקעל פון די טרונע איז פערשוואונדען אונטער די ערד, האָט זיך קאַרסאַווינא יאָמערליך צושריגען, איהרע הויכע וויינענדיגע שטימע האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצען בית־הקברות און אַלע אַנדערע זיינען שטיל געוואָרען.

קאַרסאַווינא האָט שוין דאַמאָלס געטראַכט אַז אַלע וועלען זיך דערוויי־סען דעם סוד פון איהר נשמה; אַז זי האָט ליעב געהאַט יוריען...

אַלע האָבען זיך טאַקע אָבגעשטויסען, ס'האָט אָבער קיינער נישט גע־וואָנט אַ שלעכטען געדאַנק צו האָבען איבער איהר, פערקעהרט זיי האָבען מיט איהר צוזאַמען מיטגעוויינט...

קאַרסאַווינאַ האָט מען אַוועקגעפיהרט און איהר שלוכצען האָט זיך פער־וואַנדעלט אין אַ שטיל ווימערען און איז ערגעץ פערפאַלען געוואָרען אין דער לופט. איבער'ן קבר איז אויפגעוואַקסען אַ לענגליכעס גרינעס בערגעל, וואָס האָט עפּעס אַזוי שרעקענדיג דערצעהלט פון דעם יונגען קערפּער וואָס ליגט דאָרט בעהאַלטען, דאָס קבר ווערט דערנאָך צוגעדעקט מיט אַ צווייג פון אַ בוים.

שאַפּראָוו האָט גענומען איילענדיג שרייען:

— מיינע הערשאַפטען, אַזוי געהט עס נישט, ס'מוז ווער עפּעס רע־דען... ס'איז אַ פריינד געשטאָרבען! מען מוז עפּעס רעדען.. ווער וויל עפּעס זאָגען? — האָט ער זיך געווענדעט צו יעדען.

— זאָגט סאַניג'ען — האָט איוואַנאָוו בעמערקט איראָניש.

שאַפּראָוו האָט אויף איהם פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן, אָבער אי־וואַנאָוו'ס פּנים איז געווען ערנסט און אָפען און ער האָט איהם געגלויבט.

— סאַנין, סאַנין... וואו איז סאַנין? — האָט שאַפּראָוו גענומען זיך איילען און געקוקט אין אַלע זייטען.

— אַך! וולאַדימיר פּעטראָוויטש — האָט ער זיך געווענדעט צו סאַ־נין'ען — רעדט אַ פּאָר ווערטער... אַזוי קען דאָס נישט זיין.

— רעדט אַליין, ווען אייך ווילט זיך — האָט בייז געענטפערט סאַ־נין, זיך צוהערענדיג נאָך צו די וויינענדיגע שטימע פון קאַרסאַווינאַ וועלכע ווי ס'האָט זיך איהם געדאַכט, קלינגט נאָך אין די לופט.

— ווען איך זאָל קענען רעדען וואָלט איך עס זיכער געטהאָן... אין אמת'ן איז ער דאָך געווען אַ גאַנץ בעדייטענדער מענש! — — נו, איך בעט אייך... נאָר אַ פּאָר ווערטער!

סאַנין האָט איהם געקוקט גלייך אין פּנים אריין:

— וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען? די וועלט איז מיט איין דומקאָפּ אָרעמער געוואָרען... דאָס אַלעס!

זיינע שאַרפע הויכע ווערטער האָבען דייטליך מיט אַן איבעראַשענ־

דער קראפט אבגעקלונגען אין אלעמענס אוירען, אין ערשטען מאמענט זיינען זיי אלע געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט און איידער ס'האט נאך ווער צייט געהאט צו טראכטען וואס ער זאל טהאן, האט דובאווא געשריגען מיט אן אויסערגעוועהנליכען כעס:

— דאס איז נידערטרעכטיג! געמיין!

— פארוואס? — האט סאנין א ציה טהוענדיג מיט די אקסעל נעפרעגט.

דובאווא האט איהם געוואלט עפעס ענטפערען. אבער א פאר מיידלעך האבען זי ארומגערינגעלט און נישט געלאזט, אלע האבען זיך אנגעהויבען בעוועגען מיט אונזיכערקייט. בייזע שטימען האבען זיך געהערט, רויטע אויפגערעגטע פנים'ער האבען זיך געזעהן, און אזוי ווי בלעטער וואס ווערען צוטראגען פון'ם ווינט, אזוי זיינען אלע פלוצים זיך צוגאנגען פון'ם קבר. שאפראוו איז אויך אוועקגעלאפען. ר'איז אבער באלד צוריקגעקומען, צווישען א בעזונדער קופקעלע מענשען איז געשטאנען ריאזענצעוו און האט אויפגערעגט געמאכט מיט די הענט.

סאנין האט בעמערקט ווי עפעס אן אויפגערעגט פנים מיט ברילען שטעהט עפעס זעהר נאהענט צו איהם. ער האט זיך אומגעקעהרט צו איוואנאוו'ן.

איוואנאוו איז געוועזן ווי צומישט, ווען ער האט געזאגט שאפראוו'ן אז ער זאל בעטען סאנין'ען צו רעדען, האט ער געוואוסט אז ס'וועט צו עפעס קומען, אבער אזוי ווייט האט ער נישט געוואוסט. פון איין זייט איז איהם די גאנצע געשיכטע געפעלען געווארען, אבער ער האט דאך עפעס געפיהלט מארנע אונזיכער וואס ער האט זיך אין אזא אונבעקוועמע לאגע געשטעלט.

ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל איצט טהאן און ער האט זיך אונבעשטימט פערקוקט אויף די צלמים און אויפ'ן ווייטען פעלד.

שוין פון א לענגערע צייט האט זיך נעבען איהם ארומגעדרעהט עפעס א סטודענטעל, נאר פריהער האט ער איהם נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. פלוצים איז ער אויף איהם אין כעס געווארען, א מינוט לאנג האט ער דעם סטודענט קאלט אנגעקוקט, דערנאך הא ער מיט אויפרעגונג צו איהם געזאגט:

— צו וואס שטעהט איהר דא — אפשר פון שעהנקייט וועגען?

דער סטודענט איז רויט געווארען.

— דאס איז נישט אזא חכמה! — האט ער געענטפערט.

—דא האנדעלט זיך נישט וועגען חכמות, איהר פערשטעהט, נור... טראגט זיך בעסער אב צום טייוועל!

אין איוואנאוו'ס אויגען האט זיך געוויזען בעס און אויפרעגונג. דער סטודענט האט זיך דערשראקען און האט אבגעטרעטען אין א זייט.

סאנין האט געקוקט אויף זיי מיט א שוואכען שמייכעל, דערנאך האט ער א מאך געטהאן מיט דער האנט:

— נארישע בהמות! — האט ער א זאג געטהאן, נאכקוקענדיג דעם פאנאנדערגעגאנגענעם עולם מיט אמת'ער טרויער.

איוואנאוו האט זיך גלייך פערשעמט פאר וואס ער האט געקענט עפעס צווייפלען, זיין פנים האט זיך בערוהיגט, ער האט אוועקגעשטעלט דעם שטעקען הינטער זיך, האט זיך אנגעלעהנט אין איהם און האט געזאגט:

— זאלען זיי אלע געהען צום טייוועל! לאמיר אויך אוועקגעהן פון דאנען!

— גוט, פון מיינעטוועגען לאמיר געהן...

זיי זיינען פערבייגעגאנגען ריאזענצעוו'ן, וועלכער איז געשטאנען צוויי־שען א קופקע מענשען און האט אויף זיי בייז און פיינדליך געקוקט, און זיי זיינען צוגעגאנגען צום אויסגאנג, אבער פון ווייטען האט סאנין בעמערקט א גרופע אונבעקאנטע יונגע לייט וואס זיינען געשטאנען אזוי ווי שעפעלעך אויף דער פאשע מיט די קעפ צוזאמענגעדריקט, צווישען זיי איז געשטאנען שאפראָוו און האט גערעדט מיט א האסטיגער בעוועגונג, זיי זיינען אבער באלד שטיל געווארען, ווען זיי האבען דערזעהען סאנין'ען, אלע האבען זיך אומגעקוקט אויף איהם און האבען אויסגעדריקט עפעס א צוזאמענגעמיש־טען אויסזעהן פון אויפרעגונג און כעס.

— דא ווערט געגען דיר עפעס געפלאנט — האט איוואנאוו געזאגט צו סאנין'ען.

סאנין איז פלוצים געווארען ערענסט אז אפילו איוואנאוו איז געווא־רען ערשטוינט, ווען ער האט דערזעהן דעם אויסדרוק פון סאנין'ס פנים.

ווען שאַפּראָוו איז פון צווישען דער גרופּע יונגע מענער און יונגע מיידלעך צוגעגאַנגען צו איהם, האָט סאַנין איהם ערוואַרט מיט אַזאַ האַלטונג, אַזוי ווי ער זאָל יענעם וועלען צו דער ערד אַנידערשלאָגען.

שאַפּראָוו האָט עס אָפּנים פערשטאַנען, זיין פּנים איז געוואָרען בלאַס און איז געבליבען שטעהן ווייטער ווי ער האָט געדענקט זיך אָוועקצושטעלען. די סטודענטען און די מיידלעך זיינען איהם נאָכגעגאַנגען ווי שעפּעלעך נאָך די ציעג.

— ווילט איהר נאָך עטוואָס? — האָט סאַנין געפּרעגט נישט הויך.

— — — ניין, — — — גאָרנישט, — האָט שאַפּראָוו צומישט געענטפערט. נאָר... מיר ווילען אין דעם נאָמען פון אונזער גרופּע אויסדריקען געגען אייך... אונצופריעדענהייט... און....

— מיר קימערט זעהר וועניג אייער אונצופריעדענהייט, — האָט סאַנין צווישען די צייהן און אַן אויפגערעגטען אויסדרוק געזאָגט — איהר האָט מיך געבעטען איך זאָל עפּעס זאָגען איבער דעם געשטאָרבענעם סוואַראָשיטש, און וויייל איך האָב געזאָגט, דאָס וואָס איך פיהל, אַז ס'איז אמת, זייט איהר אַנצופריעדען, פון מיינעטוועגען, זייט עס... ווען איהר וואָלט נישט געווען אַזאַלכע סענטימענטאַלע דומע אינגלעך, וואָלט איך אייך געגעבען צו פערשטעהען, אַז איך האָב רעכט, אַז יוריע האָט אמת'דיג געלעבט ווי אַ דומקאָפּ, מיט נאַרישע געדאַנקען זיך געפּלאָגט און איז געשטאָרבען ווי אַ נאַר... אָבער איהר... איך וויל מיט אַזאַלכע נאַרישע אינגלעך נישט האָבען צו טהאָן.. .געהט מיר אַלע צו אַלדי רוחות! איך וויל אייך נישט קענען! מאַרש!...

סאַנין האָט אָוועקגעשטויסען די סטודענטען וואָס האָבען איהם פערשטעלט דעם וועג און איז דורכגעגאַנגען נישט אפילו אומקוקענדיג זיך.

— שטויסט זיך נישט, — האָט זיך שאַפּראָוו צושריגען. און זיין קול האָט געקלונגען ווי דאָס קרעהען פון אַ האָהן.

— דאָס איז געמיין... — האָט עמיצער אָנגעפאַנגען און נישט געענדיגט.

סאַנין און איוואַנאָוו זיינען אַרויסגעקומען אויפ'ן גאַס, אַ צייט לאַנג האָבען זיי נישט גערעדט.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי פערביטערט די מענשען — האָט ענדליך איוואַנאָוו געזאָגט. — דערנאָך מיינען זיי אַלע אַז דו ביזט עפּעס אַ שלעכטער און שעדליכער מענש.

—ווען עס וואלט מיט דיר אזוי געגאנגען, ווען אונטער דיינע פיס וואלטען זיך אזוי פיעל געפלאנטערט אט דיעזע פרייהייטס־ליעבענדע יונגע לייטלעך ווי ביי מיר, וואלסטו נאך פיעל אויפגערעגטער און אנדערש געהאנדעלט מיט זיי... איך האב זיך גענוג איינגעהאלטען... אבער זאל זיי אלעמען דער טייוועל נעהמען!

— רעג דיך נישט אויף, פריינד! — האט איוואנאוו געזאגט האלב אין שפאס און האלב ערענסט. ווייסטו נאר וואס: לאמיר געהען ברענגען ביער און מיר וועלען טרינקען פאר די נשמה'ס וועגען פון דעם פערשטארבענעם נאט'ס קנעכט יוריע סוואראשיטש! יא?...

— גוט, פון מיינעטוועגען, — ווילינט סאנין איין.

— ביז מיר וועלען צוריקקומען וועלען שוין אלע האבען אוועקגעגאנגען. נו, וועלען מיר זיך אוועקשטעלען נעבען קבר און טרינקען פאר זיין נשמה. דאס הייסט, צו עהרע פון'ם טויטען און צו אונזער פערגעניגען.

— פון מיינעטוועגען.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אויפ'ן בית־הקברות איז שוין קיינער נישט געווען, די צלמים און די מצבות זיינען געשטאנען אזוי ווי זיי זאלען אויף עפעס ווארטען, ס'איז קיין לעבעדיגעס וועזען נישט געווען צו זעהען. נאר עפעס א גליטשיגע שווארצע שלאנג איז ארונטערגעפאלען פון ערגעץ און איז פערשוואונדען צווישען די געלע בלעטער...

אויפ'ן פרישען קבר פון יוריע, וואס האט זיך נאך געפיהלט דער ריח פון פריש אויפגעגראבענע ערד, פון פערפוילטע אלטע בלעטער, פון גרינע טאנענבוימער, האבען זיי אנגעווארפען א הויפען ליידיגע ביער פלעשלעך...

44טעס קאפיטעל

— ווייסטו וואס? — האט סאנין געזאגט, ווען זיי זיינען מיט א שעה שפעטער אויפ'ן גאס ארויסגעגאנגען.

— וואס דען ?

— בעגלייט מיך צו דער באהן־סטאנציע, איך וויל פון דאנען אוועק־פאהרען.

איוואנאוו איז געבליבען שטעהן.

— פאר וואס ?

— עס ווערט מיר דא לאנגווייליג.

— דו האסט אפשר מורא געקראגען ?

— נישט קיין האר, פאר וועמען ? איך וויל פשוט אוועקפאהרען, ווייטער נישט.

— צוליעב וועלכען צוועק ? פאר וואס ?

— מיין פריינד שטעלט נישט צו ערשט אזעלכע נארישע פראגען. איך וויל און דאס איז אלץ . . . אזוי לאנג ווי מען קען נישט די מענשען מיינט מען שטענדיג אז ס'איז נאך דא עפעס ווער . . . ס'איז דא געווען א פאר אינטערעסאנטע מענשען . . . קארסאווינע איז פאר מיר געווען ניי . . . סעמיאנאוו האט נאך געלעבט, לידא האט אפשר געקענט געהען אויף אן אנדערען וועג . . . איצטער אבער איז אלעס לאנגווייליג . . . זיי האבען מיר אלע דערעסען . . . איז גענוג פאר דיר די דאזיגע ערקלערונג? דו פערשטעהסט: איך האב גענוג פון די דאזיגע מענשען געליטען — — — לענגער קען איך שוין נישט.

איוואנאוו האט אויף איהם לאנג געקוקט.

— נו, לאמיר געהען, זאגט איוואנאוו שטיל, דו ועסט דאך דיך אודאי געזעגענען מיט דיין משפחה ? . . .

זאלען זיי געהען צום טייוועל ! זיי זיינען מיר נאך מעהר לאנגווייליג.
— אבער דיינע זאכען דארפסטו דאך מיטנעהמען.

— איך האב זעהער ווייניג זאכען . . . דו וועסט אריינגעהן אין גארטען, און איך וועל דיר דורך דעם פענסטער דערלאנגען מיין רענצעל. איך וויל נישט זיי זאלען זעהען, זיי וועלען מיך בעלעגען מיט פראגען, וואס וועל איך זיי דען קענען זאגען, מיט וואס טרייסטען ?

— אזוי — אזוי ! — זאָגט איוואַנאָוו ארונטערלאָזענדיג אויף א מינוט זיין קאָפּ. און א מאַך טוענדיג מיט'ן האנד אין דער לופט, — פאַר מיר איז אמת'דיג טרויריג ! אָבער וואָס ליגט דארין ? . . .

— פאָהר מיט !

— וואוהין ?

— דאָס איז גאַנץ גלייך, מיר וועלען שוין דערנאָך זעהען.

— איך האָב נישט קיין געלד.

— איך האָב אויך ווייניג ! זאָגט סאַנין לאַכענדיג.

— ניין, פאָהר שוין דו אליין . . . דעם פּופּצעהנטען עפּעס זיך שוין

מיין שולע וואו איך בין לערער, וועט שוין אלעס געהען אזוי ווי פריהער סאַנין שווייגט, ער קוקט איוואַנאָוו'ן גלייך אין די אויגען, איוואַנאָוו קוקט אויף איהם אויך, אָבער מיט אמאָל איז איהם געוואָרען אונאַנגענעהם, ער קאַרטשעט זיך צוזאמען, אזוי ווי ער וואָלט ערגעץ אין א שפּיגעל דערזעהען א העסליכע פּנים.

סאַנין קעהרט זיך אוועק פון איהם.

זיי זיינען געגאַנגען דורכ'ן הויף.

סאַנין איז אריינגעגאַנגען אין הויז אריין, איוואַנאָוו איז אריין אין גאָר־טען, דער שאָטען פון הערבסט און דער ריח פון פערפוילטע בלעטער האָבען איהם ארומגענומען, געהענדיג איבער'ן גראָז און די אראָבגעפאַלענע בלעטער וואָס האָבען געקרעכצט אונטער זיינע טריט, איז ער צוגעקומען צום פענסטער פון סאַנין'ס צימער, דאָס פענסטער איז געווען אָפען, און אין צימער איז איז טונקעל געווען.

סאַנין איז שטיל דורכגעגאַנגען דעם זאַל, פון דער באַלקאָן־טיר האָט ער געהערט שטימען, ער איז געבליבען שטעהען.

— וואָס ווילסטו פון מיר ? האָט ער געהערט לידא'ס מידע געקוועהל־טע שטימע, דער טאָן האָט איהם איבערראַשט.

— איך וויל גאַרנישט, האָט געענטפערט נאָוויקאָוו'ס שטימע, ס'האָט זיך דערקענט, אז זיין שטימע קלינגט נעגען זיין ווילען אויפגערעגט און

פערדריסליך, עס קלינגט מיר נאר קאמיש, עפּעס דו קוקסט אויף דער זאך אזוי ווי דו וואָלסט געברענגט אן אָפּפער פאר מיר. איך וויל דאך... — שען, האָט לידא געענטפערט און אין איהרע קריסטאַלענע שטימע האָבען טרער־רען געקלינגען. — ניין נישט איך, נור דו ברענגסט פאר מיר אן אָפּפער . . . דו ! איך ווייס עס ! וואָסזשע ווילסטו נאָך ?

נאוויקאָוו האָט עפּעס צומישט א בורטשע געטהון, עס האָט זיך דער־קענט, אז ער וויל זיין אונרוהיגקייט נישט ארויסווייזען.

— ווי ווייניג דו פערשטעהסט מיך, האָט לידא ווייטער געזאָגט, איך האָב דיך ליעב, און ס'קען פון קיין אָפּפער נישט די רעדע זיין . . . נאָר ווען דו אליין בעטראכסט עס פאר אן אָפּפער פון איינעם פון אונז ביידען, וואָסזשע פאר א לעבען קען אין דער צוקונפט פאר אונז זיין ? . . . נאווי־קאָוו'ס שטימע איז געוואָרען שטאַרקער און זיכערער, אזוי ווי ער וואָלט דאָס ריכטיגע געפונען וואָס וועט לידא'ן איבערצייגען :

— דו מוזט בעגרייפען. . . אז מיר קענען דאן צוזאַמענלעבען און גליק־ליך זיין, אז עס זאָל פון קיינעם פון אונז ביידען פאר קיין אָפּפער נישט בע־טראכט ווערען . . . איינס פון די ביידע : אָבער מיר האָבען זיך אמת'־דיג ליעב, און אונזער צוזאַמענלעבען וועט זיין פערגונפטיג און גליקליך, אָדער מיר ליעבען זיך נישט און דאן . . .

לידא האָט זיך פּלוצלים צו־וויינט.

— וואָס וויינסטו ? פרעגט נאוויקאָוו פערוואונדערט און אביסעל אויפגערעגט, איך פערשטעה דיך נישט, איך האָב דאכט זיך נישט געזאָגט קיין זאך וואָס זאָל דיך בעליידיגען . . . הער אויף, איך בעט דיך. איך האָב דאָך אונז ביידען גלייך אין זינען געהאַט . . . אָבער צום טייוועל ! וואָס וויינסטו אייגענטליך ? ! מען דאַרף גאָר קיין וואָרט נישט זאָגען ! . . .
— איך ווייס נישט . . . איך ווייס נישט ! . . . האָט לידא מיט א געדריקטע טרויריגע שטימע געענפערט.

סאנין האָט געמאכט א פערדרוסיגע מינע און איז אריין אין זיין צימער.

— — — נו, לידא איז שוין אויך פארטיג, האָט ער געטראכט, זי וואָלט בעסער געווען געטהאָן ווען זי וואָלט זיך דאַמאָלס געווען דערטרונקען . — און אפשר וועט נאָך אלץ גוט ווערען. ווער קען וויסען ! . . .

איוואַנאָוו האָט געהערט דורכ'ן פענסטער, ווי סאַנין האָט שנעל עפּעס צוזאַמענגעפּאַקט, גערוישט מיט פּאַפּיער און עפּעס איז אַראָפּגעפאַלען.

— ביזט שוין באַלד פאַרטיג ? האָט ער געפרעגט אונגעדולדיג. איהם איז געווען לאַנגווייליג צו שטעהען אונטער דעם טונקעלען פענסטער און קוקען אויף דעם פאַרטראַכטען הערבסט גאָרטען.

— גלייך בין איך פערטיג, האָט סאַנין געענטפערט. איוואַנאָוו האָט זיך דערשראָקען. אין דעם טונקעלען פענסטער האָט זיך עפּעס אַנגעהויבען בעווע־גען, סאַנין האָט ארויסגערוקט דאָס רענצעל דערנאָך זיין קאָפּ :

— האַלט פעסט !

איוואַנאָוו האָט גענומען דאָס רענצעל פון איהם און סאַנין איז ארויס־געשפּרינגען :

— נו, קום !

זיי זיינען שנעל ארויס פון גאָרטען.

דער טונקעלנער פאַרנאַכט, און דער קאַלטער גרוב פון דער אבגעקוהלטער הערבסט־ערד, האָט זיך פערשפּרייט ארום זיי, די בוימער זיינען שוין גע־שטאַנען נאַקעט; אַלעס האָט געמאַכט אַן אַנגעהיירען איינדרוק פון פוסט־קייט.... הינטער דעם טייך איז וואָס אַמאָל פערלאָשען געוואָרען די רויטקייט פון פאַרנאַכט, דאָס וואַסער האָט געגלאַנצט, אַזוי ווי פערגעסען און פאַר־לאָזען פון אַלעמען, אַזוי ווי עס זאָל שוין מעהר פאַר קיינעם נישט נוצען.

קומענדיג צו דער באַהן־סטאַציע האָבען שוין דאָרט געברענט די סיג־נאַל־פייערלעך פון פערשיעדענע פאַרבען. די שוואַרצע לאָקאָמאָטיווען האָ־בען פון דער ווייטענס אויסגעזעהען ווי די שוואַרצע רוחות, מענשען האָבען זיך געשטופּט איילענדיג ארויפצוגעהען אויף דעם צוג וואָס דאַרף באַלד אָב־געהען.

אין וואַרט־זאַל, האָבען סאַנין מיט איוואַנאָוו'ן ווידער געטרונקען לחיים.

—נו, גליק אויף די רייזע ! ווינשט איוואַנאָוו נעהמענדיג סאַנין'ס האַנט.

איך האָב שטענדיג דאָס זעלבע גליק, פריינד, שמייכעלט סאַנין איך ער־וואַרטע קיינמאָל נישט פון שיקזאַל עפּעס, איך פערלאַנג אויך נישט . . . און דער סוף פון דער רייזע איז קיינמאָל נישט גליקליך . . . אַלטקייט און טויט . . . ווייטער בלייבט גאָר נישט ! . . . .

זיי זיינען אַרויס צוזאַמען אויף'ן פּלאַטפאָרם זיך געשטעלט אויף די שינעס נעבען אַ וואַגאָן.

— נו, פאָהר געזונד !

— זיי געזונד !

אונערוואַרטעט פאַרביידען האָבען זיי זיך צוקושט, דער צאָג האָט זיך קלאַפּענדיג און סאַפּענדיאַג אַ ריהר געטהאָן.

— אַך ברודער, ווי ליעב איך האָב דיך געקרוגען ! רופט פּלוצים אי־וואַנאָוו צו סאַנין'ן, — דו ביזט דער איינציגער אמת'ר מענש!

— דו ביזט דער איינציגער וואָס האָט מיך ליעב ! ענפערט סאַנין שמייכעלדיג.

ער איז אַרויפגעשפּרינגען אויף'ן טרעפּעל פון'ם פאָהרענדיגען צוג.

— איך פאָהר ! האָט ער פרעהליך אויסגעשריען. — זיי געזונד !

— פאָהר געזונד !

שנעל האָט דער צוג גענומען לויפען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָבגעע־רעדט ער זאָל שנעל אַנטלויפען פון דאַנען. די רויטע לאַמפּטערען האָט אין דער פינסטערניש לאַנג־לאַנג געגלאַנצט.

איוואַנאָוו האָט נאָכגעקוקט דעם לויפענדיגען צוג, און ער האָט זיך געפיהלט טרויריג און נידערשלאַגען. טרויריג איז ער אַהיים געגאַנגען אי־

בער די גאַסען פון שטאָדט און האָט געקוקט אויף די אָרימע קליינע ליכטע־לעך וואָס האָבען ארויסגעגלאַנצט פון די פענסטער . . .

— — — זיך אין גאַנצען אָנשיכר'ן, טראַכט ער, און זעהענדיג פאַר זיך א בלאַסען שאָטען פון א לאַנגען אונאינטערעסאַנטען נאַרישען לעבען, איז ער אריינגעגאַנגען אין שענק אריין . .

45טעס קאַפּיטעל.

אין די טולקעלהייט און שטיקענעש און צווישען שוואַרצע שאָטענס פון לאַמפּטערנעס, זיינען אין וואַגען געזעסען פיעל מיערע צובראָכענע מענשען. סאַנין האָט זיך געזעצט נעבען דריי בויערען.

ווען ער איז אריינגעקומען אין וואַגאָן, האָבען זיך אונטערהאַלטען און איינער האָט גראַדע געפרעגט :

וואָסזשע מיינסטו, מיט דעם לאַנד קומט גאָר נישט ארוים ?

— ס'קאָן גאָרנישט ארויסקומען, ענטפערט אַן אַלטער מיט א געבראָכענע שטימע, וואָס סאַנין האָט זיך נעבען איהם אַוועקגעזעצט. — די גוטס־בעזיצער האָבען נאָר זיך אין זין, פון אונזערט וועגען וועט קיינער גאָר ניט טהאָן. . . מען קען נאָר רעדען א סך . . . אָבער דער סוף איז : ווער ס'איז שטאַר־קער דער טרינקט יענעמ'ס בלוט . . .

— פאַרוואָסזשע וואַרט איהר אַזוי לאַנג ? . . . רופט זיך סאַנין אָן פערשטעהענדיג וועגען וואָס זיי רעדען.

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט און א מאַך געטהאָן מיט די הענט;

— וואָס קענען מיר אָרימע בויערען טהאָן ? . .

סאנין האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען אויף אַן אנדערען פּלאַץ, ער האָט שוין גענוג געקענט די דאָזיגע מענשען; זיי לעבען ווי די בהמות, קראַפּירען אליין נישט, און מאַכען אויך נישט אַז אנדערע זאָלען קראַפּירען . . . . זיי לעבען שטענדיג דאָס נאַרישע בהמה'וואָטע לעבען און וואַרטען אויף אַ נס וואָס וועט קיינמאָל נישט קומען, מיליאָנען זיינען שוין אַזוי וואַרטענדיג אויסגעשטאָרבען . .

די נאַכט איז געקומען, אַלע האָבען געשלאָפען, נאָר איינער עפּעס אַ שטיקעל שטאָרטישער בעל־בית איז געזעסען און האָט זיך געקריגט מיט'ן ווייב, וועלכע האָט געקוקט אין אַלע זייטען מיט צושראָקענע אויגען.

— וואַרט נאָר דו נבלה ! איך וועל דיר שוין אָבלערנען ! . . . האָט דער מאַן מיט אַן פערשטיקטען כעס געזאָגט.

סאנין האָט שוין אַביסעל געדרימעלט ווען ער האָט פּלוצים דערהערט דאָס שטילע קרעכצען פון דער פרוי, ער האָט זיך אויפגעוועקט, דער מאַן האָט שנעל אוועקגעכאַפּט זיין האַנד.... סאנין האָט נאָך בעמערקט ווי ער האָט מיט זיינע פינגער געריסען איהר ברוסט . . .

— דו ביזט אַ נידערטרעכטיגע בעסטיע ! האָט סאנין אויפגערעגט איהם געזאָגט.

סאנין האָט מיט עקעל אַ קוק געטהאָן אויף איהם און איז אַרויס אויף'ן פּלאַטפאָרם, דורכגעהענדיג האָט ער געזעהען ווי פיעלע מענשען ליגען כמעט איינס אויף'ן אנדערען, דורכ'ן פענסטער האָט שוין אַריינגעקוקט אַ ווייס־בלויטליך ליכט פון'ם מאָרגען, עס איז געפאַלען אויף די שלאָפענדע און זיי האָבען אַלע אויסגעזעהען ווי טויטע . . . די שוואַרצע טונקלע שאָטענס וואָס האָבען זיך איבער זיי בעוואויגען, האָט נאָך טרויריגער געמאַכט זייער אויס־זעהען.

אויף די פלאטפארמע האט סאנין, מיט א שטארקען אטעם איינגע־אטעמט די מארגען לופט.

— א העסליך בעשעפעניש איז דאך דער מענש . . . טראכט ער נאך מעהר פיהלענדיג מיט זיין גאנצען קערפער אן עקעל צו אלע מענשען . . . און פלוצים איז א פערלאנג איהם דורך'ן קאפ, ער זאל גלייך אפילו נאר פאר א צייט, זאל ער זיך פון די אלע מענשען, פון דעם שטיקענדיגען „צוג" פון דער פערפעסטעטע לופט און פון דעם גערויש בעפרייען . . . ערגעץ אוועק נישט אליין וויסענדיג וואו . . .

די מארגען רויטקייט האט זיך שוין דייטליך געזעהען אויף מזרח זייט פון'ם הימעל, די לעצטע שאטענס פון דער נאכט האבען אנגעהויבען צו פער־שווינדען, דער טאג קומט באלד אן . . .

ניט לאנג טראכטענדיג האט ער זיך געשטעלט אויף די טרעפלאך פון וואגאן און איבערלאזענדיג זיין רענצעל איז ארא בגעשפרינגען פון'ם לויפענדיגען „צוג" . . .

מיט א גערויש און געקלאפעריי איז דער צוג פון איהם אוועקגעפלויגען, די ערד האט זיך בעוואויגען אונטער זיינע פיס און ער איז געפאלען אויפ'ן נאסען זאמד פון דער זייט וועג. די רויטע הינטערשטע לאמפטערען פון דעם צוג איז שוין געווען ווייט אנטלאפען.

סאנין הויבט זיך אויף און לאכט צו זיך אליין.

— אויף דאס איז גוט אין שעהן ! זאגט ער אין דער הויך, בעגלייטענדיג מיט א פרייעם הויכען געשריי ! . . .

סאנין אטעמט לייכט אויף און קוקט מיט לוסטיגע אויגען אין דער אונענדליכער ווייטקייט פון דער ערד ! . . .

מיט גרויסע ברייטע שריט און קענען דעם ערוואכטען מארגען פאנגט סאנין זאן צו געהען . . .

און ווען די אויפגעוועקטע סטעפּע, ערשיינט פאַר איהם, ער דער־זעהט, די גרין־בלויע ווייטקייט ארום, דעם טיעף בלויען גרויסען הימעל איבער איהם און די גרויסע, רויטע גאָלדענע מארגען־זון וועלכע גלאַנצט איהם אַ קעגען מיט בליצענדיגע פייער־רויטקייט... און עס דאכט זיך אַז ער געהט אַ קעגען די זון . . . .

ענדע

פערלאג מאקס יאנקאוויטש

139 דיוויזשיאן סטריט, ניו יארק.

א. פארעל — די געשלעכטס פראגע — — — — — — 1.30
אסקאר ווײלד — דאס בילד פון דאריאן גריי — — — — 1.00
סט. פשיבישעווסקי — דעם טײפעלס קינדער — — — — .80
„ „ פון אבגרונד — — — — — — .15
מ. ארציבאשעוו — סאנין — — — — — — — — — 1.00
„ מיליאנען — — — — — — — — — — .60
„ פרויען — — — — — — — — — .60
„ אײפערזוכט — — — — — — — — — .25
„ די פערגוואלדיגטע — — — — — — — .10
אויגוסט סטרינדבערג — דאס רויטע צימער — — — — 1.00
„ „ קאמפליטע דראמען — — — — 1.50
„ „ פאטער — — — — — — — .25
„ „ קאמעראדען — — — — — — .20
„ „ מוטער־ליעבע — — — — — — .08
„ „ שטארקערע — — — — — — .07
„ „ פערברעכער — — — — — — .25
„ „ טויטען־טאנץ — — — — — — .25
„ „ וואמפיער — — — — — — — .15
„ „ פאר'ן טויט — — — — — — .10
לעאניד אנדרעיעוו — דער רויטער געלעכטער — — — .20
אדערשלעגער — וועלטאלעך, ערצעהלונגען און בילדער .30
ליטערארישער דעקלאמאטאר און פארלעזער — — — — .25
עממא גאלדמאן — הייראט און פרייע ליעבע — — — .06
אב. באראץ — טיפען און בילדער, ערצעהלונגען און
פארלעזונגען — — — — — — — — — — .50
מאיר בלינקן — קארטען־שפיעל, נאוועלע — — — — .25
מירים קארפילאוו — אין די שטורם טעג — — — — — — .15

שוין אַרוים פון דרוק פאָלגענדע ביכער:

דאַס „רויטע צימער"

א סאציאַלער ראָמאַן פון דעם גרויסען סקאַנדינאַווישען דיכטער

אויגוסט סטרינדבערג

„ד אַ ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" בעהאַנדעלט אַלע פראַגען
פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען אויף א העכסט קינסטלערישען אופן,
ווי נור אַזאַ גרויסער קינסטלער ווי אויגוסט סטרינדבערג קען עס
טהאָן: דער דיכטער שילדערט פאַר אונז מיט רייכע לעבעדיגע פאַר־
בען אַלע רעגיערונגס און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און מיט
זיין שאַרפע קינסטלערישע קריטיק רייסט ער אַרונטער די מאַסקע
פון די קאָרופּטע פיהרער פון די געזעלשאַפט און צייגט אונז אויף,
ווי אַלץ איז פערפוילט, אַלט און קאָרופּט.

„ד אַ ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר", האָט דער גרעסטער ליטע־
ראַטור קריטיקער ג ע אָ ר ג ב ר א נ ד ע ס געזאָגט, איז
דאָס גרעסטע סאָציאַלע ווערק וואָס איז ווען געשאַפען געוואָ־
רען. דיזער ראָמאַן האָט דעם דיכטער גרויס געמאַכט.

„ד אַ ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" שילדערט פאַר אונז יעדען
ווינקעלע פון די געזעלשאַפט, ווי: רעגיערונג, אינדוסטריע, פילאַנ־
טראָפּיע, טהעאַטער, קונסט, ליעבע, ליידענשאַפט און אַלע אַנדע־
רע טענדענצען און פאַראורטהיילען פון די געזעלשאַפט.

„ד אַ ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" איז איבערזעצט אין אַלע צי־
וויליזירטע שפּראַכען און האָט געמאַכט דעם גרעסטען ערפאָלג.
איצט איז אויך די אידישע ליטעראַטור רייכער געוואָרען מיט אַזאַ
גרויס ווערק ווי „ד אַ ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר".

פרייז — שעהן געבונדען, מיט פּאָרטאָ 1 דאָלאַר.

אין זעלבען פערלאַג איז נור וואָס ערשיענען

„מיליאָנען" פון מ. אַרציבאַשעוו

דער ראָמאַן „מ י ל י אָ נ ע ן" האָט געמאַכט נאָך א גרע־
סערען רושם ווי „סאַנין". דאָס ווערק שילדערט אין לעבעדיגע ביל־
דער דאָס גאַנצע לעבען פון קאַפּע שאַנטאַנען ביז'ן פאַבריק, מיליאָ־
נערען, שריפטשטעלער, קינסטלער אין זייער צוזאַמענטרעפען זיך
מיט די פרויען פון דער „אונטער וועלט". דער ראָמאַן „מיליאָנען"
איז שעהן געבונדען. פרייז 60 סענט מיט פּאָרטאָ.